STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09860

S'VILT ZIKH DERTSEYLN

Samuel Kaiser

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה קייזער

ס'ווילט זיך דערציילן...

(יוגנט־זכרונות)

אין צוויי טיילן

אַרויסגעגעבן פון

קלאָוק און סקוירט פּרעסערס יוניאָן, לאָקאַל 35, א. ל. ג. וו. י.

S'WILT SICH DERTZEILEN

By

SAMUEL KAISER

Copyright, 1949, by
SAMUEL KAISER
1238 Morris Ave.
Bronx 56, N. Y.

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, New York
255

מיין באַליבטער פאַמיליע — אַ מתנה

אַן אַריינפיר

פון

יוסף ברעסלאוו

נאָענט צו פיר צענדליק יאָר אין דער אַרבעטער באַוועגונג איז מיר אויסגעקומען אין אונזער יוניאָן זיך צו באַקענען מיט אַלערליי מענטשן; מענטשן מיט פאַרשידענע נאַטורן און כאַראַקטערן, פון וועלכע מען וואָלט מער ווי איין בוך געקענט אָנשרייבן.

דאָס מאָל האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס רופט אין מיר אַרויס אַ פאַרלאַנג פאַרצושטעלן איינעם פון אונזערע יוניאָן־ברידער, אַ מיטגליד פון לאָקאַל 35, שלמה קייזער, וועלכער האָט, שטילערהייט, אין זייגען פרייע שעה׳ן, נאָך דער אַרבעט, אָנגעשריבן דאָס בוך זכרונות.

די זכרונות זיינען נאָך אין מאַנוסקריפּט געלויבט און אָנערקענט געוואָרן פון אַ צאָל שרייבער און ליטעראַרישע מבינים. נאָך מער, — דער „יידיש וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט״ אין ניו יאָרק, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט זאַמלען היסטאָריש־קולטורעלע מאַטעריאַלן, האָט נאָך אין יאָר 1942 געגעבן אַ פּרייז און אַנערקענונג צו שלמה קייזער, פאַר אַ גרויסן טייל פון די זכרונות, וואָס ווערן איינגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן בוך.

איך בין נישט אויסן, אין דעם אַריינפיר, צוריידן ווי אַ ליטעראַטור קריטיקער און אָפּשאַצן דעם אינהאַלט פון בוך. דאָס לאָז איך צו די, וואָס זיינען מער קאָמפּעטענט אין דעם ענין.

איך וויל אָבער זיך נעמען די פּריווילעגיע צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן שלמה קייזער, אויף וויפיל איך, ווי דער מענעדזשער פון לאָקאַל 35, אי. ל. ג. וו. י. קאָן אים שוין זינט דעם יאָר 1914, ווען ער איז, צוליב משפחה און עקאָנאָמישע סיבות, געקומען פון פילאַדעלפיע קיין ניו יאָרק און זיך אָנגעשלאָסן אין לאָקאַל 35, און וואָס באַלאַנגט, פון דעמאָלט אָן, אין אונדזער פיינער אַרבעטער־משפחה.

בטבע איז קייזער אַ שטילער, באַשיידענער מענטש. און טאַקע צוליב זיין באַשיידענקייט האָט ער זיך קיינמאָל נישט געדרוקט אויבן־אָן און נישט געזוכט קיין כבוד. שלמה קייזער איז אָבער אַלעמאָל געווען

איבערגעגעבן זיינע מיטמענטשן אין שאַפּ, און אין אונדזער פּראָפעסיאָ־נעלער אָרגאַניזאַציע, אויף זיין אייגענעם שטילן אופן. אַנשטאָט רײדן, האָט ער אָפּטמאָל זיינע מיינונגען, איבער אַלערליי געשעענישן, געזאָגט דורך אָנגעשריבענע שורות, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט באַוויזן אין דער אַלגעמיינער פּרעסע.

זעט אויס, אַז מיט דער צייט האָט מען אים באַמערקט און מיט דער הסכמה און דערמוטיגונג פון ליטעראַרישע מבינים, האָט שלמה קייזער צוביסלעך אָנגעשריבן זיינע „יוגנט זכרונות". איך קאָן די מענטשן וואָס האָבן אים דערזען און אָפּגעשאַצט, און איך גלויב, אַז אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן וועגן דעם ווערט פון קייזער'ס שרייבן. זיי פאַרזיכערן, אַז די אָפּיציעלע קריטיק וועט זיך וואַרעם אָפּרופן, און עס וועט זיין אַ כבוד פאַר די, וואָס העלפן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס, איז אונדז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי טאָן די ריכטיקע זאַך. איך וויל צו־געבן, אַז עס איז בפירוש אַ פּריווילעגיע פאַר מיר פּערזענלעך און פאַר דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פון לאָקאַל 35, וועלכע האָבן זיך פריי־וויליק באַשטייערט, כדי צו דערמעגלעכן, אַז די ליטעראַרישע אַרבעט פון אונדזער אַ יוניאָן מיטגליד זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

דאָס ווערט געטאָן לויט דעם מנהג פון לאָקאַל 35, וואָס איז, אונטער אַלע אומשטענדן, געגאַנגען פאָראויס. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון די יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע, אַז אַ בוך זאָל אַרויס־געגעבן ווערן דורך אַ פרייעביישטייערונג פון אַלע מיטגלידער, אָן אויס־נאָם. די מיטגלידער האָבן צוגעטראָגן זייער ביישטייערונג מיט פרייד.

מיט ברודערלעכן געפיל, און מיט אמת'ער פריינטשאַפט, פירן מיר אַרויס דאָס בוך, פון שלמה קייזער, פאַר דער וועלט, און מיר ווינטשן אים הצלחה.

עטלעכע ווערטער פון מחבר

אַ ביאָגראַפיע ווערט געוויינטלעך געשריבן פון אַ שרייבער, וואָס שילדערט דאָס לעבן פון אַ באַרימטן מענטשן.

דער באַרימטער מענטש קען זיין אַ גענעראַל, אַ מיליאָנער, אַ דיפּ־לאָמאַט; ער קען אויך זיין אַ מוזיקער, אַ מאָלער, אַ באַרימטער אַרבע־טער פירער, אָדער גאָר אַ שרייבער, וואָס האָט גענומען זיינע טעמעס פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסן.

אויב אַזוי, פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס דער פאָלקס־מענטש, וואָס איז געווען דער העלד פון אַזאַ שרייבערס אַ בוך, און צוליב וועמען דער שרייבער האָט געקראָגן אַ נאָמען, — זאָל אַליין נים אָנשרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע?

עס קען זיין, אַז די אַרבעט וועט נים אַרויסקומען אַזוי ליטעראַריש ווי ביי דעם פּראָפעסיאָנעלן שרייבער, דערפאַר אָבער עכטער און נעענ־טער צום אמת. ווייל ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט דאָס לעבן פונעם פשוט׳ן מענטשן, ווי דער פשוט׳ער מענטש אַליין?

איך וועל אין דעם בוך פּרוּוון איבערגעבן דאָס לעבן פון אַזאַ מענטשן. איך וועל באַשרייבן זיך אַליין, ווי איינער פון פילע מיליאָנען מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס האָט זיך נים אויסגעצייכנט אויף קיין שום געביט; נישט אין דער אַלטער היים, און נישט אין דער נייער היים. און ער האָט זיך אויך נים מיט וואָס צו באַרימען.

איך וועל נישט פוצן און נישט פיילן די ווערטער; איך וועל באַ־שרייבן יעדן עפּיזאָד און יעדע פּאַסירונג ווי מיין שכל וועט מיר אונ־טערזאָגן, און ווי דער זכרון וועט מיר אַרויסהעלפן. איך האָף, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס וועלן זיך אינטערעסירן צו לייענען וועגן דעם לעבן פון אַ פשוט׳ן אַרבעטער, באַשריבן פון נים קיין אמת׳ן שרייבער.

איך האָף אויך, אַז די וואָס האָבן מיט זייער מבינות מיר געגעבן כוח און מוט צו פאַרענדיקן מיין אויטאָביאָגראַפיע, וועלן נים זיין אַנטוישט.

דער סאַמע ערשטער, וועלכער האָט זיך באַקענט מיט אַ טייל פון מיין אַרבעט, איז געווען דר. מאַקס וויינרייך, דער דירעקטאָר פון דעם „יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט,״ וועמעס מיינונג עס האָט אין מיר אַרויסגערופן אַן אַ שיעור פרייד.

שפּעטער האָב איך געהאַט דעם גרויסן כבוד אַז ש. ניגער זאָל אי־בערלייענען עטלעכע פון מיינע אָנגעשריבענע קאַפּיטלען.

דער חשובער קריטיקער האָט מיט זיין אָפּשאַצן מיין אַרבעט געוועקט אין מיר גלויבן אין זיך אַליין. ער האָט, ביז אַ געוויסן גראַד, צוגענומען פון מיר די ספקות וואָס כ'האָב געהאַט וועגן זיך און מיין שרייבן.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט, ווען כ'האָב זיך באַגעגנט מיט ב. כאַנין, דעם בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג, וועלכער האָט מיך איינ־געלאַדן צו זיך אין הויז, איך זאָל פאַר אים פאָרלייענען מיין בוך. פריינד כאַנין האָט אַרויסגעוויזן צופרידנקייט און זיך באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן באַוואוסטן אַרבעטער־פירער יוסף ברעסלאוו, וועלכער האָט געהאָלפן, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

אַ האַרציקן דאַנק די אויבנדערמאָנטע, ליבע און חשובע מענטשן.

אַ ספּעציעלן דאַנק קומט דעם דיכטער קלמן הייזלער, פאַר זיין פאַר־אינטערעסירן זיך אין מיר, נאָכן איבערלייענען דעם מאַנוסקריפּט. און אַ באַזונדערן דאַנק דעם יונגן ליטעראַטור־קריטיקער ש. ד. זינגער, וועל־כער האָט טעכניש מיר געהאָלפן צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק.

און אחרון אחרון חביב, דעם לאָקאַל 35 קלאָוקס פּרעסערס יוניאָן — מיין גרעסטן דאַנק פאַר'ן העלפן מיר, אַז דאָס בוך זאָל קענען זען די ליכטיקע שיין.

שלמה קייזער

בראָנקס, ניו יאָרק, מערץ, 1949

ערשטער טייל

אין איירָאפּע

קאַפּיטל איינס

1

דעם מענטשלעכן זכרון איז טאַקע נאָר צו באַוואונדערן. עס איז ווי איינער וואָלט צוגיין צו אַן אַלטן ספר, נעמען מישן די בלעטער, דורכקוקן די שורות און ער וואָלט ניט געפינען קיין אות ניט אָפּגעשפּרונגען, קיין איין וואָרט ניט אָפּגעמעקט; ווי טינט און בלאָט וואָלטן בשותפות דאָס ספר פאַר דער אייביקייט באַהאַלטן.

אָט טו איך איצט אַ טראַכט פון וואָס אָנצוהייבן דערציילן פון מיין לעבן, און דער זכרון מישט מיר אויף אַ בלעטל, פון די סאַמע ערשטע יאָרן, און איך דערזע זיך אין יענעם פרימאָרגן ווען כ׳בין פונקט דריי יאָר אַלט געוואָרן.

עס איז געווען אַ צוויי וואָכן פאַר פסח. אין דרויסן האָט אַ לייכטער פרילינג־ווינטל געטריקנט די בלאָטעס. די זון האָט געוואָרעמט. ליכטיקע שטראַלן האָבן זיך געשפּילט אויף די פענצטער און די ריין־אויסגעווייסטע שטוב, האָט געשמעקט מיט פריש־געבאַקענע מצות און איינגעזייערטע בוריקעס.

דער טאַטע האָט מיך גענומען אויף די קני, אַוועקגערוקט דאָס הייסע גלאָז טיי כ׳זאָל מיך ניט אָפּבריען, און מיך צערטלעך גענומען גלעטן איבער די באַקן און פּאָה׳לעך, און אַ צופרידענער אַ זאָג געטאָן:

— „דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, שלמה׳לע! דריי יאָר היינט געוואָרן. ווען עס איז נישט ערב יום טוב, וואָלסטו שוין היינט אָנגעהויבן גיין אין חדר".

כ׳האָב זיך איינגעגעסן אין זיין פּנים, באַגאַפט זיינע אויגן וואָס זיינען געווען וואַרעם און ליבלעך, געזען די געדיכטע שוואַרצע באָרד, די יאַרמולקע וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטערן היטל. כ׳האָב אָנגערירט דאָס זילבערנע קייטל פונעם־זייגערל, וואָס איז געלעגן אין זיין קאַמעזוויל קעשענע. כ׳האָב געשפּירט זיין אָטעם, וואָס האָט געשמעקט מיט פּאַפּיראָסן־רויך, און זיך געטוליעט צו זיין האַרצן.

דערנאָך איז ער, מיט מיר אויף די הענט, צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר פון קליינעם אַלקער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ בעט און אַ קליין טישעלע מיט אַ בענקל.

אין בעט איז שוין פון אַ לאַנגע צייט געלעגן די מאַמע, זייער אַ קראַנקע. מ׳האָט מיך צו איר קיינמאָל ניט צוגעלאָזן — ווייל אַזוי האָט אָנגעזאָגט יוסינקע רופא, אַ שטרענגער, בייזער, באַוואַקסענער מענטש, אָנגעטאָן שטענ־דיק אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, און הויכן קאַפּעליוש מיט אַ רעגן־שירעם אין האַנט. כמעט יעדן טאָג פלעגט יוסינקע רופא קומען און באַלד אַרייַנ־גיין אין אַלקער. פאַר איינוועגס פלעגט ער מיר גאַנץ אָפט אַריינשטופּן אַ לעפל אין מויל און אַריינקוקן אין האַלדז.

דער טאַטע האָט איר עפּעס געזאָגט. די מאַמע האָט מיט אַ שוואַך קול געענטפערט און זיך באַלד צוהוסט. ער האָט מיך אַרונטערגעלאָזן פון די הענט, גענומען עפּעס מישן מיט אַ לעפעלע אין אַ גלאָז, און מיך געהייסן גיין אין דרויסן זיך שפּילן.

עס איז אַוועק דער יום־טוב. אין יענעם שיינעם פרימאָרגן, האָט דער טאַטע געדאַוונט ביחידות. און ווען ער האָט אָפּגעדאַוונט, האָט ער מיך איינגעוויקלט אין זיין טלית און אַוועקגעטראָגן צו שמערל מלמד אין חדר. באַגלייט פון דער באָבע דינציע׳ס בליקן וועלכע איז געשטאַנען ביים פענצטער.

דער חדר איז געווען קליין, נידעריק, טונקל און אָנגעפילט מיט אַ זייער שווערן ריח. אויף דער ליימיקער פּאַדלאָגע, האָבן זיך שוין געשפּילט די תלמידים׳לעך, ייִנגעלעך אין אַלערליי צעריסענע בגדים׳לעך. ס׳קליינוואַרג האָט געטומלט, פריילעך געטאַנצט, געשריען, געוויינט און געקראָכן איי־נער אויפן אַנדערן. און ווען זיי האָבן אונדז געזען אַריינקומען זיינען זיי אַלע מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. אייניקע האָבן אַריינגערוקט די פינגער אין די נעזעלעך, אַנדערע אין מויל. און מיט נייגעריקע, פריילעכע און פאַר־טרערטע אייגעלעך מיך גענומען באַקוקן, און מיט אָפּשיי באַטראַכט דעם הויכן ברייטפּלייציקן יידן, וואָס האָט מיך נאָך אַלץ געהאַלטן אינעם טלית, און געוואַרט ביז דער רבי וועט אַריינקומען פון בית־המדרש.

ר׳ שמערל איז אַריין אַ געאיילטער, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשפּעטיקט. ער האָט דעם גרויסן שוואַרצן טלית־זאַק אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט, און מיט אַ ברייטן דרך־ארץ׳דיקן „גוט מאָרגן״ צוגעקומען צום טיש. מיך האָט ער מיט זיינע קאַלטע, פון טאַבאַק פאַרשטויבטע פינגער, אַ לייכטן קניפּ געטאָן אין באַק. כ׳האָב מיך צוריקגעצויגן און זיך אָנגעהאַלטן אָן טאַטנ׳ס האַלדז.

דערנאָך האָט ער אָנגעשטאָפּט די נאָז מיט גרינעם טאַבאַק, פון אַ ביי־נערנער פּושקע מיט אַ הילצערנעם דעקל, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעשטעקט אַ פאַרקניפּט לעדערנער פּאַסיקל, און אָנגעהויבן ריידן צו מיר קינדערשע רייד. מיך, אָפנים, געוואָלט מאַכן פילן היימיש...

דער טאַטע האָט מיך אָוועקגעזעצט אויף דער באַנק לעבן רבי׳ן, וועל־כער האָט שוין געהאַט אויפגעעפנט אַ פאַרגעלטן האַלב־צעריסענעם סידור, מיט גרויסע אותיות און מיט אַ פישביין טייטל מיר אָנגעוויזן אַן אלף און אַ בית. נאָך אַן אלף און נאָך אַ בית, און איך האָב אים אַן חשק נאָכגעזאָגט אַ דריי־פיר מאָל.

פאַרטיק געוואָרן מיטן „לערנען" האָט דער טאַטע אויפגעמאַכט אַ פאַ־פירן פעקעלע און גענומען מיט אַ שמייכל טיילן האָניק־קיכלעך און צו־קערקעס צו די קינדער.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דעם לעדערנעם טייסטער, מיט וועלכן כ׳פלעג זיך ליב האָבן צו שפּילן, צוליב דעם קנאַק וואָס ער האָט געטאָן ביים פאַרמאַכן זיך, און אַ גאַנצן פּאַפּירענעם קערבל דערלאַנגט דעם רבי׳ן. פון דער אונטערשטער קאַפּאָטע־קעשענע האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פלעשל בראַנפן און עס אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש.

דער מלמד האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, און באַלד איז פון אַלקער אַריינ־געקומען ס׳ווייב זיינס, אין אַ טשיפּיק, מיט׳ן קידוש־גלעזל אין האַנט. זי האָט זיך אומגעקערט, מיט דער האַרבאַטער פּלייצע און איז צוריק אַריין אין אַלקער.

דער טאַטע האָט אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל. דער רבי האָט געמאַכט אַ ברכה, אַ זופּ־געטאָן, צוגעפּאַטשט מיט די ליפּן, זיך פאַסמאַקעוועט און אַוועקגעשטעלט דאָס האַלבע גלעזל משקה אויפ׳ן טיש.

אַ צופרידענער, סיי פונעם קערבל, און סיי פונעם טרונק בראַנפן, האָט ער די גאַנצע ברייטע גרויע באָרד אַריינגענומען אין דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער — האָט ער דעם טאַטן צוגעווינטשעוועט, אַז ער זאָל האָבן גרויס נחת פון מיר און אַז איך זאָל באַגערן צו לערנען, און אויס־וואַקסן אַ פרומער ייד.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען כ׳בין אַליין שוין געגאַנגען אין חדר, איז אין מיט׳ן לערנען, אַריינגעקומען הירשל. איינער פון אונדזער מחותנס פיר זין, אַ געזונטער, אַ הויכער, איז ער צוגעגאַנגען צום רבי׳ן, אים עפּעס אַריינגע׳סוד׳עט אין אויער. ר׳ שמערל האָט זיך מיט אַ זיפץ אויפגעשטעלט, מיך צערטלעך אָנגענומען ביי דער האַנט, אַ גלעט געטאָן איבער׳ן היטל און אַ זאָג געטאָן:

— גיי אַהיים שלמה׳לע, גיי אַהיים מיט הירשלען.

הירשל, האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן. ער האָט מיך גענומען אויף די הענט, געטוליעט צו זיך און איז מיט מיר שנעל געגאַנגען אַ היים.

אויפגעעפנט די טיר פון אונדזער שטוב, האָב איך געזען אויף דער ערד אַ לענגלעך שוואַרץ בערגל. אויף איין זייט זיינען גע־

שטאַנען די מעשענע לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט, ווי פרייטיק צו־נאַכטס. אויף דער ערד זיינען געזעסן עטלעכע ווייבער און געוויינט און געיאָמערט מיט אַ טרויעריגן ניגון. צווישן זיי זיינען געזעסן מיינע צוויי שוועסטער, די באָבע דינציע און אונדזער שכנה, די אַלטע איטקע.

דערזעענדיק מיך אַריינקומען, האָבן זיי נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט. דער טאַטע, אַ געבויגענער, האָט זיך שטיל אַרומגעדרייט דאָרט ביים שפּיגל וואָס איז געהאָנגען אָן איבערגעדעקטער מיט אַ ווייסן ליילעך. מענטשן זיינען אַריין און אַרויס, אַלע ברעכן די הענט, אַלע וויינען. אַפילו הירשל כליפּעט אין דער שטיל. האַלט זיך איין ניט אַרויס־צולאָזן אַ הויכן געוויין. מיין יונג שוועסטערל, אַ קינד פון אַ יאָר און אַ האַלב, זיצט אַ צעשראָקענע ביי אַ שכנה אויפן שויס און וויינט.

כ׳האָב דעמאָלט ווייזט אויס שוין דערגרייכט די מדרגה פון פאַר־שטייק. כ׳האָב געפילט אַז עפּעס שלעכטס איז געשען, אַז נישט וואָלטן די מענטשן ניט געוויינט. כ׳האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. הירשל האָט מיר גאָר נישט געזאָגט, ווען כ׳האָב אים געפרעגט פאַר־וואָס אַלע וויינען. ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אַוועק־געטראָגן צו אים אין שטוב אַריין.

אויף מאָרגן האָט מיך דער רבי ר׳ שמערל אָנגעהויבן צו לערנען זאָגן קדיש נאָך דער מאַמע׳ן.

כ׳האָב געזאָגט קדיש יעדן פרימאָרגן און אין אָוונט. דער טאַטע פלעגט מיר אויפוועקן פרי, מיר אָפּגיסן די נעגל, מיך אָנטאָן, און זאָגן מיט מיר „מודה אני״. דערנאָך האָט ער מיך אָנגעקאָרמעט מיט זיסער טיי און קוילעטש און אָוועקגעפירט, אָדער מיט עמיצן אָוועקגעשיקט, אין שטאָטישן בית המדרש, וואו כ׳האָב שוין געטראָפן דעם מלמד וואַרטן אויף מיר. אויב איך האָב אַמאָל פאַרשפּעטיקט און ער איז שוין ניט געווען, האָבן אַנ־דערע יידן גענומען אויף זיך די מצוה אַרויסצוהעלפן אַ יונג יתום׳ל.

אַלע האָבן מיך געקענט. איינער פון די באַלעבאַטים פלעגט מיך אַרויפשטעלן אויף דער באַנק, נישט ווייט פונעם בעל תפילה, און זאָגן מיט מיר קדיש. מיט גרויס כונה האָבן אַלע אַרום מיר נאָכגעזאָגט: „אמן יהא שמה רבא״...

2

מיין קינדערש לעבן האָט זיך דורך דער מאַמע׳ס טויט גאָרניט גע־ענדערט. כ׳בין געשלאָפן אויפן זעלבן געלעגער, וואָס מ׳האָט פאַר מיר אויפגעשטעלט יעדע נאַכט, אויף אַ באַנק מיט צוויי שטולן. כ׳האָב געגעסן דעם זעלבן פרישטיק, זיסע טיי מיט חלה וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט.

אָפּט האָט ער פאַרפּאַרעט אָן איי אין אַ גלאָז הייסע וואַסער און באַשמירט צוויי שטיקלעך קוילעטש מיט פּוטער, פאַר מיר און מיין קלענערער שוועסטערל.

דער טאַטע איז אַלעמאָל אויפגעשטאַנען פאַרטאָג. מער ווי פיר שעה איז ער ניט געשלאָפן. אין דער פינצטער איז ער מיט צוויי עמערס אַוועק צום ברונעם. ער האָט ליב געהאַט אַז דאָס פעסל זאָל זיין פול מיט וואַסער. ווען ס׳איז געווען קאַלט, האָט ער פון שטאַל אַריינגעטראָגן האָלץ און אָנגעהייצט די הרובע. דערנאָך האָט ער זיך גענומען עסק׳ן מיט׳ן סאַמאָוואַר, מיט אַ שטיוול צעבלאָזן די קוילן, אַרויסטראָגן די פּאַמוניצע, אַוועקגעשטעלט זיין גרויסע פינגער־גלאָז אויפן טיש, צוגערוקט דעם לאָמפּ צו זיך, און גענומען זאָגן תהילים. ווען דער סאַמאָוואַר האָט אויפגעקאָכט, האָט ער אים אַוועקגעשטעלט אויף דער באַנק, אויף וועלכע ער איז געזעסן, פאַרבריט די טיי אין אַ קליין ווייס טשייניקל, און גענומען טרינקען. געזאָגט און געטרונקען; געלערנט און געטרונקען: צוגעגאָסן וואַסער און ווידער געטרונקען.

כ׳פלעג ליב האָבן די פאַרטאָגן. ליגנדיק אויפן געלעגער, האָב איך נאָכגעפאָלגט זיין יעדן ריר און קער, און געפילט אַזוי גוט און זיכער. עס איז עפּעס געווען אַ פריילעכקייט אין שטוב, ווען דער טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט און זיך געפּאָרעט.

נאָך דער טיי, האָט ער פאַררויכערט אַ ציגאַר טוטין און אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. פון זיין רויכערן האָט זיך אַ דינער רויך געשלענגלט צו דער סטעליע. פון יעדן צי וואָס ער האָט געטאָן, האָט דער פּאַפּיראָס אויפגעשיינט מיט אַ גאָלדיק פּיירל און באַלד פאַרשוואונדן.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט דער רעכטער האַנט. זעלטן ווען אַ הוסט געגעבן, זעלטן ווען אַ זיפץ. געזעסן שטיל, אין זיך — ווי פאַרגליווערט אין דער פאַרטאָגאיקער טונקלקייט. ביז אַלע זיינען אויפגעשטאַנען. דאַן איז ער אַרויס עפענען די לאָדן פון די פענצטער, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעשטראָמט אַ בלויע ליכטיקייט אין שטוב אַריין.

אַרום צען אַ זייגער פלעגט ער אַוועק אין רבינ׳ס שול דאַווענען און ערשט אַ היים קומען שפּעט ביי נאַכט. אַזוי אַלע טאָג, אויסער שבת. מחמת ער איז געווען איינער פון די משמשים ביים הייליקן צדיק.

נאָך פרישטיק — בין איך אַליין, אָדער מיט עמיצן געגאַנגען אין חדר. כ׳פלעג זיין דאָרט ביז עס איז צייט געווען צו גיין עסן וואַרעמס, וואָס איז יעדן טאָג געווען, כמעט, דער זעלבער מאכל. ס׳איז געווען אַ גריצענע

זופּ מיט בעבלעך — אָדער הירזש, בעבלעך און ברויט. אַ נאָש צו טאָן עפּעס, האָב איך געמוזט וואַרטן ביז שבת, ווען כ׳פלעג לויפן צו דער מומע רבקה עסן שבת־אויבסט, אַן עפּל אַ געבראָטענעם, אַ שטיקל שטרודל, אַביסל איינגעמאַכטס.

ניין. מיין קינדערש לעבן, האָט זיך גאָרניט געענדערט, סיידן אפשר צורעכענען דעם רחמנות, וואָס כ׳האָב געקראָגן פון באַקאַנטע שכנים אָדער אין חדר, ווײַלכן כ׳האָב אָנגעהויבן פיינט צו האָבן יעדן טאָג אַלץ מער.

קינדער אין גאַס פלעגן אין מיט׳ן שפּילן זיך מיר זאָגן פלוצעם, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן און אַז זי וועט שוין מער קיינמאָל ניט קומען צוריק.

— דו ווייסט, וואָס ס׳מיינט געשטאָרבן? — האָט אַ ייִנגעלע ביי מיר איינמאָל געפרעגט.

— ניין! — און דו ווייסט?

דער יינגל האָט נישט געקענט זאָגן צי ער ווייסט, אָדער נישט. און געגאַנגען זיך נאָכפרעגן ביי די אַנדערע קינדער.

ביז היינטיקן טאָג געדענק איך ניט, מיין מאַמע׳ס איבערגאַנג פון לעבן צו טויט. כ׳געדענק זי בכלל ניט. בעת זי איז געלעגן קראַנק, האָב איך קיינמאָל ניט געזען איר פּנים אַזוי, אַז איר געשטאַלט זאָל זיך איינקריצן אין מיין זכרון. כ׳קען זי ניט געדענקען ווי קיין לעבעדיקע און אויך ניט ווי קיין געשטאָרבענע.

כ׳געדענק אויך ניט, אַז איך זאָל ווען עס איז האָבן געזאָגט דאָס וואָרט: „מאַמע". כ׳געדענק ניט אַז עמיצער זאָל מיך צערטלען, זינגען אַ לידעלע, דערציילן אַ מעשה׳לע, מיך לייגן שלאָפן, קושן — אָדער טוליען מיך צום האַרצן.

אָט די אַלע זאַכן, וואָס דאַרפן זיך אײַנקריצן אויף אייביק אין זכרון, צעגייען זיך ביי מיר ווי אין אַ טומאַן.

כ׳געדענק, אַז ס׳זיינען געווען ווייבער אין שטוב, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט, געגעדט, געקריגט זיך. געקאָכט, געוואַשן, גערייניקט, ברויטגעבאַקן, עופות געסמאַליעט, שמאַלץ געפּרעגלט, פלייש געזאַלצן און געטאָן אַנדערע שטוב־אַרבעט.

צווישן זיי איז געווען די באָבע דינציע, דער מאַמע׳ס מאַמע. דער זיידע ר׳ אַרקע האָט שוין דאַן ניט געלעבט.

די באָבע דינציע פלעגט אַלע ווילע אַריינקומען צו אונדז דורך דער בשותפות׳דיקער קיך, וואָס האָט געהאַט צוויי קוימען־אויוונס, צוויי טאָפּטשאַנעס, צוויי פעסלעך וואַסער און צוויי פאַמויניצעס. עס איז אויך געווען

צווי באַזונדערע בעזימער און באַזונדערע קאַטשערעס און לאָפּעטעס, וועל־כע מ׳פּלעגט אָפּט פאַרבייטן...

די באָבע האָט געוואוינט אין דער פאָרדערשטער האַלבער שטוב, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויס חדר מיט אַן אַלקער, אין וועלכן ס׳האָט אַלעמאָל געוואוינט אַ שכן.

די הינטערשטע האַלבע שטוב, אין וועלכער מיר האָבן געוואוינט, איז געווען גרעסער. אויסער דעם גרויסן חדר, זיינען געווען צווי אַלקערס. דערפאַר אָבער האָט דער גאָרטן באַלאַנגט אין גאַנצן צו דער באָבע׳ן.

און ווען זי האָט סוף זומער געלאָזט אַלץ אויסגראָבן, און אַראָפּנעמען פון די בייטן, האָט זי אונדז אויך אַריינגעשיקט — אַביסל קאַרטאָפל, מערן, בוריקעס און בעבלעך. דאָס האָט זי געטאָן מיט איר אייגענעם פרייען ווילן, געזעצלעך איז עס אונדז ניט געקומען.

פונקט ווי די באָבע האָט געהאַט איר בעט, איר קופּערט, איר ווינקעלע, וואָס איז געווען זייער אָפּגעהיט און ריין, אַזוי האָט זי אויך געהאַט איר אייגן ווינקל אויפ׳ן טאַפּטשאַן און אויפ׳ן פּריפּעטשיק, אויף וועלכן זי האָט גע־האַלטן אירע אייגענע מילכיקע און פליישיקע טעפּלעך וואָס מ׳האָט ניט געטאָרט אויסמישן איינע מיט די אַנדערע.

זי האָט געלעבט אַ שטיל רואיק לעבן ביז איר טיפן עלטער. כאָטש קיין נחת פון אירע קינדער האָט זי נישט געהאַט.

תמיד איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַ זאָק אין האַנט און מיט אַ קנויל פאָ־דעם אונטער דער פאַכווע. קונציק, פלינק האָט זי געדרייט מיט די שפּיזלען — בעת זי האָט גערעדט מיט עמיצן, אָדער געקוקט דורכן פענצטער, און קיינמאָל ניט פאַרלוירן קיין אייגל. זי איז ממש געווען אַ קינסטלערין אין שטריקן.

פון שטריקן זאָקן האָט זי געצויגן אַ האַלב פון איר חיונה. די אַנדערע האַלב איז איר אַריינגעקומען פון פּראַצענט, וואָס האָט באַטראָפן אַ פער־ציק קאָפּיקעס אַ וואָך פון די עטלעכע קערבלעך, וואָס זי האָט געהאַט ליגן ביים שטאָטישן גביר.

זי איז געווען שטרענג די באָבע דינציע. אָפּט זיך געבייזערט, געזאָגט מוסר. אויף קינדער געשריען, אַלמאַי זיי דרייען זיך אונטער די פיס. און אַז זי איז שוין אַמאָל געוואָרן גוט אין כעס, האָט זי זיך באַנוצט מיט איר איינציקע קללה: „פאַרשטערט זאָלסטו ווערן״.

מ׳האָט זי אָבער ליב געהאַט. ווייל זי האָט ניט געמיינט קיין שלעכטס. זי איז געווען אַזאַ וואוילע, אַזאַ ערלעכע און גוטע.

יעדן פרימאָרגן, איז זי געגאַנגען אין דער ווייבערשער שול, זיך איינ־געהערט צו די תפילות וואָס זיינען געקומען פון די מאַנצלייט אונטן אין

בית המדרש. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט זי געפאַסט, און יעדע נאַכט פאַר'ן שלאָפן גיין, האָט עמיצער מיט איר געמוזט זאָגן „ווידוי“!

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, און שוין געקענט גוט עברי, פלעג איך מיט איר זאָגן „ווידוי“. די ערשטע פאָר מאָל, האָט עס אויף מיר געמאַכט אַ מוראדיקן רושם, ווען זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אירע אַלטע אויגן און צוקנייטשטן פּנים און מיר נאָכגעזאָגט די ווערטער.

כ'פלעג פול זיין מיט שרעק! — ביי נאַכט זאָגט די באָבע „ווידוי“ און ריכט זיך אויפ'ן טויט! שפּעטער האָב איך זיך צוגעוואוינט און עס האָט מיך שוין ניט געאַרט. כ'האָב געהאַט דעם זעלבן געפיל ווי ווען זי האָט מיר נאָכגעזאָגט די ווערטער ביים שלאָגן כפרות, אָדער ווען כ'פלעג מיט איר בענטשן אתרוג, מיטן טאַטנ'ס אתרוג און לולב. אַלע ברכות און דעם „מודה אני“, האָט זי אָבער געקענט אויף אויסווייניק.

אין צווייטן אַלקער האָבן אויך געוואוינט מיט אונדז, די אַלטע איטקע מיט איר טאָכטער שייוע, אַ יונגע אַלמנה... זיי האָבןביידע געקענט דאַוונען.

און עס זיינען געווען מיט אונדז מיינע צוויי עלטערע שוועסטער. איינע, אַ יונג מיידל און די צווייטע אַן עלטערע, וועלכע איז שוין געווען אַ חתונה געהאַטע. נאָר מחמת זי האָט ניט גוט געטראָפן מיט'ן שידוך, איז זי, ביז'ן גט'ן זיך, געקומען צום טאַטן וואוינען.

איטקע פלעגט יעדן פרימאָרגן אַוועקגיין מיט צוויי גרויסע ליידיקע קריגלעך, און ערשט צוריק אַ היים קומען אַרום מיטאָג צייט.

די קריגלעך זיינען געווען אָנגעפילט מיט מילך, וואָס זי האָט קוים געקענט טראָגן. עס איז געווען מער ווי אַ וויאָרסט צו די פּריצישע שטאַלן, וואו מ'האָט געמאָלקן זייער אַ סך קי. פלעגט זי אַריינפאַלן אין שטוב קוים אַ לעבעדיקע, אין גאַנצן אויסגעשעפּט פון די כוחות.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַביסל אָפּגערוט פון גיין, האָט די טאָכטער פאַר איר געמאַכט עפּעס עסן.

דערנאָך האָט זי גענומען איבערזייען די מילך דורך אַ ווייסן לייוונטע־נעם האַנטעך. די מילך זאָל זיין ריין פון די שטרויעלעך און שטויב, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אויפ'ן וועג. דאַן גענומען מעסטן די מילך מיט אַ בלעכערנער כלי, אַריינגיסנדיק אין אָנגעגרייטע אויסגעוואַשענע טעפּלעך וועלכע זי האָט פאַנאַנדערגעטראָגן צו אירע קונים אין הויף.

דאָס ערשטע האָט זי אַוועקגעטראָגן צוויי טעפּ מילך צו דער רביצן, און דערנאָך צו איינציקע טעפּלעך, צו אירע טעכטער און שניר.

אַזוי, צוויי מאָל אַ טאָג — אויסער פרייטיק אָדער אַן ערב יום טוב, ווען זי האָט באַדאַרפט גיין אָנפילן די קריגלעך, דריי — און אַמאָל פיר מאָל.

פון די מילך — און אויך פון געפּרעסטן ווייסן קעז און אַ מאָל פון אַ טעפּל סמעטענע. האָט זי זיך, און איר אומגליקלעכע טאָכטער מפרנס געווען.

כ׳האָב ליב געהאַט דער אַלטער איטקע און זי גערופן „באָבע״—כאָטש זי איז געווען אַ פרעמדע. זי איז נישט געווען קיין בייזע נאָר אַ צוגעלאָזענע מיט בלויע גוטע אויגן. ניט קיין גערונצלט פּנים, ווייסע גלאַטע הענט און מיט אַ שטיל פריינטלעך קול.

זי פלעגט מיך אָפט מיטנעמען ווען זי איז געגאַנגען נאָך דער מילך. דער פּאַכטער, אַ ייד מיט אַ לאַנגער שווערער באָרד, האָט איר אָנגעפילט די קריגלעך פון נאָר־וואָס־אַריינגעמאָלקענעם שעפל, וואָס איז נאָך געווען וואַרעם און פול מיט פּיענע.

אויפ׳ן וועג, וואָס איז געלאָפן צווישן לאַנקעס אוןביימער, פלעגט זי רעדן צו מיר ווי צו אַ גרויסן. דערציילן מעשות פון שרעקלעכע בייזע הינט וואָס זי האָט פאַריאָגט מיט אַ שטעקן; פון קעלבלעך און שעפעלעך, הינער און גענז, וואָס זי האָט געהאָדעוועט. און פון די טויבן וואָס האָבן זיך אויפ־געהאַלטן אויפ׳ן דאַך. דערנאָך פלעגט זי אָנהויבן רעדן אָפּגעהאַקטע רייד:

— מיט יאָרן צוריק, אייגענע בהמות געהאַט. אַ שטוב — אַ גרויסן גאָרטן, אַ סאָד מיט פּירות. אַ מאַן אַ געזונטן. קינדער געהאָדעוועט. קינ־דער חתונה געמאַכט. איז די שטוב פאַרברענט געוואָרן. די קי גע׳פּגר׳ט. דער גאָרטן — צוטראָטן. דער מאַן האָט גענומען קרענקן און קרענקן פון גרויזאַמע. ביז...

דעם איינציקן זון, ביי פּאַניען די לונגן אונטערגעהאַקט. איין טאָכטער, אַ יאָר נאָך דער חתונה, אַן אַלמנה געוואָרן... יאָ! דאָס קריגעלע האָט זיך איבערגעקערט, אויסגעגאָסן... גאָר ניט געבליבן, פלעגט זי פאַרענ־דיקן מיט אַ זיפץ.

ווען זי פלעגט ריידן אַזעלכע רייד צו זיך אַליין, האָב איך געפילט אַ גרויס רחמנות צו איר, און זי נאָך מער ליב באַקומען. איך האָב איר געוואָלט העלפן טראָגן אַ קריגל, אָבער זי האָט נישט געלאָזט. זי האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויפ׳ן גראָז אָפּרוען זיך אַביסל און מיך גלעטנדיק געזאָגט:

ניין, דו קענסט ניט טראָגן. דו וועסט אויסגיסן. ס׳איז צו שווער פאַר דיר. זעץ זיך בעסער אַוועק.

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט —און זי האָט מיר אָנגעהויבן אויספרעגן פון חדר. וואָס כ׳האָב געלערנט, און צי דער רבי האָט מיך ניט געשלאָגן.

כ׳פלעג אַלע נאַכט וואַרטן אויף איר. ערשטנס, פלעגט זי מיר געבן אַ ביסל מילך, אויב ס׳איז איר עפּעס פאַרבליבן אין די קריגלעך. און צווייטנס, האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן אויס מורא. כ׳האָב מורא גע־האַט פאַר ציגיינער, פאַר שיכור׳ע סאָלדאַטן, פאַרן שטאָט משוגענעם, וואָס

פלעגט זיך יעדער נאַכט אַריינכאַפּן אין אַן אַנדער שטוב. פלעג איך ליגן אין דער פינצטער, הערן ווי אַלע כראָפּן פון שלאָף און וואַרטן מיט שרעק אַז די באָבע איטקע זאָל שוין אַ היים קומען.

איר אַרומשלעפּן זיך אין די ווייכע שטרויענע שיכלעך — פון אַלקער אין קיך — און פון דער קיך צוריק אין אַלקער, האָט מיך געמאַכט פריילעך.

כ׳האָב געהערט, ווי זי צובלאָזט אַ פייער אויפ׳ן פריפעטשעק, קאָכט אויף אַ טשייניק וואַסער, פאַרפאַרעט טיי, שיילט אַ לימענע, צוקנאַקט דעם צו־קער און אַלץ אַזוי פּאַמעלעך, שטיל, ניט אויפצואוועקן קיינעם פון שלאָף.

יעדער שאָרך, האָט זיך געהערט אין דער שטילער טונקעלער שטוב. פון איר אַרומגיין — האָבן זיך די מייז אין זייערע לעכער באַהאַלטן. און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער טיי, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל טעם געטרונקען, האָט זי גענומען לייענען קריאת־שמע. שטיל געשעפּטשעט מיט די ליפּן. געגענעצט, אויסגעשפּיגן — און ווידער געגענעצט. ביז עס איז שטיל געוואָרן. און כ׳האָב מער גאָרניט געהערט.

צווייטער קאַפּיטל

1

געווען ביי אונדז אַ גרויסע פאַמיליע, פיר זין און פיר טעכטער. עס זיינען געווען נאָך, אָבער זיי זיינען געשטאָרבן — אַ סך פריער איידער איך בין געבוירן געוואָרן.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגעלע, איז מיין עלטסטער ברודער שוין געווען אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק. פאַרשטייט זיך אַ באַווייבטער מיט צוויי קינדער. דער בכור — אַ יאָר ניין, און דאָס צווייטע יינגל — מיט אַ יאָר יינגער.

אָט דער באַווייבטער און באַבערדלטער ברודער איז געווען אַ שוחט. דער טאַטע, האָבנדיק דאַן בעסערע צייטן, האָט אים צו די בעסטע מלמדים געשיקט. ער האָט געקענט גוט גמרא, תנ״ך און געלייענט דעם הצפירה, וואָס פלעגט צו אים פון ערגעץ אָנקומען. די איינציקע צייטונג אין שטאָט. אויסער די העברייאישע צייטונג, האָט ער אויך אַנדערע טריף פּסול׳ן גע־לייענט. און דער טאַטע האָט אים גאָרניט געשטערט. און די מאַמע, האָט מען אַלעמאָל איבערגערעדט, פלעגט אים קעכלען מיט די בעסטע מאכלים —און שניידער האָבן פאַר אים די בעסטע מלבושים גענייט.

פלעגט טאַקע די באָבע דינציע אָפט אַ זאָג טאָן:

—אַז דעם גאַנצן קעז האָט מען אַריינגעלייגט אין איין קרעפּל.

ער איז געווען קאַפּריזנע און צעלאָזן, מיין גרויסער ברודער. זיך אויפגעפירט און זיך איבערגענומען ווי אַ בן יחיד.

אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט ער אוועקגעוואָרפן דאָס שחיטות, אַנגע־הויבן דאַוונען מיט׳ן ערשטן מנין, צוזאַמען מיט אַלע בעל מלאכות, בגנבה, געשניטן ס׳ברוינע בערדל, גערעדט און אויסגעלאַכט זיך פונעם רבי׳ן. — אַן אמת׳ער אפיקורס! קיין כבוד אב האָט ער אויך ניט אָפּגעהיט ווי עס דאַרף צו זיין — פונדעסטוועגן, ווען ער איז געוואָרן אויס שוחט און אַרומ־געגאַנגען אָן פּרנסה, האָט דער טאַטע פאַר אים אויפגעבויט אַן „אולינעצע״ צו קוועטשן אויל. דאָס איז געווען ווי אַ צווייטער נדן.

די צוויי אַנדערע ברידער האָבן שוין דאָס ניט געהאַט. (און איך, שפּע־טער, אויך ניט). צו דרייצן יאָר, זיינען זיי אַוועק אַרבעטן ביי אַ סטאָליער.

פריער, האָבן זיי געאַרבעט בחינם. ערשט צו זעכצן־זיבעצן יאָר האָבן זיי אָנגעהויבן קריגן צו איין קערבל אַ וואָך. זיי האָבן שווער געאַרבעט. די גאַנצע וואָך אַרומגעוואַלגערט זיך צוזאַמען מיט זייער באַלעבאָס אין די דער־פער, צווישן פּריצים און פּויערים — געמאַכט פאַר זיי טישן און בענק, שאַפעס און בעטן. ערשט פרייטיק פאַרנאַכט פלעגן זיי אַהיימקומען. ניט צייט געהאַט אַפילו צו לויפן אין באָד אַריין, אָפּצוואַשן פון זיך דעם שטויב און שווייס פון זייערע לייבער. זייערע הענט זיינען געווען פאַרהאַרטעווע־טע, מיט פאַרטריקנטע שניטן אויף די פינגער, אָנגעזאַפּט מיט ברוינעם פּאָליטור און נישט אַלעמאָל האָבן זיי געטראָפן אַן אויסגעוואַשן העמד לכבוד שבת.

די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב איז געווען די צוועלף יאָריקע שוועס־טער, וואָס האָט געוואַשן, געריניקט און מיט דער הילף פון דער באָבע דינ־צי, אַפילו ברויט געבאַקן. די סאַמע עלטערע שוועסטער אין קיין אַמעריקע אַוועק, נאָך איידער די מאַמע איז געשטאָרבן. זי איז אַוועקגעפאָרן מיט'ן פעטער חיים און זיין בן יחיד און דאָרט מיט אים חתונה געהאַט. איך האָב זי ניט געקענט ביז איך בין שפּעטער מיט יאָרן געקומען קיין אַמעריקע.

די צווייטע שוועסטער וואָס האָט זיך געהאַלטן אין גט מיט'ן מאַן — פלעגט, פון צייט צו צייט, מיט איר יינגעלע אָפּזיצן עטלעכע וואָכןביים טאַטן.

זי האָט זיך מיט דער שטוב אַרבעט ניט צופיל אָפּגעגעבן. זי פלעגט אַרומגיין אַ פאַרטראַכטע, אָפּט אַ פאַרוויינטע איבער איר ביטער מזל.

פריער איז דער טאַטע געווען געגן אַ גט. און ער פלעגט איר אַלע מאָל נאָך עטלעכע וואָכן אָפּזיצן אין שטוב, צוריקשיקן צום מאַן. אָבער סוף כל סוף, האָט ער געמוזט מסכים זיין. און אַזוי ווי זי האָט שוין מער ניט געוואָלט צוריקפאָרן, ווייל דער מאַן אירער, האָט איר אָנגעהויבן סטראַשען מיט שלעכטס טאָן, איז דער עלסטער ברודער געוואָרן דער שליח און איר געבראַכט דעם גט.

אָפּגעגט, האָט זי איר יינגעלע איבערגעלאָזט ביי אונדז אין שטוב אויף אַ קורצער צייט, און פאַרקויפנדיק כמעט אַלץ וואָס זי האָט געהאַט, די חתונה מלבושים, דאָס זייגערל מיט דער גאָלדענער קייט, וואָס זי האָט געקראָגן אַלס כלה מתנה, צוויי זילבערנע בעכערלעך, דעם סאַמאָוואַר און נאָך פאַרשיידענע חפצים וואָס זי האָט באַקומען אַלס דרשה־געשאַנק — איז זי אַוועק קיין אַמעריקע. בלויז צוויי מעשענע לייכטער און איין קישן האָט זי מיטגענומען.

נאָך איר, איז די אַנדערע שוועסטער, אַ מיידל פון פערצן יאָר, אַוועק־געפאָרן, צוזאַמען מיט׳ן עלטסטן ברודער. אין זעקס חדשים אַרום האָט ער געשיקט נאָך זיין פאַמיליע. האַבנדיק געלט, דורך פאַרקויפן די „אוליגעצע״ און די שטוב, האָט די שוועגערין גישט באַדאַרפט וואַרטן ביז ער וועט זיך דאָרט אַרויפאַרבעטן.

שפּעטער איז אַוועק דער צווייטער ברודער מיט זיין יונג ווייבל. דער דריטער איז אַוועק דינען פאַניען.

אַזוי זיינען פאַרבליבן בלויז פיר קינדער אין שטוב, שוין אַריינגע־רעכנט דער שוועסטער׳ס ייִנגעלע און דאָס צוגעקומענע שוועסטערל.

איצט פאַרשטיי איך דעם צער וואָס דער טאַטע האָט געהאַט, ווען ער האָט זיי איינעם נאָכ׳ן אַנדערן באַגלייט קיין בריסק צום אַגענט און זיך מיט זיי דאָרט אויף אייביק צעזעגנט.

כ׳בין נאָך געווען צו יונג צו פאַרשטיין זיין שטיל שווייגן, זיין פאַר־חלומ׳טן פּנים און די אָפּטע זיפצן. כ׳האָב אָבער געפילט דעם טרויער, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט ווען עמיצער פון דער משפּחה איז אַוועקגעפאָרן. דאָס וויינען און קושן זיך ביים געזעגענען, האָט מיין האַרץ צעבראָכן.

עס איז אַלעמאָל געבליבן אַ פּוסטקייט אין שטוב, וואָס האָט געגאַגט ביי דער נשמה.

אַפילו דאָס צוזאַגן פון די אַוועקפאָרנדע, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל אונטערוואַקסן, וועלן זיי נאָך מיר שיקן, און די „אַטיעזדנע״ וואָס מ׳האָט מיר איבערגעלאָזן, האָט מיך ניט צופרידנגעשטעלט. בלויז אויף אַ ווײַלע האָבן מיר די פּאָר גילדן, אָדער פּערציקער, געמאַכט פריילעך. שפּעטער, ווען דער דריטער ברודער איז פון פאַניע׳ן געקומען אַ היים אויף אַ פּאָר וואָכן אורלויב און באַשלאָסן ניט מער צוריקצופאָרן — ווייל אויף אים האָט שוין געוואַרט אַ שיפס־קאַרטע — און ער האָט מיר אַ גאַנצן זילבערנעם קערבל איבערגעלאָזן, האָט עס מיר נאָר אויף עטלעכע מינוטן געמאַכט פריילעך. באַלד ווי ער איז אַרויס פון שטוב, האָט איך דערפילט דעם גרויסן אומעט, וואָס האָט מיך שרעקלעך געמאַטערט. אים האָב איך ליב געהאַט מער פון אַלעמען. ער איז עפּעס געווען שטילער, בעסער, צוגעלאָזענער און געטרייער. ווען איך האָב אים דערזען אַריינקומען אינעם סאָלדאַטסקן מונדיר, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז אויך שענער און העלדישער פון די איבעריקע. כ׳בין געווען זיכער, אַז קיין שטאַרקערן קען מען צווישן אַלע סאָלדאַטן ניט זען. כ׳בין געווען שטאָלץ צו גיין מיט אים אין גאַס, און אי־בערן מאַרק, וואו מענטשן האָבן אים נאָכגעקוקט — און מיר האָט זיך גע־וואָלט, אַז וואָס מער יינגלעך זאָלן אים זען, כדי, כ׳זאָל מיך דערנאָך קענען באַרימען און דערציילן אַלערליי מעשׂות פון מיין ברודער דעם סאָלדאַט.

זיין אַוועקפאָרן האָט מיך דערמאָנט אין יענע טעג, ווען די שטוב איז נאָך פול געווען: ווען ער מיט'ן ברודער פלעגן אַהיים קומען פון דאָרף אויף שבת און מ'האָט געמוזט צונעמען מיין געלעגער, וואָס דערפון בין איך דוקא געווען צופרידן. ווייל דאַן, האָט די אַלטע איטקע, מיט איר טאָכטער שייזע מיך אַריינגענומען צו זיי אין בעט אַריין, וואו עס איז געווען אַ סך בעסער און וואַרעמער צו שלאָפן.

כ'האָב זיי בײדן ליב געהאַט. זיי האָבן מיר געצערטלט ווי אַן אייגן קינד.

2

אַקוראַט ווען שייזע, די באָבע איטקעס טאָכטער, איז געוואָרן די אַפּי־ציעלע באַלעבאָסטע אין שטוב, ווען זי האָט מיט'ן טאַטן חתונה געהאַט און איז געוואָרן מיין שטיפמאַמע, געדענק איך ניט. כ'געדענק אָבער אַז איינמאָל האָט דער טאַטע איטקע'ן גערופן 'שוויגער"... וואָס האָט שוין כמעט באַרעכטיקט מיין רופן זי „באָבע".

כ'געדענק אויך, ווי אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען. אַלע־מאָל האָט מען געהאַט טענות צו דער יונגער שטיפמוטער און שייזע האָט געענטפערט מיט געגן־טענות, וואָס זיינען תמיד געווען באַגלייט מיט טרערן.

זי האָט באַוויינט איר „דאָליע" צו וואָס זי האָט זיך דערלעבט.

יעדן מאָל וואָס איך האָב זי געזען וויינען, האָב איך דערפילט אַ רחמנות צו איר. כ'פלעג טראַכטן, אַז אַלע זיינען שלעכטע.

שייזע איז געווען אַ שלאַנקע, אַ צאַרטע, מיט אַ קלאָר סימפּאַטיש פּנים און אַ גרויסע בריה... זי איז געווען ניט זייער קיין שטאַרקע און זיך אָפט באַקלאָגט אויף ווייטיקן אין די הענט. זי האָט אויך געליטן פון קראַנקע ציין. אָפט האָבן איר די שלעכטע ציין אַ נעם געטאָן שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן. האָט זי געגומען אַרומקריכן אינעם לאַנגן ווייסן נאַכט־העמד. געוואַרעמט קאָמפּרעסן, געשווענקט ס'מויל מיט וואַרעמע וואַ־סער, מיט קאַלטע וואַסער, געקייט ציבעלע, באַשאָטן מיט פּעפער, איינגע־גראָבן ס'פּנים טיף אין קישן און פלעגט קרעכצן פון ווייטיק.

דערנאָך האָט זי מיך אָנגעהויבן רופן מיט אַ פאַרשטיקטן קול.

— שלמה'לע, שלמה'לע! — דו שלאָפסט?

אָבער איך בין ניט געשלאָפן און געוואוסט וואָס זי וויל. האָב איך זיך אָנגעטאָן, גענומען אַ פלעשל און אין דער פינצטער אַוועק אינעם רבינ'ס הויף, געזוכט אין אַלע דירות, ביז כ'האָב געפונען דעם טאַטן. האָט ער

ס׳פלעשל אָנגעגאָסן מיט שטאַרקן בראַנפן פון זיין חסידישן שענקל און בין שנעל דערמיט אַוועק אַהיים. אין דער צייט איז דערוויל איר פנים פאַרשוואָלן געוואָרן ביז צו די אויגן. אָבער דער שטאַרקער ספירט פלעגט איר העלפן. נאָך אַ פּאָר מאָל אויסשווענקן ס׳מויל איז דער ווייטיק איינגעשטילט געוואָרן. זי איז איינגעשלאָפן. און אין דער פרי, איז גאָרניט געווען צו דערקענען, אַז זי האָט געליטן אַזעלכע גרויסע שמערצן.

בשעת׳ן קריגן זיך, פלעג איך אַלעמאָל הערן די זעלבע טענות : אלמאי שלאָפט זי אין דער מאַמע׳ס בעט. בענטשט אין דער מאַמעס לייכטער, זיצט ביים טיש וואו די מאַמע איז געזעסן, און אַזוי ווייטער.

כ׳געדענק ניט אַז מיך זאָל האָבן, ווען ס׳איז, פאַרדראָסן אַט די אַלע זאַכן. מיך האָט גאָרניט געאַרט. אַלע פלעגן מיר פארוואָרפן, פאַרוואָס איך נעם זיך אָן פאַר שיווע׳ן — און זאָגן אַז איך בין ביי איר „מיין טייערס״ — מיך האָט זי ליב. מיך קעכלט זי און מיר שטופּט זי אונטער אַ בעסערן ביסן. אויב זי האָט דאָס אַפילו געטאָן, איז דאָס געווען, דאַכט מיר איצט, גאַנץ נאַטירלעך. ווייל איך פלעג איר אַרויסהעלפן אין דער שטוב־אַרבעט, גיין פאַר איר קויפן אַ פונט מעל, אַ פונט הירזש, אַ פערטל פונט צוקער. כ׳האָב איר געהאָלפן טראָגן די וועש צום טייך און וויגן איר קינד, מיין ביי־צו־געקומען שוועסטערל. עס קען זיין, אַז ווען מ׳וואָלט געווען גוט צו איר, וואָלט זי אויך געווען גוט. און אפשר וואָלט עס ניט געווען אַזוי? אפשר איז עס געגן דער מענטשלעכער נאַטור, אַז מענטשן זאָלן לעבן בשלום?

די דערוואַקסענע אין שטוב האָבן געברענט אירע טריט. ווייל זיי האָבן ניט באַדאַרפט אָנקומען צו איר. זיי האָבן ניט געזוכט אירע לאַסקעס. זיי האָט זי ניט באַדאַרפט אויפציען. זיי זיינען שוין געווען גרויסע, — האָבן זיך אַליין געוואַשן. אַליין געצוואָגן. אַליין עפעס אויפגעגנייט.

אַפילו דער עלטסטער ברודער, אַליין אַ טאַטע פון קינדער — אַ שוחט געווען — אַ געלערנטער, ניט קיין פּראָסטער ווי די איבעריקע, און געוואוינט האָט ער גאָר ביי זיין שווער אין הויז, איז אויך געווען געגן איר. בישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך זיין ווייב. זיי האָבן זי געהאַלטן אין איין רודף׳ן און באַרעדן.

דער טאַטע האָט ווינציק צוגעזען די קריגערייען, ווייל ער איז זעלטן געווען אין דערהיים. און כאָטש קיינער האָט ניט געוואָגט אין זיין געגנוואָרט צו עפענען ס׳מויל, האָט ער אָבער געוואוסט וואָס ס׳קומט פאָר אין שטוב ווען ער איז ניטאָ, און געשוויגן. זיינע פליכטן אַלס מאַן און פאָטער, האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין אַ מאָדנער לאַגע. ער האָט ניט געקענט אָפּן אַרויסטרעטן געגן די קינדער און פאַרטיידיקן שיווע׳ן און האָט אויך ניט געקענט זיין געגן זיין פרוי און האַלטן מיט די קינדער. ווייל ער

האָט דאָך געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ גליקן, מ׳שטיינס געזאָגט, זי איז געקומען... אויף וואָס פאַר אַן אָרעמקייט און שווערע אַרבעט.

ער האָט אפשר אויך געפילט, אַז זי, שייוועֿ, מיט אַזוי פיל יאָרן ייִנגער פון אים, טראָגט זיך אפשר אַרום מיט אַ ווייטיק אין האַרץ, מיט אַ בענקשאַפט נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן וואָס איז מער איר גלייכן געווען. ער האָט דעריבער, כדי ניט צו פאַרלירן דעם דרך ארץ וואָס מיר אַלע האָבן פאַר אים געהאַט, געמוזט זיין סימפּאַטיע צו איר האַלטן פאַרבאָרגן. דאָס האָט שייוועֿ׳ן, מיט רעכט, געקרענקט און פאַרדראָסן. און דערפאַר איר שטענדיקע פאַרביסנקייט און אומצופרידנקייט.

סוף כל סוף האָט דער טאַטע איינמאָל, אין אַן ערב שבת, גענומען אַ שטעלונג. דאָס האָט נאָך מער צערייצט די קינדער. די באָבע דינציע און אַלע כלומר׳שטע פריינט, פלעגן אַלעמאָל איבערזאָגן דעם חנודיקן פּזמון: אַז שייוועֿ איז געזעסן מיט איר מוטער ביי אונדז אין הויז — ווי זי וואָלט געוואַרט אויף שיינדלס טויט...

יענעם ערב שבת האָט פּאַסירט דאָס פאָלגנדע: מיט אַ נאַכט פריער, דאָס הייסט דאָנערשטיק — איז די פאַרהייראַטע שוועסטער מיט איר קינד, ווי געוויינלעך, געקומען צו גאַסט. זי איז נאָך ניט געווען גע׳גט. שייוועֿ האָט שוין געהאַט איינגעקויפט אויף שבת. אין אַ גרויסע מולטער האָט זי פאַרראָטשינעט דאָס מעל, געלאָזט אויפ׳ן טיש אונטער אַ צודעק עס זאָל זויערן; כדי מאָרגן אין דער פרי, צו קענען פאַרקנעטן און באַקן די חלות. איז מיין שוועסטער מסתמא ניט געווען קיין אָנגעלייגטער גאַסט און אפשר איז איינע פון זיי געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. און עס איז טאָקע ניט געווען צו פיל פּלאַץ צו מאַכן איבעריקע געלעגערס. ס׳האָבן אַזוי אויך שוין געדאַרפט זיבן מענטשן שלאָפן אינעם גרעסערן חדר. האָט שייוועֿ עפּעס באַמערקט, די שוועסטער האָט איר געענטפערט; — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — ביז עס איז געוואָרן אַ קריג. די קולות האָבן אָנגעהאַלטן ביז דער טאַטע איז אַהיים געקומען. די שוועסטער האָבן זיך באַלד איינגעשטילט, ווייל מיר האָבן אַלע גרויס דרך ארץ געהאַט פאַר אים. אָבער דאָס מאָל האָט שייוועֿ ניט געוואָלט שווייגן און ווי נאָר דער טאַטע האָט אויסגעטאָן דעם גאַרטל, די קאַפּאָטע און גענומען אָנטאָן די יאַרמולקע, אַזוי איז זי אַרויס מיט טענות און געוויין: — זי קען שוין מער ניט אויסהאַלטן! זי וועט פאַרלאָזן די שטוב, זי׳ט גיין צו עמיצן ווי אַ דינסט וועט זי אויך האָבן צו עסן און מער כבוד ווי׳זי קריגט דאָ.

אויף אונדז, קינדער, איז געפאַלן אַ פּחד. מיר האָבן געקוקט אויפ׳ן טאַטן מיט מורא. ער איז געשטאַנען, אויסגעהערט אירע טענות און גאָרניט געזאָגט... צום סוף האָט ער זיך צוריק אָנגעטאָן די געוואַנטענע קאַ־

פאַטע, מיט'ן סאַמעטן־היטל — געהייסן שיִיִע'ן נעמען ס'קינד, מיך, און מיין ייִנגערע שוועסטערל, וועלכע איז נעבעך געלעגן אַן איינגעוואָרעמ־טע, אַ פאַרשלאָפענע... אַליין האָט ער גענומען דעם מולטער מיט'ן מעל, דאָס טעפּל מיטן פלייש — און אונדז אין מיט'ן נאַכט אַוועקגעפירט צו דער באָבע איטקעס אַ קרובה, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע שטוב הינטערן מאַרק.

מיר זיינען געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אין דער קילער שטילער נאַכט, ביז זיי האָבן דערהערט דאָס אַנקלאַפּן אין טיר. די קרובה האַלב פאַר־שלאָפן און דערשראָקן, האָט געעפנט די טיר און אונדז אַריינגעלאָזן.

אין דער צייט וואָס דער קרוב האָט גערעדט מיט'ן טאַטן, — געוואָלט וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט די וויִב זיינע דערווייל געמאַכט די גע־לעגערס פאַר די קינדער. דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צווישן זיי דער אמת'ער געשפּרעך.

דער טאַטע האָט אונדז פאַרזאָרגט מיט אַ שטוב וואו צו האַלטן שבת; לאָזנדיק די צוויי שוועסטער מיט די אויף פּריִיטיק אַהיים־קומענדיקע צוויי ברידער ממש אויף הפקר.

פאַר מיר און מיין ייִנגערע שוועסטערל, איז דאָס אויפשטיין אין אַ פרעמדן שטוב געווען ממש אַ יום טוב!

עס האָט, ווי ביי אונדז אין שטוב — געשמעקט מיט ערב שבת. אינעם אויוון האָט אַ פריילעכער פלאַם געפלאַקערט. די אַלטע האָט געבאַקן, גע־קאָכט. מיר זיינען אַרויס אין דרויסן, זיך באַלד באַקענט מיט די קינדער פונעם פרעמדן געסל. סיי די קינדער און סיי דאָס געסל, האָבן געשאַפן דעם אָנגענעמען געפיל פון זיין אין אַ פרעמדער שטאָט...

אַזאַ געפיל האָב איך אויך שוין געהאַט נאָך מיט עטלעכע חדשים צו־ריק, ווען דער טאַטע איז אַ שבת־צו־נאַכטס, באַלד נאָך הבדלה, מיט נאָך מחתנים אַוועקגעפאָרן אויף אַ חתונה. פריער, האָט ער מיך נישט געוואָלט מיטנעמען. ער האָט געזאָגט, אַז סאיז ניט כדאי צו שלעפן אַ קינד ביינאַכט אין אַזאַ קעלט! — און ווי וועט ער צייט האָבן אויף מיר אַכטונג צו געבן?

אָבער שיִיִע, וואָס האָט מיך תמיד ליב געהאַט, האָט מיך איינגעוויקלט אין אַ שאַל און שטיל, איידער דער טאַטע איז פאַרטיק געוואָרן מיט'ן אויס־טאָן די שבת'דיקע קאַפּאָטע און אַרויפשלעפּן אויף זיך די שווערע בורקע, האָט זי מיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, פאַרדעקט מיט שטרוי. ווען דער טאַטע האָט זיך געכאַפּט אַז איך בין אין וואָגן, זיינען מיר שוין געווען העט ווייט אַרויס פון שטאָט. און ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט — ווי מיך אַריינצונעמען אין זיין וואַרימער בורקע. ער האָט אַפילו געשמייכלט. ס'הייסט, כ'האָב זיין שמייכל ניט געקענט זען אין דער פינצטער. כ'האָב

אָבער דערקענט דעם שמייכל דורך זיינע רייד צו די איבעריקע פאַרשוינען. ער איז ניט געווען ברוגז. פאַרקערט — דוקא צופרידן פון מיין מיטפאָרן.

די שטאָט וואו מיר זיינען פאַרפאָרן איז געווען אַ גרויסע, מיט ברייטע גאַסן און געפּאַרבטע שטיבער און גלעזערנע גאַניקעס, שיינע קראָמען און גרויסע פענצטער, דורך וועלכע מ׳האָט געקענט זען אַ סך שיינע זאַכן. און היכע מויערן זיינען דאָרט געווען. ס׳איז ניט צו פאַרגלייכן מיט די שטרויענע דעכער וואָס דעקן צו קליינע הילצערנע הייזלעך... ס׳איז אָבער פאָרט אַן אַנדער געסל, מיט אַנדערע קינדער. כ׳האָב מיך געפרייט און גאָרניט געקלערט אַפילו פון דער היים.

יענע האַנדלונג פון פאַרלאָזן דאָס הויז אין מיטן נאַכט, האָט געשאַפן אַ טיפן ריס צווישן די קינדער און דעם טאַטן. כאָטש מאַנטיק זיינען מיר צוריק געקומען, און דער טאַטע האָט בפירוש אַרויסגעוויזן חרטה; איז עס אָבער שוין ניט געווען דאָס וואָס פריער, ווען ער איז געווען אַן אַלמן: צו־זאַמען מיט אים האָבן אַלע געטרויערט נאָך דער מאַמען׳ן און אַ שטילע ליבע אַרויסגעוויזן צו אים. אפילו שכנים האָבן זיך געחידוש׳ט און ניט געקענט פאַרשטיין, וואָ אַזוי ר׳ יהושע האָט געקענט טאָן אַזאַ זאַך!

און איך געדענק ווי שטאַרק כ׳האָב געליטן — אויס רחמנות צום טאַטן, ווען כ׳האָב געהערט ווי מענטשן רײדן וועגן אים.

ביז היינטיקן טאָג, אַז די ברידער און שוועסטער קומען זיך צוזאַמען, ווערט דער אינצידענט מיט פאַרדרוס איבערדערציילט. איך קען אָבער, נאָך אַלץ ניט זען דעם טאַטנס עולה פון יענער צייט.

און ווען מיר רײדן דערפון, דערמאָנט מען זיך שוין אויך אַ פּאַסירונג פון וועלכע אַלע שמייכלען.

דאָס איז געווען איינמאָל, ווען די גע׳גט׳ע שוועסטער האָט געבראַכט איר קופערט מיט מלבושים און דער טאַטע האָט אים אַוועקגעשטעלט אין קאַמער וואָס איז געווען צוגעבויט בײַ דער הינטערשטער זייט פון הויז.

דער עלטסטער ברודער האָט נאָר געוואָלט אַז דער קאַסטן זאָל שטיין אין הויז, כאָטש עס איז ניט געווען וואו. האָט ער אים אַריינגעשלעפּט פון קאַמער און אַוועקגעשטעלט ביי דער באָבע איטקעס בעט. דאָס האָט ער געטאָן, כדי צו ערגערן שייוע׳ן... עטלעכע מאָל האָט דער טאַטע אים אַרויסגעשלעפּט אין קאַמער און דער עלטסטער זון האָט אים צוריקגע־שטעלט אין אַלקער.

דאָס האָט ער געטאָן ווען דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים.

אָבער איינמאָל, בעת דער ברודער האָט געהאַלטן אין צוריקשלעפּן דער קופערט אין שטוב אַריין איז דער טאַטע אָנגעקומען. ער האָט באַפוילן

דעם קופערט צוריק אוועקצושטעלן אין קאַמער, אָבער דער ברודער האָט חוצפּה'דיק געענטפערט:

— דער קאַסטן וועט שטיין אין שטוב. — זאָל איטקע זיך אַרויסקלייבן צוזאַמען מיט איר טאָכטער...

דער טאַטע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. עס איז געווען קענטיק, אַז ער באַהערשט אין זיך דעם כּעס און האָט אים נאָך אַמאָל געהייסן אָפּלאָזן דעם קאַסטן און זיך ניט מישן אין זיינע געשעפטן. נאָר אויב ער איז געטריי דער שוועסטער זאָל ער דעם קאַסטן אַריינגעמען צו זיך אין וואוינונג.

דער ברודער האָט אים איגנאָרירט, און נאָר באַשטאַנען — אַז דער קופערט מיז שטיין ביים בעט אין קליינעם אַלקער, און ער האָט ווייטער מיט עקשנות געשטופּט דעם קאַסטן אין שטוב אַריין.

דעם טאַטנס געדולד האָט געפּלאַצט! ער האָט זיין בכור איינגעטיילט עטלעכע פּעטש און זיך גאָרניט גערעכנט, וואָס זיין זון איז שוין אַ טאַטע פון דריי קינדער.

אויסגעפירט האָט, פאַרשטייט זיך, דער טאַטע. און איך האָב הנאה גע־האַט פון די פּעטש וואָס דער ברודער האָט געקראָגן.

דריטער קאַפּיטל

1

אין שטוב איז געווען אומעטיק, קאַלט און אָפּגעלאָזן. שייוּע און איר מוטער איטקע האָבן זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן מיט פייגעלע׳ן, — דאָס נייע שוועסטערל איז געוואַקסן ווי אַ שייןביימעלע. זי האָט געהאַט אַ געשניצט קלאָר פּנים׳ל, בלויע אייגעלעך און בלאָנד־זיידענע האָר.

נישט נאָר זי, — נאָר אויך דער תמיד ערנסטער טאַטע פלעגט פייגע־לע׳ן נעמען אויפ׳ן שויס, און געלאָזט איר שפּילן זיך מיט זיין זילבערנעם זייגערל און ער פלעגט לאַכן פון אירע חכמות.

כ׳האָב דאָס גוט באַמערקט, און אָנגעהויבןליידן פון קנאה. כ׳האָב מקנא געווען פייגעלע׳ן, פאַרוואָס דער טאַטע וויזט אַרויס צו איר מער ליבשאַפט, פאַרוואָס זי האָט אַ מאַמע. איך האָב אויך מקנא געווען די יינגלעך אין חדר. כ׳בין שוין געגאַנגען צו אַ גרעסערן מלמד, — ר׳ אהרן האָט ער געהייסן, — וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער חומש מיט רש״י. דאָרט זיינען געווען באַלעבאַטישע, ניט קיין אָרעמע יינגלעך, מיט פיינע פּאַלטעלעך, וואַרעמע פעלצענע קוטשמעלעך און גאַנצע שטיוועלעך מיט קאַלאָשן.

זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט גוטע אָנבייסנס אין חדר, וואָס האָבן גע־רייצט מיין אַפּעטיט. כ׳האָב זיי מקנא געווען פאַר וואַרעמע אין שענערע שטיבער. כ׳האָב זיי מקנא געווען פאַר זייער פרייהייט. זיי האָבן ניט גע־מוזט , סיי זומער, סיי ווינטער, ווי איך, גיין מיט זייערע טאַטעס אַלע פריי־טיק אין באָד־אַריין פאַרן זיך צוגלייך מיט אַלטע יידן; קריכן אויף די הייסע בענק, וואו מ׳האָט געקענט דערשטיקט ווערן פון דער שרעקלעכער היץ. און היינט די מקוה, וואָס האָט געשמעקט מיט צופאַרעטע לייבער, און וואָס האָט אַלע מאָל ביי מיר אויפגערייצט אַן אויסשלאָגאַכץ, מיט אַ שרעקלעכע ביי־סעניש, און עס האָט גענומען אַ פּאָר טעג, ביז דער „מאַשטש״ וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט פון זייף מיט געבראָטענע ציבעלע, האָט אויסגעהיילט די וואונדן אויף מיין הויט.

אין דער באָד, וואָס איז געווען פאַר מיר ס׳גרעסטע אָפּקומעניש, פלעגט ער מיך האַלטן כמעט ביז ליכט־בענטשן, אין דער צייט וואָס מיינע חברים האָבן זיך אַרומגעיאָגט אין דרויסן.

יענע ייִנגלעך האָבן נישט באַדאַרפט אויסהערן אַלעמאָל די זעלבע טענות — אַז מיר דאַרט נישט דער קאָפּ וואו מ׳עט נעמען צו באַצאָלן פאַר מיינע שיך, אָדער קאַפּאָטקעלע, וואָס איז כמעט אַלעמאָל געווען איבערגע־נוצעוועט פונעם טאַטנ׳ס אַן אַלטע קאַפּאָטע...

די שיך זיינען אַלע מאָל נייערהייט געווען ענג, און כ׳האָב זיי קוים גע־קענט אַרויפשלעפּן. זיי האָבן מיך געקוועטשט און פאַרשאַפט ווייטיקן. זיי האָבן אָבער געהאַט סקריפּקעס. דאָס האָט מיר געגעבן אַביסל פאַרגעניגן.

כ׳האָב אויך הנאה געהאַט פונעם קאַפּאָטקעלע, כאָטש עס איז געווען איבערגענייט. האָבן אַלע אויסער מיר, געמיינט אַז ס׳איז אין גאַנצן ניי.

כ׳פלעג מחמת קנאה — פיינט האָבן די חברים פאַר האָבן די אַלע גוטע זאַכן וואָס איך האָב ניט געהאַט.

כ׳האָב פיינט געהאַט דעם חדר, וואָס איז געווען אומריין, קויטיק, מיט שלעכטע ריחות און פול מיט׳ן רבינ׳ס אייגענע ווילדע קינדער.

אין חדר זיינען אויך געווען מיידעלעך, גרעסערע און קלענערע, מיט ניט קיין אויסגעקעמטע האָר, וואָס האָבן פאַרשטעלט די פאַרשמירטע פּנימ׳ער. זיי האָבן געהאַט שמוציקע באָרוועסע פיס און הענט. זיי פלעגן בעטן ביי די ייִנגלעך אַ ברעקל קיכל, אַ שטיקל צוקערקע, אַ נאַש פונעם פּלעצל מיט שמאַלץ. אַ פּאָר קליינע קינדער, מיט אויסגעדרייטע פיסלעך, געלע פאַרכצוואָטע קעפּעלעך און הויכע בייכעלעך, זיינען תמיד געקראָכן אונטער די פיס.

די רבי׳צן, אַ ייִדענע אַן אויסגעצערטע פון צו פיל טראָגן און זויגן, מיט אַ געלזיכטיק פּנים, אויסגעקראָכענע וויעס, דאַרע הענט און אַ שלעפּע־דיק קול, פלעגט דריי־פיר מאָל דורכ׳ן טאָג דערלאַנגען דעם רבי׳ן אַ שוואַרצע גלאָז ציקאָריע אָן צוקער. געגאַנגען איז זי מיט קליינע טריטע־לעך, כדי ניט אויסצוגיסן די הייסע ציקאָריע, וואָס זי האָט געטראָגן אין אַ שפּיץ פון איר אויפגעהויבענעם פאַרטוך, אַרויסווייזנדיק די באַרכענע ספּאָדניצע מיט די רויטע זאָקן.

דעם מלמד האָב איך גאָרנישט געקענט פאַרליידן. ער איז געווען דער היפּוך פון זיין ייִדענע. אַ שטאַרקער, ברייטער ייִד, מיט אַ פעטע יאַרמולקע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, וואָס האָט גע׳עיפּשט פון שווייס. אַ צעוואָקסענע געדיכט ברוינע באָרד, וואָס איז געווען פאַרקנוילט און צעפּאַטלט און אַוועקגעשאַרט אַמאָל אויף רעכטס און אַמאָל אויף לינקס. עס האָט זיך געווענדט מיט וועלכע האַנט ער האָט אונטערגעשפּאַרט די באַק. זומער אין די היצן, איז

ער געזעסן אינעם בלויזן העמד, וואָס איז געווען אָפן — און נישט צוגעדעקט די פּאַרוואַקסענע ברוסט.

צוועלף אַזייגער האָט אים ס׳שוואַכע ווייב צוגעטראָגן אַ טעפּל מיט נעכ־טיקע טייגלעך און בעבלעך, וואָס ער האָט געגעסן מיט אַ צינערנעם לעפל, פונעם פאַרקילטן געקכץ איז אים די באָרד געוואָרן נאַס און קלעפּיק, וואָס ער האָט זעלטן אָפּגעווישט און געלאָזט די שיריים אָראָפּקריכן אויפ׳ן העמד...

אָפּגעגעסן, פלעגט ער זיך גיין אָנטרינקען מיט וואַסער פון דער דייז־שקע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

נאָכ׳ן בענטשן האָט ער צעשניטן אַ שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר אויף פיר גלייכע חלקים, אויפגעריסן עטלעכע שוין אויסגערויכערטע פּיצלעך ציגאַ־רעטן און פון דעם שוואַרצן טוטין האָט ער קונציק פאַרדרייט אַ נייעם פּאַ־פּיראָס, וואָס האָט שטאַרק געטשאַדעט.

שמייסן פלעגט ער יעדן טאָג אַ צוויי־דריי קינדער אויף אַ מאָל. און דוקא אויפ׳ן נאַקעטן הינטער־חלק, מיט אַ רוט פונעם אַלטן בעזים.

ווען ער האָט געשמיסן, האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין כעס. ער האָט גאָר געשמייכלט און אונטערגעברומט עפּעס אַ נגונ׳דל.

עס האָט אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פון אונדזערע יסורים. ער איז בטבע געווען אַ גרויסער קבצן, אָבער ניט אויף שמיץ. וואָס מער אַלץ בעסער.

מיך פלעגט ער דוקא לויבן און זאָגן, אַז איך בין דער שטילסטער יינגל אין חדר. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מחמת גרויס שנאה צו אים און צום חדר, בין איך געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז כ׳האָב פשוט ניט געפילט ווי צו שטיפן, ווי די אַנדערע תלמידים. כ׳האָב אויך געוואוסט, אַז ווען כ׳וועל מיך מיט עפּעס פאַרזינדיקן און דערפאַר קריגן געשמיסן, וואָס מיינט אויסער ווייטיק, אויך בושה, — האָב איך מיך ניט פאַר וועמען צו באַקלאָגן, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך פאַר מיר איינשטעלן. אויף אַן אמת האָב איך דאָס ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויסגעפונען.

כמעט יעדער יינגל אין שטעטל האָט גוט געקענט דעם סיקילער מלמד. אַזוי האָט מען אים גערופן. און יעדער יינגל האָט אויפגעצייטערט ביים גע־דאַנק, אַז אָט־אָט און עס רוקט זיך אונטער דער זמן, ווען ער וועט מוזן לערנען ביי אים אין חדר.

נאָך דעם חומש מיט רש״י מלמד, איז ער געווען דער, וואָס האָט מיט יינגלעך אָנגעהויבן צו לערנען גמרא און זיי צוגעגרייט צו די גרעסערע מלמדים, וואָס האָבן זייערע תלמידים געלערנט גמרא מיט תוספות און מהר״ש״א און אַנדערע מפרשים — ביז זיי האָבן געקענט קריגן סמיכה

אויף רבנות. ביים סיקילער האָט מען נאָר געלערנט „בבא מציעא", אָדער „בבא קמא".

ער איז געווען אַ שם דבר, אַט דעה הויכער ברייט־פּלייציקער מלמד. ער האָט געהאַט אַ שטיף מאַטעווע פּנים, הויכע קינבאַקן, אַ שמאָל ציגן בערדל, געדיכט־לאַנגע שוואַרצע פּאות, שטרענגע שוואַרצע אויגן, פאַרטשע־מעטע ליפּן און אַ פּאָר קולאַקעס ווי צוויי אייזערנע האַמערס.

ער איז אַלעמאָל געווען פאַרטראַכט און קיינמאָל נישט געקוקט אויף עמיצן דירעקט. ער האָט, למשל, געקוקט מיט אַ בייזן בליק אויף שלום'ען און גאָר דערלאַנגט מיט זיין שווערע האַנט לייבקע'ן. ער האָט ניט גע־פּאַטשט איבער דער באַק, אָדער, כ'בעט איבער אייער כבוד, איבער'ן הינ־טער־חלק, נאָר איבער'ן קאָפּ, אָדער נאָז. זיין קלאַפּ איבער'ן קאָפּ פלעגט פּריטשמעליען און שטאַרק ווי טאָן. ניט אומזיסט בין איך נאָך, עד־היום, שווער אויף חשבונ'ען...

דינסטיק איז געווען דער יום־הדין. און ייִנגלעך פלעגן זיך קראַנק מאַכן, כדי ניט צו קומען אין חדר. עס איז געווען איינגעפירט, אַז זונטיק און מאָנטיק, האָט ער געלערנט דעם עמוד גמרא מיט דער גאַנצער גרופּע תלמידים, פּופּצן אין צאָל. אַלע אין איינעם האָבן נאָכגעזאָגט דעם רבי'ן, אויסגעזונגען דעם באַקאַנטן געשמאַקן נגון הויך אויפן קול. ווער שמו־עסט, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ „גרינגע" גמרא וואָס האָט זיך געלייגט אויפ'ן שכל, האָט מען הנאה געהאַט, און אַפילו די שווערסטע קעפּ האָבן נאָכגעזאָגט. אָבער ווען עס איז געקומען דינסטיק, ווען יעדער תלמיד האָט באַדאַרפט זאָגן אַליין, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז גאָרניט אַזוי גרינג, ווי מ'האָט געמיינט בשעת אַלע האָבן געלערנט צוזאַמען.

אָנגעפאַנגען האָט דער רבי מיט יודלע'ן, אַ קליין ייִנגל מיט גע־קרייזלטע, שוואַרצע האָר, און מיט אַ פאַרריסן נעזל. ער איז שוין אַלט גע־ווען אַ יאָר צען, אַביסל צו אַלט פאַר זיין וואוקס. ער האָט גיכער אויסגע־קוקט ווי אַ קינד פון אַ יאָר זעקס, זיבן, אָבער אַ קעפּל האָט ער געהאַט אַ שאַרפס. צוויי מאָל לערנען און ער האָט שוין כמעט אַלץ געדענקט. ער האָט אויך געכאַפּט פּעטש, אָבער נישט אַזוי פיל ווי איך. איך בין גע־ווען דער צווייטער צו יודלען. אויב ער האָט זיך אַמאָל געמאַכט קראַנק, ווייל די גמרא איז געווען אַ שווערע, בין איך געווען דער ערשטער אויפ'ן פייער...

און וואָס נידעריקער פון מיר, אַלץ גרעסער דער „גוי", אַלץ מער קלעפּ, אַלץ מער געוויינען און געשרייען.

אַרום די פענצטער האָבן זיך געקליבן באַרוועסע מיידלעך מיט די צו־פלאָנטעטע האָר. בחורים, פּוסט־און־פּאַסטניקעס, וואָס פלעגן אַריינקוקן,

זען ווען מען ס יינגל דער רבי שלאָגט און באַלד לויפן דערציילן דער מאַמע׳ן פונעם פאַרווייַנטן תּלמיד.

מיר פלעגן זיך פּשוט מחיה זיין, ווען אַ מאַמע, אַ „קאָזאַק״, איז אַריינ־געלאָפן מיט אַ געשריי:

— ווי איז מיר! — ווינד איז מיר! — איר דערהרג׳ט דאָך מיין קינד!

— אַזוי לערנט מען מיט קינדער תּורה? איר זייט דאָך אַ מערדער, זייט איר דאָך!

מיט כּעס האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ס׳יינגל, אים באַקוקט צי עס גייט אים ניט קיין בלוט פון נאָז און איבערלאָזנדיק עטלעכע פעטע קללות האָט זי אים אַ היים גענומען.

ביי אַזאַ סצענע פלעגט דער רבי מיט זיין גאַנצער גרויס און שטאַר־קייט, בלייבן שטיין אַ צעשראָקענער, אַ פאַרשולדיקטער. דאָס ביינערדיקע פּנים בלאַס און נאַריש. די הענט זיינען נערוועז געקראָכן איבער דער יאַר־מעלקע, איבער׳ן בערדל און פּאות. ער האָט געברומט עפּעס אונטער דער נאָז און נישט געקענט אפילו קיין איין וואָרט אַרויסברענגען.

און ווען ער האָט זיך באַרואיקט, האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן און איז ווייטער אַנגעגאַנגען מיט זיין „מעטאָדע״ אַריינצוקלאַפּן מיט׳ן קולאַק די גמרא אין די יינגלשע קעפּ.

2

ביי מיר איז דעמאָלט געווען אַ פאַרשטערטער פּסח. אַזוי האָט דער יום טוב מיך אַלעמאָל אויפגעמונטערט און אָנגעפילט מיט אַן אַ שיעור פרייד.

דער יום טוב פון יציאת מצרים, בשותּפות מיט׳ן אָנקומענדיקן פרי־לינג, נאָך אַ לאַנגן, קאַלטן ווינטער, מיט שניי און זאַווערוכעס, מיט די לאַנגע שעה׳ן אין חדר, האָט געבראַכט אַזויפיל שמחה, אַזאַ אַנדערשקייט, אַז איך האָב פּשוט ניט די ווערטער דאָס איבערצוגעבן.

עס איז געווען אַ סך זאַכן וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסרופן די טיפע פרייד ביי מיר.

קודם כּל דאָס פריי ווערן פון חדר אויף אַ פּאָר וואָכן. דערנאָך די נייע בגדים, די בעסערע מאכלים, די ריינע אויסגעווייסטע שטוב — די אַנדערע כּלים, די פאַנטאַסטיש־קאָלירטע כּוסות. די רייצנדע מצות און אַפילו די הגדה, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון אַנדערע ספרים.

די בילדער און ווערטער פון דער הגדה פלעגן מיך ממש באַצויבערן. עס האָט פון זיי אַלע יאָר, ווען מ׳האָט זיי אַרונטערגענומען פונעם בוידעם, געשמעקט מיט נייקייט, מיט פרעמדע ווייטע לענדער און מיט זיסע פאַר־בענקטע נגונים.

אַלצדינג איז געווען אַנדערש לכבוד פסח. אַפילו די תמיד־בייזע מרה־שחורה׳דיקע מלמדים, זיינען געוואָרן בעסער, ווייכער און צוגעלאָזענער, ווען זיי האָבן מיט אונדז נאָך דעם עמוד גמרא, געלערנט דעם שיינעם „שיר־השירים״. אַלץ אַרום איז געווען שיר השירים׳דיק.

הכלל, יענעם פסח זיינען מיר צוויי „אומגליקן״ געשען: דער ערשטער אומגליק איז געווען, וואָס דער שניידער האָט מיין קאַפּאָטקעלע, דאָס מאָל גראָדע פון נייער סחורה, ניט פאַרטיק געמאַכט אויף פסח. כאָטש ער האָט געקראָגן די באַשטעלונג אַ טאָג נאָך פורים.

אַזוי האָט זיך מיין טאַטע תמיד נוהג געווען. באַלד נאָך פורים האָט ער אַריינגערופן דעם שוסטער, און באַשטעלט פאַר אַלעמען שיך. דעם מענער־שניידער און דעם ווייבערשן־שניידער, אָוועקגעגעבן זיי די סחורה וואָס ער האָט ביסלעכווייז, דורכ׳ן ווינטער איינגעקויפט — און זיי זאָגן: למען השם עס זאָל פאַרטיק ווערן אויף יום טוב!

די שניידער האָבן צוגעזאָגט און פון אַלעמען אָראָפּגענומען די מאָס, פאַרצייכנדיק מיט אַ בליישטיפט אויף אַ ברוינעם שטיקל פּאַפּיר.

ער האָט זיי טאַקע באַלד געגעבן האַנט־געלט, וואָס ער האָט שוין גע־האָט אָנגעגרייט, פונקט ווי ער האָט באַצייטנס אָנגעגרייט קאַרטאָפל, אַ זאַק מעל און האָלץ פאַר׳ן גאַנצן ווינטער.

עס איז געווען אַ באַלעבאָס, דער טאַטע מיינער, אין זיין אָרעמ־קייט. און ווען די בעל מלאכות האָבן אַריינגעבראַכט די פאַרטיקע מלבושים, וואָס האָבן געשמעקט מיט פרישקייט, האָט ער שוין געהאַט ס׳איבעריקע געלט, און זיי נאָך געגעבן אויף אַ טרונק בראָנפן. און ווען זיי זיינען אַוועק, און ער האָט זיך נאָכאַמאָל גענומען באַקוקן די בגדים מיט די שיך, האָט ער אַ זאָג געטאָן די זעלבע רייד, וואָס פאַר אַ יאָרן און פאַר צוויי יאָרן. אַז איך קען צורייסן די שיך באַלד, איידער טראָגן זיי דעם גאַנצן יאָר. קיין אַנדערע שיך אָדער הויזן, וועל איך ביז קומענדן פסח, אַז מ׳וועט דערלעבן, ניט קריגן.

געוועדט האָט ער נאָר צו מיר, ווייל כ׳בין געווען דער גרעסטער ריי־סער, פלעג איך טאַקע כמעט דעם גאַנצן זומער אַרומגיין באָרוועס, כדי צו שפּאָרן די שיך אויפ׳ן ווינטער.

ס׳איז שוין געווען באַלד פאַרנאַכט. מיר זיינען שוין אַלע געקומען פון באָד, אָנגעטאָן אין ווייסע העמדער, וואָס האָבן אַביסל געקנאַקט פון ניי־קייט. די שטוב איז שוין געווען אויפגערוימט, יום־טוב׳דיק — נאָר אָנ־צוצינדן די ליכט אין די אָפּגעפּוצטע מעשענע לייכטער. ווען די שניידער זיינען אין איילעניש אַריינגעקומען מיט די פאַרטיקע מלבושים, זיי אַרויפ־געלייגט אויפ׳ן טיש און גענומען יעדן איינעם אָנמעסטן דעם נייעם מלבוש.

אַט איז דער טאַטע אין זיין נייער קאַפּאָטע, די ברידער אין זייערע שוואַרצע פּאַלטעלעך... הויזן עטלעכע פּאָר ליגן. אַלץ איז פּאַרטיק, נאָר ניט מיין מלבוש...

כ׳האָב זיך צעוויינט, און אין האַרצן אָנגעהויבן צו שילטן דעם שניידער, וואָס איז געשטאַנען פאַרן טאַטן אַ פאַרשולדיקטער, ער האָט זיך פאַרענטפערט און געשוואָרן:

— ווי איך בין אַ ייד, ר׳ יהושע, איך האָב ניט געקענט... געזעסן אַ גאַנצע נאַכט... עס איז האַלב אין דער אַרבעט... אפשר אויף די צווייטע טעג...

איך האָב געגלויבט דעם שניידער, ווען ער האָט זיך געשוואוירן אַז ער איז געזעסן די גאַנצע נאַכט. כ׳האָב אים מיטגעפילט און פאַרגעבן. אָבער מיר איז ניט בעסער געוואָרן. כ׳האָב געפילט אַז דער גאַנצער יום טוב איז מיר אַ פאַרשטערטער און האָט נישט דעם טעם און שיינקייט, וואָס פסח דאַרף האָבן.

כ׳בין אַ פאַרוויינטער, אַ צעערגערטער, געזעסן ביים סדר. ווען כ׳האָב געפרעגט די פיר קשיות, האָבן טרערן מיך געשטיקט אין האַלדז. איך האָב נישט געקענט טרינקען דעם זיסן ראָזשינקע־ווייַן און הנאה האָבן פון די געשמאַקע מאכלים.

ס׳האָט אַפילו נישט געהאָלפן, וואָס אויף מאָרגן האָט מען פאַר מיר פון ר׳ איציק שניט־קרעמער געבראַכט כמעט אַ שפּאָגל ניי כאַלאַטל, פון זיין ייִנגל אין מיין עלטער.

כ׳בין נישט געווען צופרידן. דער טאַטע האָט מיט מיר אָנגעהויבן איינ־צומענה׳ן:

— נו, טו אָ טאָפּ די סחורה. אפשר דריי קערבלעך אַן אַרשין. איציק קרעמער מאַכט פאַר זיין בן יחיד דאָס בעסטע. — און זע די פּאַדשיוועקע! — טו אָן, פּאַלג מיך, ס׳איז פונקט ווי ניי.

דער טאַטע האָט גערעדט צו מיר מיט רחמנות אין זיין קול. כ׳האָב אים זייער ליב געהאָט און אויך מורא געהאַט פאַר אים. כאָטש ער האָט מיך זעלטן געשלאָגן. פאַרזוכן זיינע קלעפּ פלעגן איך נאָר דאַן, ווען כ׳האָב צו־בראָכן דעם וואַנט־זייגער וואָס איז שוין אפשר הונדערט יאָר אַלט געווען; אַ ירושה פון זיין זיידן.

כ׳האָב זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט דעם וואַנט־זייגער. כ׳האָב ליב געהאַט צו זען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. באַוואונדערן די אָן אַ שעור ציינדעלעך, רעדעלעך. כ׳פלעג אים מאַכן קלינגען מיט זיין אומעטיקן קלאַנג. דרייען די ווייזערס הין און צוריק, ביז ער איז געבליבן שטיין. דאַמאָלט פלעגט שוין דער טאַטע מוזן פונאַנדערנעמען דעם גאַנצן זיי־

גער, אויסבלאָזן און אויסשמירן יעדן רעדעלע, מיט אַ פעדער איינגע־טונקען אין נאַפט — און אים צוריק אויפהענגען אויפן וואַנט אַ פרישן, אַ געזונטן — מיט אַ לעבעדיקן גאַנג, און אַ נייעם פרישן קלאַנג און מיט אַ ריינעם אָפּגעווישטן פּנים.

ער פלעגט מיר אַמאָל דערלאַנגען פאַר'ן צערייסן דאָס היטל, פאַר'ן אויסשלאָגן ביי עמיצן אַ שויב, פאַר ניט גיין אין באָד אַריין, פאַר שלאָגן זיך מיט שקצים און פאַר'ן אַנטלויפן פון בית המדרש אין מיטן דאַ־ווענען.

זיינע קלעפּ פלעגן בריען און שמאַרצן, ווי עס פלעגט מיר ברענען און שמאַרצן, אַ קאָמפּרעס פון צעשטויסענע גאַרשיטשע, וואָס ער האָט מיר אַלע־מאָל צוגעלייגט ווען דער בויך האָט מיר ווי געטאָן.

כ'האָב אָנגעטאָן דעם אויסגעבאַרגטן, אָדער אָװעקגעשענקטן בגד, וואָס איז געווען אַביסל צו שמאָל צו קענען פאַרקנעפּלען, און בין אַוועק מיט אַ געפּיל פון בושה אין שול אַריין.

איך בין אַפילו נישט צוגעגאַנגען צו די יינגלעך, וואָס האָבן פריילעך גע־שטיפט און זיך געריבמט איינער פאַר'ן אַנדערן מיט זייערע נייע זאַכן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ וואָס האָט מיט מיר יענעם פּסח געטראָפן. ווען איך האָב באַוויזנט מיין קאַפּאָטקעלע וואָס איז געלעגן ביים שניידער האַלב־געמאַכט, האָב איך גאָר ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ כמאַרע עס רוקט זיך אָן איבער מיין קאָפּ!

דעם ערשטן טאָג חול המועד, איז צו אונדז אין שטוב אַריינגעקומען דער אַלעמענס באַוואוסטער סיקליער מלמד, און ווי כ'האָב פאַרשטאַנען איז ער ביט געקומען צו גאַסט. ווייל דער טאַטע האָט אים, ווי עס האָט אויסגעזען, דערוואַרטעט און דערפאַר געווען אין דערהיים.

דער סיקליער מלמד איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייער גלאַנציקער קאַפּאָטע, פאַרגאַרטלט. אויפ'ן אָפּגעשוירענעם קאָפּ איז שטייף געזעסן אַ ניי סאַמעטענע היטל, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך העכער, ווי ער איז געווען. אויפ'ן האַלדז מיט'ן שאַרפן גאַרגל־קנאָפּ, האָט ער געטראָגן אַן איינגעבונדן שוואַרץ זיידענע פאַרטשיילע, מיט אַ האַלבן שמייכל האָט ער געזאָגט, גוט יום טוב.

דער טאַטע האָט אים צוגערוקט אַ בענקל. ער האָט פאַנאַנדערגענו־מען דעם שפּאַלט פון דער קאַפּאָטע, זיך אַוועקגעזעצט. די צוויי פּאָלעס האָבן אַרונטערגעהאַנגען פוןביידע זייטן שטול ביז צו דער ערד.

שייוע האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש זויערן ווייַן און הייסע טיי מיט אַ מצה־קוגעלע. ביידע מאַנסבילן האָבן זיך צערעדט איבער שטאָטישע ענינים.

דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן וועגן מיר. דער טאַטע האָט אים גע־זאָגט, אַז איך האָב נישט קיין שלעכט קעפּל און ס'איז שוין צייט פאַר מיר אָנצוהויבן לערנען גמרא.

דער סיקליער האָט אויסגעהערט, געפינטלט מיט די אויגן און אַריינ־גענומען די נאָז זיינע צווישן די פינגער, פאַרשטעלנדיק מיט דער דלאָניע די וואָנצעס, מיט אַ האַלב פון זיין שפּיצעק בערדל. ער האָט עפּעס געמורמלט און צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ. ס'הייסט אַז ער איז מסכּים.

איך בין געזעסן אַ דערשלאָגענער, ווי אַ פאַרמשפּט'ער. עס איז מיר געווען זייער טרויעריק אויפ'ן האַרצן, און כ'האָב אין יענע מינוטן מקנא גע־ווען יעדער מיידל, יעדער אַלטער יידענע, קליינע קינדער אין די וויגן; אַלטע מענטשן, טאַטעס און מאַמעס און, להבדיל, יעדן גוי, — וואָס דאַרפן נישט גיין אין חדר, בפרט צום סיקליער מלמד.

בלויז יינגלעך אין מיין עלטער האָבן געקענט פילן, וואָס איך האָב גע־פילט, בעת כ'האָב געקוקט אויפ'ן טאַטן און אויפ'ן רבי'ן. זיי האָבןביידע אויסגעקוקט צופרידן און אויפגעלייגט, סיי פונעם זויערן ווייַן מיט דער הייסער טיי, און סיי פונעם מלמד'אישן געשעפט, וואָס זיי האָבן ערשט גע־מאַכט און האָבן אסור פאַרשטאַנען וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי מיר אויף דער נשמה.

דער חדר איז געווען אַנטקעגן אונדזער שטוב. דער סיקליער האָט געוואוינט ביי מיין מומען — דער מאַמעס שוועסטער נחמה. האָט ער, שוין, שטייענדיק ביי דער טיר אַרויסצוגיין, זיך אויסגערעדט פאַר'ן טאַטן האַלב שטאַמלנדיק:

— ס'הייסט... איר פאַרשטייט — אַן אייגענע — אַ מומע... פון חדר דאַרף מען נישט דערציילן...

האָט אים דער טאַטע פאַרשטאַנען און באַרואיקט, אַז ער דאַרף נישט מורא האָבן, און צוגעגעבן.

— ביי מיר איז ער ניט קיין מיוחס — אָנווייזנדיק אויף מיר.

וואָס פאַר אַ כוונה דער טאַטע האָט געהאַט, ווען ער האָט עס געזאָגט, — ווייס איך נישט.

אפשר האָט ער מיר געוואָלט לאָזן וויסן, אַז כאָטש דער חדר איז ביי דער מומען אין שטוב זאָל איך מיך נישט איבערנעמען — נאָר בפירוש מורא האָבן פאַר'ן רבי'ן — און צולייגן אַ סך קאָפּ צום לערנען. אָבער זיינע ווער־טער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק און דער עגמת נפש איז געווען אַזוי גרויס, — אַז כ'האָב זיי אַ לאַנגע צייט ניט געקענט פאַרגעסן.

פערטער קאַפּיטל

1

כמעט דעם גאַנצן ווינטער, ביז אַרום פּורים־צייט — איז דאָס שטעטל געווען איינגעהילט אין שניי. די פרעסט האָבן פאַרגליווערט די שטיבלעך און פון ווייטן געגעבן דעם אָנבליק פון אַלערליי ווייסע סטאַטועס. ביי די ברעגן פון די ווייסע דעכער זיינען אַרונטערגעהאַנגען לאַנגע אייז־פינגער, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט רויטע און גרינע פייערלעך. די שלאַנקע ביימער זיינען געווען ווי אָפּגעזילבערט. אַרום די ברונעמער האָט דער פראָסט פונעם פאַרגאָסענעם וואַסער, אויסגעפורעמט פאַנטאַסטישע פיגורן. אויפ׳ן שליאַך אין מיטן שטאָט, וואָס איז געווען גלאַנציק און גלאָט, האָבן זיך אַ דורכגעגליטשט שליטנס מיט אָנגעפּעלצטע פויערים און פויערטעס. פון קעלט זיינען ביי די גוים די וואָנצעס געווען באַהאַנגען מיט שטיקעלעך אייז. ביי די פרויען האָט מען מער ווי פאַררויטלטע נעזער און פאַרטערטע אויגן ניט אַרויסגעזען. פערד האָבן זיך אַלע ווײַלע אַ גליטש געטאָן, און שווער געאָטעמט. אַ קלאָרע דורכזיכטיקע פאַרע, איז דורך זייערע נאָזלעכער געגאַנגען. אין די געסלעך האָט דער פאַרפרוירענער שניי געסקריפּעט אונטער די פיס פון די איילנדיקע, שווער־אָנגעטאָענע, אין שאַלן איינגעהילטע מענטשן, וואָס האָבן צוליב עפּעס באַדאַרפט ערגעץ גיין.

מאַרק־מענטשן און קרעמער, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג געמוזט פאַרברענגען אין דרויסן, זיינען געווען אָנגעטאָן אין וואַרעמע פוטערס און בורקעס מיט קאַפּטאַנעס. אַנדערע אין קוטשמעס און וואָלענע „וואָלינקעס" אויף די פיס, אויסגעבעט מיט שטריק אינעווייניק. קרעמערקעס האָבן זיך אַרום די פייער־טעפּ געוואַרעמט אין די קלייטן אָנגעטאָן אין וואַטאָווע שפּענצערס, מיט וואָלענע הענטשקעס אָן פינגער. די איבעריקע פון שטעטל האָבן זיך באַהאַלטן אין די שטיבער ביי די אָנגעהייצטע הרובעס, און הנאה געהאַט פון די אָנגעגרייטע שפּייזן, וואָס זיינען געלעגן אין די קאַלטע קאָמערן.

ווען נאַכט איז צוגעפאַלן און יידן זיינען אַ היים געגאַנגען פון מנחה־מעריב, איז דאָס שטעטל געווען פאַרלאָזן, פאַרדרעמלט, פאַרחלום׳ט.

פון די טאָפּלטע פענצטער אין די שטיבער, האָט זיך, דאָ און דאָרט, דורכגעשלאָגן אַ שוואַכער שיין פון אַ נאָפט־לעמפּל. אַט די פייערלעך האָבן געצאַנקט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין די בעל מלאכה׳שע היי־זער. ווען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין געשלאָפן אונטער די חאַרעמע איבערבעטן, זיינען שוסטערס און שניידערס נאָך אַלץ געזעסן ביי דער אַרבעט אויף די באַשטעלונגען — וואָס פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים האָבן געגעבן עס זאָל פאַרטיק ווערן אויף פּסח.

אויך צוליב דעם וואָס יינגלעך זצנען געגאַנגען ביי נאַכט אין די חדרים, האָבן לאָמפּן געברענט אין די מלמדישע הייזלעך ביז אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט. ווען די יינגלעך האָבן זיך מיט פריילעכקייט און געזאַנג אַרויסגע־לאָזט מיט די לאַמטערנעס אַהיים עסן וועטשערע.

דאָס געזאַנג איז געווען כדי צו פאַרטרייבן די מורא וואָס די יינגלעך האָבן געפילט גייענדיק ביינאַכט אין די שטילע געסלעך.

אַן אומבאַוואוסטע שרעק פאַר אַן „עפּעס" איז געווען פאַרשפּרייט צווישן קינדער, און אַפילו — דערוואַקסענע. איבערהויפּט ווייבער, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז — און פאַר וואָס מ׳דאַרף מורא האָבן.

אַלערליי שרעקענדע מעשיות, פאַנטאַסטישע, אַבערגלויבערשע, זיינען דערציילט געוואָרן אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פון מאַנסבילן און ווייבער.

מ׳האָט זיך אַנדערציילט, פון משוגעים, לצים, נישט־גוטע — און פון ווילדע חיות מיט צוועלף קעפּ, וואָס קענען איבערקערן אַ וועלט... מ׳האָט דערציילט פון מתים וואָס לאָזן זיך אַרויס יעדע נאַכט נאָך צוועלף אַ זייגער פון זייערע קברים, און פילן אַן דאָס בית־מדרש, כאָטש מ׳קען זיי ניט זען... און אַמאָל געפינט זיך גאָר אַ מת אין מקווה, פונקט דאַמאָלט, ווען אַ ווייבל גייט צו טבילה!...

די מעשה־דערציילער רופן אַן נעמען און ערטער און אפילו די צייט ווען עס האָט פּאַסירט.

מ׳דערציילט אויך מורא׳דיקע געשיכטעס פון געפערלעכע גנבים און רויבער, ציגיינער וואָס כאַפּן יידישע קינדער און וואַלד־גזלנים וואָס הרג׳־ענען מענטשן, און נעמען אַרויס דאָס פעטס צו מאַכן חלב׳נע ליכט...

אַנדערע דערציילן פון שרעקלעכע בייזע הינט, פון וועלף און ווילדע חזרים. אויך מעשיות פון כשוף מאַכער, וואָס קענען זיך פאַרשטעלן, פאַר אַ קעלבל, אַ פערד, אָדער פאַר אַ שוואַרצער קאַץ, וואָס גנב׳עט זיך אַריין אין אַ שטוב פון אַ קימפּעטאָרין, צו דערשטיקן דאָס עופּה׳לע איידער עס ווערט אַכט טעג אַלט, דאַן ווען דער מכשף, אָדער מכשפה פאַרלירן די שליטה.

צו די פאנטאסטישע מעשיות וואס קינדער האבן זיך אנגעהערט פון וועלכע זיי האבן געהאט פחד, זיינען אויך געווען אמת׳ע מעשיות, וואס האבן נים ווייניקער געשראקן.

מ׳האט זיך אנדערציילט פון גרויסע שריפות, פארפלייצונגען און עפי־דעמיעס וואס האבן אפגעווישט גאנצע שטעט. געשיכטעס פון מענטשן, וואס זיינען געפארן צו א חתונה, און פלוצים האט אין מיט׳ן וועג אויסגעבראכן א שניי־זאווערוכע, וואס האט זיי אלעמען פארשאטן און מ׳האט זיי ערשט געפונען פאר פסח, ווען דער שניי איז שוין געווען אינגאנצן צושמאלצן.

און וויפל מאל האט פאסירט, אז א בעל עגלה האט פארבלאנדזשעט, נישט געקענט געפינען דעם וועג, און פלוצים האט ער דערזען א בריק — און עס איז גאר קיין בריק נים געווען! און דער וואגן מיט אלע מענטשן זיינען אריינגעפאלן אין א טיפן טייך!

אזעלכע שוידערלעכע מעשיות פלעגן יינגלעך מיט פחד נאכדערציילן איינער פארן אנדערן. און ווען מ׳איז ביי נאכט א היים געגאנגען, האט מען זיך מים שרעק געהאלטן פאר די הענט. אנדערע האבן גייענדיק גע־לייענט קריאת־שמע און ארויסגענומען די ציצית פאר א סגולה.

די בעסטע צייט זיך צו דערציילן די אלע מורא׳דיקע מעשיות, איז געווען בין השמשות, ווען דער סיקילער מלמד איז אוועק דאווענען מנחה־מעריב. דער פחד וואס איז געווען פיל שטארקער אין דער טונקלקייט, זיצנ־דיק נאענט איינער צום אנדערן, האט אונדז אויך פארשאפט א געוויסע הנאה, — פון דער סארט הנאה, וואס ס׳האט א ייד א בעל־תשובה בעת ער פייניקט זיך.

וואס שרעקלעכער די פאסירונג, אלץ נעענטער האבן מיר זיך צוזא־מענגערוקט, און אלץ מער האבן מיר געוואלט הערן.

מער פון אלץ האבן מיר ליב געהאט צו הערן מעשיות פון דיבוקים, וואס האבן אויסער דער מורא אויך געהאט אין זיך דעם מופת, און דעם געט־לעכן כוח פונעם צדיק ארויסצוטרייבן דעם דיבוק. דאס האט אונדז פאר־טראגן אין ווייטע וועלטן.

איך, זייענדיק נאענט צום רבינ׳ס הויף, האב וועגן דעם געהאט מער מעשיות צו דערציילן, ווי עמיצער אנדערש. אין מיין צופלאמטער פאנטאזיע, איז דעמאלט געווען ביי מיר זיך צו שווערן — „ווי איך שטיי אונטער׳ן הימל פון גאט״, אז איך בין אליין געווען דערביי, בעת דער רבי האט איינמאל ארויסגעטריבן א דיבוק.

מיר איז גאר נים איינגעפאלן, אז איך זאג א ליגן. — דער גלויבן, אז דער רבי קען עס טאן, איז ביי מיר געווען אזוי גרויס, אז כ׳האב זיך איינגע־רעדט, איך בין טאקע געווען דערביי.

— דערצייל, דערצייל, האָבן זיך יינגלעך געבעטן, און אָנגעשפּיצט אויגן און אויערן.

— כ'וועל דערציילן, אָבער זיצט שטיל און שלאָגט מיר ניט איבער.

— דער רבי, זאָל לעבן, האָט איך אָנגעפאַנגען מיט אַ שטיל קול — איז געשטאַנען אין מיט'ן חדר. אַרום אים אַלע גבאים. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ זיידענער ווייסער זשיפּיצע — די זעלבע זשיפּיצע, וואָס ער טוט אָן יום כיפּור צו נעילה. און מיט אַ ווייסן גאַרטל אַרומגעגאַרטלט. איבער דער יאַרמולקע האָט ער געהאָט דעם שבת'דיקן שטריימל. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם באַזילבערטן שטעקן. אויפ'ן טיש, לעבן זיין ווייך־פאַרבעטער לעדערנער שטול, איז געלעגן אַן אָפענער ספר—אַוודאי אַ קבלה ספר, האַלב פאַרדעקט מיט אַ רויטער פאַרטשיילע און די גאָלדענע טאַבאַק־פּושקע איז געווען דערביי. איינער פון די גבאים האָט צוגעבראַכט דעם רבי'ן אַ פאַררויכערטע ליולקע. ער האָט עטליכע מאָל אַ צי געטאָן, דער גאַנצער חדר איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ געדיכטן רויך, ווי אַ שווערער טומאַן. איינער האָט ניט געקענט זען דעם צווייטן. נאָר דעם צדיק מיט דער ווייסער קאַפּאָטע האָט מען געקענט זען.

מיר זיינען אַלע געשטאַנען שטיל און מורא געהאַט צו אָטעמען אַפילו. דערנאָך האָט מען געהערט מפּיו הקדוש.

— זלמן בן שרה! איך בין אויף דיר גוזר, און באַשווער דיך, אַז דו זאָלסט באַלד, תיכף ומיד, אַרויס פון דער אישה מלכה פערל!

דער רבי האָט גערעדט שטיל און פאַמעלעך. עס איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. אָבער דער דיבוק, זלמן בן שרה, האָט נישט געענטפערט.

אַלע זיינען געשטאַנען שטיל און געוואַרט מיט מורא. דער רבי האָט אויך געוואַרט און גאַרנישט איז געשען.

— זלמן בן שרה! האָט דער רבי ווידער אויסגערופן, און נאָך שטאַרקער געצויגן פון דער ליולקע.

שאַ, שטיל — מ'הערט גאַר נישט!... כ'ציטער פון שרעק! — אַפילו מיין טאַטנס האַנט האָט געציטערט.

דער רבי איז געוואָרן בייז. — מיטן שטעקן האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פאַדלאָגע — און אויסגעשריען:

— איך בין גוזר!

פון אַ ווינקל האָט זיך דערנענטערט די אישה מלכה פערל — און דער „דיבוק" האָט אָנגעהויבן אַרויסצורעדן פון איר מויל.

ער האָט דערציילט, אַז שוין העכער דרייסיק יאָר ווי ער וואַלגערט זיך אַרום איבער דער וועלט, און ווי ער איז שוין מגלגול געוואָרן אין אַלער־ליי חיות און ביימער און שטיינער. און ווי ער איז אַמאָל געווען אַ גוטער

חזן, אן ערלעכער ייד. אָבער איינמאָל אין אַ ראָש השנה, פאַר שופר־בלאָזן, איז ער געשטרויכלט געוואָרן אין אַ שווערער זינד... דער שטן מקטרג האָט אים פאַרפירט.

און ווען מלכה פערל, נאָך אַ יונג־ווייבל, איז איינמאָל אַ שבת׳צונאַכטס נאָך הבדלה, געגאַנגען מיט איר מאַמע׳ן צום ברונעם נאָך אַן עמער וואַסער, איז ער פון ברונעם אַריין גלייך אין איר.

דער צדיק האָט זיך איינגעהערט וואָס דער דיבוק האָט דערציילט, און געהאַלטן אין איין ציען פון דער ליולקע, און בלאָזן דעם רויך אין אַלע פיר ווינקלען פון חדר. אָבער איצט איז שוין דער רויך ניט געווען אַזוי געדיכט, און איינער דעם אַנדערן האָט געקענט זען.

דער „דיבוק", האָט אָנגעהויבן בעטן מיט אַ וויינענדיק קול, אַז דער הייליקער צדיק זאָל אים געבן אַ תיקון, מחמת, ער איז שוין גענוג אָפּגעקומען.

דערנאָך, האָט דער רבי געהייסן, אַז מלכה־פערל זאָל זיך אומקערן מיט׳ן פנים צום פענצטער און אַרויסשטעלן דעם קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט.

פלוצים, האָט זיך דערהערט אַ קנאַק! אַ שויב איז צעבראָכן געוואָרן. דער דיבוק איז אַרויס.

די יינגלעך האָבן מיט שרעק אויסגעהערט די מעשה, און מיך מקנא געווען, פאַר האָבן די גרויסע זכיה צו זיין דערביי...

2

חוץ די מופתים, און אַנדערע פאַנטאַסטישע מעשיות וואָס האָבן פאַרכאַפּט די יינגלשע הערצער, האָבן מיר אויך ליב געהאַט צו הערן די געוואַגטע מעשים פון די יידישע העלדן אין אונדזער שטעטל. און מיר האָבן געהאַט זייער אַ סך פון זיי צווישן די בעל מלאכות. ווי למשל, די גוטע שווימער, וואָס האָבן געראַטעוועט מענטשן פון דערטרינקען ווערן: גרויסע בריה׳ס צו לעשן אַ שריפה און קריכן ממש אין פייער אַריין; און די יידישע גיבורים וואָס האָבן זיך געקענט אַן עצה געבן מיט דער גרעסטער צאָל צעווילדעוועטע פויערים, וואָס פלעגן אויף אַ יריד פאַרפירן אַ געשלעג מיט די יידישע קרעמער.

יעדער איינער פון אָט דער חברה, האָט געקענט שלאָגן צען אויף אַ מאָל...

מיר האָבן די דאָזיקע יידישע גיבורים ממש פאַרגעטערט, און געפילט אַ זיכערקייט — אַז זיי וועלן אַלעמאָל באַשיצן ס׳שטעטל פון די כולי־

גאַנעס. און גליקלעך איז געווען דער יינגל, וואָס האָט כאַטש איינעם אַזאַ שטאַרקן מענטשן געהאַט אין זיין משפּחה. צו זיין שטאָלץ איז נאָך צוגעקומען דער דרך ארץ, וואָס די חברים האָבן געהאַט פאַר אים און מורא געהאַט מיט אים זיך צו פאַרטשעפּן.

אין דעם פּרט האָב איך געהאַט מיט וואָס זיך צו באַרימען. נישט נאָר מיט מיינע דריי ברידער וואָס זיינען ניט געווען קיין „שוואַכע" יינגלעך, נאָר אויך מיט אונדזער מחותנ׳ס פיר זין, געזונטע יונגען. איבערהויפּט פלעג איך זיך באַרימען מיט דעם עלטסטן פון די זין, כאַצקל, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר׳ן סאַמע שטאַרקסטן. און אַלע, נישט נאָר אין אונדזער שטעטל, נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן פאַר אים געציטערט.

אָבער איינמאָל האָט כאַצקל עפּעס אָפּגעטאָן, וואָס האָט פאַרשעמט זיין טאַטן ר׳ יוסף מוכר ספרים׳ניק, וואָס איז געווען אַ שיינער ייד און אַ למדן. כאַצקלס אייזערנער גבורה האָט פאַרלאָרן דעם גלאַנץ פון יידישער העלדישקייט און אָנגענומען די פאָרמע פון ברוטאַלער מאַכט און „בויאַנסטווע". און פילע פון די, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, און זיך מיט אים געגרויסט, האָבן אים שפּעטער פיינט געקראָגן און אים אָנגערופן אין דער שטיל „כאַצקל פערד".

די מעשה איז אַזוי געווען: איינמאָל, פאַר חנוכה, ווען איבערן שטעטל איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי, האָט זיך אַ שליטן מיט פאַרשוינען, געשלעפּט פון באַגלעקלטע פערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו פישקע בעל עגלה, זיך הורכגעטריבן שנעל איבער׳ן מאַרק — און זיך אָפּגעשטעלט ביי נאַכציעס אַכסניה.

איז דאָס גופא געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג, און קיינער האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט ווער עס איז געקומען. מ׳האָט שוין געוואוסט אויך אויסנווייניק: דאָס זיינען געווען אַ פּאָר קרעמער, וואָס זיינען געפאָרן אין קאָוולע איינקויפן אַ ביסל סחורה; אַ מלמד, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיטן „בלעטל", וואָס ער האָט געקראָגן פון דער מאַכט, אַז ער מעג האַלטן אַ חדר; אַ שדכן וואָס איז געפאָרן וועגן אַ שידוך; אַ בעל דרשן צו האַלטן אַ דרשה שבת נאָכן שלאָף; אַ משולח פון אַ ישיבה, אָדער א חסיד וואָס איז געקומען צום רבי׳ן. — אַלץ אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס קיינער האָט ניט באַדאַרפט גיין זיי אָנקוקן אָדער נאָכפרעגן זיך ווער זיי זיינען.

אָבער דאָס מאָל האָט זיך צווישן די איבעריקע מענטשן אין שליטן באַוויזן אַ פאַרשוין, וואָס האָט אויף זיך געצויגן יעדנס אויפמערקזאַמקייט: דאָס איז געווען אַ מאַן מיט אַ ליכטיק שיין אָפּגעגאָלט פּנים, און מיט שמאָלע פאַרשפּיצטע וואָנצעלעך, אָנגעטאָן זייער גביריש, אַריסטאָקראַטיש און וואָס האָט גערעדט אַ שיינעם רוסיש. האָט מען פאַרשטאַנען — אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ פּריץ, אָדער אַ זון פון אַ פּריץ, וואָס איז אויך ניט קיין בייזער

אין שטעטל. אָבער ווען ער האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם טייערן פוטערנעם מאַנטל מיט'ן ברייטן קראַקולענעם קאָלנער און קראַקולענע קוטשמע, און מ'האָט זיך גענומען צו אים נעענטער צוקוקן, האָט מען דערקענט אַ יידישע נאָז — מיט אַ פּאָר יידישע אויגן.

— ער שטאַמט מסתמא פון די יידן, וואָס וואוינען אין פּעטערבורג, אָדער אין מאָסקווע — האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

— ווייס איך! ער איז אַ ייד, ווי איך בין אַ רביצן — האָט אַ קרע־מערקע געזאָגט.

— קיין ישיבה־בחור איז ער נישט. דאָס קען מען זען פון זיין הילוך און פון זיין רעדן — האָט אַן אַנדערער באַמערקט — אַלץ הייסט יידן!

פאַרנאַכט איז אָט דער גלוח געקומען אין בית־מדרש און אַלע זיינען געווען נייגעריק אים אָנצוקוקן און אויסגעפינען ווער ער איז.

די ייִנגערע באַלעבאַטים, סוחרים, וואָס קענען רעדן רוסיש, זיינען מיט דרך־ארץ צוגעגאַנגען צו אים אָפּגעבן אַ שלום עליכם, און גע־זוכט ווי צו פאַרפירן אַ געשפּרעך. די עלטערע יידן האָבן בלויז געקוקט דורך זייערע ברילן און טיפע ברעמען, באַטראַכט דעם פאַרשוין, וואָס קוקט אויס מער גוי, ווי ייד, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — „עט".

און דאָס יידישע פּריצל איז זיך געזעסן שטיל, מיט קיינעם ניט גע־רעדט און בלויז באַטראַכט די יידן וואָס האָבן פון אים די בליקן ניט אַראָפּ־גענומען.

עס זיינען אַוועק וואָכן, און קיינער האָט ניט געוואוסט זיין נאָמען, קיי־נער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער קומט און וואָס ער וויל דאָ אין שטאָט.

מ'האָט געוואוסט, אַז כאָטש ער קומט יעדן טאָג דאַווענען, און מ'טרעפט אים גאַנץ אָפט ביי אַן אָפענעם ספר, זיצט ער אָבער גאַנצע נעכט ביים פּוי־לישן פעלדשער, גייט אַרום אַן אַ היטל, עסט דאָרט מסתמא טריפה מאכלים, לייענט דאָרט די פּוילישע און רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן, שפּילט אויף דער פּיאַנאָ און שפּילט אויך אין קאָרטן מיט די פּריצים וואָס קומען דאָרט אַריין.

וואָלט ער נישט פאַרבראַכט אַזוי פיל צייט מיט די פּוילישע פּריצים און זייערע שיינע פרויען, און וואָלט ער געווען אַ ביסל עלטער, און געהאַט אַ בערדל, וואָלט מען אים אינעם חסידישן שטעטל, פאַר זיין מיסטעריעזער אויפפירונג און פאַר זיין אָפט פאַרשוואונדן ווערן אויף אַ פּאָר טעג, מסתמא אָנגענומען פאַר אַ למד וואָווניק.

אָבער סיי ווי, האָבן זיך אַרום אים אָנגעהויבן וועבן פאַרשיידענע מעשות און לעגענדעס. וואָס איינער האָט געוואָלט, האָט ער וועגן אים דער־ציילט. יעדער לויט זיין השגה און פאַנטאַזיע. געווען אַזעלכע וואָס האָבן

געזאָגט, אַז ער קען מער לערנען, ווי די אַלע בחורים, וואָס זיצן איבער די גמרא׳ס, און גרייטן זיך צו ווערן רבנים.

אַנדערע ווידער האָבן דערציילט, אַז ער קען רעדן ווי אַ מגיד און אַז ער זאַמלט געלט אין שטעטל, און צעטיילט עס צווישן די אָרעמע לייט אַלע ערב שבת.

אַ טייל האָבן געוואָלט האָבן — אַז ער איז גאָר אַ גוי, — וואָס איז אַנט־לאָפן פון אַ רייכער היים און האָט זיך מגייר געווען...

איינער האָט דערציילט, מיט אַ זיכערקייט, ווי ער וואָלט געוואוסט דעם גאַנצן אמת, — אַז דער יונגער מאַן איז אַ גביר׳ס אַ זון, וואָס איז אַנט־לאָפן פון פּאַניע׳ן — און ער באַהאַלט זיך דאָ אויס, ביז ער וועט קענען אַריבער די גרענעץ און פאָרן קיין ארץ ישראל.

און נאָך אַסך זאַכן האָט מען וועגן אים דערציילט, ביז וואַנען פישל דער וואַלד־סוחר איז אַ היים געקומען אויף פּורים. און ווי נאָר ער האָט באַ־טראַכט דאָס שיינע פּריצ׳ל, האָט ער דערקלערט:

— פאַרשטייט איר מיך, האָט ער געזאָגט. ער קוקט דווקא אויס צו זיין אַ טאַטנס אַ קינד, אַ גביריש קינד. נאָר ער איז נעבאַך אַרונטער פון גלייכן וועג... ער איז איינער פון די „ציציליסטן", וואָס ווילן אַרונטערוואַרפן דעם קיסר... און דער פאָטער זיינער האָט אים דערפאַר פאַרטריבן.

ערשט איצט האָבן אייניקע עפּעס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין... און עס איז זיי קלאָר געוואָרן אַסך זאַכן...

האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים אי מיט מורא, אי מיט רעס־פּעקט. און אַסך פרומע יידישע טעכטער, האָבן די שענסטע חלומות געחלום׳ט איבער דעם שיינעם בחור מיט די שוואַרצע געקרייזלטע האָר און חנ׳עוודיקע וואַנצעלעך; און זיך פאַרגעשטעלט אַז אַזוי שיין האָט געמוזט זיין יוסף הצדיק, ווען פּוטיפאַר׳ס ווייב האָט זיך אין אים איינגעליבט...

עס איז געקומען נאָענט צו פּסח. אַלע זיינען פאַרנומען. מ׳גרייט זיך צו דעם גרויסן יום טוב. מ׳באַקט שוין מצות. ווייבער שמירן די שטיבער מיט ווייסן ליים. די מאַנסבילן לופטערן די ספרים, בעל מלאכות אַרבעטן טאָג און נאַכט, און איבערן שטעטל בלאָזט אַ וואַרעם ווינטל. יידן זיינען אויפגע־לייגט, באַלד ווערט מען מלכים. קינדער זיינען פריילעך. מ׳האָט זיי באַ־פרייט פון די חדרים ביז איבער פּסח. און אָט איז שוין ערב פּסח. צוועלף אַ זייגער, איז שוין ביי קיינעם נישטאָ קיין ברעקל חמץ. די איינגעהייצטע אויוונס פלאַמען. עס הויבן זיך טראָגן די ריחות פון פּסח׳דיקע מאכלים... יידן גייען דערווייל אין מרחץ, טוען אָן נייע קאַפּאָטעס, נייע היטלען.

און אָט קומט דער גרויסער פאַרגעניגן נאָכ׳ן ליכט בענטשן אין שול. עס איז פריילעך און ליכטיק. עס ברענען אַלע בליצלאָמפּן — אַלע הענג־

לייכטער. ס׳פינקלען די ליכטביים אָרון־קודש מיט׳ן יום טוב׳דיקן פּרוכת... עס איז נאָך פרי צו דאַוונען מעריב, גייט מען אַרום אויפגעלייגטע און מען שמועסט דערווייל אַביסל. קינדער טומלען, באַרימען זיך מיט די נייע מלבושים׳לעך, מיט די קעשענעס... מ׳וואַרט, באַלד וועט זיסע חזן מיט זיין ריינעם קול אַרויסזינגען דעם יום טוב׳דיקן „ברכו״...

פּלוצים דערהערט זיך אַ קלאַפּ אויפ׳ן באַלעמער. דער עולם קוקט זיך אום, און ווערט איבערראַשט! דאָס יידישע פּריצ׳ל שטייט אינעם שוואַרצן סורדוט און אַ הויכן שוואַרצן קאַפּעליוש. זיין פּנים שיינט אַרויס פון אַ קלאָרן ווייסן שטייפן קאַלנער. זיינע שיינע טיפע אויגן זיינען געווענדט צום עולם. ער הויבט אויף זיין רעכטע האַנט ווי צום באַפעל:

— רבותי, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ הויך קלינגנדיק קול — איך בעט מיט הכנעה ביי אייך איר זאָלט מיר דערלויבן צו דאַוונען מעריב.

עס איז באַלד געוואָרן אַ גערודער. מ׳האָט גערעדט, מ׳האָט זיך געבייזער. אַזאַ איינער האָט די חוצפה צו דאַוונען פאַר׳ן עמוד?

עס זיינען באַלד געוואָרן צוויי צדדים: איין צד האָט געהאַלטן, אַז יאָ — נאָכאַלעמען איז ער אַ ייד, און ווי מ׳זאָגט קען ער לערנען און דער צווייטער צד האָט געטענה׳ט — אַז, ניין. —

— ער עסט טרפות, פאַרברענגט מיט די גוים — גאָלט זיך די באָרד, וואָס, ס׳איז שוין הפקר אַ וועלט?

דער טומל האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגער צייט און ווער ווייסט, עס וואָלט אפשר געקומען צו חילול השם, און יידן וואָלטן זיך פאַרן ערשטן סדר אין שול אפשר געפּאַטשט און זיך געריסן ביי די בערד; קאַפּאָטעס וואָלטן צעריסן געוואָרן: די יום טוב׳דיקע היטלען וואָלט מען מיט די פיס צעטראָטן — ווען נישט ר׳ יהושע דיין, וואָס האָט דעם עולם באַרואיקט און געזאָגט אַז מ׳זאָל דעם יונגנמאַן לאָזן דאַוונען.

דער עולם איז געבליבן שטיל. אַפילו מיר יינגלעך האָבן זיך באַרואיקט... עס האָט גענומען אַ פּאָר מינוט, אַלע בליקן זיינען געווען אָנגעשטעלט אויפ׳ן שיינעם בחור, וועלכער האָט אַרויסגענומען אַ זיידענע יאַרמולקע פון דער בוזים קעשענע, און אָנגעטאָן אויפ׳ן קאָפּ, זיך געווישט ס׳פּנים מיט אַ ווייס טיכל און אָנגעפאַנגען מיט אַ זיסער שטימע — „ברכו״...

ער האָט געדאַוונט מעריב. זיין קול איז געווען אַזוי הויך — ריין און קלאָר. ער האָט געזונגען מיט אַזוי פיל מתיקות, אַז דער עולם איז געבליבן ווי פאַרשמעליעט.

ליפּן האָבן געשמאַטשקעט - איי, איי! ווי גוט — איי, איי, ווי זיס!

מנגנים האָבן פאַרמאַכט די אויגן, זיך פאַרטיפט, זיך איינגעהערט מיט אַלע חושים צו זיין חזנות׳דיקן דאַווענען.

יידן האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדן טאָן — וואָס איז אַרויס פון זיין מויל.

אָט איז ער אַרויף הויך אויף דער העכסטער אָקטאַווע, און אָט גייט ער אַרונטער און הויפט אָן מיט אַ זיס שטיל האַרציק געבעט, וואָס לאַשטשעט און ציט אַרויס דאָס חיות. מיט אַזעלכע זינגענדיגע יידישע קנייטשעלעך, אַז זיי צעגייען אין אַלע גלידער.

— אַך! וואָס פאַר אַ נגינה! וואָס פאַר אַ קול! וואָס פאַר אַ עברי! וואָס פאַר אַ גאָלדן מויל! האָבן יידן זיך געקוויקט — און געפילט, אַז דער יונגערמאַנטשיק האָט דעם שיינעם יום טוב נאָך פאַרשענערט, און אים דער־פאַר געוואונטשן ס׳אייביקע לעבן.

דער עולם האָט גאָר ניט געוואָלט אַהיים גיין פראַוון דעם סדר. קיינער איז נישט געווען מיד, קיינער איז נישט געווען הונגעריק.

ווען די לאָמפּן האָבן זיך גענומען אויסלעשן, האָבן זיך באַלעבאַטים אויפגעשטעלט אינעם טונקעלן פאַליש, און אין דרויסן, שמועסן נאָך אַביסל פון זיין דאַווענען — און אַרויסזאָגן מבינות. אייניקע האָבן אים פאַרגליכן צו די גרעסטע וועלט־חזנים.

— סטייטש! — אַזאַ קענער! אַזאַ כלי! אַזאַ פאַרשוין!

פאַרשטייט זיך, אַז דער יונגערמאַן, וועמען אַלע האָבן די גאַנצע צייט קריטיקירט, און אויף אים לשון־הרע גערעדט, איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ זייער חשוב׳ער מענטש. און די שענסטע באַלעבאַטים האָבן געוואָלט אים אָנטאָן כבוד, און פאַרבעטן אים אַלס אורח אויף יום טוב. און אפשר האָבן זיי דורך אים אייגענעם כבוד געזוכט... אַנדערע האָבן אים אפשר געוואָלט האָבן ביים טיש — צוליב די דערוואַקסענע טעכטער... ווער קען וויסן? סיי ווי סיי, האָט ער אַלעמען שיין באַדאַנקט און זיך אַנטזאָגט צו גיין. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דאַווענען נאָך אַ מאָל.

— כ׳בין נישט קיין חזן — האָט ער געזאָגט און געשמייכלט.

אָט דער געהיימניספולער „חזן״, האָט אויך די יינגלעך באַצויבערט, איך האָב אים אָפּגעגעבן דעם סאַמע אויבנאָן אין מיינע קינדערשע חלומות. עס ליגט נאָך אין מיר איצט דער טעם פון זיין שיין דאַווענען.

נאָך פסח, האָבן זיך די גבאים, מיט די הויפּט־באַלעבאַטים געווענדט צום שיינעם יונגענמאַן, אַז ער זאָל כאָטש אין מיט׳ן וואָך דאַווענען אַ מעריב און ציילן ספירה, און מ׳וועט אַריינלאָזן אויף בילעטן, פופציק קאָפּיקעס אַ בילעט. ס׳הייסט אַ מין קאָנצערט.

און די מנגנים, האָבן זיך שוין באַציִיטנס געפּרייט, ווייל זיי האָבן גע־וואוסט פון דערפאַרונג — אַז פון אַלע חזנים מיט די זינגערלעך, וואָס האָבן באַזוכט ס׳שטעטל, האָבן זיך אָמבעסטן אויסגעצייכנט די, וואָס זיינען גע־קומען אין ספירה צייט. דעם גרויסן טאַלאַנט האָבן זיי געוויזן זינגנדיק דעם רבונו של עולם — מיט׳ן „יתקן מה שפגמתי בספירה״, וואָס איז איבער־געחזר׳ט געוואָרן פיל מאָל, — און יעדן מאָל, מיט אַן אַנדערן ניגון, — עפּעס אַ ווערטעלע וואָס אַ גוטער חזן קען אויפטאָן ציילנדיק ספירה?

דער זינגער האָט איינגעשימט צו דאַוונען מעריב, ווייל דאָס געלט, האָט געזאָלט גיין פאַר עפּעס אַ קהלשע זאַך — און אַזוי ווי מיין טאַטע איז נים געווען זיכער אויב ער וועט גיין אים הערן, האָב איך מיך פאַרזאָרגט מיט אַ שכן, וואָס זאָל מיך מיטנעמען, ווייל קינדער אַליין, האָט מען געזאָגט, וועט מען נים אַריינלאָזן.

די בילעטן זיינען געמאַכט געוואָרן פון אַ בחור אַ לערנער, וואָס האָט געהאַט אַ זייער פּייאיקע האַנט צו שרייבן שיינע בוכשטאַבן — מאָלן ביל־דער און אויסשטעלן יידישע אותיות מיט אַ געגנזענער פעדער — פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען געדרוקט מיט אַ מאַשין.

ער האָט אויף די בילעטן פון ווייסן קאַרדאָן פּאַפּיר אָנגעשטעלט אַ גרויסן ב״ה. דערנאָך דעם טאָג פונעם קאָנצערט, און דערמיט אַ בלויען מגן־דוד — און צו לעצט, דעם נומער פופצן — מיט׳ן וואָרט — קאָפּיקעס.

אַלע האָבן געזאָגט, אַז מיט די בילעטן, האָט אַנשל ערשט באַוויזן, וואָס פאַרא גרויסער בריה ער איז.

צו דער באַשטימטער צייט, האָט מען ביי די ברייטע טירן אָנגעגע־שטעלט צוויי שטאַרקע בעל מלאכות און מ׳האָט זיי אָנגעזאָגט, קיינעם נים אַריינצולאָזן אין בית המדרש אומזיסט.

און אין פּאַליש אַרום אַ טיש, האָבן זיך אָנגעזעצט עטלעכע באַלעבאַ־טים פאַרקויפן בילעטן, און געוואָרפן די קליינע זילבערנע מטבעות, און די גרויסע קופּערנע צענער אין בלעכענע פושקעס.

און אָט איז שוין פאַרנאַכט. יידן און ווייבער האָבן זיך געצויגן פון אַלע געסלעך. קרעמער האָבן פאַרפריי פאַרמאַכט די קראָמען, בעל מלאכות האָבן אָנגעלייגט די אַרבעט. מלמדים האָבן צעלאָזט די חדרים, און אַלע האָבן זיך געריכט צו הערן עפּעס אַזוינס, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל נים געהערט.

געווען אָרעמע לייט, שטעטלשע און פרעמדע, וואָס האָבן נים געהאַט, אָדער נים געוואָלט, באַצאָלן די פופצן קאָפּיקעס, זיינען בלויז צוגעקומען אַ קוק טאָן — און באַלד אַ היים געגאַנגען דאַוונען.

אַנדערע האָבן אָבער ניט געוואָלט אַוועקגיין, און נאָר געוואָלט מ׳זאָל זיי אַריינלאָזן אַזוי — בחינם.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג. דער עולם האָט געהאַלטן אין קומען. איז דערווייל געבליבן אין דרויסן, אויסהערן די טענות פון די אָרעמע לייט, און די טענות פון די גבאים מיט די טיר־שטייער. די טענות און קולות, זיינען געוואָרן העכער, און זיך פאַרשפּרייט איבער׳ן שטעטל און אַלעמען אַרויסגע־נומען פון די שטיבער.

די נייעס אַז מ׳קריגט זיך ביים בית המדרש, האָט דערגרייכט כאַצקלען, וואָס איז דוקא נישט געקומען אין די וואָכן טעג דאַווענען. נאָר אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז מ׳האָט אַוועקגעשטעלט שומרים און מ׳לאָזט קיינעם ניט אַריין אין מקום קדוש, סיידן מ׳באַצאָלט, איז ער אַריין אין גרימצאָרן — און אַ רוף געטאָן זיינע צוויי אינגערע ברידער און אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט גיין אין שול אַריין, און זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף די גבאים מיט די בילעטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די טיר־היטער האָבן זיי ניט אַריינגעלאָזט. זיינען זיי ערשט איצט אַריין אין דעם אמת׳ן כעס. כאַצקלס פּנים האָט זיך אָנגע־צונדן ווי אַ פייער, די ליפּן זיינע, ווי אַלעמאָל אין אַזאַ פאַל, זיינען געווען פאַרמאַכט און עטוואָס געציטערט. די נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט, די אויגן האָבן געפלאַקערט. — ער האָט מיט זיינע שטאַרקע הענט געטאָן אַ ריס די טיר, און זי אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. די אַנדערע האָבן איבערגעקערט דעם טיש, צעריסן די בילעטן. די פּושקעס מיטן געלט האָבן זיך געקאַטשעט און געקלונגען. די וואָס האָבן געפּרואווט זיך אַנטקעגנ־שטעלן, האָבן געקראָגן פייערדיקע פּעטש, און צעבלוטיקטע נעזער. עס איז געוואָרן אַ געלאַף, אַ טומל, יידן האָבן מורא געהאַט זיך אַריינצומישן—ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט כאַפּן קיין קלאַפּ פון כאַצקלען אָדער פון זיינע ברידער...

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רופן אַלע די וואָס מ׳האָט פריער נישט אַריינגעלאָזט — אַז זיי זאָלן אַריינגיין אין בית המדרש, זיי דאַרפן פאַר קיי־נעם קיין מורא ניט האָבן. און מיט כעס האָט ער געשריגן:

— קיינער האָט נישט קיין רעכט צו פאַרמאַכן די טירן פון אַ מקום קדוש! און קיינער טאָר נישט מאַכן פונעם בית המדרש אַ „טרעיאַטער״! עס באַלאַנגט צו אַלעמען! קעפּ וועל איך פּלעטן! די קישקעס וועל איך פון אייך אַרויסלאָזן! „טרעיאַטער״ ווילט זיך אייך? אָנגעפּרעסענע בייכער — אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן!...

קיין קאָנצערט איז שוין פאַרשטייט זיך ניט געווען. דער זינגער איז

אפילו נישט געקומען, ווען ער האָט געהערט וואָס עס קומט פאַר; נישט באַ־שערט געווען יידן אַביסעלע הנאה...

איך ווייס ניט ווי אַנדערע יינגלעך האָבן געפילט. אָבער איך האָב מיין שטאַרקן העלד כאַצקלען פיינט געקראָגן, פאַר'ן צעשטערן מיין פאַרגעניגן צו הערן נאָך אַ מאָל דעם וואונדערבאַרן זינגער. כ'האָב פיינט געקראָגן זיין רויט גזלניש פּנים.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, איז דער יונגערמאַן פלוצים פאַרשוואונדן פון שטעטל.

אָבער די וואָס האָבן אים געהערט דאַווענען וועלן אים שטענדיק געדענקען.

פינפטער קאַפּיטל

1

צוויי יאָר האָב איך געלערנט ביים סיקליער מלמד. אין די צוויי יאָר, האָב איך אַ וועלט מיט פּעטש אַריינגעכאַפּט, אָבער מיך האָט ניט אַזוי גע־אַרט די פּעטש, ווי די בושה וואָס כ׳האָב דערביי געליטן.

כ׳האָב זיך געשעמט פאַר דער מומען, וואָס פלעגט קוקן אויף מיר מיט רחמנות און ווי אויף צו להכעיס, האָט ער מיך געשלאָגן, דוקא ווען זי איז געווען אין שטוב.

אָט דעם בזיון האָב איך ניט געקענט מוחל זיין. און געפילט צו אים אַ טיפע שנאה.

די צוויי יאָר זיינען פאַר מיר געווען, ווי צוויי יאָר תפיסה. און ווי יע־דער איינער, וואָס איז איינגעשפּאַרט אין אַ געפענקעניש, חלומט פון פריי־הייט, אַזוי האָב איך כסדר געחלומט פון עפּעס אַ נס וואָס זאָל מיך אַרויס־נעמען פונעם חדר.

איך בין תמיד געווען פול מיט פאַנטאַזיעס און סתם טראַכטעניש. דאָס לערנען איז מיר ניט אָנגעגאַנגען. כ׳בין געווען פאַרביטערט געגן אַלץ אין אַלעמען. מיך האָט ערגעץ וואו געצויגן. כ׳האָב געשפּירט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט מיט שטעט און מענטשן. דער חדר און די היים זיינען פאַר מיר געוואָרן ערגער פון טאָג־צו־טאָג — איך האָב נאָר געטראַכט פון אַוועק־פאָרן ערגעץ.

ביז איך האָב מיט דער הילף פון מיין שטיפמאַמע געפועלט ביים טאַטן, אַז ער זאָל מיך לאָזן פאָרן אין דער תלמוד־תורה, וואָס האָט זיך געפונען אין קאָוולע.

כ׳בין געווען אַזוי באַגייסטערט אַוועקצופאָרן פון דער היים, און זיין אין אַ פרעמדע שטאָט, אַז כ׳האָב געפילט, ווי צו טאַנצן און קאַטשן זיך אין שניי.

שייעס האָט מיך איינגעוויקלט אין אַן אַלטן שאַל און אנגעזאָגט דעם

בעל עגלה, אַז ער זאָל מיך אַרונטערלאָזן ביי דער אכסניה וואָס אַ ווייטע קרובה דעם טאַטנס האָט געהאַלטן.

אָפּפאָרנדיק אַ קורצע שטרעקע, האָב איך אויסגעפונען, אַז כ׳בין ניט צוגעגרייט פאַר אַזאַ יאַזדע. די בעסטע פלעצער אינעם וואָגן האָבן פאַרנו־מען די יידן און ווייבער, וואָס זיינען געפאָרן קויפן סחורה פאַר זייערע קראָמען.

מיט דער שווערער אָנגעפּעלצטער הלבשה און פאַרבונדענע קעפּ מיט קאַפּשאַנעס און שאַלן, האָבן זיי זיך אין שטרוי אַריינגעזעצט. זיי האָבן אויסגע־קוקט צו זיין באַקוועם און וואַרעם. זיי זיינען געזעסן שטיל ביז זיי האָבן איינגעדרימלט.

איך בין געזעסן לעבן בעל עגלה. ביים אַרויספאָרן פון שטעטל האָב איך זיך געפרייט. כ׳האָב געקענט זען דעם ווייסן וואַלד, די פאַרפרוירענע טייכלעך, די גויאישע הייזער און שטאַלן — וואָס זיינען געווען ווי איינגע־זונקען אין שניי. די ברייטע פעלדער. כ׳האָב זיך איינגעהערט צום סקריפּן פונעם וואָגן. די פערד, אין די איינגעדעקטע רוקנס, זיינען מיט חשק גע־לאָפן און אונטערגעטאַנצט. דער אָנטרייבער האָט גאַרנישט באַדאַרפט נוצן די בייטש, נאָר ציען די לייצעס און אַרויסבורטשן דעם „וויאָ".

אַלץ וואָלט געווען גוט און פיין. עס איז געווען אַלצדינג, וואָס קען אַ באַפרייט ייִנגל פון חדר צופרידנשטעלן. — ווען דער שאַרפער ווינט און פראָסט וואָלט מיר ניט אָנגעהויבן בייסן, ברענען די נאָז און אויערן. דער־נאָך די שפּיץ־פינגער פון די הענט און פיס. דער ביטערער ווינט, האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אונטער מיינע זומערדיקע מלבושים. מיינע ציין האָבן אָנ־געהויבן צו קלאַפּן. דאָס לייב האָט גענומען פרירן. כ׳האָב געפילט, אַז די מורא׳דיקע קעלט שפּאַרט זיך עקשנות׳דיק דורך דער הויט און קילט ס׳איינ־געווייד. אַרום מויל איז מיר געוואָרן שטייף. כ׳האָב ניט געקענט באַוועגן מיט די ליפּן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַט, אַט, און איך ווער פאַרפראָרן...

ווען דער בעל עגלה האָט זיך געכאַפּט, בין איך שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק. צו מיין גליק, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ קליין דערפל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער גוי׳עשער שטוב, און מיך אַריינגע־טראָגן אינעווייניק.

עמיצער האָט מיר געריבן די הענט מיט שניי — אַן אַנדערער די פיס, ביז מ׳האָט מיך אָפּגעראַטעוועט און איך האָב אָנגעהויבן צו פילן אַ שפּיזל־דיקע שטעכעניש אין די פינגער. דערנאָך האָבן מיך די פאַרשוויבן אַריינגע־נומען צווישן זיך, אינעם ווייכן שטרוי. איין ייִד האָט מיך איינגעדעקט מיט אַ האַלבע פאָלע פון זיין בורקע און די ווייבער האָבן ניט אויפגעהערט צו קרעכצן און מיך באַדויערן...

2

אין קאָווּלע, האָט מיך דער בעל עגלה אַראָפּגעלאָזט ביי אַ גרויס בלוי־געפאַרבט הויז און געהייסן אַרונטערגייך, אַ דריי־פיר טרעפּלעך.

דעם טאַטנס קרובה, אַ נידריקע פּעטע יידענע, האָט מיט אַ ניט זייער פריינטלעך קול גענומען שטעלן פראַגן:

— פונוואַנעט קומסטו?

— פון טריסק.

— ווער ביסטו פון טריסק?

— כ׳בין יהושע אפרים׳ס יינגל.

— ס׳מאַכט ער, דיין טאַטע? — און פאַר וואָס האָט ער דיך געשיקט קיין קאָווּלע?

— ער האָט מיך נישט געשיקט — כ׳האָב אַליין געוואָלט פאָרן.

— וואָס ווילסטו דאָ טאָן?

— איך וויל לערנען אין דער היגער תלמוד־תורה.

— וואָס זשע? אין טריסק פעלן אויס מלמדים?

— מיין טאַטע קען נישט צאָלן קיין שכר לימוד, האָב איך געענטפערט.

זי האָט זיך אָפּגעקערט אַ ווײַלע, אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי פונעם גרויסן סאַמאָוואַר און צוגעטראָגן צו איינעם פון די עטלעכע טישלעך, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די ווענט פון דער גרויסער קעלער־שטוב.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו האָבן טענות צום טאַטן פאַרוואָס ער האָט מיך געלאָזט פאָרן אין אַזאַ ביטערער פראָסט. און צוגעגעבן:

— אַ מאַמע, וואָלט עס אַוודאי ניט געטאָן.

כ׳האָב זיך דערווייל אַרומגעקוקט, באַטראַכט די אַכסניה מיט די מענטשן וואָס זיינען אַריין און אַרויס. עס איז געווען וואַרעם. די נידריקע פענצטער זיינען געווען באַפּאַנצערט מיט אייז. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די עסערס, געבראַכט צו טראָגן עפּעס פון די פּאָליצעס, וואָס זיינען געווען באַהאָנגען מיט קראַנצן בייגל, בינטלעך קאָפּטשאַנקעס און לאַנגע וואורשטן, וועלכע האָבן געררייצט מיט זייער קנאָבל־ריח.

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אין מיטן שטוב און ניט געוואָגט צוצוגיין צום וואַרימען אויוון, אָדער זיך אַוועקזעצן אויף אַ בענקל — ווי איך וואָלט געוואַרט אַז די פרעמדע יידענע זאָל שוין אַ זאָג טאָן:

— גיי, זיי מוחל, ערגעץ אַנדערשוואו, איך האָב פאַר דיר קיין פּלאַץ נישט.

צום סוף האָט זי אַריינגערופן דעם מאַן אירן פון דער קיך, וואָס איז געווען אינעם הינטערשטן צימער און אָנגעהויבן זיך מיט אים מיישב צו זיין.

—דאָס איז יהושע׳ס ייִנגל — האָט זי אַ זאָג געטאָן — אַנוויינענדיק מיט דער האַנט אויף מיר. ער וויל לערנען אין דער תלמוד־תורה — ווי מיינסטו מ׳וועט אַריינעמען ? און וואו וועט ער עסן ?

איר מאַן, אַן עלטערער פון איר, אין אַ פאַרשמאַלצעוועטן קורצן שפּענ־צער, האָט זיך אַ לייכטן קראַץ געטאָן אין דער ווייסער באָרד און שטיל אַ זאָג געטאָן :

— כ׳ווייס ? אויב מ׳וועט אים אַריינעמען, וועט ער האָבן אי אַ געלע־גער אי עסן.

איך האָב באַלד געקראָגן דעם איינדרוק, אַז ער איז ניט קיין שלעכ־טער און ער האָט עס טאַקע באַלד באַוויזן מיט מעשים.

ער האָט מיך געהייסן אָוועקזעצן זיך ביי אַ טישל און מיר דערלאַנגט אַ הייסע גלאָז טיי, מיט אַן אויסגעבויגן אייער־קיכל און מיר געוויזן ווי צו גיין צו דער תלמוד־תורה, וואָס איז דאָ נישט ווייט.

בין איך געגאַנגען, באַטראַכט די גאַסן פון דער נייער שטאָט. כ׳האָב נישט געפילט די קעלט און זיך גענומען צייט. און ווען איך בין אָנגעקומען צו דער לאַנגער הילצערנער געביידע אין וועלכע עס האָט זיך געפונען די תלמוד תורה, איז שוין געווען פאַרנאַכט און מהאָט זיך שוין געגרייט צו שטעלן דאַווענען מנחה.

אַ קליין יידל אין אַ יאַרמולקע, וואָרשיינלעך איינער פון די מלמדים, האָט מיר געשטעלט עטלעכע פראַגן אויף וועלכע כ׳האָב האַלב־שעמעוודיק געענטפערט. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט נאָך אַ יידן און מיר געזאָגט — אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר מיר, — אויסער דעם בין איך נאָך צו יונג און ניט צוגעגרייט צו זייערע לימודים.

ער האָט מיך געראָטן אַ היים צו פאָרן — און זיך ניט וואַלגערן אין אַ פרעמדער שטאָט.

אין דער אמת׳ן, בין איך געווען נאָר האַלב אַנטוישט. דאָס ניט קענען לערנען אין דער תלמוד תורה אָדער ישיבה, האָט מיר ניט אַזוי געאַרט, ווי ס׳האָט מיר געאַרט — וואָס איך וועל מוזן צוריק אַ היים פאָרן.

די קרובה האָט מיר געמאַכט אַ געלעגער און ווען כ׳בין אויפגעשטאַנען, בין איך אַוועק איבער די קראָמען פרעגן, אפשר דאַרפן זיי אַ ייִנגל צו גיין אַ גאַנג, אויסקערן די פּאָדלאָגע — טאָן אַנדערע אַרבעט.

איינער האָט מיט אַ געלעכטער געפרעגט, צו איך קען זיין אַ בוכהאַל־טער... ענדלעך האָט זיך געפונען אַ ייד וואָס האָט געזאָגט אַז ער דאַרף אַ ייִנגל, אָבער נישט צו אַרבעטן אין קראָם וואו ער האָט פאַרקויפט סטענגעס און קאָלירטע טיכער, נאָר ביי זיך אין דערהיים. ער האָט דאָרט אין איין

צימער געהאַט אַ קליין פאַבריקל צו מאַכן „בלויעכץ" וואָס ווייבער קויפן צו בלויען די אויסגעוואַשענע וועש.

די אַרבעט איז געווען צו שווער פאַר מיר. כ'האָב באַדאַרפט האַלטן אין איין דרייען אַ ראָד — און פונעם דרייען, איז אויף דער צווייטער זייט פון דער מאַשין, אַרויסגעקומען עפּעס ווי אַ געדיכטע אויסגעקנאָטענע טייג, וואָס איז געווען טונקל־בלוי, און דערפון האָבן אַנדערע קליינע יינגלעך געשניטן שטיקלעך, געלייגט זיי אין בלעכענע פאָרעמס, און ס'איז געוואָרן פיר־עקעדיקע ווייכע קלעצעלעך, וואָס מ'האָט נאָכן אויסטריקענען געוויקלט אין בלויע גלאַנציקע פּאַפּירלעך.

די ערשטע עטלעכע מינוט, האָב איך זיך צו דער אַרבעט צוגעכאַפּט מיט אַזאַ חשק און פלייס, ווי איך וואָלט וועלן באַווייזן מיין בריה'שאַפט און שטאַרקייט, כ'בין באַלד באַגאָסן געוואָרן מיט שוויס. איינער פון די יינגלעך — שוין אַ גרעסערער, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויף די איבעריקע „אַר־בעטער", האָט אַפּנים געוואָלט זיך פריילעך מאַכן אויף מיין חשבון, האָט מיר אונטערגעגעבן נאָך מער חשק, שרייענדיק.

— אָט אַזוי! גיכער, גיכער!

האָב איך געדרייט נאָך גיכער — אָנגעשטרענגט מיינע לעצטע כוחות — און די ראָד איז ווי עפּעס אויף צולהכעיס געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער... און איך האָב דוקא געוואָלט ווייזן וואָס איך קען... ווייל מיר האָט זיך אויסגעוויזן — אַז מיט דרייען די ראָד, ווער איך אַ מענטש, און טו אויף אַ זייער וויכטיקע זאַך. מיר איז אַפילו אין קאָפּ דורכגעלאָפן אַ געדאַנק פון גדלות. און זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלע מיינע חברים אין דער היים וואָלטן מיך מקנא געווען, ווען זיי וויסן אַז כ'בין אין דער גרויסער שטאָט און אַרבעט ווי אַ גרויסער און וועל שוין מסתמא אין גיכן געלט פאַר־דינען...

דער בחור האָט אַלץ געשריען — גיכער! גיכער! און איך נעם די לינקע האַנט צו הילף און דריי און דריי... און דאָס האַרץ אין מיר קלאַפּט שנעלער און שנעלער, ווי אָט־אָט אַרויסצופאַלן, כ'האָב געסאָפּעט, ווי לויפנ־דיק אַרויף באַרג... און פונקט אין דער רגע, ווען מיינע הענט האָבן זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און מער ניט געקענט דרייען — האָט דער בחור אַרויס־געפּלאַצט אין אַ געלעכטער, און די אַנדערע האָבן אים געהאָלפן לאַכן.

זייער געלעכטער האָט מיך שטאַרק צערייצט, ס'האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצן, אַז כ'האָב זיך שיעור ניט צעוויינט.

כ'וואָלט מיר פשוט מחיה געווען, ווען איך וויק זיך אויס אַ ביסל — אָבער כ'האָב זיך איינגעהאַלטן.

דערווייל איז אַריינגעקומען דער באַלעבאָס. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו

דער אַרבעט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר און געוויזן ווי צו דרייען די ראָד און דוקא פּאַמעלעך.

איצט איז מיר שוין ניט געווען אַזוי שווער. איך האָב זיך אָפּעט אָפּגעט־רוט. אָבער ביינאַכט אויפ׳ן געלעגער, וואָס מ׳האָט פֿאַר מיר געמאַכט טאַקע אינעם פֿאַבריקל, האָב איך ניט געקענט איינשלאָפֿן, ווייל ס׳האָבן מיר גע־דרייט די הענט. כ׳האָב געפֿילט אַ ווייטיק אין די אַקסלען און אין די פֿינ־גער פֿון דער רעכטער האַנט...

כ׳האָב אויך ניט געקענט שלאָפֿן — דערפֿאַר, ווייל דער אַלטער ווײַ־בערשער מאַנטל, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר געגעבן זיך איינצודעקן, איז ניט געווען גענוג מיך צו האַלטן וואַרעם. אַפֿילו דער ליידיקער זאַק — וואָס איך האָב אין דער פֿינצטער געפֿונען און אַרויפֿגעלייגט אויף זיך, האָט ניט געהאָלפֿן.

בין איך געלעגן וואַך — געפֿילט די קעלט וואָס האָט זיך געשפּאַרט פֿון אַלע זייטן און געטראַכט פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן. דער עיקר האָב איך גע־טראַכט פֿון דער היים, און שוין געוואָלט דאָרט זיין צוריק און אַלעמען דער־ציילן פֿון דער אַרבעט וואָס כ׳האָב געטאָן און די אַלע שיינע זאַכן וואָס כ׳האָב געזען אין קאָוולע.

2

דאָס דאָזיקע ערשטע זיין אין דער פֿרעמד, האָט מיך אי צופֿרידנגע־שטעלט, אי פֿאַרדראָסן. דער פֿאַרדרוס איז געווען, וואָס דער ייד, האָט מיר געגעבן אַ קערבל פֿאַר די פֿיר טעג אַרבעט און מיך געהייסן אַ היים פֿאָרן — מחמת איך בין נאָך צו קליין פֿאַר אַזאַ שווערע אַרבעט — און די צופֿרידנ־קייט איז געווען, וואָס אַ היים קומנדיק, האָב איך געפֿילט ווי אַ גרויסער, ווי אַ גאַסט!

דער טאַטע, די שטיפֿמאַמע און אַלע איבעריקע אין שטוב, זיינען געווען זייער צופֿרידן מיט מיין צוריקקומען. אַלע זיינען געווען גוט צו מיר. מ׳האָט מיך באַהאַנדלט ווי איך וואָלט שוין געווען אַוועק פֿון דערהיים, אַ זייער לאַנ־גע צייט.

ביינאַכט, האָט זיך שיווע אַוועקגעזעצט אויף מיין געלעגער — מיך געגלעט איבער׳ן קאָפּ. געפֿרעגט, אויב די קרובה האָט מיר עפּעס פֿיין אויפֿגענומען. וואָס און וואו איך האָב געגעסן, וואו כ׳בין געשלאָפֿן און וואָס כ׳האָב געטאָן די גאַנצע צייט.

גלעטנדיק מיך מיט אַ מאַמעשער צערטלעכקייט, האָט זי דערווײַל באַ־מערקט בלויע פֿלעקן אויף מיין פּנים און אויפ׳ן האַלדז, און זיך באַלד גע־

כאַפּט אַז אויך מיינע הענט זיינען בלוי און פול מיט מאָזאָליעס ווי ביי די גרויסע בחורים, וואָס אַרבעטען ביי סטאָליערס און קאָוואַלניעס.

כ׳האָב איר דערציילט אַז איך האָב געאַרבעט, און האָב געקראָגן אַ גאַנצן קערבל. האָט זי אַרויסגעפּלאַצט אין אַ מאָדנעם געלעכטער, וואָס איז געווען געמישט מיט אַ כליפּן און איז אַוועק פון מיר, פאַרשטעלנדיק זיך מיט די הענט דאָס מויל.

אינדערפרי, האָט מיך דער טאַטע אויסגעפרעגט וועגן דער תלמוד־תורה, און איך האָב געהאַלטן אין איין דערציילן און דערציילן... ס׳איז מיך גאָרנישט נמאס געוואָרן צו דערציילן די וואונדער פון דער שטאָט מיט די הויכע מויערן, פון די קראָמען מיט די גרויסע פענצטער, פון דער גרויסער, שיינער שול — און ווי כ׳האָב געזען ריזיקע מאַשינען שניידן קלעצער, און הובליעווען ברעטער, און די מיל וואָס מאָלט מעל, און גייט אויף פּאַרע און פייפט —אַז מ׳קען טויב ווערן.

אָבער דעם גרעסטן פאַרגעניגן האָב איך געהאַט, ווען כ׳האָב דאָס אַלץ געקענט דערציילן פאַר די ייִנגלעך, און ווי כ׳בין אַליין געגאַנגען צום וואָקזאַל און געזען ווי באַנען פון דער גאַנצער וועלט קומען אָן — און פאָרן אַוועק.

עפּעס אַ קלייניקייט, די באַן?

זעקסטער קאַפּיטל

1

אויפן שליאַך צווישן קאָוולע און לודמיר ליגט דאָס שטעדטל טריסק, וואָס איז באַוואוסט געווען איבער גאַנץ פּוילן צוליב דעם רייכן חסידישן הויף, וואָס דער טריסקער מגיד, הר׳ אברהמ׳לע, זצ״ל, אַ זון פונעם צדיק מאָטעלע טשערניבאָלער, האָט דאָרט אויפגעשטעלט.

שרייבנדיק דידאָזיקע שורות, איז מיר פינצטער צו טראַכטן אַז מיין באַליבט שטעטל, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער עסטרייכישער גרענעץ, איז כמעט אין גאַנצן חרוב. ווער ווייס וויפל יידן עס האָבן זיך געראַטעוועט פון די רשעים. מיין זכרון פירט מיך צוריק, עטלעכע און דרייסיק יאָר, און ס׳שווימט פאַר מיר אויף אַלץ אַזוי קלאָר, פריש און לעבעדיק — ווי איך וואָלט ערשט ניט לאַנג פון דאָרטן געקומען.

עפּעס ליגט אין דעם היימישן שטעטל אַזוינס וואָס לאָזט איבער אין האַרצן אַ ליבשאַפט און אַן אייביקע בענקשאַפט.

מ׳פאַרגעסט די גרויע האַלב הונגעריקע טעג. דאָס שווערע לעבן פון די קינדער ביי אָרעמע עלטערן, דאָס אַרומגיין באָרוועס און אָפּגעריסן. מ׳פאַרגעסט די חדרים מיט די בייזע מלמדים. און מען געדענקט נאָר אַזוינס וואָס האָט געגעבן אַביסל פרייד און גליק.

איך דערמאָן זיך די לאַנדשאַפט פון די גרינע פעלדער, די וועלדער, סעדער און גערטנער, וואָס האָבן דאָס שטעטל אַרומגערינגלט. איך געדענק די פרישע הויפן, דאָס שווימען הינטער דער וואַסער־מיל געגן שטראָם — — — —

עס דערמאָנען זיך די זומערדיקע פאַרנאַכטן, די פייגלשע נעסטן אויף די ביימער און די בוידעמער און די קליינע ווייסע שטיבעלעך; די שבת׳דיקע שפּאַצירן הינטערן שטאָט, עס דערמאָנען זיך די יידישע יום־טובים, די יידישע שמחות.

דאָס שטעטל הויבט זיך אָן מיט די קוזניעס, אין וועלכע יידישע קאָוואַליעס שטייען מיט די האַמערס און צוואַנגען, און קלאַפּן איבער רויט־אָנגע־

גליטע אײַזערנע פּרענטעס. עס שפּריצט מיט פונקען פײַער איבער די שמידנס לעדערנע פאַרטעכער. ניט װײַט פון קוזניע שטײט דאָס לאַנגע רויט געפאַרבטע פײַער־הויז, אָנגעפילט מיט פעסלעך װאַסער אויף װעגע־לעך, מיט צװײ רעדער. עס ליגט די װאַסער־פּאָמפּע, מיט די לאַנגע גומענע קישקעס. איבער די װענט אויף צװעקעס הענגען די מעשענע היטלען און העק װאָס זײַנען פאַרדרייט אין שאַרפע שפּיצן.

לעבן פײַער־הויז שטײט דער האַלב־אײַנגעפאַלענער שרעקלעך־אומ־ רײנער, פינצטערער הקדש, װאָס איז אײַנגאַנצן הפקר. דאָרט געפינען זיך אַלעמאָל, עטלעכע קראַנקע פון דער פרעמד אין זײערע בעטלערשע בגדים, פון װעלכע עס טראָגט זיך אַ שװערער גערוך. הינטערן הקדש ליגט אַ קלײן שטײענדיק טײכל, פון רעגן־װאַסער װאָס זאַמלט זיך אין דער לײמיקער דאָלינע, װאו עס שװימען קאַטשקעס, װאָס קװאַקן און קערן זיך איבער אַלע װײלע מיט די געלע פּיסלעך אַרויף, זוכנדיק מיט זײערע שנאָבלען אינעם קויטיקן װאַסער.

הינטערן שטעטל, אויפן װעג װאָס פירט קײן מאַציװ, געפינט זיך דער אַלטער בית־עולם, פאַרװאַקסן מיט הויכע גראָזן און בײמער מיט זײער גרויסע בלעטער, שטעכיקע געװיקסן און װילדע בלימעלעך, װאָס פאַרדעקן אין גאַנצן די פלאַכע אײַנגעפאַלענע קברים מיט די צופוילטע הילצערנע מצבות, צװישן װעלכע ס׳בלאַנדזשן אַפּט אַרום עטלעכע ציגן.

בײַם האַלב־אײַנגעבויגענעם „גדר״, שטײט דער אוהל, געבויט פון ציגל און געדעקט מיט בלעך. אַ גרויסער הילצערנער קאַסטן דעקט צו דאָס קבר פונעם טריסקער מגיד. דער קאַסטן איז אָנגעפילט מיט טויזנטער קװיטלעך און בקשות, װאָס יידן אינעם טאָג פון רבינ׳ס יאָרצײַט, אָדער װען מען געפינט זיך אין אַן עת צרה — לאָזן איבער צוזאַמען מיט הויכע געװײנען און שטילע טרערן און תפילות. דער אוהל, מיט די שטענדיק־ פאַרמאַכטע קאַלירטע פענצטערלעך, איז אָנגעפילט מיט אַ געדיכטן פעטן ריח, װאָס שלאָגט פון די פילע בוימלדיקע נר־תמיד׳ס.

פון בײדע זײַטן גרעבליע, ציען זיך קורצע רײען שטיבלעך, מיט שטרויענע און שינדל־דעכער, פאַרװאַקסן אין גרינעם מאָך. פאַראַן פריזבעס אַרום די שטיבער און לאַנגע גרובנס פאַר די טירן, דאָס רעגן־װאַסער זאָל אָפּלויפן. דאָ און דאָרט אַ שויב אַן אַרויסגעשלאָגענע, פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. עס פילן זיך ריחות פון היימעשע געקעכצן. ס׳הערן זיך געװײנען פון קינדער, קולות פון קרי־ געריי צװישן װײַבער און מאַנסבילן — און דער ניגון פון לערנען פון די תלמידים אין די חדרים.

אין מיטן שטאָט, שפּרייט זיך דער מאַרק, האַלב־קײַלעכדיק, רחבותדיק,

מיט פיר שורות געמויערטע קלייטן מיט אייזערנע טירן און פולע האַלב־לייריקע פּאַליצעס. קרעמער אין לאַנגע כאַלאַטן מיט מעל־פּאַרשטויבטע בערד, מיט הענט פון לעדער, אייזן און נאַפט־אויסגעשמירטע, שטייען ביי די אָפענע טירן, וואַרטן — אָדער רופן אַ קונה. ווייבער, אשת־חילס, גרויסע בריה׳ס אין פּאַרטוכער, פּאַטשיילעס און פּאַרוקן, מיט פּאַררויטלטע באַקן פון פרישער לופט, העלפן אַרויס. פּאָרן זיך ביי די פּאַליצעס און טישלעך — דינגען זיך און פאַרקויפן.

צווישן די קרעמערקעס ברעכט אָפּט אויס אַ קריג צוליב קאָנקורענץ, און אַמאָל צוליב אַנדערע זאַכן, וואָס האָט מיט מסחר גאָר נישט צו טאָן. מען הייבט זיך אָן פּאַרוואָרפן אַלערליי חטאים און עולות, מען גרויסט זיך און מען לאַכט אָפּ פון דעם אַנדערנס יחוס. עס הערט זיך אַ קללה, אַ זידל־וואָרט. ס׳זאַמלען זיך מענטשן, וואָס הערן אויס, זאָגן זייערס אַ וואָרט, מישן זיך אַריין און גיבן עצות. די מאַנסבילן, וואָס שטייט ניט אָן צו מישן זיך אין זייערע ווייבערשע קריגערייען, — וואַרטן צו אַביסל, דערנאָך שלעפּן זיי די פרויען אין די קלייטן און רייסן איבער דעם קריג.

פּאָר די קראָמען שטעלן זיך אויס פויערשע וועגענער מיט אויפגע־שטעלטע דישלעס, אויסגעשפּאַנטע קליינע פּעט־בייכיקע פערד, צוגעבונדן מיט שטריק צו די וועגענער, פון וועלכע זיי ציפּן דאָס היי, און טרייבן מיט זייערע לאַנגע ווידלען די פליגן, וואָס בייסן זיי די פעל. אַרום די פערד טוליען זיך קליינע לאַשיקלעך וואָס שפּרינגען אונטער. שכור׳ע פויערים קומען אַרויס פונעם „מאָנאָפּאָל״ מיט פלעשער בראָנפן און זינגען מיט הייזעריקע שטימען.

מאָרק־הענדלער אין אָפּגעטראָגענע מלבושים און היטלען, מיט צעשויבערטע בערד, נעבן זיי יונגע לייט, זין און איידעמס, וואָס זוכן זיך אַריינ־צודרייען אין מסחר, גייען אַרום, ווער מיט אַ שטעקעלע אין האַנט; ווער מיט אַ פּאַראַסאָל, טאַפּן אין די וועגענער, דינגען אַ קעלבל, אַ זעקל תבואה, אַ זאַק קאַרטאָפל, אַביסל פלאַקס, אַ בינטל חזיר־האָר אָדער גאָר אַ פורל האָלץ.

ווייבער אין מענערשע שטיוול קויפן איין אייער, הינער און גענז פּאָר די באַלעבאַטישע הייזער. עלטערע יידענעס, ביי מולטערס געבעקס, פּרוכטן און גרינצייג, זיצן אויף נידריקע לײדיקע קעסטלעך, ריידן, שטריקן אַ זאָק און דרעמלען אונטער.

אַרום די יאַטקעס זאַמלען זיך אָן אַ שיעור היימלאָזע הינט, יונגע און אַלטע, מיט אָפּגעקראַכענע פעלן, וואַרטן אויסגעהונגערטע, אויף דעם אַרויס־געוואָרפענעם פליישׁ־אָפּפאַל, אויף אַ בייק, איבער וועלכן אַלע וואָרפן זיך אַרויף מיט אַ געשלעג און אַ געבייזער.

די קצבים, שטאַרקע יידן, מיט שוואַרצע, געלע און גרויע בערד און

רויטע פנימער מיט פֿאַרשטעקטע פּאָלעס אין די שטריק גאַרטלען, און יונגען אין קורצע שפּענצער מיט פֿאַרבלוטיקטע אַרבל, שטייען איבער גראָבע קלאָ־צער מיט העק און מעסערס, האַקן פֿלייש, טרייבערן, שינדן און שרייען אויף הויכע קולות.

אַנטקעגן מאַרק אין אַ הויכן מויער געפֿינט זיך אַ יידישע אַפּטייק, וואו מיידלעך און ווייבלעך קויפֿן פּודרע, פֿאַרפֿיומען און שמירעכצן. ווייבער וואָס האָבן מענער אין אַמעריקע קומען דאָ, מ׳זאָל פֿאַר זיי אָנשרייבן די ענג־לישע אַדרעסן. אין די איבעריקע אַריינגאַנגען פֿונעם מויער, געפֿינט זיך אַ טיי־הויז פֿאַר פּויערים און יאַריד־מענטשן: — אַן אכסניה וואָס איז שטענדיק אָנגעפּילט מיט אַלערליי געסט: דורכפֿאָרנדיקע פּריצים, סוחרים, חזנים מיט משוררים און קלעזמער וואָס פֿאָרן ערגעץ שפּילן אויף אַ חתונה, מ׳זעט דאָ חסידים און גלאַט אורחים, אָרום וועלכע עס דרייען זיך יידן, וואָס זוכן צו פֿאַרדינען אויף שבת.

פֿונעם פּוילישן אַפּטייק דערביי, אָפּגעטיילט מיט אַ שמאָל געסעלע — אַ געלע געביידע מיט אַ גלעזערנעם גאַניק, טראָגן זיך ריחות פֿון אַדעקאָלאָן און רעצעפּטן, וואָס מישן זיך אויס מיט אַרגל־טענער, וועלכע רייסן זיך אַדורך די שווערע געמויערטע ווענט פֿונעם זייער אַלטן פּוילישן קאָשטשאָל.

די גרעבליע איז פֿול מיט שטויב און גערויש. דאָ פֿאָרן פֿאַרביי באַ־גלעקלטע פֿערד מיט בעל עגלה׳שע וועגענער, אָנגעפּילט מיט אַלערליי פֿאַר־שוינען. גויעשע פֿורן געשפּאַנט אין אָקסן, אָנגעלייגט אין דער הויך פֿול מיט סנאָפּעס תבואה פֿון די פֿעלדער. אָפּט יאָגט אַן אַ בריטשקע מיט עפּעס אַ טשינאָווניק, אָדער דער פּריץ פֿון שטעטל אין אַ קאַרעטע מיט פֿערד ווי די לייבן. לאַנגע וועגענער אָנגעלאָדן מיט שווערע זעק מעל און זאַלץ, איבער־געדעקט מיט גראָבע לייוונטענע פּלאַכטעס, וואָס זיינען גרוי פֿון זאַמד־שטויב, געשלעפּט פֿון מידע פֿערד, ציען זיך ווי מדבר קאַראַוואַנען: צי־גיינער־בוידן וואָס פֿלעגן אָנוואַרפֿן אַ שרעק אויף מאַמעס און קינדער, שלעפּן זיך צו זייערע פֿעלד־געצעלטן אונטער׳ן שטאָט. בהמות פֿון דער טשערעדע, זאַטע, מיט פֿולע אייטערס גרייט צו לאָזן זיך מעלקן, גייען פּאַמעלעך, מיס־טיקן אַן אויף דער גאַס און פֿאַרשווינדן אין די זייטיקע געסלעך. און ניט זעלטן, גאַנצע פּאָלקן סאָלדאַטן אויף פֿערד און צופֿוס, מיט פּעקלעך און ביקסן איבער די פּלייצעס, מאַרשירן דאָ פֿאַרביי מיט מיליטערישן געזאַנג.

2

ביים צווייטן עק שטעטל, אַנטקעגן דעם גלח׳ס סאַד, הינטער דער צערקווע, טיילווייז אָפּגעטיילט מיט געפאַרבטע שטאַכעטן, געפינט זיך דעם רבינ׳ס הויף, ווי אַ מלוכה פאַר זיך אַליין.

אויף אַ ברייטן פּלאַץ לעבן גרינע לאַנקעס ווי אין אַ צירקל, שטייען עטלעכע אַלטע און ניי־געפאַרבטע געביידעס. אַ שטאַל מיט פערד און קאַ־רעטן, אַן אייגענע באַד, אַ שפייכלער מיט עסנוואַרג, אַ גאָרטן, אַ גוואַלדיק גרויסע סוכה און אַ ריזיקער בית־המדרש וואָס נעמט אַריין טויזנטער חסידים.

ביי דער וואַנט, לינקס פונעם אָרון קודש, שטייען לאַנגע בענק איינע איבער די אַנדערע, ווי טרעפּ — פאַרשטעלן די גרויסע פענצטער, ביז העט אַרויף צו דער הויכער סטעליע, וועלכע איז באַהאַנגען מיט מעשענע און קופּערנע הענגלייכטער. דאָ שטייען אויך זעק מיט פּסח׳דיקע מעל פאַר מצה שמורה.

עס איז אַן אומפאַרגעסלעך פּראַכטפול בילד, ווען די בענק ווערן באַ־זעצט מיט הונדערטער חסידים, אין טליתים און קיטלען איינגעהילטע, ימים נוראים ביים דאַווענען, אָדער אין זייערע שוואַרץ־אַטלעסענע קאַפּאָטעס, ווען זיי קוקן אַרונטער וואו דער רבי פּראַוועט טיש. זיי שטרעקן זייערע הענט פון די ברייטע אַרבל נאָך שירים. די שירים ווערן איבערגעגעבן פון איינעם צום אַנדערן מיט די הוילע פינגער, ביז עס דערגרייכט צו די וואָס זיצן סאַמע אויבן.

אַ גרויסער עולם פּילט אַן ס׳בית המדרש. אויסער די פרעמדע אורחים, קומען אויך שטאָט־באַלעבאַטים, שוין אָפּגעגעסענע, אויסגעשלאָפענע, צום רבינ׳ס טיש.

צענדליקע משרתים טראָגן ס׳עסן וואָס ווערט צוגעגרייט אין דער ווייבערשער שול און דערלאַנגט דורך די קליינע פענצטערלעך; פּריער אויף גרויסע טאַצן אין זילבערנע און באַגילדערטע כלים, צום רבי׳ן מיט די קינדער, וואָס זיצן אויבנאָן און שיינען אַרויס מיט זייער אויסגעאיידלטע פּנימ׳ער, פּאות און שטריימלען און גלאַנציק־זיידענע קאַפּאָטעס. דערנאָך ווערט ס׳עסן דערלאַנגט צום עולם, וואָס זיצט אויסגעזעצט לויט אַ פּלאַן: פּריער, פאַרשטייט זיך, קומען די חשובים, ווי רבנים, דיינים, שוחטים און גלאַט לומדים און גבירים. דערנאָך די פּשוט׳ע חסידים, וואָס מ׳קען דער־קענען נישט נאָר דורך דעם פּלאַץ וואָס זיי פאַרנעמען — נאָר אויך לויט זייער הלבשה. וואָס נידריקער צום טיר, אַלץ אָפּגעטראָגענער די קאַפּאָטע,

אַלץ אָפּגעריבענער דאָס סאַמעטענע היטל, אַלץ דינער דער גאַרטל, אַלץ קויטיקער די פּאַטשיילע וואָס קוקט אַרויס פון בוזים.

און צום לעצט הויבט מען אָן טראָגן ס'עסן צו די וואָס זיצן אויף די בענק אין דער הויף. צוליב זיי, גייען אַרום אויפ'ן ריזיקן טיש גבאים אין די זאָקן, וואָס טיילן אויס צו די אויסגעשטרעקטע הענט, מיט אַ סדר, נאָר אַביסל שפּעטער. אין דער צייט וואָס די אַרום טיש-זיצנדיקע עסן שוין ס'פליש — טיילט מען פאַר זיי ערשט די פיש...

אין בית המדרש איז אַ טומל. מענטשן גייען אַרום הין און צוריק, מיט די הענט אין די אַרבל, אָדער פאַרלייגט אויפ'ן רוקן. מ'רעדט, מ'אַמ־פּערט זיך איבער עפּעס. ייִנגלעך לויפן אַריין און אַרויס, שפּילן זיך אין באַ־העלטעניש אונטער די ספרים שאַפעס, אונטער די בענק, לאַכן און שרייען: מען הערט אַ קלאַפּעריי פון שיסל און טעלער, אַ קלינגען פון לעפל און מעס־סער. שיסלעך יוך מיט קאַשע, פאַלן אַרונטער פון עמיצנס הענט און פאַר־שפּריצן זשיפּיצעס און יאַרמולקעס. ס'ווערט אַ געררודער. אונטן שטעלט מען משקה — מ'טרינקט לחיים. ס'ווערט אויפגעזונגען אַ זמר, וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט פון הונדערטער העלזער. דאָס געזאַנג שפּרייט זיך העכער, וואַרעמער; שלאָגט אָן אין דער הויכער סטעליע; רייסט זיך דורך די פענצ־טער צו די גרינע לאַנקעס. מ'זינגט ביז מ'ווערט הייזעריק און פאַרשוויצט. פּלוצים דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין טיש מיט אַ שאַ! — „שאַ, זאָל זיין"! העלפן אַרויס אַסך מיט אַ מאָל — שאַ! דער רבי גייט זאָגן תורה! אויף וואָס אַלע וואַרטן אַזוי נייגעריק. ס'ווערט שטיל — דער עולם האַלט אייַן דעם אָטעם. חסידים ציען אויס די העלזער, שטרענגען אָן די אויערן. דער רבי צעוויגט זיך אַביסל און הויבט אָן מיט אַ שטיל קול זאָגן תורה.

דער רבי האָט אַ גרויסע משפּחה: זין מיט יונגע בערד, וואָס זייַנען שוין אַליין אויך רביים און פאָרן איבער דער וועלט. טעכטער מיט איידעמס און אייניקלעך וואָס זיצן אויף אייביקע קעסט. יעדער מיט זיין הויזגעזינד וואוינט אין אַ באַזונדערער דירה, אין פּאַרפּוצטע שפּיגלדיקע זאַלן, רייך מעבעלירטע סטאַלאָוועס, ספּאַלניעס און קינדער־צימערן אַרומגערינגלט מיט אייגענע גבאים, מלמדים, משרתים און דינסטן.

די גאַנצע משפּחה און אורחים, עסן פון דער אַלגעמיינער ריזיקער קיך.

אַלע זייַנען געקליידט אין די טייערסטע זיידענע און סאַמעטענע מלבושים און סויבלענע מאַנטלען. גאָלד און בריליאַנטן און איידל־שטיינער, באַצירן די צאַרטע, ווייסע, העלזער און הענט פון די דאַזיקע שיינע טעכטער און שניר.

אויפ'ן הויף דרייען זיך אַרום חסידים אין אַטלעסענע און סאַמעטענע

באַגאַרטלטע קאַפּאָטעס און געוואַנטענע און זיידענע היטלען איבער די יאַר־מולקעס. די קאַפּאָטעס נישט קיין פּאַרקנעפּלטע, וויזן די לאַנגע ציצית, איבער די קורצע גלאַנציקע הויזן, ביז צו די ווייסע זאָקן אַרונטער. יידן, מיט אַלערליי בערד און פּאות, ערשט פון מקוה אויסגעווייקטע, רייכע יידן, לומדים מיט הויכע שטערנס, וואָס לאָזן זיך קאָסטן ווען זיי קומען צום רבי׳ן: אָרעמע יידן, מלמדים, קרעמער, בעל מלאכות, וועלכע מ׳קען באַלד דער־קענען נאָך זייער הלוך, אָבער מיטן זעלבן טיפן גלויבן, וואָס העלפט זיי מיט גראַשנדיקע מיטלען זיך צו דערשלאָגן צו „אים״ זאָל לעבן, אויף אַ שבת אָדער אַ יום טוב, כדי צו קריגן אַביסל גייסטיקע חיונה — אַ נשמה דער־הויבנקייט.

דאָ דרייען זיך אַרום אַ גרויסע צאָל אָנגעפּאַרענע בטלנים, אָרעמע לייט, שלעפּער, קראַנקע און אַלערליי קאַליקעס, וואָס זוכן הילף ביים היי־ליקן צדיק.

אויף קאַסטנס און טישן גייט אָן אַביסל מסחר. יידן האַנדלען מיט יאַר־מולקעס, גאַרטלען און טליתים, ציצית, הייליקע פּלעשעלעך בוימאויל, גע־בענטשטע מטבעות, בורשטיטענע קאָרעלן וואָס כאַפּן שטרויעלעך, ווען מען טוט זיי אַ רייב אויפ׳ן אַרבל, ציגאַר־שפּיצן און בראַנפן.

חסידים באַקוקן זאַכן. טאַפּן, דינגען זיך. מ׳טרינקט לחיים, מ׳ווינט־שעוועט זיך מיט פרומע בליקן און מ׳פּאַרבייסט מיט אייער־קיכלעך.

ר׳ יאָסל מוכר ספרים׳ניק ציט מער קונים ווי אַלע. ער לייגט אויס זיינע ספרים מיט די באַגילדעטע רוקנס אַזוי שיין — אַז ס׳פּאַרכאַפּט דאָס אויג. און יעדער איינער מוז צוקומען בלעטערן און קויפן עפּעס.

ערב ראש השנה קומען מאַרק־אידענעס מיט אָנגעשניטענע שטי־קער רויטע קאָווענע און וויינטרויבן אויף „שהחינו״. און אויף מאָרגן נאָך יום כפור, ווערט דער חסידישער יאַריד נאָך גרעסער און לעבעדיקער.

אויף ספּעציעלע טישן אין זילבערנע און גלעזערנע כלים, ליגן אין ווייסע קלאַטשע איינגעוויקלט די שמעקנדיקע אתרוגים. יידן ווישן זיך די הענט מיט די קעשענע־פאַטשיילעס איידער זיי רירן אָן אַן אתרוג. אַנדערע פּאָרן זיך מיט לאַנגע, גרינע לולבים, דינגען זיך קליבן און קויפן.

מ׳וויזט זיך אינס דאָס אַנדערע די מציאות. מ׳פרעגט מבינות. דער גייסט פון יום טוב און די סביבה פונעם רבי׳נס הויף, וואָס איז פול מיט פרייד שפּיגלט זיך אָפּ אין זייערע אויגן. גוט־ברודעריש נעמט מען זיך אַרום. חסידיש־וואָרעם, דריקט מען זיך די הענט, און מיט ליבשאַפט, רעדט מען איינער צום אַנדערן אויף דו.

צווישן אמת׳ע חסידים, ווערט אָפּט אָפּגעווישט דער באַגריף פון אַלט און יונג, רייך און אָרעם און די מדרגות פון לערנען.

אַלע ווערן גלייך צעוואַרעמט, פאַלן אַריין אין התלהבות ווען דער רבי זאָגט תורה, ווען ער טיילט שיריים, אָדער ווען ער טאַנצט צו הקפות. צו־זאַמען קוויקט מען זיך מיט'ן התלהבות'דיקן דאַווענען און די חסידישע נגונים. דער חסידישער עולם ווערט דאָ פאַראייניקט און פאַרבונדן דורך גלויבן אינעם הייליקן רבי'ן, און אין האָפענונג וואַרעמט זייערע נשמות.

צווישן די שטאָטישע יידן זיינען כמעט נישטאָ קיין „פאַרברענטע" חסידים, כאָטש אַלע זיינען שטאַרק מיטן רבי'ן. פאַראַן געציילטע באַלעבאַ־טים־לומדים, וואָס גייען מיט זייערע זין און איידעמס, צוקונפטיקע רבנים און שוחטים, אין רבינס שול דאַווענען. זיי ווערן אויך איינגעלאַדן, ווען עס מאַכט זיך עפּעס אַ שמחה, אינעם גוט־יידישן הויף.

דער פּראָסטער עולם איז דערווייטערט פונעם הויף, גלויבט אָבער אַז דער רבי איז אודאי נעענטער צו גאָט און האָט אַ גרויסן זכות אין הימל. קען מען טאַקע גאַנץ אָפט, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, זען מאַן און ווייב אין זייע־רע שבת'דיקע מלבושים שפּאַצירן אין הויף־אַריין. דער סוד פון דער בקשה בלייבט ביים גבאי וואָס שרייבט דאָס קוויטל וואָס זיי דערלאַנגען דעם רבי'ן צוזאַמען מיט אַ קליינעם פּדיון. און ווען מ'קומט צוריק, איז מען פול מיט בטחון אַז מ'וועט געהאָלפן ווערן.

— „פריער דורך גאָט און דערנאָך דורכ'ן הייליקן רבי'ן, איז מיין זון אָן קיין שום חסרון, באַפרייט געוואָרן פון פאָניעס הענט", קען מען הערן ווי אַ יידענע טוט אַ זאָג צו אַ שכנה. און אַן אַנדערער דערציילט, ווי דער רבי האָט מתפּלל געווען פאַר איר מאַן און ער איז געזונט געוואָרן, נאָכדעם ווי אַלע דאָקטוירים און פעלדשערס האָבן שוין געהאַט אים אָפּגעזאָגט ס'לעבן.

אַסך מופתים ווערן נאָכדערציילט צווישן די מאַנסבילן. און אפילו מיר, חדר־ייִנגלעך, האָבן ליב געהאַט נאָכצודערציילן די וואונדער־מעשיות. צום מייסטן האָבן מיר ליב געהאַט צו הערן, ווי דער רבי האָט אַרויסגעטריבן אַ דיבוק.

מיר זיינען זייער אַ סך זכרונות פאַרבליבן פונעם רבינ'ס הויף. צוליב דעם וואָס מיין טאַטע איז געווען אַ משמש ביים רבי'ן בין איך כמעט אויפגע־צויגן געוואָרן אין דער חסידישער סביבה און אַלץ געוואוסט און אַלעמען געקענט. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, וועל איך זיך באַנוצן מיט יענעם מאַ־טעריאַל וואָס ליגט נאָך פריש אין מיין זכרון.

פאַראַן נאָך יידן וואָס גייען אָפט אין הויף אַריין. דאָס זיי־נען די קרעמער, וואָס שטעלן צו עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן, וואָס דער הויף געברויכט. ביי זיי איז עס, פאַרשטייט זיך אַ מער עקאָנאָמישע באַציאונג

איידער אַ גייסטיקע. גייסטיק לעבן זיי זיך אויס צווישן די פילע חברות וואָס דאָס שטעטל פאַרמאָגט. פאַראַן אַ חברה „משניות", „חברה תהילים", „תקון ספרים", „חברה קדישא" און אַנדערע.

אויסער די פאַר קלייזעלעך און מנינים שטיבלעך, וואָס האָבן זיך ביס־לעכווייז געשאַפן צוליב די מחלוקת׳ן אינעם גרויסן שטאָטישן בית־המדרש, האָבן איינציקע פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, דעה־זאָגערס, ניט אויפגעהערט איינצוטענה׳ן אַז מ׳דאַרף אויסבויען אַ נייעם בית־המדרש, און דוקא אַ גע־מויערטן. זיי האָבן אַפילו געהאַט פּלענער ווי צו שאַפן ס׳געלט. און זייער חלום איז סוף כל סוף מקוים געוואָרן. אָבער ערשט נאָכדעם, ווען אַ שריפה האָט אויסגעבראָכן, און דאָס אַלטע הילצערנע בית־המדרש איז, צוזאַמען מיט צענדליקער שטיבער, אָפּגעברענט געוואָרן.

די שריפה האָט זיך אָנגעהויבן פונעם שאלאש, וואָס ר׳ יעקב מאיר, אַ רייכער שיינער ייד און דעם רבי׳נס אַ גבאי האָט אויפגעבויט צוליב די געסט און מחותנים וואָס זיינען געקומען צו דער חתונה פון זיין געראָטענער שיינער מוזינקע.

צוליב דער גריוסאַרטיקער חתונה, האָט דאָס העלישע פייער אַלץ אַרומגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, פּונקט דעמאָלט ווען מ׳איז צוריק פון דער חופה געגאַנגען מיט די אָנגעצונדענע הבדלות און כלי־זמרים־שפּיל. די שריפה איז באַוואוסט געוואָרן אין אַלע שטעטלעך אַרום. און די שלוחים וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זאַמלען געלט פאַר אַ נייעם בית־המדרש זיינען מיט קיין ליידיקע הענט צוריק ניט געקומען. און מ׳האָט אויפגעע־שטעלט, טאַקע אויפ׳ן זעלבן פּלאַץ, אַ נייעם בית מדרש פון ציגל און וואַפּנע.

אָבער די מחלוקת זיינען סיי־ווי־סיי אָנגעגאַנגען. מ׳האָט זיך געקריגט איבער אַ „שטאָט" אין מזרח־וואַנט, אָבער אַ ביסל כבוד, איבער אַן עליה — וואָס האָט אָפּט געפירט שבתביים לייענען צו פייערדיקע פּעטש און אויסגעריסענע בערד.

דער קריג פלעגט זיך איינשטילן ערשט דאַן ווען דער רב פון שטעטל, יהושע דיין, ווי מען האָט אים גערופן, אַ שוואַכער, איידעלער ייד, האָט זיך אַריינגעמישט.

צוליב זיין שוואַכקייט, איז דער רב אָפט געווען אין דרויסן — אָדער ביים האַנט־פאַס ... און ביז ער איז צוריקגעקומען, זיינען דערווייל די בעס־טע פּעטש אָפּגעפּיירט געוואָרן.

פאַר ר׳ יהושע דיין האָבן אַלע געהאַט דרך ארץ און מ׳האָט אים גע־פאָלגט. נישט אַזוי איז געווען מיט ר׳ בערל דיין, אַ נידריקער בלייכער ייד, מיט אַ הויכן שטערן און אַ שטאָלענע אויסגעצויגענע באָרד. ער האָט

זעלטן געֶרעדט, תמיד מיט דער ליולקע אין מויל. ר׳ בערל דיך האָט קיין שום ראָלע ניט געשפילט אין דער פירערשאַפט פון שטעטל.

אין פאָליש פונעם בית מדרש, אינעם נייעם ווי אין אַלטן, פלעגט זיך עפענען אַ צווייטע טיר צום שטיבל וואו עס האָט געדאַוונט דער ערשטער מנין.

באַלד נאָכדעם, ווי באַלעבאַטים האָבן אָפּגעזאָגט גאַנץ תהילים — צו וועלכן גרשון ציפּעס פלעגט זיי אַלע שבת פאַרטאָג אויפוועקן מיט זיין טרויעריקן רוף, „ישראל עם קדושים״, שטייט אויף צו עבודת הבורא״! — האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן די דאַוונער.

צום ערשטן מנין, זיינען געקומען אַלע שניידער און שוסטער־יונגען, סטאָליאַרעס, קאָוואַליעס, בעל עגלה׳ס, פעלצן־מאַכער. אַלע אָנגעשלאָסענע אין דער קאָמפּאַניע פייערלעשער, אַלע איבעריקע בעל מלאכות און יאַריד־יידן.

אין שטיבל ביים ערשטן מנין זיצן ביי דער מזרח־וואַנט די גיבורים, ווי, למשל, מאיר סטעלמאַק מיט זיינע זין; זעליג פישער, מיט זיין ברודער —ביידע ריזן. און די חברה וואָס שפּילן אַלע פּורים „יוסף מיט די ברידער״. און נאָך אַזעלכע גיבורים און „יחסנים״.

דער עולם איז אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע און וואָכעדיקע מלבושים. זיי־ער ווייניק אין יאַרמולקעס. יונגע אין קורצע קאָסטיומען און הויכע שטייפע פּאַפּירענע קאַלנערס. קיין גרויס התלהבות איז ביים דאַוונען נישטאָ. מ׳ווינצלט זיך. מ׳רעדט, מ׳שנעלט זיך איבער די אויערן הינטן אַרום. אויף קאַטאָוועס שלעפּט מען אַרויס דאָס נאָז־טיכל פון יענעמס קעשענע. מ׳פירט זיך אויף זייער, וואָוויליונגעריש, הפקר׳דיק, און מ׳לאַכט אָפּ פון די מאַנס־לייט און ווייבער פונעם באַלעבאַטישן קלאַס, וואָס טרינקען די הייסע ציי־קאָריע פונעם אויוון, ווען זיי זיינען שוין באַלד פאַרטיק צו עסן דעם טשאָלנט.

און כאָטש די יידן פון בית מדרש און פון די איבעריקע בכבוד־יקע מנינים, קוקן מיט חוזק אויף די דאַוונער פונעם ערשטן מנין, האָבן זיך אָבער די לעצטע געפילט שטאָלץ, ניט נאָר ווייל מיט זיי צוזאַמען האָבן אויך געדאַוונט די שטיקלעך משכלים פון שטעטל, נאָר אויך צוליב עפּעס אַנדערש אויך.

אין טריסק האָט געלעבט אַ גרויסער למדן, אַן ערלעכער און פרומער ייד. ער האָט געהייסן משה טויבע חנה׳ס. אין מיינע צייטן איז ער שוין געווען אַ טיפער זקן. יום ולילה איז ער געזעסן און געלערנט, געפּאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק; ליב געהאַט יידן און אוסק געווען אין צדקה.

פרייטיק בייטאָג, באַלד ווי ער איז געקומען פון מרחץ און אויסגעטרונ־קען אַ הייסע גלאָז טיי, האָט ער אויפגעהערט צו רעדן דברי חול. און ביז נאָך הבדלה, האָט ער נאָר גערעדט לשון קודש. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים אָפּגעגעבן כבוד און גליקלעך איז געווען דער ייד צו וועמען ר׳ משה איז געקומען באַשיינען זיין שמחה.

איז אָט דער ייד, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אַזוי באַליבט, געווען פּרעמד אין רבינ׳ס הויף, אָפּגעקערט זיך פון די יחסנים און גבירים און פלעגט זיך שטענדיק געפינען צווישן פּראָסטן עולם. ער האָט געדאַווענט מיטן ערשטן מנין...

דאָס האָט פאַרשטייט זיך געגעבן דעם בעל מלאכה׳שן עולם כבוד און זיי האָבן זיך מיט אים געגרויסט.

זיבעטער קאַפּיטל

1

אויפ׳ן ברייטן מאַרק אַרום די קלייטן — וואו מענטשן זאַמלען זיך אין רעדלעך, שמועסן אַביסל, דערציילן זיך נייעס, הערן אויס פּאַטשטן און רכילות׳ן, האָט מען איין פרימאָרגן געהערט אַ שטיקל נייעס, וואָס האָט אַלעמען ווי פּריטשמעליעט. עס איז געווען ווי עפּעס אַ ביטערע גזירה געגן יידן, און בפרט פאַר די יידן אין שטעטל, וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן געוואָרן.

די נייעס האָט געבראַכט יאַנקל קצב, איינער פון די, וואָס שטעלן צו פלייש אין רבינס הויף, און וואָס אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן. ערשטנס, איז ער אַן ערלעכער מענטש, און וועט נישט אויסטראַכטן קיין ליגן, און צווייטנס, קומט ער דאָרט יעדן טאָג. האָט ער געהערט, אַז דער רבי, פּלאַנעוועט צו פאַרלאָזן דעם היגן הויף און זיך באַזעצן אין קאָוולע, וואו ער האָט אייגענע דירות מיט אַ גרויסער שול.

— ס׳הייסט: מ׳איז נאָך ניט זיכער. ס׳איז נאָך דער ווילע נישט מער ווי אַ קלאַנג. און אויב יאָ אַפילו, ווייסט מען נישט ווען. אָבער רעדן, רעדט מען דערפון. און אַז מ׳רעדט, איז דאָך עפּעס פאַראַן אין דעם, האָט יאַנקל קצב דערקלערט דעם עולם.

—אָבער, סטייטש? ווי איז דאָס מעגלעך? דאָ, וואו זיינע אבות האָבן געוואוינט, דאָ, וואו דער קבר פונעם אַלטן צדיק ז״ל געפינט זיך!? האָט איינער פון די יידן געפרעגט מיט אַ טענה, און נישט געוואָלט גלויבן.

און יאַנקל קצב, וואָס האָט אַליין אויך געפילט אַ שווערקייט אויפן האַרצן, פון אָט דער נייעס, האָט זיך אַנגענומען ביי דער באָרד, און אָנגעהויבן דערקלערן ס׳איבעריקע וואָס ער האָט געהערט, — פאַרשטייט איר מיך. די מעשה דערפון איז אַזוי: די הוצאה פונעם הויף איז זייער גרויס. און דער רבי זאָל לעבן קען זיך ניט פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף די חסידים וואָס קומען אַהערצו. דאָס פאַרעכץ איז געוואָרן קלענער. און כסדר אַרומפאָרן איבער דער וועלט, פילט ער זיך שוין ניט מער בכוח, וויל ער דעריבער

זיך באַזעצן אין קאָוולע, ווייל דאָרט איז דאָ אַ באַן־סטאַנציע, מענטשן אין די טויזנטער פאַרן פאַרביי און שטעלן זיך אָפּ, וועט זיך אפשר די הכנסה פאַרגרעסערן, איר פאַרשטייט? אויסער דעם, איז אַ סברה, אַז דער רבי, אויף דער עלטער, וויל מער נישט אויסהאַלטן קיין עין־הרע אַזאַ גרויסע משפחה מיט אייניקע קעסט. די זין און איידעמס קריגן אַריין געגוג געלט, און קענען שוין פירן אייגענע באַלעבאַטישקייט.

די צוהערער האָבן צוגעגעבן, אַז עס לייגט זיך אויפן שכל, אָבער ווי קען ער עס טאָן אַזאַ זאַך צו אַ שטאָט מיט יידן?

— טאַקע? האָט איין קרעמער גע׳טענה׳ט, דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, באַרימט געוואָרן, טראָגט דעם נאָמען טריסקער רבי, אַהערצו פאָרן טויזנטער חסידים, דאָ האָט ער אַלע קינדער חתונה געמאַכט, וואָס הייסט? וואָס? . . .

ער האָט דאָך מיט זיין ברודער ר׳ מאָטעלע — וואָס האָט געהאַט פּונקט אַזאַ חזקה צו פאַרנעמען די שטול פונעם אַלטן צדיק, יאָרן לאַנג מחלוקת געפירט, ביז ער האָט אים פאַרטריבן, און ער אַליין איז געוואָרן דער טריסקער, און איצט וויל ער אַלץ איבערלאָזן? — דאָס איז דאָך אַלעמען אַ פּאַטש אין פּנים! פשוט, נעמען און מבזה זיין אַ שטאָט מיט יידן!

— ווער זאָגט אייך דען אַז ער וויל אַלץ איבערלאָזן? — האָט דער קצב געפרעגט. ער וועט גאָר נישט מיטנעמען, און גאָרנישט איבערלאָזן. דער רבי וועט זיך אויפהאַלטן אין קאָוולע, אָבער נאָר אין די וואָכן טעג און געוויינלעכע שבתים. אָבער אויף אַלע יום טובים, און צום יאָרצייט, און אַפילו אויף אַ שבת מברכים, וועט ער קומען אַהערצו, דאָ פאַרשטייט איר מיך, איז פאָרט דער הויף. די גאַנצע וועלט ווייסט אַז דאָ איז דער הויף, און דאָ וואוינט דער רבי.

— „מ׳שמועסט״, האָט זיך אָפּגערופן אין דער שטיל אפרים שוחט, וואָס איז אָנגעקומען מיטן שווערן טלית־זאַק אונטער דער האַנט. — „מ׳שמועסט, אַז דער רבי איז געוואָרן קאַרג אויף דער עלטער. ער נעמט אָפּ חשבון וואָר־הין דאָס געלט גייט אַוועק, און די רביצ׳ן וויל גאָר אַז פון אַ פּוד מעל זאָלן אַרויס הונדערט און פופציק בולקעס. זי גיט אַכטונג אין קיך, אַז מ׳זאָל פון דאָרט חלילה גאָרניט אַרויסטראָגן״ . . .

דער עולם האָט זיך צעשמייכלט.

— וואָס טוט זיך דאָ, יידן? האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ שטיקל אַפּיקורס.— דער טריסקער האָט שוין מורא פאַר׳ן דלות? — ווער ווייסט דען זיין עשירות? — אַ סברה, אַז אין די וואַרשעווער בענק אַליין, האָט ער עטלעכע הונדערט טויזנט קערבלעך! היינט — וואו זיינען די דירות,

מיט די שטאַלן, די פערד מיט די בריטשקעס און קאַליאַסן? וואו זיינען די קאַסטנס זילבערנע און גאָלדענע הפצים? די טויזנטער לעפל און בעכער, די הענגלייכטער, דאָס גאָלדענע צירונג, בריליאַנטן און פערל? ווער פון אייך האָט ניט געזען דאָס גרויסע רייכטום, וואָס ווערט אַרויסגעלייגט פסח צום סדר, למשל? די קערה אַליין האָט דאָך די ווערט אַ מאַיאָנטעק.

— און וואָס הערט זיך מיט די טייערע מלבושים פון גאָלע זייד און אַט־לעס? און די טייערע סויבלענע און טכוירענע טוליפעס און שטריימלען? האָט אַ צווייטער דערמאָנט.

— טאַקע, די רייכע מלבושים?

— און וואָס הערט זיך מיט׳ן חנוכה־לעמפל? — האָט אַ דריטער באַ־מערקט.

— יאָ, דאָס חנוכה־לעמפל. פון דעם איז דאָך שוין אָפגערעדט. עס איז דאָך דער גרעסטער אַנטיק אין דער וועלט. אַ קליינינקייט, אַ חנוכה־לעמפל וואָס איז גרויס ווי אַן אָרון־קודש, און אין גאַנצן פון ריינעם זיל־בער. צענדליקער גאָלדשמידן האָבן דאָך יאָרן געאַרבעט אויף דעם. ווייסט איר כאָטש וויפל עס האָט די ווערט?

דער עולם האָט אויסגעהערט, אי מיט שטאָלץ אי מיט קנאה — און זיך פאַרטראַכט.

— וואָס טויג אונדז דיינע חשבונות? האָט אים אַן אַנדערער אָפגעענט־פערט. נישט דו און נישט דיין טאַטע אָפילו האָבן דעם רבי׳ן עפעס גע־געבן... מ׳ווייסט, אַז דער רבי איז חלילה נישט קיין אָרעמאַן. ס׳קען זיין אַז דאָס אַוועקפאָרן פון טריסק, האָט גאָרניט צו טאָן מיט געלט זאַכן. הלמאַי זאָלן מיר רעדן, אַז מ׳ווייסט נישט? מאָלע, וואָס מ׳רעדט? אפשר איז די גאַנצע מעשה נישט מער ווי אַ בייזער קלאַנג — אַ רכילות?

מיין שטיפמוטער, וואָס האָט די נייעס געהערט אין מאַרק פון די ווייי־בער, האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויפ׳ן טאַטן. פון אים וואָלט זי שוין אויסגעפונען צי ס׳איז טאַקע אמת אָט דער נאַרישער פזמון. זי האָט פונדעסטוועגן ביי אים גאָרניט געפרעגט, ווען ער איז שפעט אין אָוונט אַ היים געקומען. זי איז נאָך ניט געשלאָפן. עס קען זיין אַז זי האָט נישט געוואָלט אין אים אויפוועקן קיין עגמת נפש און שטערן זיין נאַכטיקע רו, האָט זי עס איבערגעלאָזט אויף אין דערפרי.

אָבער זי האָט גאָרניט באַדאַרפט ביי אים פרעגן. זי האָט עס דערקענט אין זיין פאַרזאָרגט פנים און אין די אָפטע זיפצן זיינע.

זי האָט אים געזאָגט, אַז ווען זי האָט געהערט די נייעס, האָט זי זיך געפילט זייער שלעכט — אָבער וואָס קען מען זיך העלפן? און זי האָט אים גענומען אויסריידן ס׳האַרץ...

— דער הימל ליגט נאָך נישט אויף דער ערד. מ׳דאַרף האָפן אַז דער וואָס לעבט אייביק, וועט אונדז מסתמא נישט פאַרלאָזן.

דער טאַטע האָט מיט ביטערקייט עפּעס געענטפערט און גענומען אַריינ־קוקן אין אַ ספר.

איידער ער איז אַוועק דאַוונען, האָט ער איר געהייסן צוגיין מבקר חולה זיין דער אַלטער מאַכליע ריסע, און שטיל, פאַרזאָרגט, צוגעגעבן:

— כ׳האָב זי נעכטן געזען, אָבער זי האָט שוין קיינעם ניט דער־קענט...

שיינע האָט שווייגנדיק אַרויפגענומען אויף זיך די שאַל, און איז באַלד אַוועק צו דער קראַנקער.

מאַכליע ריסע, אַן אַלטיטשקע אַלמנה, האָט אַזוי פיל יאָרן געדינט אין רבינס הויף, אַז זי איז כמעט געווען שוין פאַררעכנט ווי אַ קרובה פון דער גרויסער רבי׳אישער משפחה. חסידים, רבנים, פרומע לייט, און גלאַט שיינע באַלעבאַטישע יידן, האָבן זיך פון איר ניט אָפּגעקערט, ווי פון אַ געוויינ־לעכער אישה. דעם רביג׳ס זין אַפילו, ווען זיי האָבן זי באַגעגנט אין הויף, זיינען פון איר ניט אַוועקגעגאַנגען, אדרבא, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט גאָר רעדן מיט איר אַביסל. געפרעגט ווי זי פילט זיך אין געזונט, און וואָס מאַכן אירע קינדער און אייניקלעך.

ביי מאַכליע ריסען, איז געווען אַזאַ געוויינלעכע זאַך צו רעדן מיט די יונגע רבי׳אים, אַז זי האָט שוין ניט אַרויסגעוויזן די פאַרלאָרנקייט און טיפן דרך ארץ, ווי אַנדערע, נישט נאָר ווייבער, נאָר אַפילו מאַנסלייט ווייזן אַרויס ווען זיי קומען פנים־אל־פנים מיט איינעם פונעם רבינס קינדער.

מאַכליע ריסע, האָט מיט זיי גערעדט, ווי מיט איר גלייכן, ווייל זי האָט זיי כמעט אַלע אויפגעהאָדעוועט, זיך מיט זיי געבאַנטשעט, ווען זיי זיינען פיצלעך קינדער געווען.

זי האָט קיינעם פון זיי ניט גע׳אירצט, און געקוקט אויף זיי ווי אויף אייגענע קינדער פון וועלכע זי האָט געהאַט סיי נחת און סיי צרות.

— וואָס זשע טוסטו, זונעלע? פלעגט זי אַ פרעג טאָן מיט איר הייזעריק קול און פאַרטרערטע אויגן ביי ר׳ משהלען אָדער ר׳ דודל, וואָס זיינען פאַר איר געשטאַנען אין די זיידענע קאַפּאָטעס מיט די שטריימלעך. זי האָט ממש אָנגעקוואָלן פון זיי.

זי איז שוין געווען זייער אַלט, מאַכליע ריסע. געוואָרן קליין, צע־קנייטשט. זי פלעגט צושאָקלען מיטן קאָפּ, זיך געוויגט ביים גיין, אויף רעכטס און אויף לינקס, און שטאַרק געסאָפּעט.

בלויז שבת בייטאָג פלעגט זי באַזוכן איר גרויסע משפחה. אַלע אירע זין, איידעמס און אייניקלעך זיינען געווען שניידער. אין איר זכות האָבן

אייניקע פון זיי געניית מלבושים פאַרן רבינס קינדער. זי אַליין איז געווען אַ ציכטיקע יידענע, נישט קיין נאַרישע און פון איר האָט אַלעמאַל געשמעקט מיט לעקעך און פעטע געקעכצן.

2

די לעצטע יאָרן איז איר באַשערט געווען צרות פונעם רבינס צווייטן זון. דער וואָס האָט געהאַט צוויי טויב־שטומע קינדער. די עלטסטע, רייזעלע, און דער יינגסטער יינגעלע יוחנן. די מיטלסטע צוויי, אברהמ׳לע און חוה׳לע, זיינען געווען נאָרמאַלע.

רייזעלען האָט מען צו צען יאָר, אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע אין אַ ספּעציעלער שולע, וואו מ׳האָט איר געלערנט שרייבן, לייענען און דאַווענען, וואָס זי האָט, לויט ווי מ׳האָט דערציילט, ניט שלעכט איבערגענומען.

איך געדענק ווען עס איז אָנגעקומען איר ערשטער בריוו וואָס זי האָט געשריבן מיט דער אייגענער האַנט, זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען ביי דער אַלטער רביצן. דאָרט האָט די מוטער געלייענט דעם בריוו און אַלע האָבן זיך געפרייט. דערנאָך האָט מען דעם בריוו אַוועקגעשיקט צום רבי׳ן אין וועג. און מ׳האָט גאָרניט אויפגעהערט צו רעדן פון דער גרויסער גע־שעעניש.

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך איידער איך בין אַוועק קיין אַמעריקע, איז רייזעלע, שוין אַ מיידל פון אַ יאָר נײנצן, צוריקגעקומען פון וואַרשע. זי האָט זיך מיט מיר „דורכגערעדט״ דורכן אָנשרייבן די ווערטער אויף פּאַ־פּיר און איך האָב איר געענטפערט אויפ׳ן זעלבן אופן. איר האַנטשריפט איז געווען ריין און אירע געדאַנקען זייער קלאָרע. זי האָט אַפילו אייניקע ווערטער אַרויסגעקנאַקט מיט די ציין און צונג — וואָס זיינען געווען כמעט אוממעגלעך צו פאַרשטיין — אויסער דאָס וואָרט מאַמע!

איר קול איז געווען ווילד, קוויטשעדיק און לאַכנדיק. זי, ווי די אַנדערע קינדער, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינע. צוליב איר שיינקייט, האָט מען אויף איר שטאַרק אַכטונג געגעבן. דאָס איז געווען אַ שטרענגער אַנזאָג פון דער באָבען...

די צוויי שטומע קינדער האָבן געהאַט צוויי באַזונדערע מזלות. רייזע־לען האָט מען געלויבט און געצערטלט, און דאָס אומגליקלעכע יינגעלע, האָבן טאַטע־מאַמע, אַזוי גיך ווי זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ער איז טויב און שטום, אים איבערגעגעבן צו דער דינסט אין דער מילכיקער קיך, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער דירה און זיי האָבן זיך מיט אים גאָרניט אָנגעקערט, ווי ער וואָלט זייער קינד ניט געווען.

די מוטער, ווען זי איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, פלעגט נאָך ווען עס איז אַריינקומען אין קיך, אַליין אים אַרומוואַשן, אָנטאָן אַ ריינעם גאַר־ניטערל, וואָס איז שוין געווען קליין אויפ׳ן עלטערן יינגעלע, אַרויפזעצן אים אויפ׳ן שויס, שפּילן זיך מיט אים, מאַכן אים לאַכן. דערנאָך פלוצים אים כאַפּן דריקן צום האַרצן, אָנקושן אים, וויינען און ווידער קושן.

ווי אַ שטום חיה׳לע פלעגט זיך דאָס אָרעמע קינד טוליען אַ צופרידע־נער צו איר זיידן קלייד, קוקן איר אין די פאַרוויינטע אויגן און עפּעס אַרויס־ברומען מיט אַ משונה׳דיקן קול... דערנאָך האָט זי אים אָפּגעלאָזן און פאַרמאַכט די טיר, ער זאָל איר ניט נאָכגיין אין די אַנדערע צימערן. און אויך כדי נישט צו הערן זיין געוויין.

דער פאָטער האָט אים ניט געקענט פאַרטראָגן, אים ממש פיינט גע־האַט און פלעגט דאָס טויב־שטומע יינגעלע תמיד אַוועקטרייבן, ווען ער פלעגט שטיין הינטער דער טיר פון דעם עס־צימער, און שרייען, קלאַפּן מיט די הענט מ׳זאָל אים אַריינלאָזן צו די איבעריקע קינדער.

ר׳ אַרעלע, וואָס האָט יעדן פרימאָרגן געזאָגט תהילים הויך אויפן קול און מיט אַזאַ געשמאַקן, זיסן ניגון, האָט נישט געקענט פאַרליידן, וואָס דאָס טויבע קינד שרייט און שלאָגט אים איבער, פלעגט ער מיט כעס אַן עפן־טאָן די טיר, אַ כאַפּ־טאָן דאָס קינד מיטביידע הענט, נעמען אים טרייס־לען, דערנאָך אַריינשלעפּן אים אַ וויינענדיקן אין אַן אַנדער צימער און פאַר־האַקן די טיר, ער זאָל נישט קענען אַרויסגיין. דאַן האָט זיך דאָס קול פונעם פאָטערס תהילים־ניגון אויסגעמישט מיט׳ן מורא׳דיקן געשריי פונעם קינד וואָס האָט זיך דורכגעריסן פון יענער זייט טיר, געבראָכן דעם ניגון מיט אַ געוויין וואָס איז געווען זייער האַרצרייסנד. ביז דאָס יינגעלע, מיד פון וויי־נען, איז איינגעשלאָפן אויף דער פאָדלאָגע. און ר׳ אַרעלע האָט אָפּגע־זאָגט תהילים און אַוועק דאַוונען.

די מוטער, בטבע אַ נערוועזע, אַ קאַפּריזנע, פלעגט אָפט ביי אַזאַ סצענע אָנפאַלן אויף דער דינסט, פאַרן נישט האַלטן אים לעבן זיך, און דערנאָך מיט פייכטע אויגן, פאַרמאַכן זיך אין שלאָפצימער...

ס׳איז געווען אַ גרויסער צער צו קוקן אויף דעם פאַרשטויסענעם יוחנן. און קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי עלטערן, וואָס שטאַמען פון אַזעלכע גרויסע צדיקים, זאָלן אַזוי שלעכט באַהאַנדלען אַן אייגן קינד.

מער פון אַלעמען האָט געליטן די אַלטע מאַכליע ריסע. זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם צער סיי פון די עלטערן, סיי פונעם געשטראָפטן יינגעלע. האָט זי גע׳פּועל׳ט ביי דער רביצן, אַז מ׳זאָל איר באַפרייען פון דער אַרבעט אין קיך, צו וואָס זי האָט שוין ממילא קיין כוח ניט — און איר לאָזן גיין

דינען ביי דער שנור, כדי זי זאָל קענען אַכטונג געבן אויפן טויבן קינד, ווי לאַנג ס׳איז איר נאָך באַשערט צו לעבן.

די אַלטע האָט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו פאַרשאַפן דעם קינד אַ ביסל פאַרגעניגן. זי האָט זיך ממש מקריב געווען פאַר אים. זי האָט געפונען אַ טרייסט וואָס זי איז געווען נאָענט צו אים און פון אים אַנגעקוואָלן. פאַר דער מוטער אַלעמאָל פון אים חכמות דערציילט, ווי זי וואָלט וועלן אין איר אויפוועקן די מאַמע׳שע געפילן...

— טו נאָר אַ קוק רבקה׳לע, ווי שיין ער איז און ווי שיין און שטיל ער שפילט זיך! זע, אַקאָרשט, מאַמעניו, ווי ער קוקט מיר אין די אויגן און פאַרשטייט יעדן וואָרט וואָס איך זאָג, מיר פאַר זיינע גלידער — פלעגט זי זאָגן מיט האַרץ און ליבשאַפט.

אַפילו פאַר׳ן פאָטער, וואָס זי האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז ער וויל אים ניט אַנקוקן, פלעגט זי זיך אַזוי כלומר׳שט אומגערן באַווייזן מיט אים אויף די הענט אַ ריינעם, אַן ארומגעוואַשענעם. זאָל דער טאַטע זען דאָס בריי-ליאַנטענע פנים, די קלוגע אויגן פון זיין קינד...

דאָס קינד איז אָפט געווען קאַפריזנע און שטיפעריש, און ניט אַלעמאָל האָט זי געוואוסט וואָס ער וויל. האָט זי געהאַט האַרצווייטיק, פאַרוואָס זי פאַרשטייט אים ניט. פלעגט זי אים אַריינקוקן אין די אויגן, ווי זי וואָלט אין זיי זוכן זיין פאַרלאַנג — און טענה׳ן צו אים מיט געבעט: — וואָס ווילסטו, נשמה מיינע? זאָג! — וואָס זאָל איך טאָן?

איז ער, נישט קענענדיק אַרויסזאָגן וואָס ער וויל, נאָך מער צערייצט געוואָרן, נאָך מער דערקוטשעט. זי האָט ניט געהאַט קיין רואיקע מינוט. מאַכליע ריסע איז אָבער קיינמאָל ניט אין כעס געוואָרן. איר ליבשאַפט און רחמנות איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אים אַלץ נאָכגעגעבן, ביז זי האָט געטראָפן וואָס ער וויל. דאָס קינד האָט געפילט איר געטריישאַפט, ווען זי האָט אים געגלעט, געצערטלט און אָפּגעווישט די טרערן פון זיינע באַקן, האָט ער זיך צו איר געקלעפּט און געטוליעט.

מאַכליע ריסע האָט אָנגעהויבן אירע לאַנגע יאָרן דינסט, מיט אַכטונג געבן און האָדעווען דעם רבי׳נ׳ס קינדער, און דערמיט האָט זי פאַרענדיקט. שוין צוויי יאָר ווי זי האָט זיך שוין נישט געקענט אָפּגעבן מיט׳ן רבי׳נ׳ס אייניקל. זי איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג־צו־טאָג און אים מער ניט גע-קענט שלעפּן אויף די הענט. דער רבי האָט געהאַלטן אין איין שיקן סגולות און פאַר איר מתפלל געווען. איינמאָל איז זי איינגעפאַלן און דער פעלדשער האָט געזאָגט אַז די געדערים האָבן זיך ביי איר אַראָפּגעלאָזן.

ווען מיין שטיפמאַמע איז אָוועק איר מבקר חולה זיין, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט אַ געפיל מיטצוגיין מיט איר. כ׳ווייס נישט צי עס איז געווען

די מיסטעריעזקייט צו זען אַ מענטשן וואָס האַלט ביים שטאַרבן, צי די נאָענטקייט, וואָס איך האָב תמיד געפילט צו דער אַלטער מאַכליע ריסע׳ן.

כ׳פלעג זי אַלעמאָל זען ווען איך בין געקומען אין הויף אַריין צום טאַטן. איינמאָל האָט עפּעס פּאַסירט מיט מיר, און מאַכליע ריסע האָט מיר געהאָלפן. זי האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון אַ קרענק, אָפּגעשטעלט מיינע ווייטיקן, און ממש דאָס לעבן געראַטעוועט!

פון דעמאָלט אָן האָב איך געפילט אַז איך האָב זי ליב און געזוכט אַלע־מאָל זי מיט עפּעס אָפּדינען. כ׳פלעג פאַר איר גיין אַ גאַנג, עפּעס אויפ־הייבן אָדער דערלאַנגען. אין שטוב ביי אונדז האָט מען פון איר תמיד גע־רעדט מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט.

ס׳איז געווען, איינמאָל, אַ שבת אינדערפרי, האָב איך זיך פּלוצים אויפ־געכאַפּט פון שלאָף מיט אַ שרעקלעכן ווייטיק אין לינקן אויער, וואָס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן שאַרפער. דער גאַנצער קאָפּ האָט מיר געריסן, און איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען אויפן קול.

דער טאַטע איז געווען גרייט צו גיין דאַוונען. ער האָט מיך באַקוקט, גע־גלעט, אַרויסגעוויזן יסורים און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אַ ווײַלע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז פון זיין אַרומטאַפּן מיך מיט זיין גלאַטע, ווייכע האַנט, איז מיר געוואָרן עטוואָס גרינגער. אָבער ווען ער איז אַוועק אין שול, איז מיר געוואָרן ערגער.

שייווע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַ פאַרצווייפלטע. זי האָט אַריינגערופן די באָבע דינציע און די שכנים. אַלע האָבן גערעדט, גע־געבן עצות, געפּרואווט טרעפן וואָס עס קען אָפּשטעלן די געפערלעכע שמערצן. זיי האָבן פּרובירט פאַרשיידענע מיטלען, אָבער ס׳האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן.

דער טאַטע איז אַ היים געקומען אַ ביסל פריער און נישט געקענט איינ־זיצן ביים טיש זעענדיק ווי איך לייד און שריי, האַלטנדיק דעם קאָפּ מיטביידע הענט.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — ווען ס׳איז ניט שבת — האָב איך געהערט ווי ער זאָגט צו שייווע׳ן.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען ס׳איז ניט שבת? אַז קיין דאָקטער איז נישטאָ און דער פעלדשער איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן.

— כ׳ווייס? אפשר אַריינרופן יוסינקע רופא?

— וואָס ווייסט יוסינקע רופא? האָט שייווע אים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. און כ׳האָב גאָר געהערט אַז ער אַליין איז שלאַף, האָט זי צוגע־געבן צושפּאַרנדיק מיין קאָפּ צו איר בוזעם.

כ׳וועל, דאַכט מיר, יענעם שבת קיינמאָל ניט פאַרגעסן. כ׳האָב מיך גע־

מאַטערט אין שמערצן ביז נאָך הבדלה, ווען דער טאַטע האָט מיך אַריינגענו־מען אין זיין ברייטן וואַרעמען טולופּ און אַוועקגעטראָגן צו מאַכליע ריסע׳ן, וועלכע איז געווען אַ גרויסע בריה און ווייסערקע פון באַבסקע רפואות.

דער טאַטע האָט איר נאָך בייטאָג דערציילט פון מיין קראַנקן אויער, און זי האָט אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל מיך ברענגען צו איר.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, איז זי געשטאַנעןביים אויוון און גע־וואַרעמט וואַקס אין אַ טעפּל. דערנאָך האָט זי אינעם צעלאָזענעם וואַקס איינ־געטונקען אַ שטיקל ווייסע לייוונט, אַרויסגענומען עס, געהאַלטן, ביז ס׳האָט זיך אָפּגעקילט און שטייף געוואָרן. זי האָט דעם טאַטן געהייסן אַז ער זאָל מיך אַוועקלייגן אויף איר בעט מיטן קראַנקן אויער אַרויף. זי האָט מיר איבערגעדעקט מיט׳ן פאַרפלעקטן טישטוך וואָס זי האָט אַראָפּגעשלעפּט פון איר טיש, דערנאָך האָט זי דעם שטייפן, פון וואַקס־געלן לייוונט פאַר־דרייט ווי אַ ליקע, און דעם שפּיץ אַריינגעשטעקט טיף אין אויער אַריין.

כ׳האָב מיך ניט געקענט איינהאַלטן פון ניט אויסשרייען. זי האָט דעם טאַטן געהייסן אָנרייבן אַ שוועבעלע און אָנצינדן דעם לייוונט פון אויבן.

כ׳האָב דורכ׳ן צודעק געזען דאָס בלאַסע ליכט וואָס האָט אָפּגעשלאָגן פונעם קנאַקנדיקן פייער. פונקן האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן איבער מיין אי־בערגעדעקטן קאָפּ, וואָס מאַכליע ריסע האָט אויף שנעל אַראָפּגעשאַרט. זי האָט דעם קנויט געשטופּט וואָס טיפער אין אויער. איך האָב דערפילט זייער אַ שאַרפן ווייטיק. באַלד אָבער — אַ פאַרלייכטערונג. נאָך אַ מינוט, דאָס פייער קנאַקט. עס פאַלן שטיקער סאַזשע, איך פיל אַ וואַרעמקייט אינ־וויייניק. ס׳ווערט גרינגער, ס׳ווערט בעסער... דער ווייטיק ווערט שוואַ־כער און שוואַכער, ביז ער פאַרשווינדט אין גאַנצן.

— טאַטע! עס טוט מער ניט ווי, האָב איך אַ זאָג געטאָן אַ פריילעכער און זיך אויפגעזעצט.

מאַכליע ריסע האָט פון מיר אַרונטערגענומען דעם צודעק. דאָס לייוונט־ליכט האָט כמעט אין גאַנצן אויסגעברענט. זי האָט אויפגעוויקלט דאָס איבערגעבליבענע שטיקל לייוונט און געוויזן דעם טאַטן די מאַטעריע, וואָס איז אַרויסגעצויגן געוואָרן. ער האָט צופרידן געשמייכלט און זיך גע־קליבן מיט מיר אַ היים צו גיין. אָבער די אַלטע האָט נישט געלאָזט גיין.

— וואַרט בעסער צו אַ ביסל, יהושע. זאָל ער זיך אָפּקילן. מחמת מיטן צעוואַרעמטן אויער קען ער זיך נאָך חלילה נאָכאַמאָל פאַרקעלטערן. האָט זי געזאָגט צום טאַטן.

האָט זי אים דערווייל מכבד געווען מיט אַ גלעזל טיי און מיר האָט זי דערלאַנגט אַ קיכעלע מיט מאָן.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן רעדן פון דעם קליינעם יוחנן וועמען זי קלייבט זיך איבערצונעמען אין אירע הענט.

— „איך קען שוין מער ניט צוזען דעם צער פונעם קינד", האָט זי גע־זאָגט האַלב וויינענדיק.

— סטייטש, סטייטש? האָט זי אָנגעהויבן טענה'ן — די גאַנצע וועלט קומט צום טריסקער רבין, און אַלעמען גיט ער סגולות מיט קמיעות, און אַלעמען העלפט ער. פאַר פרעמדע וויזט ער גרויסע מופתים, נאָר זיין אייגן קינד קען ער ניט העלפן. זיינע אייגענע אייניקלעך, צווי אומגליקן! כ'בין שוין אַנומלט אַליין צוגעגאַנגען צו אים, געלאָזט שרייבן אַ קוויטל, געלייגט אַ פדיון — און האָב פאַר זיך גאָרניט געבעטן. כ'האָב געבעטן פאַר זיין קינד. האָט ער איבערגעלייענט ס'קוויטל, לאַנג עס געהאַלטן אין דער האַנט. האָב איך געטראַכט: אפשר, איז שוין די גוטע שעה געקומען? דער־נאָך טוט ער זיך אַ פרעג, פאַר וואָס כ'האָב ניט מיט זיך דאָס קינד, ער האָט אים שוין לאַנג ניט געזען. נו, מיינסטו כ'בין נישט געגאַנגען צו אים פאַר צווי וואָכן שבת נאָכ'ן קידוש? האָט דער רבי געגלעט דאָס אומגליקלעכע אייניקל, אים געגעבן אַ שטיקל לעקעך, מסתמא האָט ער אים געוואונטשע־וועט אַלדאָסגוטס. אָבער אַז גאָט וויל נישט!...

איצט ליגט די דאָזיקע אַלטע, גוטע, פרומע יידענע אויפן טויטן־בעט. איך שאָר מיך צו צום פענצטער. די שטוב איז פול מיט אירע קינדער און שכנים. דער עלטסטער זון שוין אַליין אַ זקן שטייט ביי איר צוקאָפּנס. כ'קען נאָר זען איר נאָז און פאַרשפּיצטע מאָרדע וואָס איז געל. עס כאַפּט מיך אָן אַ רחמנות, אַך! ווי אַזוי קען איך איר העלפן?

אָבער קיינער האָט איר שוין ניט געקענט העלפן! נאָר אַ שיינע לויה האָט זי געהאַט. „צו אַזאַ לויה דאַרף מען האָבן אַ זכיה!" האָבן ווייבער כליפּנדיק געזאָגט. עפּעס אַ קלייניקייט?

דעם רבינס אַלע קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען די מיטה.

— אַ גוטע בעטערין זאָל זי זיין פאַר אַלעמען.

אַכטער קאַפּיטל

1

איינמאָל, אַ פּאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, ווייס איך נישט ווי עס האָט פּאַסירט, נאָר איך האָב זיך פּלוצים געפונען ביים ברעג שטעטל. איך האָב, ווייזט אויס, פאַרטראַכטערהייט, אַוועקגעשפּאַצירט אין דער ריכטונג פונעם גלח'ס סאַד. ס'איז געווען אַנהויב זומער. דיביימער פון אַלערליי פּרוכטן האָבן שוין געבליט. ס'איז געווען שמעקענדיק און קיל. זשאַבעס זיינען געשפּרונגען אין גראָז, פליגן און בינען האָבן געזשומעט. פונעם שטעטל איז אַנגעפאָרן וואָסיל מיט די ברייטע וואָנצעס, וואָס ברענגט יעדן טאָג די פּאָטשט פון לודמיר. איצט פאָרט ער צוריק ליידיק.

כ'האָב זיך אָפּגעקערט אַביסל אין אַ זייט, כדי ער זאָל דורכפאָרן. ווען ער איז שוין געווען נאָענט נעבן מיר, האָט ער איינגעהאַלטן די פערד, זיך אָפּגעשטעלט, מיך אַ ווילע אָנגעקוקט און געפרעגט צי איך וויל מיטפאָרן מיט אים צו דער צווייטער פּאָטשט סטאַנציע וואָס געפינט זיך אַ צוואַנציק וויאָרסט פון טריסק.

כ'האָב געמיינט אַז ער שפּאַסט, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר דער רייזע, בין איך געשטאַנען און פאַרלוירן געשמייכלט.

אָבער דער גוי האָט נישט געמיינט צו שפּאַסן און קיין געלט האָט ער אויך נישט געוואָלט. פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן, פאַרשטיי איך עד־היום ניט.

סיי־ווי־סיי, האָב איך זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. כ'האָב גאָרנישט געטראַכט, אַז איך דאַרף אָנפרעגן אין דערהיים, אָדער כאָטש מיט עמיצן אָנזאָגן אַז איך בין געפאָרן, כדי מ'זאָל מיך ניט זוכן. דער חשק ערגעץ אַוועקצופאָרן איז געווען אַזוי גרויס, די פרעמדע וויט האָט מיך אַזוי גע־צויגן און גערייצט, אַז איך בין אָן אַ וואָרט צו ריידן, אַריינגעקראָכן אין דער בריטשקע. די צוויי פּאָטשטאָווע פערד האָבן געטאָן אַ צי, זיך אַוועק־געלאָזט מיט אַ שנעלקייט איבער'ן שליאַך, אויפהויבנדיק אַ געדיכטן שטויב.

כ'האָב דערפילט דעם טעם גן־עדן, ווען כ'האָב געזען אַז הינטער מיר

פאַרשווינדן די בריקן איבער די טייכן, די וואַסער־מיל, די גויאישע הייזער, מיר פאָרן אַריין אין אַ שטיל־געדיכטן וואַלד. דערנאָך אַ טונקעלע ווילדער־גיש פון לאַנקעס און פעלדער, באַגלייט פון אַ ליכטיקער לבנה און אָן אַ שיעור בריליאַנטענע שטערן.

דאָס פאָרן האָט געצויגן לאַנג. ס'איז געוואָרן פינצטער. די לבנה האָט זיך פּלוצים באַהאַלטן אונטער אַ שטיק וואָלקן. די ביימער האָבן איינגע־דרימלט פון זייער אייגענעם שטילן געזאַנג. כ'האָב זיך צוגעוואוינט צו רעגלמעסיקן קלאַפּן פון די פערדישע פיס און דאָס סקריפּן פון די רעדער. וואָסיל האָט נאָר פון יוצא־וועגן געפּאַכעט מיט דער בייטש און געצויגן די לייצעס. ער האָט געדרוימלט און געשפיגן. ס'איז געוואָרן קילער, פעלד־ריחות האָבן געשלאָגן אין דער נאָז. כ'בין לאַנגזאַם איינגעשלאָפן.

מיר זיינען אָנגעקומען אין דער סטאַנציע שפּעט אין דער נאַכט. דער גוי האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ יידישער שטוב, מ'האָט געעפנט די טיר. וואָסיל האָט עפּעס געזאָגט, אַליין איז ער אַוועק מיט'ן געשפּאַן צו דער סטאַדעלע. די באַלעבאָסטע האָט פאַר מיר אין דער פינצטער געמאַכט אַ געלעגער.

אינדערפרי האָב איך געוואוסט, אַז איך געפין זיך אין בלאַזשעניק — אַ זייער שיינער דאָרף, אַנטקעגן אַ געדיכטן וואַלד מיט גרינע לאַנקעס. ביי די זייטן — די צוויי רייען גויאישע שטיבער און שטאַלן. אַ טייך מיט אַ וואַ־סער־מיל און אַ קלויסטער וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גרין בערגל.

שיקע, דער באַלעבאָס, האָט געהאַלטן אַ שטאַל מיט פערד און בריטש־קעס, וואָס מ'האָט געביטן אויפ'ן וועג. קיין לודמיר און צוריק קיין טריסק. אין שטוב האָט ער צו די פּויערים און דורכפאָרער פאַרקויפט ווייסע בולקעס, הערינג מיט בראָנפן און מאַכאָרקע צו רויכערן.

גיט זעלטן איז דורכגעפאָרן אַ פּריץ, און איידער מ'האָט פאַר אים גע־ביטן די פערד, האָט ער זיך דערווייל אָפּגעשטעלט און מ'האָט אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר פאַר זיינטוועגן.

דער באַלעבאָס איז נאָך געווען אַ גאַר יונגער מענטש מיט אַ פאַר־גרעבטן פּנים און אַ שגץ'עוואַטן שמייכל. ער האָט מיר, באַלד ווי איך האָב אָפּגעגעסן, אָנגעבאָטן אַז איך זאָל בלייבן ביי אים און ער וועט מיר געבן צען קערבלעך פאַרן זומער.

— איך וויים אַז דו ביסט אַ טאַטנס אַ קינד. כ'קען דיין טאַטן. כ'וועל אים לאָזן וויסן אַז דו ביסט ביי מיר. איך וועל אויף דיר אַכטונג געבן און דיר וועט דאָ גאָרניט פעלן. און אַ פאָר נייע הויזן וועל איך דיר ברענגען פון לודמיר, האָט ער צוגעגעבן, אַ קוק־טועדיק אויף מיין הילוך. און אַלץ וואָס איך וועל דאַרפן טאָן, איז לערנען מיט זיינע קינדער עברי.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז כ׳האָב מיט יינגלשע פרייד און נאַאיווקייט צוגעשטימט.

כ׳וועל, אַלזאָ, ווערן אַ מלמד צו עלף יאָר. איך, הייסט עס, אַנשטאָט צו גיין אין חדר אָדער זיצן און לערנען אין בית מדרש מיט דער הילף פון גרעסערע בחורים, וועל זיין אַליין דער רבי און זיי, די קינדער, מיינע תלמידים. זיי וועלן מיך מוזן פאָלגן...

כ׳האָב אַ ווײַלע זיך געפילט פאַרשעמט ווי פון אַ קאָמפּלימענט — אָדער ווי עמיצער וואָלט מיט מיר געשפּאַסט. אָבער באַלד בין איך געוואָרן שטאָלץ. ס׳הייסט — אַנטקעגן זיי, בין איך דער שטאָטישער, דער קענער!..

עס זיינען געווען פינף קינדער. צוויי יינגלעך פון פינף און זיבן יאָר, צוויי מיידלעך — אַ צווילינג פון צען יאָר און די גרויסע צוועלף־יאָריקע מויד, מיט דינע, לאַנגע פיס, וואָס באַקט שוין אַליין קאָרענע פלעצלעך, מעלקט די בהמות און פאָרעט זיך אין גאָרטן.

צוליב דער אַנדערשקייט איז מיר אַלץ געפעלן. דאָס דאָרף, די שטוב, דער וואַלד, אַפילו די פּויערים, וואָס זיינען נאָכ׳ן טאָג פעלד־אַרבעט געקומען טרינקען, רויכערן און באַלאַקען.

2

דער באַלעבאָס איז בטבע געווען אַ צוגעלאָזטער, ניט קיין קאַרגער און איז געווען גוט צו מיר און צו די קינדער. ער האָט אָבער פיינט געהאַט ס׳ווייב זיינס; אַ קליין־געוויקסיקע פרומע יידענע. צו איר איז ער געווען שטרענג און בייז. און זי פלעגט אים אַלע מאָל פירוואָרפן דעם חטא, וואָס ער לויפט נאָך ברוך מענדל׳ס שיינער יונגער ווייבל.

ווען איך האָב ברוך מענדל׳ס ווייבל געזען צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך גע׳חידוש׳ט און נישט פאַרשטאַנען ווי קומט זי צו אים? ער האָט מיך דערמאָנט אָן אונדזער מחותנס זון חאַצקל, וואָס איז געווען שטאַרק מגושם׳דיק און געהאַט אַ זייער שיינע אינטעליגענטע ווייב.

ברוך מענדל איז געווען אַ געזונטער דאָרפס־מענטש, מיט אַ ווילד קול און אַ נאַריש פּנים. און זי — אַזאַ צאַרטע, אַזאַ פיין דערצויגענע, אַ שטאָט־טיש־איידעלע, מיט דינע ווייסע פינגער און ליבלעכע בלויע אויגן. מיר איז דאַמאָלט רעכט געוואָרן, פאַרוואָס מיין באַלעבאָס גייט איר נאָך...

נאָך יעדן מאָל אָפּלערנען מיט די קינדער, די גרויסע מויד אַריינגע־רעכנט, האָט די תמיד־פאַרהאָרעוועטע באַלעבאָסטע פאַר מיר געגרייט צום טיש, ווי פאַר אַ גרויסן. און ווי אַ גרויסער האָב איך זיך געוואַשן צום עסן, געמאַכט „המוציא" און דערנאָך געבענטשט, וואָס איך האָב געקענט אויף אויסווייניק.

די פרומע באַלעבאָסטע, צופרידן צו הערן אַ יידיש וואָרט, האָט ממש אַנגעקוואָלן פון מיר און האָט אַרויסגעוויזן געטריישאַפט צו מיר ווי צו אַן אייגן קינד.

אויפן טיש האָט זי אָוועקגעשטעלט אַ סך מאכלים. געדיכטע געלע סמעטענע, קעז, לויזע אייער און פרישע רעטעכלעך מיט ציבעלקעס פונעם גאָרטן.

ס׳עסן איז געווען געשמאַק און מיר איז גאָרניט נמאס געוואָרן צו עסן יעדן טאָג מילכיקס. פלייש האָט מען נאָר פאַרזוכט צו קליינע ברעקעלעך פרייטיק צונאַכטס און שבת בייטאָג. דאָס זעלבע איז געווען מיט ווייסע חלה. אַ גאַנצע וואָך איז נאָר געווען שוואַרץ ברויט מיט קאָרענע פלעצלעך.

דאָס לערנען מיט אַלע קינדער האָט מער ניט געדויערט ווי אַרום אַ שעה אין דער פרי, און נאָך ווינציקער פון אַ שעה פאַרנאַכט. די איבעריקע צייט האָב איך צוזאַמען מיט זיי פאַרבראַכט אין דרויסן אין אַלערליי שפּי־לערייען.

מיר זיינען אַרומגעלאָפן באָרוועסע איבער דער ווייכער ערד אין גרי־נעם גראָז געשפּרונגען, געקראָכן אויף ביימער, געכאַפּט קליינע פישעלעך אונטער דער מיל, וואו איך האָב שוין, אין איין וועגס, אויסגעוואַשן דאָס איינציקע העמד וואָס כ׳האָב געהאַט און עס טאַקע באַלד אויסגעשפּרייט אויפן גראָז צום טריקענען.

כ׳האָב מיך געפילט פריי און פריילעך, ווי עס זיינען פריי און פריי־לעך די פייגעלעך אין וואַלד. איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן די היים, דעם חדר מיטן סיקיליער מלמד און די בחורים אין בית מדרש מיט די גמרות.

צען יידישע פאַמיליעס האָבן געוואוינט אין דאָרף. משה סמאַליאַרניק איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געקענט אַביסל לערנען. זייענדיק דער פאַרוואַלטער פון דער סמאַליאַרניע, איז ער תמיד געווען איינגעשמירט אין סמאָליע, מיט אַ פאַרשמאַלצעוועטן היטל. מיט שטריק אַרומגעבונדן דעם לאַנגן פאַרבלאָזן בגד. ער האָט געטראָגן גרויסע שטיוול, ס׳פּנים — שוואַרץ, די באָרד צעפּאַטלט און די אויגן רויט פון ווינט און רויך.

פויערים האָבן אַרומגעגראָבן די וואָרצלען פון די אונטערגעהאַקטע ביי־מער און מיט דער הילף פון איינגעשפּאַנטע אָקסן זיי אַרויסגעצויגן פון דער ערד. דערנאָך האָט מען די וואָרצלען געשפּאָלטן אין שטיקער און געוואָרפן אין אַ ריזיקן אויוון, וואָס איז געווען קיילעכדיק און פאַרשפּיצט ווי אַ יאַר־מולקע. דעם אויוון האָט מען פאַרמאַכט מיט ציגל און וואַפּנע און אונטערגע־לייגט אַ פייער וואָס האָט געברענט עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד. ס׳פייער האָט געוואַרעמט די פעטע וואָרצלען וואָס האָבן דורך רערן פון זיך אַרויסגעגעבן סמאָלע און טערפּעטין. און ווען די שיטערע הייסע סמאָלע האָט אויפגע־

הערט צו רינען, האָט מען אויסגעלאָשן ס׳פייער, אויפגעריסן די עפענונג און אַרויסגעשאַרט גרויסע שוואַרצע קוילן, וואָס מ׳האָט געשאָטן אין ווע־גענער און ערגעץ אַוועקגעפירט.

משה׳ס שטוב איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג צום וואַלד, פונקט אַנט־קעגן דער סמאַליאַרניע. איין חדר איז געווען פאַרמאַכט. דאָרט האָט ער געהאַט אַ ספר תורה שטיין אין אַ גלעזערנער שאַפּקע, פאַרהאַנגען מיט אַן אַלט צוקנייטשט פּרוכתל. עס איז געשטאַנען אַ טישל פאַרשפּרייט מיט אַ טישטעכל און צוויי לייכטער; אַ לאַנגע באַנק און אַ קעסטל מיט עטלעכע ספרים אין ווינקל.

דאָס איז געווען דאָס מקום קדושל אין וועלכן די יידן פון דאָרף מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען יעדן שבת, אָרומגעוואַשענע, אָנגעטאָנענע אין בעסערע מלבושים, זיך צוזאַמענגעקומען דאַוונען.

משה האָט אַליין געדאַוונט פאַר׳ן עמוד, אַליין געליינט אין דער תורה און נאָכן דאַוונען געשטעלט בראָנפן מיט קיכלעך.

ביים דאַוונען האָט מען מיר אָפּגעגעבן כבוד, נישט ווי איך וואָלט געווען אַ ייִנגל, נאָר ווי שוין אַ דערוואַקסענער. ווי איך וואָלט געווען אַ שטיקל כלי קודש... דאָס האָט מיר אונטערגעגעבן חשק צו דאַוונען אויף אַ קול מיט אַ נגון כדי אַלע זאָלן מיך הערן.

שפּעטער האָבן די יידן געבעטן ביי מיין באַלעבאָס אַז ער זאָל מיר דערלויבן צו לערנען אויך מיט זייערע קינדער, כאָטש איין מאָל אַ טאָג. מיין באַלעבאָס האָט צוגעשטימט, אָבער נאָר איין מאָל אין וואָך.

ס׳זיינען מיר דעריבער צוגעקומען נאָך זעקס קינדער. איך ווייס ניט צו האָבן זיי עפּעס געצאָלט, נאָר יעדער איינער פון זייערע עלטערן האָט מיר בעדאַרפט געבן איין טאָג אין וואָך עסן.

זיינען געווען צוויי אָרעמע יידן אין דאָרף, וואָס אויסער צוויי אַלטע הייזלעך און צו איינציקע בהמות און צוויי קליינע גערטנדלעך האָבן זיי גאָרנישט פאַרמאָגט. איז ווען עס איז געקומען די טעג וואָס כ׳האָב בע־דאַרפט ביי זיי עסן, איז עס פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. כ׳האָב זיך נישט פאַרגונען און איינגעהאַלטן מיין אַפּעטיט, כדי ניט אויפצועסן אַלץ וואָס מ׳האָט פאַר מיר אַוועקגעשטעלט.

צווישן מיינע נייע באַלעבאַטים איז געווען איינער בערל דער רויטער. ער איז געווען רייך. אויסער די פעלדער מיט פאַרזייטע תבואות, האָט ער אויך געהאַט צוויי גרויסע סעדער און אַ סך בהמות.

מ׳האָט אין דער שטיל גערעדט, אַז דער רויטער בערל ווייסט פון אַלע גנבות וואָס קומען פאָר אינעם געגנט. ביי אים אין שטוב האָט מען אָפט גע־קענט זען מאָדנע פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען.

בערל האָט, אויסער די צוויי רויטע יינגלעך, פֿאַרמאָגט אויך אַ שיינע טאָכטער מיט גאָלדענע האָר און קליינע אויף איר קלאָרן פּנים, וואָס האָבן איר צוגעגעבן אָן אַ שעור חן. איז די שיינע טאָכטער געווען די גאַנצע אָנפֿירערקע. מהאָט געזאָגט, אַז צוליב איר פּנימ׳ל מאַכט די פּאָליצײַ זיך ניט וויסנדיק וואָס זיי טוען.

בײַ זיי האָב איך געגעסן אַלע דאָנערשטיק מיט זיכערקייט און אַפּעטיט. עס איז געווען אַ שטוב מיט אַלדאָס גוטס און די באַלעבאָסטע, אַ הויכע, געזונטע יידענע, האָט ניט געזשאַלעוועט. זי האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אָרעמע דורכגייער, זיי געגעבן געַנוג עסן און אַ פּאָר קאָפּיקעס אַ נדבה.

דאָרט האָב איך געהאַט איין תּלמיד, דעם זעקס יאָריקן חיימל, וואָס איז געווען רויטער פֿון אַלע. זיינע האָר זיינען געווען ווי אין זאַפּרען אײַנגעטונקען. דאָס ווייסע קלייענדיקע פּנימ׳ל איז תּמיד געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע, דאָס נעזל פּייכט און די בלויע אומשולדיקע אײַגעלעך האָבן אויף מיר געקוקט מיט גרייטקייט צו פֿאָלגן און נאָכזאָגן דעם „מודה אני״.

ער איז געווען אַ וואויל קינד און דאַכט זיך געהאַט ניט קיין שלעכט קעפּל. אָבער ס׳לשון איז בײַ אים געווען שטומפּיקלאָווע. ער האָט ניט געקענט אַרויסרעדן דעם „גימל״, נאָר „דימל״. און נאָך ווערטער איז אים געווען שווער נאָכצוזאָגן. די קינדער אין דאָרף האָבן אים גערופֿן שטוּ־מעלעלע.

אין מיט׳ן לערנען מיט חיימ׳לען, פֿלעג איך באַמערקן ווי מ׳סודעט זיך מיט פֿרעמדע מענטשן, מיט וועלכע מען איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם צווייטן חדר, און אַלע ווײַלע האָט דער רויטער בערל, זיין ווייב, אָדער די טאָכטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַרומגעקוקט זיך צי עמיצער איז נישטאָ.

ניינטער קאַפּיטל

1

אין מיטן זומער האָבן די פּויערים אָנגעהויבן צו רעדן, אַז מ׳מוז אי־בערפאַרבן דעם קלויסטער, וואָס איז געווען קויטיק און זייער אָפּגעלאָזן.

די דרויסנדיקע ווענט האָבן זיך געשיילט פון זון און רעגן. די ווייסע פאַרב איז געווען ערטערווייז אויפגעבלאָזן ווי געשווילעכצן און עס האָבן אַרויסגעקוקט די טונקעלע נאַקעטע ברעטער.

יעדן פאַרנאַכט, נאָך דער פעלד אַרבעט, זיינען זיך ביי שיקע׳ן אין שטוב צוזאַמענגעקומען עטלעכע פון די סאַמע אָנגעזעענסטע און רייכערע פּויערים פון דאָרף, זיך לייטיש אויסגעזעצט אַרום טיש און פאַר־רויכערט.

מיין באַלעבאָס האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר פלעשער פּערציקער בראָנפן, ווייסע בולקעס און צעשניטענעם הערינג. און נאָך די ערשטע פּאָר גלעזלעך, האָט מען באַלד גענומען רעדן וועגן קלויסטער און כמעט אַלע באַטרונקענע גויאים זיינען געווען איינשטימיק אַז מ׳קען די אַרבעט מער ניט אָפּלייגן און אַז ער, שיקע, קען דורכפירן די הייליקע אַרבעט פון איבערפאַרבן דעם קלויסטער.

ער איז טאַקע געווען אַ פייאיקער מענטש, מיין באַלעבאָס. ער האָט גערעדט אויסגעצייכנט רוסיש, פּויליש און אַפילו טשעכיש. ער האָט חוץ די שטאַלן מיט פערד און בריטשקעס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער פּאָטשט, אויך צוגעהאַנדלט מיט תבואה, געדונגען וועלדער, געשיקט גע־הילץ קיין דאַנציג און זיך ניט אָפּגעזאָגט אויך פון אַנדערע געשעפטן. ער איז געווען צופרידן אָנצונעמען די אַרבעט, עס איז נאָר געווען אַ פראַגע וועגן פּרייז.

אַלע מינוט האָט זיך דער רייכער אַנדריי אויפגעשטעלט, עפּעס אַ בורטשע געטאָן מיט דער שווערער צונג, זיך געגלעט די וואָנצעס, אַרויס־געדעדט דעם פּרייז וואָס זי ווילן צאָלן, אַ שפּיי געטאָן אין זיין ברייטע האַנט אַריין, אַ קלאַפּ געטאָן אין שיקעס האַנט אַריין, זיך אַ גלעט געטאָן אין האַרצן, און געשוואָרן — אַז מ׳קען ניט געבן מער! — מ׳קען נישט!

— עס איז אַן אָרימער דאָרף, שיקע. — מ׳קען נישט מער! אויף מיין וואָרט, מ׳קען נישט! האָט זיך אַריינגעמישט סטעפּאַן מיט דער לאַנגער טשופּרינע האָר, נאָכזאָגנדיק אַנדריי׳ס ווערטער, און ווי אַנדריי אויך אויס־געשפּיגן אויף דער דלאָניע און צוגעפּאַטשט אויף שיקעס האַנט, ווי עס פּאַטשן זיך איבער די הענט די פּערד־הענדלער אויף אַ יאַריד.

צום סוף איז מען געקומען מיטן גלח און מ׳האָט זיך אויסגעגלייכט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מיין באַלעבאָס אַראָפּגעבראַכט פון טריסק עטלעכע יידן מיט עמער פאַרב, באַרשטן, לייטערס און שטריק. גויאים האָבן זיך גענומען אַריינגראָבן סלופּעס, קלאַפּן ברעטער, בויען רישטאָוואַניעס אַרום קלויסטער, ביז העט אַרויף צום שפּיציקן דאַך.

אַ גרויסער עולם איז זיך יעדן טאָג צוזאַמענגעקומען, צוגעקוקט זיך מיט גרויס־נייגעריגקייט ווי די אַרבעט ווערט געטאָן.

איין טאָג, כ׳ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געווען, עס האָט זיך מיר פּלוצים זייער שטאַרק פאַרוואָלט אַריינגיין אין קלויסטער — כאָטש איך האָב געוואוסט אַז מ׳טאָר נישט און עס איז אַ גרויסע עבירה. מיין חשק איז אָבער געווען גרויס, אַן אינערלעכער כוח האָט מיך אַזוי שטאַרק געצויגן אַ קוק צו טאָן אינעווייניק, אַז איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן.

כ׳האָב זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און שטילע טריט ווי ביי אַ גנב, האָב איך זיך צוגעשאַרט צום אַריינגאַנג. כ׳האָב געעפנט די שווערע, ברוינע, מיט מעשענע צוועקעס, אַרומגעקלאַפּטער טיר, און עס האָט אַ בליאַסק געטאָן פאַר מיר מיט גאָלדענעם גלאַנץ: ווייסע, פאַר׳גליווער׳טע, געבעכדיקע פיגורן קוקן אויף מיר מיט קאַלטע בליקן פון אַלע זייטן און וואַרפן אויף מיר אַ שרעק. לאַנגע ווייסע ליכט אין הילצערנע געפאַרבטע לייכטער. בילדער אויף געלן און ווייסן זייד הענגען אויף לאַנגע ברוינע שטעקנס. רויטע לעמפּעלעך צאַנקן; רייען טונקעלע בענק. אַ בימה, פאַרדעקט מיט שווערן ווייסן אַטלעס; גרויסע און קליינע צלמים אומעטום: דורך די קליינע, קאָלירטע פענצטערלעך שיקט די זון אַ בלאַסן שיין. פון די גרויסע ווענט יאָגט אַ קילקייט. הינטער דער בימה, אַ פאַרבאָרגן חדרל וואָס איז פוןביידע זייטן באַוואַכט פון ווייסע פרומע סטאַטועס. כ׳בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער און איבערפילטער מיט נייע געפילן, אַ פאַרוואונדערטער, אַ צעטומלטער. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך שטיי אין אַ קלויסטער! איך זע אַזוינס וואָס איז פאַר מיר, ווי פאַר יעדן יידיש קינד, געווען פאַרבאָרגן. הינטער שווערע געמויערטע ווענט האָב איך אָפט געהערט געזאַנגען פון אינעווייניק; אַ מאָל געזען די ליכט ברענען דורך דער אָפענער טיר, און שטענדיק מורא געהאַט לאַנג צו קוקן. און איצט בין איך דאָ אַליין אין קלויסטער. אַ פרעמדער ריח האָט

מיר אַ שלאָג געטאָן אין נאָז, אַ פרעמדער פחד האָט מיך דורכגענומען און איך בין שנעל אַרויס פון קלויסטער.

עס זיינען אָנגעקומען די פויערים. דער עולם איז געוואָרן גרעסער. אויך דער גלח איז דאָ. ער איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל מיט ברייטע אַרבל. אַ גרויסער זילבערנער צלם איז אים געהאַנגען אויף דער ברוסט. די גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען. די פויערים זיינען געפאַלן אויף די קני, גענומען זאָגן און שעפטשן שטילע תפילות. דורך דער הינטער־טיר האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן בילדער און פאָנען. כ׳בין געשטאַנען ווי צו־געשמידט צו אָט דער, פאַר מיר פרעמדער סצענע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ היפשע ווײַלע. כ׳האָב געפילט אַז ס׳פלאַמט מיר דאָס פנים ווי ביי איינעם וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ ניט זייער שיינע זאַך און איך בין אַוועק מיט אַ ציטער אויפ׳ן לייב.

איך האָב זיך גאָרנישט געקענט באַרואיקן. די נייע איינדרוקן זיינען געווען צו שטאַרק פאַר מיין יונגן מוח. כ׳האָב זיך געפילט זינדיק און צע־שראָקן.

אָבער ווי שטייט עס אין פרק: — „עבירה גוררת עבירה“. ניט נאָר האָט עס מיך געצויגן אַריינצוגיין נאָך אַ מאָל אין קלויסטער, נאָר אויך האָב אויך ביי זיך געפּסק׳ענט, אַז ווי באַלד יידן מעגן אַריינגיין פאַרבן אין קלויסטער, איז עס נישט קיין עבירה.

און אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, בין איך נאָך געוואָרן אַ פריינט מיט פרעדקען. פרעדקע איז געווען אין מיין עלטער, ניט קיין שלעכטער. ער האָט געהאַט ברייטע, שיטערע ציין און איז געווען דאַר ווי אַ שפּאָן.

ער האָט מיר איינמאָל אַרויפגעפירט אויבן אינעם קיילעכדיקן טורעם וואו עס זיינען געהאַנגען אויף גראָבע שטריק צוויי גרויסע, שווערע גלעקער.

— „מעגסט אָנרירן, האָב נישט קיין מורא“, האָט פרעדקע מיר אונטער־געגעבן חשק, זייענדיק אַליין דער ערשטער אָנצורירן דעם אויסגעקיילעכ־דיקן מעטאַל.

דערנאָך האָב איך אויך אָנגערירט, האַלטנדיק אַ ווײַלע די פינגער אויפ׳ן גלאָק.

— „נו, זעסט, ס׳איז גאָרנישט“, און ער האָט אָנגענומען דעם שטריק ווי אַ וויג־צו־טאָן דעם גלאָק.

פלוצים האָבן מיר דערהערט טריט און מיר ביידע זיינען שנעל אַראָפּ־געלאָפן די טרעפּ. אַ גוי האָט אונדז באַגעגנט און אָנגעהויבן שרייען און זידלען. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן צום טייך און אַריינגעשטעקט די באָר־וועסע פיס אין וואַסער, וואָס איז געווען אַזוי לויטער, אַז מ׳האָט געקענט

זען דעם זאַמדיקן דנאָ און אַן אַ שיעור קליינע פישעלעך, ווי קליינע וועדימלעך אַרומיאָגן זיך.

דערנאָך האָבן מיר זיך אויסגעטאָן און אַוועקגעלאָזט זיך שווימען אין דער טיפעניש, וואו פרעדקע האָט פאַר מיר געפּראַוועט קונצן, זיך איבערקערנדיק ווי אַ קאַטשקע מיט די פיס אַרויף און איז אַרויפגעקומען מיט בלעטער וואָס וואַקסן טיף אין וואַסער.

פרעדקע איז ניט געווען קיין נאַרישער שגץ. ער האָט געקענט זיינע מאַליטוועס אויף אויסווייניק. ער האָט אויך געקענט שרייבן וואָס ער האָט זיך געלערנט אין דער שקאָלע.

איין טאָג האָט ער מיך מיטגענומען צו זיך אַ היים. אַ נידעריק שטיבל, מיט בילדער איבער די הילצערנע ווענט. אַרום די ווענט זיינען געשטאַנען לאַנגע בענק צום שלאָפן. געווען דאָ אַן אויוון צום באַקן, און אַ גרויסע פאַמאַינעצע ביים זייט.

זיין מוטער נאָך אַ יונגע גויע, איז געזעסן אויף אַ שטרויענעם זאַק און געוויגט אַ קינד אין אַ וויגל וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען אויף פיר שטריקלעך פון דער סטעליע.

פרעדקע האָט מיך פאַרגעשטעלט. די גויע האָט מיר אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ פרעמדן בליק און אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ. זי האָט פאַרצויגן דאָס גראָבע ווייסע העמד איבער׳ן בוזים, וואָס איז געווען אַ ביסל אָפן. איז צוגעגאַנגען צום אויוון, זיך געפאָרעט אַ ווײַלע אַרום די טעפּ און אַוועקגעשטעלט צוויי שיסלען מיט טונקעלע וואַרעמע וואַרעניקעס, געפילט מיט שוואַרצע יאַגדעס.

פרעדקע האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערגעצלמ׳ט — און מיר אָנגעוויזן אויף דער צווייטער שיסל.

כ׳בין געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, אַ צעטומלטער. כ׳האָב מיך גאָרניט געריכט אויף כיבוד. מיינע בליקן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אויף פרעדקע׳ן, אויף דער גויע מיט די נאַקעטע פיס, אויף די ווענט, אויף דער ערדענער פאָדלאָגע וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט געלן ליים און אויף דער בלויער שיסל וואַרעניקעס וואָס האָבן מיך גערייצט.

„טריפה״ — האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. אָבער נאָר אויף אַ רגע. סיי פרעדקע און סיי זיין מוטער האָבן מיך צוגערעדט צו עסן.

— מעגסט עסן. האָט זי געזאָגט — ס׳איז פראָסטע טייג מיט יאַגדעס.

עד היום טוט מיר נישט באַנג. די וואַרעניקעס געטונקען אין געדיכטע קילע סמעטענע זיינען געווען מחיה נפשות.

אין גאָרטן וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטוב, האָט מיר פרעדקע געוויזן אַלע געוויקסן וואָס זיינען גרין אויפגעגאַנגען פון דער שוואַר־

צער ערד. די פרוכט־ביימער האָט ער אָנגערופן ביי די נעמען און גע־וואוסט אַקוראַט די צייט ווען די, אָדער יענע פּירות, וועלן פאַרטיק ווערן גרייט אַראָפּצורייסן.

פרעדריק איז געווען גוט צו מיר און האָט ניט געלאָזט אַנדערע שקצים מיך באַליידיקן פאַר טראָגן „ציצות״, אָדער אָפּלאַכן פון מיינע צוואַק־סענע פּאות.

כ׳בין געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי אים אין שטוב. זיין פאָטער נישט פון די רייכע גוים, אַ שטילער און ניט קיין גרויסער טרינקער, האָט מיך אָפּט מכבד געווען מיט גרינע עפּעלעך און טאַבאַק־בלעטער, וואָס זיינען גע־וואַקסן אין זיין גאָרטן און וואָס האָבן געשטונקען סכנות נפשות.

ער פלעגט די בלעטער טריקענען אויפן אויוון. דערנאָך זיי צערייבן מיט די הענט־פלאַכן, אָנשטופּן די ליולקע און דאָס איבעריקע אַריינטאָן אין אַ טאָרבעלע וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון זייער דינע הויט, און איז געווען דורכזיכטיק ווי גלאָז.

פרעדקע׳ס פאָטער האָט מיר אויך צוגעזאָגט מיטצונעמען אויף אַ גאַנצער נאַכט אין פעלד, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַ סך פּויערים מיט זייערע פערד, וואָס זיי האָבן געפּענטעט די פאָדערשטע פיס און גע־לאָזט זיי ציפּן ס׳גראָז ביז גאַנץ פרי.

אייניקע גוים האָבן מיטגעבראַכט די ווייבער. זיי פלעגן, אַזוי גיך ווי די פערד זיינען געווען פאַרזאָרגט, אָנצינדן אַ פייער פון צוזאַמענגע־קליבענע דאַרע צווייגן. מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט, געבראָטן קאַרטאָפל, גע־רויכערט ליולקעס, דערציילט מעשיות, געדערט נבול־פּה, געלאַכט און גראָב זיך באַנומען מיט די פרויען.

אַזוי ביז אַרום צען, עלף אַזייגער. דערנאָך האָט דער עולם זיך צעשפּרייט. יעדער האָט זיך אויפגעזוכט אַ ריין אָרט, אויסגעשפּרייט אַ פּאָר זעק אָדער אַ ראַגאָזשע, זיך איבערגעדעקט מיט סירמעגעס איבער די קעפּ און מיט אַ געזונטן טיפן כראָפּן איינגעשלאָפן.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך מיר גראָד ניט געוואָלט שלאָפן. כ׳בין כמעט די גאַנצע נאַכט געזעסן ביים פייער און געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן שטיקלעך האָלץ.

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס פייער גענומען אויסלעשן. מיט אַ שטעקן האָב איך געגראָבן אין די ברענענדיקע קוילן און גליענדיקן אַש, וואָס האָבן מיט פונקען אויפגעשלאָגן אין דער לופט און ניט געוואָרן. די פּויע־רים האָבן זיך געדרייט און געברומט אין שלאָף. לעבן זיין פאָטער איז פרעדקע געלעגן אַ צוואָרפענער, אַן אָפּגעדעקטער אין די ווייסע ליוונטע־נע הויזן. כ׳האָב אויף אים געקוקט און אים מקנא געווען.

כ'האָב געטראַכט: — פרעדקע האָט געזונטע טאַטע־מאַמע, אַ שטוב, פעלדער,ביימער, פערד און קי. געבוירן געוואָרן אַ גוי, האָט ער פרייד און פרייהייט. קיינער לאַכט ניט פון אים, קיינער טשעפּעט אים ניט און ער האָט פאַר קיינעם ניט קיין מורא...

אַלערליי מחשבות זיינען מיר געקומען אין קאָפּ: אַ שטילע פינצטער־ניש האָט מיך אַנגעפילט. שטערן ווי בריליאַנטן האָבן אַראָפּגעקוקט פונעם פינצטערן הימל. די לבנה איז געווען פאַרדעקט פון אַ שטיק וואָלקן. די הינט האָבן זיך אין גראָז געקאַטשעט, זיך געשפּילט, מיט די נעז געשמעקט און עפּעס געזוכט. פּלוצים האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן מיט אַ האַווקען און באַלד צוריק געקומען.

די טעמפּע קלעפּ פון די געבונדענע פערדישע פיס האָבן זיך אויס־געמישט מיט'ן שטילן געוויש פון די וויגנדיקע צווייגן, וואָס אַ לייכטער ווינטל האָט אַלע ווילע אויף זיי אַ בלאָז געטאָן. נאַכט־פייגל האָבן זיך גע־לאָזט הערן פון צווישן די ביימער מיט זייער טרעלן. קליינע פליגעלעך האָבן זיך געדרייט אַרום מיר, געזוכט ערגעץ אַ ביס טאָן. אַלץ צוזאַמען האָט מיך ווי פאַר'כישופ'ט, פאַרדרימלט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער געזאַנגען... מאָדנע נאַרישע געדאַנקען זיינען מיר אַרומגעלאָפן אין קאָפּ. פרעמדע געפילן האָבן מיך באַהערשט. עפּעס האָט מיך געבריצט. כ'בין געשוואומען אין אַ ים פון האַלב וואַכנדיקע חלומות און ווילדע פאַנ־טאַזיעס. מעגלעכע און אוממעגלעכע געשעענישן; פאַסירטע און פאַר־געשטעלטע בילדער האָבן זיך פאַר מיר געדרייט ווי אַ קאַראַהאַד, באַגלייט פון גלאָקן־קלאַנגען, געפאַרבטע קלויסטערס, צלמים און גלחים, שיכורע און בייזע ערלים, שפּרינגנדיקע פערד, די סמאַליאַרניע, בערל דער רויטער מיט זיין שיינער טאָכטער...

איינמאָל, אין מיטן נאַכט, האָבן זיך אַלע גויאים פּלוצים אויפגעכאַפּט, מיט שרעק און געשריי און זיך געלאָזט צום דאָרף.

כ'ווייס נישט ווער עס האָט זיי אויפגעוועקט. דאָס קלינגען אין קלויס־טער, צי דאָס העלע ליכט וואָס האָט געשלאָגן פון דאָרף און באַלויכטן אַ האַלבן הימל! אפשר גאָר דאָס מורא'דיקע האַווקען פון די הינט?

איך און פרעדקע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און זיך געלאָזט לויפן געגן פייער וואָס איז געוואָרן גרעסער און נאָענטער מיט יעדער רגע. ווען מיר זיינען צוגעקומען גאָר נאָענט, האָבן מיר געפילט די היץ אין פּנים פון דער שרעקלעכער שריפה.

עס האָבן געברענט עטליכע שטיבער און שטאַלן אויף אַמאָל, צווישן וועלכע עס איז געווען די גרויסע סטאַדעלע, וואָס האָט באַלאַנגט צו מיין

באַלעבאָס. די ריזיקע פלאַמען האָבן געשלונגען שטרויענע דעכער, גע־קנאַקט און געשאָסן מיט וואָלקנס רויטן רויך און פונקן... עלטערע גוים און גויעטעס, מיט קינדער האַלב־נאַקעטע, וויינענדיקע, זיינען געשטאַנען קעגן פייער. אַ סך האָבן געהאַלטן הייליקע בילדער אין זייערע הענט, שטיל געפּרעפּלט און זיך גע׳צלמ׳ט; אַנדערע האָבן געשלעפּט קי און קעל־בער פון די שטאַלן. יונגע גוים זיינען געקראָכן אויף די דעכער פון זייע־רע שטיבער און געשפּריצט נאַסע זעק און באַגאָסן זיי מיט וואַסער; אייניקע זיינען אַוועק אָפּהיטן דעם ערשט־אָפּגעפּאַרבטן קלויסטער. פרעדקע און זיין פאָטער האָבן שטיל געדאַוונט און געבעטן, אַז די פלאַמען זאָלן ניט דער־גרייכן צו זייער שטוב און שטאַל.

— בעט גאָט. זאָגט פרעדקע צו מיר.

כ׳האָב אים מיטגעפילט און אין האַרצן געוואונטשן אַז ס׳זאָל זיי גאָר־נישט שאַטן. צום סוף האָט זיך דער ווינט אַ קער געטאָן לינקס צו די לייי־דיקע פעלדער, דאָס פייער האָט אָנגעהויבן צו ווערן קלענער און קלענער, און גאַנץ פרי האָט מען שוין געוואוסט וויפל שטיבער און שטאַלן עס זיינען פאַרברענט געוואָרן און וויפל קי און קעלבער מ׳האָט נישט געקענט אַרויס־ראַטעווען.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און מ׳האָט אָנגעהויבן אָפּצורייניקן די בערג מיט אַש און קוילן. געבליבן זיינען נאָר געמויערטע קוימענס. עס האָבן זיך באַוויזן קלעצער, מ׳האָט געשניטן ברעטער, געגראָבן, געקלאַפּט. גויע־טעס האָבן באַרויסע, מיט פאַרהויבענע ספּאָדניצעס, געקנאָטן ליים, גע־בונדן בונטן שטרוי פאַר דעכער. אַלע האָבן געאַרבעט, אַלע האָבן אַרויס־געהאָלפן צוריק אויפצובויען די עטלעכע הייזער.

איך און פרעדקע זיינען תמיד געווען ביי דער אַרבעט. זינט יענע נאַכט איז אונדזער פריינטשאַפט נאָך שטאַרקער געוואָרן. זיין מאַמע האָט, משמעות, געגלויבט, אַז איך האָב געבעטן צו מיין יידישן גאָט, אַז דאָס פייער זאָל זייער שטוב ניט פאַרכאַפּן... און זיי האָבן עס מיר טאַקע געזאָגט און מיר אָפּטער מכבד געווען מיט וואַרעניקעס און סמעטענע.

צווישן די וואָס האָבן געליטן פון דער שרפה איז אויך געווען מיין באַ־לעבאָס. אויסער די סטאָדאָלע וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט היי און האָבער און ברייטשקעס, זיינען אויך פינף פערד פאַרברענט געוואָרן. אָבער ער איז לאַנג ניט אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט. ער האָט געהאַט פאַרדינט עטליכע הונ־דערט קערבלעך ביים קלויסטער און איז בכלל ניט געווען קיין אָרעמאַן. ער האָט זיך טאַקע באַלד געשטעלט בויען אַן אַנדער סטאָדעלע, נאָך אַ גרעסע־רע ווי יענע.

2

עס איז געווען סוף זומער און איך האָב פּלוצים אָנגעהויבן צו בענקן אַ היים. כ'האָב געפילט אַז ס'איז מיר שוין נמאס געוואָרן צו זיין אין דאָרף. אָבער מיין באַלעבאָס האָט מיך נישט אַפּגעלאָזט, ווייל אויסער דאָס לער־נען מיט זיינע קינדער, פלעג איך אָפּט אַרויסהעלפן מיט אַנדערע שטוב אַר־בעט. אַ צוויי דריי מאָל אַ וואָך, פלעגט ער מיך שיקן אין אַ צווייטן דאָרף, וואו עס איז געווען אַ מאָנאָפּאָל צו קויפן עטלעכע פלעשער בראָנפן.

איך פלעג גיין צופוס די אַכט ווירסט הין און צוריק. די ערשטע פאָר מאָל איז זיין גרויסע מויד מיט מיר מיטגעגאַנגען. מיר האָבן זיך אויפן וועג געזעצט אָפּרוען, געגעסן ברויט מיט עפּל, וואָס מיר האָבן מיטגענומען. און עסנדיק האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז זי האָט שיינע שלאַנקע פיס, און חשק געהאַט זי אַרומנעמען... כ'האָב אָבער מורא געהאַט. זי איז געווען אַ נאַר און וואָלט מסתמא דערציילט דער מאַמען.

בין איך בעסער געגאַנגען אַליין. קיינמאָל ניט צעבראָכן קיין פלאַש און קיין געלט ניט פאַרלוירן. דער גאַנג הין און צוריק האָט געדויערט אַ דריי שעה.

האָט מיר דער באַלעבאָס דערפאַר געהאַלטן פאַר אַ וואויל יינגל און גע־זאָגט, אַז ווען ער וועט נאָך שבת פאָרן קיין לודמיר, וועט ער מיך מיטנע־מען און דאָרט מיר קויפן אַ פּאָר הויזן.

בין איך געווען צופרידן סיי פון די הויזן און סיי פון דער נייער שטאָט וואָס כ'האָב געזען.

כ'האָב פון לודמיר געבראַכט פאַר פרעדקע'ן אַ מעסערל מיט אַ הילצער־נע הענטל און ער האָט גאַרניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון גרויס פרייד.

אויסער דער באַלעבאָס האָבן מיך אויך די באַלעבאָסטע און די קינדער געבעטן צו בלייבן כאָטש ביז ראש השנה, ווען זיי פאָרן אַלע אין שטאָט אריין. פאַר זיי איז עס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג, וואָס האָט זיי פאַר־שאַפט אַ סך פאַרגעניגן. זיי האָבן אַ גאַנץ יאָר געוואָרט אויף דעם.

און ווען זיי האָבן מיך געהאַלטן אין צוריידן צו בלייבן, האָט קיינער פון זיי ניט געוואוסט אַז כ'האָב שוין מיט עטלעכע טעג צוריק אַליין באַ־שלאָסן צו בלייבן מיט זיי, און אַז דער געפיל פון בענקשאַפט איז פון מיר פּלוצים אַוועק, איבער אַ סוד, וואָס קיינער האָט ניט געטאָרט וויסן... אפשר נאָך אַ גרעסערע עבירה ווי דאָס גיין אין קלויסטער. אָדער זיין מיט פרעד־קע'ן אַ פריינד און עסן ביי אים אין שטוב טריפה מאכלים...

שולדיק אין מיין זינדיקן סוד איז געווען מיין באַלעבאָס אַליין, וואָס האָט זיך צוליב די נייע הויזן וואָס ער האָט פאַר מיר געקויפט און די קאָמ־

פלימענטן וואָס ער האָט מיר געגעבן, געגומען שאָפּן מיט מיר צו טאָן אַלערליי אַרבעטן: ווי למשל, אַריינטראָגן ס׳שעפּל מילך וואָס מ׳האָט ערשט אויסגעמאָלקן, געבן די בהמות עסן און אַרויסהעלפן דער גרויסער מויד אין גאָרטן אויסציפּן די ווילדע גראָזן און בלעטלעך וועלכע האָבן מאָגער געמאַכט די ערד און וואָס זיינען געוואַקסן צווישן די קאַרטשעס קאַרטאָפל, בורעקעס, מערן און אוגערקעס.

ס׳ערשטע מאָל בין איך ניט געווען צופרידן פון דער אַרבעט. איך האָב בעסער געוואָלט זיך אַרומיאָגן מיט די שקצים איבער די גרינע לאָנקעס. אָבער דערנאָך איז פאַר מיר די אַרבעט אין גאָרטן געוואָרן אַ פאַרגעניגן און עס האָט מיך ליידנשאַפטלעך געצויגן אַרויסצוהעלפן דער גרויסער מויד פעשע, און זען ווי עס שפּאַרן זיך אירע פרישע יונגע בריסטלעך דורך דער דינער האַלב־צעריסענער בלוזע, ווען זי בייגט זיך איין צו דער ערד, און אַז זי שפּאַנט אַריבער אַ הויכן פאַרקאַן, פאַרהויבט זיך איר קליידל, און מען זעט אירע קלאָרע פיס, העכער פון די קני...

פעשע איז געווען אומשולדיק. זי האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז איך קוק אויף איר יעדער באַוועגונג מיט אַ פאַרבאָרגענעם בליק... זי האָט ניט געהערט ווי מיין האַרץ קלאַפּט און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך שאַר זיך אַלס נעענטער צו איר, און איך זוך אַ געלעגנהייט אָנצורירן איר לייב, וואָס האָט געצונדן מיין בלוט און גערייצט מיין פאַנטאַזיע.

כ׳האָב מיינע געפילן פאַרדעקט מיט רייד, אַז מיין נאָענטקייט צו איר איז געווען אַ צופאַל. אָבער ווען כ׳האָב מיט איר געלערנט, איז עס פאַר מיר ניט געווען קיין אָפּקומעניש. בעת זי האָט געזאָגט פון סידור, האָב איך געקוקט אויף איר בוזעם, אויף אירע האָר און געפילט אַז זי פאַרמאָגט אָן אַ שיעור פרייד...

אַזוי איז פעשע דוקא נישט געווען קיין שיינע. זי האָט געהאַט אַ קרו־מע לאַנגע נאָז, מיט ברייטע ציין און אַ נאַריש פּנים, דאָס האָב איך באַלד באַמערקט אין גאָרטן. אָבער מיט די גרינע געוויקסן, צווישן די ביימער, אונטער אַ הייסער זון מיט אַ מיידל אַליין אין דער אַרומיקער שטילקייט, דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גן־עדן, פול מיט זיסע סודות און אומפאַר־שטענדלעכע פאַרלאַנגען...

אין דער וואַרימער לופט, זיינען גרויסע בלויע פליגן אַרומגעפלויגן. בינען האָבן געזשומעט, געצויגן פון די פלאַנצן, פייגעלעך זיינען אויף די צווייגן געזעסן און געזונגען און געפּישטשעט. אויף דער ערד האָבן אָן אַ שיעור אינזעקטן אַרומגעפּויזעט. איבער די לאָנקעס האָבן זיך פערד און קי געפּאַשעט, אַלץ האָט זיך געריסן צום לעבן, איינס האָט געזוכט דאָס

צווייטע. עס האָט אויסגעקוקט ווי די שטילע נאַטור זינגט האַרציקע ליבע־לידער. און איך האָב די לידער געוואָלט הערן, איינזאַפּן זיי אין דער נשמה, כדי זיי נאָכצוזינגען ביינאַכט אויפן געלעגער, טראַכטן און חלומ׳ען פון פעשען און זיך אַרמטראָגן מיט אַ סוד...

אַ וואָך פאַר יום־טוב, האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן אין שטאָט אַריין. מ׳האָט געניצט און געוואַשן, געפּאַקט כלים און מלבושים. די לעצטע טעג האָט מען געבאַקן חלות און קיכלעך — אויסער די עופות — האָבן אַלע יידן צוזאַמען, געלאָזט שעכטן אַ קעלבל און זיך צעטיילט מיט׳ן פלייש.

דאָס גרייטן זיך איז אָנגעגאַנגען אין אַלע שטיבער. אַלע זיינען געווען גוט אויפגעלייגט. מ׳איז געווען גוט איינער צום צווייטן; מ׳האָט געבאָרגט און זיך געביטן מיט זאַכן. מ׳האָט זיך געווינטשעוועט.

די ישוב׳ניקעס האָבן געבענקט נאָך די ימים נוראים, ווען זיי וועלן זיך אַלע צוזאַמען אַוועקלאָזן אין שטאָט צווישן אַ סך יידן, הערן אַ יידיש וואָרט, הערן אַן אמת׳ן חזן און דאַוונען אין אַן אמת׳ן בית המדרש.

איך בין אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט זייער פריילעכקייט — וואָס איז געווען געמישט מיט ערנסקייט און תשובה... כ׳האָב אויפגעהערט צו טראַכטן פון פעשע׳ן. כ׳האָב געהאָלפן פּאַקן, שלעפּן זאַכן פון בוידעם; געהאָלפן אין אַנדערע שטיבער. אַלע האָבן עפּעס געטאָן און זיך געאיילט.

אין דער לעצטער נאַכט, צו „זכור ברית" איז קיינער, אויסער די קליינע קינדער, ניט געשלאָפן און מ׳האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויפ׳ן טאָג.

גאַנץ פרי איז שוין דער וואָגן געשטאַנען פאַר דער טיר, און מיר האָבן מיט שמחה אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן די פּעקלעך מיט די קלומעקעס. אַלע מינוט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳האָט עפּעס פאַרגעסן. אַפילו די באַלע־באָסטע, וואָס האָט טאָג־און־נאַכט געאַרבעט אַלץ צוצוגרייטן, האָט זיך אויך אָן עפּעס דערמאָנט אין דער סאַמע לעצטע מינוט.

די פאַסטוכער, איידער זיי האָבן גענומען די בהמות אין פעלד אַריין און גלאַט שכנישע פּויערים, זיינען איינציקווייז צוגעקומען, אַרומגעשטעלט זיך, געקוקט אויף די יידן וואָס לאָזן זיך אין שטאָט. געשטאַנען זיינען זיי מיט אָפּשיי, גערעדט שטיל, זיי האָבן געוווּסט, אַז מ׳פאָרט אין שטאָט אַריין, כדי צו פייערן די הייליקע טעג. האָבן אייניקע גענומען אַרויסהעלפן מיט די פּעקלעך, אָנגעשמירט די רעדער מיט סמאַלע, באַקוקט די פאַדקאַוועס אונטער די פערדישע פיס, באַטראַכט די לייצעס און געזען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

אַלע ווײַלע איז צוגעפֿאָרן אַן אַנדער ייד מיט זײַן וואָגן. ס׳זײַנען געווען צען וועגענער מיט צען משפּחות. אַלע האָבן גערעדט, געשמייכלט. קינדער זײַנען געשפּרונגען און געשטיפֿט. די לעצטע מינוט איז אָנגעלאָפֿן פֿרעד־קע אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קאָשעקל מיט אייער, וואָס זײַן מוטער האָט מיר געגעבן מיטצונעמען אַ היים. ער האָט מיך געפֿרעגט צי איך קום צוריק, און איך האָב אים נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

פֿרעדקע איז אַוועק, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, באַ־גלייט פֿון אַלעמענס אויסגעשרייען און פֿון אַ ליכטיקער, וואַרעמער זון.

אָפּפֿאָרנדיק אַ שטיק וועג, האָט זיך דער טומל אײַנגעשטילט. דאָס וויגן זיך אויפֿן וואָגן און די שטילקייט פֿונעם וואַלד, וואָס האָט זיך גע־צויגן פֿון ביידע זײַטן וועג, האָט דעם עולם באַרויִקט. די קינדער האָבן געבעטן עפּעס צו נאַשן. די עלטערע האָבן צווישן זיך שטיל גערעדט, אײי־ניקע האָבן אײַנגעדרימלט.

מיר איז עפּעס מיט אַמאָל שווער געוואָרן אויפֿ׳ן האַרצן. געפֿילן פֿון בענקשאַפֿט און מורא האָבן מיך באַהערשט. כ׳האָב שוין געוואָלט זײַן אין דערהיים און אין דערזעלבער צײַט זיך געשראָקן פֿאַר דער אויפֿנאַמע, וואָס דער טאַטע וועט מיר געבן.

— וואָס הייסט ? אַ בחור פֿאַרלאָזט די היים מיט׳ן חדר אויף אַ גאַנצן זומער, ווי עפּעס אַ הפֿקר־יונג, אַ פּוסט־און־פּאַסניק!

אַזוי האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט וועט דער טאַטע אַ זאָג טאָן מיט כּעס און מיר רעכט מקיים פּסק זײַן. און ער וועט זײַן גערעכט. — ווײַל אין די געדאַנקען האָב איך זיך אַליין באַשולדיקט און זיך געפֿילט ווי אַ זינ־דיקער.

כ׳האָב נישט אָפּגעהיט ס׳דאַוונען, נישט אָפּגעגאָסן קיין נעגל־וואַסער, געווען אין קלויסטער, זיך געשפּילט מיט פֿרעדקע׳ן, געקוקט אויף די פֿוי־ערטעס מיט די נאַקעטע פֿיס און האַלב־אָפֿענע בוזימס. און די גלוסטונג וואָס איך האָב געהאַט צו פּעשע׳ן, וואָס זיצט לעבן מיר אין וואָגן אַ שטי־לע, אַ פֿאַרטראַכטע... ווער ווייסט ? ווער ווייסט ? אפשר וועט דער טאַטע דערקענען אויף מיר די אַלע עבֿירות ?...

מיט אַזעלכע רעיונות בין איך אָנגעקומען אין שטעטל, וואָס איז גע־ווען לעבעדיק און פֿול מיט ערבֿ יום־טובֿ׳דיקע אײַלעניש.

ס׳איז געווען אַן אָנגענעמער גערודער. כאָטש דער מאַרק איז געווען פֿול מיט מענטשן, האָט מען פֿונדעסטוועגן נישט געטומלט אויף די הויכע

קולות. מ׳האָט נישט געהערט קיין גראָבע אויסגעשרייען, און מ׳האָט אויך נישט געזען קיינע פאַרזאָרגטע פּנים׳ער. צופרידנקייט און רואיגקייט, איז געווען אומעטום, סיי אין רעדן, סיי אין האַנדל. דער עולם איז געווען גוט, שטיל און איינגעהאַלטן. גוטסקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס אויגן. פרומקייט און פרייד האָט אַראָפּגעשיינט פון יידישע פּנימער. ערנסט און פאַרטיפט זיינען געווען די, וואָס זיינען געגאַנגען פון בית מדרש.

כ׳האָב באַגעגנט באַקאַנטע וואָס האָבן מיך געוואָלט אָפּשטעלן, עפּעס פרעגן, אָבער איך האָב זיך געאיילט אַהיים, צום טאַטן, צו שיוועןן. כ׳האָב געוואָלט זען מיין יינגערע שוועסטער; כ׳האָב געוואָלט זען די באָבע דינציע און אַלע איבעריקע אין שטוב.

און אָט בין איך ווי אַ פאַרשעמטער, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַריין אין שטוב. שיוועןן באַגעגנט מיר אין קיך מיט איבעראַשונג און צופרידנקייט. זי האָט אַוועקגעשטעלט די לאַנגע הילצערנע לאָפּעטע, מיט וועלכע זי האָט אין הייסן אויוון אַריינגעזעצט די פויגלדיקע חלות און איז מיט מיר אַריינגעגאַנגען אינעם גרויסן צימער.

דער טאַטע איז געשטאַנען גרייט אַוועקצוגיין. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ געמישטן בליק, און גאָרנישט געזאָגט. און עד היום ווייס איך נישט וואָס זיין קוק האָט געמיינט און אויסגעדריקט. כ׳האָב אָבער נישט געשפּירט קיין כעס און קיין שטראָף — וואָס האָט דעם פּחד פון מיר באַלד פאַרטריבן, און מיין האַרץ האָט זיך איינגאַנצן באַרואיקט.

דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— גיי שער זיך אָפּ, וועלן מיר גיין אין באָד אַריין.

קענטיק, אַז דער גייסט פון ראש השנה האָט מיר דאָ אַ סך אַרויסגעע־האָלפן. ווייל כ׳האָב אין זיין קול נישט געפילט קיין ברוגז, גיכער האָב איך געפילט עטוואָס אַ צערטלעכקייט אין זיינע רייד. עס האָט גערעדט דער טאַטע... און כ׳האָב מיך דערפילט זיכערער און היימישער. שטאָלץ מיט אַ זעלבסשטענדיקייט. האָב איך דעם טאַטן דערלאַנגט די צען קערבלעך וואָס דער באַלעבאָס האָט מיר ערשט נעכטן באַצאָלט, און שטיל געוואָרט...

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן... אָבער מער ווי אַ דינעם שמייכל איבער זיינע וואָנצעס האָב איך ניט געזען. איז אָט דער שמייכל, ווי איך געדענק אים און פאַרשטיי אים איצט, געווען געמישט מיט יסורים און רחמנות.

ער האָט אפשר אין יענעם מאָמענט פון עפּעס געטראַכט און באַדוי־ערט... ווער קען פאַרשטיין אַ טאַטנס רעיונות? ווער קען וויסן וואָס עס איז פאַרגעקומען דאַן אין זיין נשמה?

דערפאַר האָט אָבער שיװוע אַרויסגעוויזן אָפּענע צעפרידנקייט, ווען זי האָט די אייער, וואָס כ׳האָב געבראַכט פון דאָרף, איבערגעלייגט אין אַ גרויסער ווייסער שיסל נישט געפינענדיק אפילו קיין איינציק איי צעבראָכן — אָדער אָנגעשפּאָלטן.

זי איז אויך געווען צופרידן וואָס דער טאַטע האָט מיך נישט געשטראָפט.

דערנאָך האָט זי מיר דערציילט, אַז פון אַמעריקע איז אויך אָנגעקומען אַ בריוו מיט צען רובל אויף יום־טוב.

צענטער קאַפּיטל

1

מיט אַ זיפץ האָט דער טאַטע זיך געהאַלטן אין איין פרעגן די פראַגע: „וואָס וועט זיין?"

ס'איז שוין געווען נאָך אַלע יום־טובים. די חסידים זיינען זיך צע־פאָרן. דאָס שטעטל האָט אויסגעקוקט ווי פאַרלאָזן. די טעג זיינען געווען גרויע און קאַלטע. זיי האָבן איבערגעלאָזן אַ טרויער אין האַרצן. „די פראַגע וואָס וועט זיין", איז געווען אַ פיינלעכע און אַ צייטיקע. זי האָט זיך געפּאַסט צו מיר ווי צו דער גאַנצער שטוב.

טאַקע, וואָס וועט זיין? וואו וועט מען נעמען אויף פרנסה?

נאָך איידער דער רבי האָט פאַרלאָזן טריסק, האָט מען אַלע קינדער זיינע אַראָפּגעזעצט פון קעסט און פאַרקלענערט די דינערשאַפט. די אויוונס אין דער ריזיקער קיך האָט מען אויפגעהערט איינצוהייצן. די גרויסע טעפּ זיינען געבליבן קאַלט און ליידיק. אייניקע דירות האָט מען פאַרמאַכט כדי צו שפּאָרן באַהייצונג. און נאָך געוויסע ענדערונגען האָט מען איינגעפירט אין הויף. דאָס האָט דעם טאַטן ווי כמעט באַזייטיקט און צוגענומען דעם גרעסטן חלק פונעם שטיקל ברויט וואָס מיר האָבן געהאַט. איז פונעם פּלאַן, אַז איך זאָל גיין צו אַ גרעסערן גמרא מלמד און אויך צו יאַנקל שרייבער, וואָס האָט פאַר אַ קערבל אַ חודש געלערנט שרייבן אַ יידישן בריוו מיט אַ רוסישן אַד־רעס, גאָרנישט געוואָרן. מער ווי איין חודש בין איך צום שרייבער ניט גע־גאַנגען. דער טאַטע האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן שכר לימוד, האָט ער איינמאָל אַהיים געבראַכט עטלעכע בויגן פּאַפּיר, זיי צעווירעט און מיך אָנגעהויבן צו לערנען שרייבן יידישע און העברייאישע ווערטער פון אַ ביכל, וואָס ער האָט ערגעץ געקראָגן פאַר ביידע לשונות.

ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעגעבן יעדן איינדערפרי, אַרויסגעוויזן אַן אַ שיעור געדולד און פאַרשטענדעניש. ער איז געווען ערנסט, ווי ער וואָלט געטאָן אַ הייליקע פליכט און אַנגעקוואָלן, ווען איך האָב געשריבן קיילעכ־דיקע אותיות אויף דער גלייכער אָנגעצייכנטער שורה, אָדער ווען איך האָב אויסגעלייגט אַ וואָרט ווי עס דאַרף צו זיין.

כ'האָב ממש געקענט זען, ווי אין דער שעה פון לערנען טרעט אַפּ דער אומעט פון זיין האַרצן, און זיין פּנים ווערט באַשטראַלט פון פרייד.

גמרא האָב איך געלערנט צוזאַמען מיט די בחורים אין בית מדרש. ס'הייסט, געלערנט האָבן זיי, און מיט מיר האָט מען זיך געשאַפּט. געשיקט אַ גאַנג, געהייסן אַריינברענגען האָלץ, אַנהייצן די הרובע, בראָטן פאַר זיי קאַרטאָפל און צוזאַמענלייגן די ספרים.

דערפאַר האָט מען מיט מיר אַמאָל עפּעס געלערנט, מיך געהאַלטן פאַר אַ גוט יינגל און מיך געלאָזט אפילו אויסהערן זייערע ציבישע, סודות'דיקע מעשיות, און גלאַט אויסגעלאַסענע רייד, פאַר וועלכע זיי האָבן זיך באַדאַרפט היטן פאַר די פאַר יידן, וואָס זיינען כמעט דעם גאַנצן טאָג געזעסן און געלערנט, אָדער פאַר די באַלעבאַטים, וואָס זיינען געקומען פאַרפרי דאַווענען מנחה־מעריב.

פונעם „הויף" האָב איך אויך אַנגעהויבן צו קריגן אַלערליי שליחות'ן, פאַר וועלכע איך האָב געקראָגן אַ פּאָר קאָפּיקעס. ביסלעכווייז בין איך געוואָרן אַ משרת'ל ביים רבי'נס זון, ביי דעם, וואָס האָט געהאַט די צווי שטומע קינדער.

די ערשטע צייט בין איך געווען זייער צופרידן. ערשטנס, ווייל יעדע נייע זאַך האָט מיך פאַרכאַפּט, און אַריינגעפירט אין אַ גוטער שטימונג און צווייטנס, ווייל איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין אַריין אינעם סאַמע קדשי קדשים. דאָרט הינטער די געדיכטע פאַרהאַנגען, וואָס זיינען פאַנטאַסטיש אויסגעשפּונען געוואָרן אין די מוחות פון חסידים און גלויביקע פאָלקס־מענטשן. כ'בין געווען אויף יענער זייט מחיצה צווישן די באַרימטע הייליקע און פאַרגעטערטע גבירישע זין דאָס האָט מיר גע־געבן אַ גרויסע מאָס דערהויבנקייט. איך בין געוואָרן הייסט עס, אַ קרוב למלכות. ניט יעדער איינער קען האָבן די זכיה דאָרט צו זיין...

אָבער שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים, האָט מיך די נאָענטקייט צו אַלץ און אַלעמען שטאַרק אַנטוישט. איך האָב געזאָגט דעם טאַטן אַז איך וויל אין הויף מער ניט זיין.

ער האָט מיר אויסגעהערט און גאַרנישט געזאָגט. ער איז געבליבן גלייכגילטיק, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים ניט אַנגעגאַנגען. אים האָט אויך ניט געאַרט ווען איך האָב אים דערציילט, אַז כ'האָב זיך פאַרדונגען צו משה „בעל־תכלית", וואָס איז מיט זיין פערד און וואָגן אַלע זונטיק אַרויסגעפאָרן איבער די דערפער.

דער וואָגן איז געווען אַנגעלייגט מיט אסך לייזיקע זעק, אַביסל שטרוי, אַלטע בגדים, קעסטלעך צוקערקעס, סטענגעס, שטיקלעך זייף און קאָלירטע קעמעלעך.

מ'האָט דעם יידן גערופן משה „בעל־תכלית", ווייל אין יעדער זאַך האָט ער געזוכט תכלית, אַז נישט לוינט זיך נישט דער גאַנצער עסק... מ'האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרלוירן ס'ווייב זיינס און איז געבליבן מיט דריי קליינע קינדער, האָט ער באַלד ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון שבעה, אָנגעהויבן קרעכצן מיט די ווערטער: — וואָס וועט זיין? וואָס'ט זיין דער תכלית?

האָט ר' מאיר שדכן די קרעכצנדע ווערטער אָנגענומען ווי אַן אָנצוהערעניש... און אים אָנגעהויבן צו רעדן אַ שידוך מיט אַ יונגע אַלמנה פון מאַציוו, אָן קינדער, און דוקא זייער אַ שיינע.

פון איר שיינקייט האָב איך נאָך געהערט, ווען כ'בין מיט די בחורים געזעסן אין בית מדרש, בעת זיי האָבן זיך דערציילט פאַרשיידענע מעשיות.

זיי האָבן געוואוסט פון אַלע שיינע מיידלעך און ווייבלעך אין שטעטל. מיט קיין מיאוסע האָבן זיי זיך נישט אינטערעסירט. איינער פון די בחורים האָט זיי אַפילו געהאַט אויפגעשריבן אויף אַ פאַפיר. מיידלעך באַזונדער און ווייבלעך באַזונדער. איז אָנגעקומען אַ נייע שנור האָט ער איר באַלד אַרויפגעשטעלט אויף דער רשימה. האָט אַ מיידל חתונה געהאַט אין אַנדער שטאָט, האָט ער איר אויסגעמעקט... ער האָט אַפילו מיט דער הילף פון דער איבעריקע חברה, אויסגעאַרבעט אַ מעטאָד אַזאַ, פון פאַסיקלעך און פינגעלעך, וואָס זיי האָבן באַצייכנט, צי איז איינע שיין, אויסערגעוויינלעך שיין, אָדער נאָר באַ'חנ'ט...

זיי האָבן אויך מיט זייערע יונגע גמרא־קעפּלעך גע'חקירה'ט, וועלכע זיינען שענער: — מיידלעך, צי יונגע ווייבלעך. דאָס רוב פון זיי האָט גע'פּסק'נט, אַז אַ יונגע פרוי, אַזוי צוויי יאָר נאָך דער חתונה למשל, איז אין אַלגעמיין שענער, רייפער, ווייבלעכער און מער אָנציענד, ווי סתם אַ שיין מיידל.

— און ווען איז די צייט ווען אַזאַ פרוי קוקט אויס אַמשענסטן? האָט איינער געפרעגט. איז עס ווען זי רייניקט די שטוב? קנעט דאָס ברויט, זויגט דאָס קינד, אָדער ווען זי גייט אין אַ זומערדיקן שבת בייטאָג הינטערן שטאָט שפּאַצירן?

— מיר דאַכט זיך, האָט אַן אַנדערער געענטפערט, אַז אַ פרוי ווען זי שטייט אויף אינדערפרי פון שלאָף איז שענער ווי אַלע מאָל. ווייל איר פּנים שיינט ממש פון רו און פאַרגעניגן.

אָבער צום סוף האָבן אַלע מסכים געווען, אַז צום שענסטן קוקט זי אויס ווען זי שטייט אין אַ פאַריק, אָדער זיידענע פאַטשיילע פרייטיק פאַרנאַכט צו ליכט־בענטשן...

און ווען משה „בעל תכלית" האָט חתונה געהאַט מיט דער יונגער

אַלמנה, וואָס אַלע האָבן געריכמט פֿאַר אַ שיינע, האָבן חברה זיך נישט פֿאַרלאָזן וואָס מ׳זאָגט, נאָר זײַנען אַליין געגאַנגען זי באַקוקן דורך די פֿענצטער, ווען זי איז געשטאַנען פֿאַר די בענטש־ליכט... און אַלע האָבן צוגעשטימט, אַז מ׳דאַרף איר נאָמען אַוועקשטעלן צווישן די סאַמע שענסטע, און אין דערזעלבער צײַט זיך גע׳חדוש׳ט ווי קומט זי צו משה׳ן?

ער איז געווען אַ שטילער, פֿרומער ייִד, מיט עטלעכע יאָר עלטער פֿון איר, אַ געטרײַער און איבערגעגעבענער. פֿון דער שווערער אַרבעט זײַנע, דאָס שטענדיקע אַרומפֿאָרן איבער די דערפֿער אין שנייען און אין רעגן, ווינטן און אין היצן, איז זײַן פּנים געווען טונקל, פֿאַרגרעבט, די באָרד צעפּאַטלט און פֿאַרשטויבט; די בגדים אָפּגעטראָגן און קויטיק.

כ׳פֿלעג אים זען אַלע זונטיק אַרויספֿאָרן און יעדן פֿרײַטיק, ווען ער איז צוריקגעקומען. ער פֿלעגט זיך מיט׳ן וואָגן פֿאַרקירעווען צום ברונעם־געסל. צו זײַן שטוב וואָס איז געשטאַנען הינטער מײַן מומע נחמה׳קעס הויז.

צווישן בײדע שטיבער איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ, מיט אַ באַרג מיסט, וואָס משה האָט געהאַלטן אין איין העכער מאַכן יעדעס מאָל וואָס ער האָט אויסגערייניקט דעם שטאַל, וואו ער האָט געהאַלטן דאָס פֿערד. ביי די זײַטן פֿונעם שטאַל־טויער האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע רעדער, שטיקער פֿון אַן אַלטן דישעל און עמער מיט פֿאַרטריקנטע סמאָלע, צעריסענע שטיקלעך לעדער און פֿאַרזשאַווערטע אײַזערנע רינגען.

אויף דער קופּע מיסט האָבן אַרומגעטאַנצט פֿייגעלעך און שוואַרצע וואָראָנעס, וואָס האָבן מיט צעעפֿנטע פֿליגל פֿון דער לופֿט זיך אַראָפּגעלאָזן און עפּעס גענישטערט מיט זייערע שנאָבלען. עופֿות האָבן געפּיקט קערנעלעך האָבער, פֿון דער מיט שטרוי־אויסגעמישטער ערד. נאָך אַ רעגן, האָט זיך ביי דער וואַנט פֿון שטאַל אָפּגעשטעלט אַ ברוין טײַכעלע, וואָס האָט פֿאַר עטלעכע טעג זיך ניט געוואָלט אויסטריקענען, און געשאַפֿן אַ בלאָטע, וואָס משה האָט באַדאַרפֿט נוצן גרויס בריה׳שאַפֿט מיט די שטיוול ניט אַרײַנצוטראָגן אין שטוב־אַרײַן, ווײַל זײַן בײַע ווײַב האָט מען געשמועסט, איז נישט נאָר אַ יפֿת־תּואר, נאָר אויך אַ ציכטיקע. האָט ער, מסתּמא אויסגערעכנט, אַז ס׳איז נישט קיין תּכלית פֿאַראומרייניקן דאָס הויז און אויפֿרעגן ס׳ווײַב, פֿלעגט ער, מיט אַ גראָב אײַזן נעמען אַרבעטן. קודם אָפּצוציִען דאָס אַרומיקע וואַסער, דערנאָך אויסשיטן טרוקענע זאַמד און צום לעצט, ערשט אַוועקגעלייגט אַ פּאָר ברעטער פֿאַר דער טיר.

משה בעל תּכלית פֿלעגט פֿרײַטיק אַהיימקומען פֿאַרפֿרי, כּדי ער זאָל נאָך קענען גיין אין מרחץ לכבוד שבת. האָט טאַקע די באָד און דאָס אויסשלאָפֿן זיך אין אַ ריכטיק בעט און די ריינע מלבושים, אים געגעבן גאָר אַן אַנדער אויסזען. עס איז געווען שווער צו דערקענען אַז דאָס איז דער זעל־

בער משה וואָס זיצט אינעם וואָגן שמאַטעס, מיט דער בייטש אין דער האַנט.

אויסער דער סחורה וואָס ער האָט געפירט אין דאָרף אַריין, האָט ער אין אַ זעקל געהאַלטן טלית און תפילין, ברויט אויף אַ גאַנצער וואָך, און אויך אַ טעפּל עפּעס אָפּצוקאָכן. ווייל מער ווי אַ רעטעך און אַ ציבעלע האָט ער ביי די גוים ניט געגעסן.

כ׳האָב אים געטראָפן זונטיק אינדערפרי שמירנדיק דעם וואָגן, און צוגרייטן זיך צו דער רייזע.

איך געדענק שוין נישט צי איך האָב אים געפרעגט אויב ער דאַרף אַן אַרויסהעלפער, אָדער ער אַליין האָט מיר אָנגעבאָטן צו אַרבעטן פאַר אים. סיי־ווי־סיי, ווען כ׳האָב איינגעשטימט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „כ׳ווייס ניט וואָס פאַר אַ תכלית עס איז פאַר דיר, זיך אַרומצושלעפּן איבער די דערפער. אַ יינגל ווי דו, וואָלט בעסער באַדאַרפט זיצן און לער־נען, אָבער פינף און זיבעציק קאָפּיקעס אַ וואָך וועסטו קריגן — און איצט גיי אַהיים פרעג זיך אָן ביים טאַטן און טו זיך אָן וואַרעם״.

בין איך געגאַנגען אַהיים. דער טאַטע האָט מיר דערלויבט מיטצופאָרן, אָבער קיין וואַרעמערע מלבושים האָב איך ניט געהאַט. האָט משה אין זיין וואָגן אָפּגעזוכט אַן אַלטן וואַטאָוון שפּענצער און מיר אים געהייסן אָנטאָן.

— „דאָס וועט דיך האַלטן וואַרעם״, האָט ער אַ זאָג געטאָן אָפּטרייסלנ־דיק די שטיקלעך שטרוי פונעם אָפּגעקראַכענעם בגד, און באַלד אַ געשריי געטאָן אין שטוב אַריין:

— „צפורה! — ברענג אַרויס נאָך אַ ברויט!״

איז זיין ווייב, אין אַ שאַל איינגעהילט, אַרויסגעקומען מיט אַ שוואַרץ ברויט אין דער האַנט. ער האָט עס ביי איר צוגענומען און אַריינגעלייגט אין זאַק־אַריין.

איך האָב דערווייל באַמערקט איר ליכטיקן פּנים מיט די חנ׳עוודיקע אויגן, און אין געדאַנק, געזוכט מיט וועמען זי צו פאַרגלייכן. משה האָט זיך אָפּגערופן:

— דער יינגל וועט מיט מיר מיטפאָרן. דאַרף מען אים געבן עסן.

איך ווייס ניט פאַרוואָס כ׳האָב זיך געפילט פאַרשעמט, ווען זי האָט מיך באַטראַכט און דערנאָך אַ לייכטן שמייכל געטאָן. אפשר האָט זי מיר באַ־טראַכט, כדי זיך צו דערמאָנען וועמעס יינגל איך בין, און אפשר האָט זי געשמייכלט, ווייל כ׳האָב מסתמא אויסגעקוקט זייער קאָמיש אינעם אַלטן שפּענצער. — זי האָט עפּעס גערעדט מיט אים אין דער שטיל — און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי זאָגט אים, ער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר. און אפשר האָט זיך עס מיר נאָר אַזוי געדוכט, ווייל כ׳האָב געהאַט אַ

וואונטש, אַז זי זאָל מיך אין זינען האָבען ווי אַ מאַמע, אָדער ווי אַן עלטערע שוועסטער...

ער האָט זיך גענומען איינשפּאַנען ס׳פערד. ער האָט איבערגעביטן דאָס היטל אויף אַ שוואַרצע באַראַשקענע קוטשמע, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַ ברייטע בורקע. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן, און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין דערפל. ער האָט אָנגעהויבן שרייען, כדי מ׳זאָל וויסן אַז ער איז דאָ.

פויערטעס מיט פאַרבונדענע קעפּ אין נייע קאָלירטע פאַטשיילעס, וואָס האָבן פונוויטן אויסגעקוקט ווי פלאַכע טעלער, אָנגעטאָן אין ווייסע פעלצן, האָבן פון די נידריקע שטיבער אָנגעהויבן אַרויסטראָגן אַ בינטל קליאַטשע, אַ פּאָר אייער, אַ ביסל חזיר־האָר. אייניקע — מיט עופות און מעסטלעך קאַרטאָפל, פאַר וועלכע זיי האָבן געוואָלט מזומן. אַנדערע פויערטעס זיינען געווען צופרידן, אַז מ׳האָט זיי געגעבן פאַר זייערע פּראָדוקטן אַ קעמעלע, אַ שפּיגעלע, אַ סטענגע אָדער גאָר עטלעכע צוקערקעס.

ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש. די פויערטעס האָבן געוואָלט מער געלט אָדער זאַכן, און משה האָט געוואָלט געבן ווייניקער. פלעגט ער די סחורה האַלטן אין דער האַנט, פילן די שווערקייט און שווערן זיך, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס צו געבן מער.

מיין אַרבעט איז געווען היטן דעם וואָגן מ׳זאָל עפּעס נישט אַוועקשלעפּן: אָנשטופּן די זעק מיט קליאַטשע, אַוועקלייגן די אייער אין אַ קעסטל און פאַרדעקן זיי מיט שטרוי, זיי זאָלן נישט צוברעכן ווערן.

עסן האָט זיך משה „בעל תכלית" דערמאָנט ערשט פאַרנאַכט, ווען מיר זיינען שוין ביידע געווען גוט הונגעריק און דורכגעפרוירן. אויב ס׳איז געווען אַ ייד אין דאָרף, זיינען מיר צו אים פאַרפאָרן. אויב נישט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גוי. אַלע האָבן משה׳ן גוט געקענט און אים פריינטלעך אויפגענומען.

כ׳פלעג זיך פשוט מחיה זיין ווען מיר זיינען נאָך אַ גאַנצן טאָג זיין אין דער קעלט, ענדליך אַריין אין אַ וואַרעמער שטוב. משה האָט באַלד צוגעשטעלט קאָכן קאַרטאָפל, בעת ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב. דערנאָך האָבן מיר מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן די הייסע בולבעס מיט׳ן שוואַרצן ברויט. ער האָט פרום געבענטשט ווי נאָך דער בעסטער סעודה, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט פון גויעשן טוטין, אַביסל געשמועסט מיט׳ן ערל, ביז משה האָט אָנגעהויבן געגעצן. דאַן האָט ער גענומען לייענען „קריאת־שמע" אין דער שטיל. אין די קליידער האָבן מיר זיך געלייגט אויף דער שטרוי זעק, וואָס דער גוי האָט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד לעבן אויוון. מיר האָבן

זיך איינגעדעקט מיט אַלטע פעלצן און ניט געוואוסט וואו די נאַכט איז אַהינ־געקומען.

משה איז אויפגעשטאַנען פרי און באַלד גענומען מיך וועקן:

— וואָס׳עט זיין דער תּכלית פון ליגן? מ׳דאַרף אָפּדאַוונען און אַרויספאָרן! האָט ער געזאָגט מיט אַ גענעץ.

דאָס שלעפן זיך פון דאָרף־צו־דאָרף, דאָס נעכטיקן יעדע נאַכט אין אַן אַנדער שטוב, די פאַרשנייטע פעלדער און דאָס פּראָסטע דאָרפישע לעבן האָט מיר פאַרשאַפט אַ געוויסע מאָס פאַרגעניגן. כ׳האָב פונדעסטוועגן אַרויסגעקוקט אויפ׳ן פּרייטיק, ווען מיר וועלן אַ היים פאָרן און געפילט זיך גוט, ווען איך האָב געטראַכט, אַז כ׳וועל שייווע׳ן דערלאַנגען די פינף און זי־בעציק קאָפּיקעס, וואָס איך האָב פאַרדינט.

כ׳האָב געוואוסט אַז זי דאַרף זיי נויטיק האָבן...

עלפטער קאַפּיטל

1

איך בין שוין געווען אַ בחור פון צוועלף יאָר. אָן אַ שיעור פראַגעס האָבן מיך געמאַטערט. קינדערשע פראַגעס, נאַאיווע, וועלכע כ׳האָב נישט געקענט פאַרענטפערן.

די זעלבע פראַגעס מאַטערן מיך נאָך איצט אויך. זיי האָבן באַשטימטע נעמען און באַגריפן וואָס קיינער קען ניט פאַרענטפערן. כ׳פלעג שעה׳ן לאַנג ליגן אויפ׳ן געלעגער, טראַכטן ייִנגלשע מחשבות. מאַנכע האָבן מיך גע־רייצט און געווייטיקט, אַנדערע האָבן מיך פאַרטראָגן אין פאַנטאַסטישע וועלטן וואָס האָבן מיר פאַרשאַפט מאָמענטן פון גליק.

איך בין, דאַכט מיר, צו יענער צייט נישט נאָר געווען פיזיש אַנטוויקלט נאָר אויך גייסטיק, האָבן מיך פילע אומפאַרשטענדליכקייטן ניט אָפּגעלאָזן און געפּייניקט.

צו צוועלף יאָר איז מען אויפ׳ן שוועל־איבערגאַנג, פון ייִנגל צו מאַן. איך האָב שוין געפילט אויף זיך דעם ייִדישן יאָך וואָס וועט אויף מיינע פּליי־צעס אַרויפגעלייגט ווערן אין אַ יאָר אַרום, ווען איך וועל פון אַ ייִנגל, ווערן אַ ייִד, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע עבירות. איך האָב אויך אָנ־געהויבן צו פילן די זאָרג און דעם עול וואָס פאַלט אויף יעדן דערוואַקסע־נעם בחורל ביי אַן אָרעמען טאַטן.

מיין קינדהייט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט׳ן טריסקער רבי׳נ׳ס הויף. דער הויף איז געווען פול מיט סודות, מעשות און מופתים. אָבער דווקא דאָס געפינען זיך שפּעטער נאָענט צום רבי׳ן און צו זיינע קינדער, האָט דעם גלויבן מיינעם געמינערט, און די אמונה אין די אַלע מופתים און וואונדער האָט אָנגעהויבן אויסצורינען... דערזעלבער חסידישער הויף וואָס האָט פון ווייטן אַזוי גע׳כישופ׳ט האָט איצט אין מיר אָנגעהויבן אַרויסרופן אַ סך ספיקות...

ניט האָבנדיק קיינעם ווער עס זאָל מיר פאַרענטפערן אַלע מיינע פראַגן און ספיקות, פלעג איך זיך אַליין געבן איין ענטפער: — איך פאַרשטיי ניט,

דערפאַר פרעג איך. ווען איך וואָלט געווען אַ דערוואַקסענער און מער געלערנט וואָלט איך אַליין פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך פאַרשטיי ניט...

צווישן די זאַכן וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען איז געווען מיין טאַטנס באַציאונג צו מיר. עס האָט מיך פאַרדראָסן זיין גלייכגילטיגקייט. עפּעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז ער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעוואַשן די הענט פון מיר, און אים אַרט ניט ווי אַזוי איך ווער דערצויגן און וואָס איך טו. פּונקט ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער.

כ׳האָב געהאַט אַלע פרייהייטן... זיין אין „הויף" אָדער נישט. אַרומ־פאַרן מיט משה „בעל תכלית" איבער די דערפער אָדער זיין אין דער היים. יאָ לערנען אין בית המדרש מיט די בחורים אָדער נישט. ער האָט מיך שוין אַפּילו ניט געצוואונגען צו גיין מיט אים אין מרחץ אַלע פרייטיק. האָבן מיך אָט די אַלע פרייהייטן גיכער געאַרט איידער געפרייט, און איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען. עד היום ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ׳האָב אים קיינמאָל ניט ריכטיק געקענט און ניט פאַרשטאַנען. און עס איז אפשר ניט קיין חידוש, ווייל איך געדענק אים נאָר פון די קינדערשע און יינגלשע יאָרן ווען מ׳באַזיצט נאָך ניט די פייאיגקייטן און דעם חוש אָפּצושאַצן מענטשן אין אַלגעמיין. ס׳איז מיר דעריבער אוממעגלעך פון די זכרונות צוזאַמענצושטעלן אַ פולשטענדיק אויסגעהאַלטן בילד פון מיין טאַטן.

מיין טאַטע, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז זעלטן געווען אין דער־היים. כ׳פלעג אים נאָר זען איינדערפרי איידער איך בין געגאַנגען אין חדר. ער פלעגט אַהיימקומען שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן און ווען ער איז שוין אַמאָל יאָ געווען אין שטוב איז ער געזעסן איבער אַ ספר.

ער האָט מער געשוויגן ווי גערעדט. מער געשטראָפט ווי געצערטלט. מער געזיפצט ווי געשמייכלט און עפּעס, איז ער, בכלל, געווען אַנדערש פון אַנדערע טאַטעס.

ער האָט אַן צווייפל, פאַרמאָגט אין זיך פיינע אויסגעהאַלטענע געוואוינ־הייטן און גאַנץ שיינע נאַטור־שטריכן, וועלכע איך אַלס קינד, האָב ניט גע־וואוסט ווי אָפּצושאַצן און ניט פאַרשטאַנען.

מיר פלעגט זיך, צום ביישפּיל, אויסווייזן, אַז ער איז תמיד אַ פאַרזאָרג־טער, ערנסטער, ניט קיין צוגעלאָזטער מענטש. און צוליב זיין בלאַסן פּנים — אפשר אַ שוואַכער. אין דער אמת׳ן איז ער געווען זייער אַ שטאַרקער, אַ גוטער. און צייטנווייז צווישן זיינס גלייכן — אַ פריילעכער.

מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן גיבור און אים פאַרגליכן צו כאַצקלען, וועלכער איז געווען דער שטאַרקסטער אין שטעטל. מיין טאַטן פלעגט מען לויבן פאַר זיין גוט האַרץ.

אין זיין אָרעמקייט פלעגט ער פונדעסטוועגן יעדן דאָנערשטיק פאַר־

זאָרגן עטלעכע יידן, אָרעמעלייט, מיט אַ פּאָר פונט מעל און אַ שטיקל פלייש אויף שבת. דערביי האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָנצוזאָגן שייוועץ אָדער עמיצן אַנדערש אין הויז, אַז מ'זאָל דאָס פּעקעלע אַוועקלייגן ביי דער שוועל, אָנקלאַפּן אין דער טיר, און באַלד אַוועקגיין; כדי די אָרעמע באַלע־באַטע זאָל ניט וויסן ווער עס ער געבראַכט און ניט פילן קיין בושה...

געוועזן אויך אָרעמעלייט וואָס זיינען געקומען צו אונדז אין הויז. פאַר זיי האָט דער טאַטע צוזאַמענגענומען יעדע וואָך עטלעכע קערבלעך פון רייכע באַלעבאַטים און חסידים.

ווען ער זיין משמח זיין דעם עולם אויף אַן אָרעמע חתונה וואָס ער האָט געהאָלפן צוגרייטן, האָט מען דערציילט אַז ער פלעגט זיך פאַרשטעלן, טאַנצן אויף טעלער און אינמיטן טאַנצן פלעגט ער זיך פלוצים טאָן אַ צי־אויס אויף דער ערד און ווערן שטייף ווי פאַר'חלוש'ט און איינהאַלטן דעם אָטעם. מ'האָט אים געמעגט שטעכן מיט שפּילקעס, רייסן און טרייסלען, קיצלען אונטער די פאַכוועס, אָדער אין די באָרוועסע פיס, איז ער פאַרבליבן באַ־וועגלאָז, מיט אַ פאַרשטייפטן פּנים ווי אַ טויטער.

אַלע האָבן געוואוסט אַז דאָס איז אַ קונץ אַזאַ. אָבער ווען עס איז אַוועק אַ פּאָר מינוט און ער האָט זיך אַלץ קיין ריר ניט געטאָן, איז מען געוואָרן אַ ביסל אומרואיק... ווייבער וואָס האָבן דאָס געזען צום ערשטן מאָל, האָבן אָנגעהויבן ברעכן די הענט. זיי זיינען געווען גרייט צו וויינען... אפשר, חס ושלום....— זאָל מען עפּעס טאָן! פאַרוואָס טוט מען גאָרנישט?

און ווען אַלע זיינען שוין געווען באמת דערשראָקן, האָט זיך דער טאַטע געטאָן אַ כאַפּ־אויף, געגעבן אַ באַפעל צו די כלי־זמר און ווי אַ יונג בחורל אַוועקגעלאָזט זיך טאַנצן.

אַמבעסטן האָב איך ליב געהאַט אויסצוהערן די מעשיות וועגן זיינע אויסערגעוויינלעכע שטאַרקע כוחות. דער טאַטע האָט למשל, געקענט אויפשטעלן אַ פאַס ווייַן פון פופציק עמער און זי אַוועקדרייען אין אַ ווינקל. מ'האָט דערציילט אַז ער האָט איינמאָל אויפגעהויבן אַן איבערגעקערטן וואָגן מיט מענטשן... אַז ער איז געשוואומען אין דער טיפעניש פון טייך צוויי שעה אויפ'ן זייגער אָן אַן אָפּשטעל. און נאָך און נאָך פאַרשיידענע העלדישקייטן האָט מען דערציילט פון אים וואָס האָבן מיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מיט אַ געפיל פון זיכערקייט ווען ער איז געווען אין דער היים אַז ער קען אַלעמען באַשיצן.

2

צוליב זיין שטאַרקייט איז ער געווען געוואָגט און פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. איך געדענק ווען מ׳האָט געגומען דעם זאַפּאַס בעת דער רוסיש־יאַפּאַנעזישן קריג. טויזנטער פּויערים האָט מען צוזאַמענגענומען פון די אַרומיקע דערפער, געבראַכט זיי הינטער דער שטאָט, איבערגעזעצט אין אַנדערע וועגענער און אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע.

אין יעדן שטעטל וואו די פּויערים זיינען דורכגעפאָרן האָבן זיי אָנ־געטאָן צרות דער יידישער באַפעלקערונג. יענעם טאָג ווען זיי האָבן בע־דאַרפט דורכפאָרן אונדזער שטעטל, האָט מען זיך באַוואָרנט מיטן פאַרשליסן די קלייטן, מ׳האָט פאַרהאַקט טיר און טויער, פאַרמאַכט די לאָדן איבער די פענצטער; ווייבער און קינדער האָט מען באַהאַלטן אין די וועלדער. און ביים פריץ האָט מען גע׳פועל׳ט אַז ער זאָל פאָדערן שוץ פון דער מאַכט אין דער גרויסער שטאָט, וואו ס׳האָבן זיך געפונען קאַזאַרמעס מיט קאַזאַקן און סאָלדאַטן.

אָבער קיין שוץ איז ניט געקומען. האָט מען זיך אין שטעטל אויף גיך אָרגאַניזירט, און פאַר יעדן קראָם און שטוב אָוועקגעשטעלט איינעם אָדער צוויי פון די יונגע, געזונטע סטעילמעכעס, קאַוואַליעס און גלאַט שטאַרקע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט באַהאַלטן שטעקנס הינטער די פאָלעס פון זייערע לאַנגע כאַלאַטן.

אונדזער שטוב איז געווען ליידיק און פאַרשלאָסן. דער טאַטע איז גע־שטאַנען ביים טיר אין דרויסן. איך האָב זיך ניט געוואָלט באַהאַלטן מיט די איבעריקע קינדער אין וואַלד. כ׳האָב בעסער געוואָלט שטיין לעבן אים. די טיר פון דער צווייטער שטוב, וואָס האָט באַלאַנגט צו אונדזער מחותן — דער וואָס האָט געהאַט פיר זין ווי די ריזן אויסער דריי ברידער זיינע, אויך אייזערנע מענטשן, — איז געווען אָפן. זיי און די פרויען און קינדער זיינען געווען אינעווייניק. זיי האָבן ניט מורא געהאַט. פאַרקערט, זיי האָבן גאָר אַרויסגעקוקט אויף אַ שטיקל אַנפאַל, כדי צו קענען צעפירן די הענט אַ ביסל...

כאַצקל איז צוגעקומען און געוואָלט שטיין ביי אונדזער הויז. אָבער דער טאַטע האָט אים געזאָגט אַז ער דאַרף נישט קיינעם. זאָל ער בעסער, אָדער איינער פון די ברידער גיין צו דער מומע רבקה׳ס שטוב.

דער שטויב פון די הונדערטער פורן וואָס זיינען אַדורך אונדזער גאַס האָט זיך ווי אַ טומאַן געהויבן אין דער לופט. גלייך האָבן זיך באַוויזן עט־לעכע קאַזאַקן אויף פערד און געטריבן די פערד און וועגענער, זיי זאָלן וואָס גיכער דורכפאָרן דאָס שטעטל.

אייניקע האַלב־שיכור׳ע פאַרביטערטע גוים זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די וועגענער און זיך אַ לאָז געטאָן צו די שטיבער, אָבער אַ קאָזאַק מיט אַ נאַגייקע אָדער גלאַנציקע סאַשקע האָט זיי באַלד פאַרטריבן.

די וועגענער האָבן זיך געצויגן אַ פּאָר שעה און מ׳האָט זיך צוגעוואוינט צו דער טרויעריקער סצענע. מ׳האָט פאַר די פויערים־רעקרוטן אָנגעהויבן צו טראָגן פריש קאַלטע וואַסער פון ברונעם. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צום וואַסער מיט אַ געוואַלדיקן דורשט.

אייניקע האָבן פאַרן קאַלטן טרונק געדאַנקט, אַנדערע האָבן צוגעוואָרפן עטלעכע גראָבע ווערטער מיט קללות.

פון די מעשיות וואָס כ׳האָב זיך געהאַט פריער אָנגעהערט פון מיין טאַטן, איז ער פאַר מיר יענעם הייסן זאַפּאַס־טאָג אויסגעוואַקסן ווי אַ גרויסער העלד.

איך קען ניט פאַרגעסן ווי ער איז געשטאַנען אומדערשראָקן און אַזוי זיכער מיט זיך.

עס האָט פון אים געשלאָגן אַזאַ מוט, אַנטשלאָסנקייט און גבורה, וואָס איך האָב פריער און שפּעטער ביי קיינעם ניט געזען.

אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך געהאַלטן אין איין באַרימען פאַר די יינגלעך אין חדר מיט מיין טאַטנס העלדישקייט, און ווי איך האָב זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן מיט אַלע קינדער אין וואַלד, נאָר שטיין הינטער אים, ווייל ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט.

ווען מיר יינגלעך, פלעגן זיך דערציילן מעשיות אין די ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, איז מיין טאַטע און זיין גבורה געווען ביי מיר די בעסטע טעמע, כ׳פלעג שטאַרק איבערטרייבן און דערציילן אַזעלכע געוואַגטע העלדישקייטן און אויסגעטראַכטע גבורות, אַז אַלע מיינע חברים זיינען באַגייסטערט געוואָרן און מיך שטאַרק מקנא געווען.

די קנאה זייערע האָט מיר פאַרשאַרפט אַן אַ שיעור פאַרגעניגן, דאָס האָט מיר אָפּגעצאָלט פאַר דעם עגמת נפש וואָס כ׳האָב געהאַט — ווען כ׳בין זיי מקנא געווען פאַר די גוטע מאכלים וואָס זיי האָבן געבראַכט אין חדר; פאַר די בעסערע בגדים וואָס זיי האָבן געטראָגן און פאַר אַ סך אַנדערע גוטע זאַכן וואָס זיי האָבן געהאַט — און איך נישט.

ווען מעס פאַרגעניגן עס איז געווען גרעסער — די ממשות׳דיקע מאַטעריעלע זאַכן פון וועלכע זיי האָבן גענאָסן, צי מיינע אויסגעטראַכטע מעשיות — דאָס לאָז איך איבער פאַר אַנדערע צו אורטיילן.

צוועלפטער קאַפּיטל

1

איין גאָרן איז געווען די העכסטע צווישן די געפּאַרבטע ראָס־קאָשנע דירות אין רבינ׳ס הויף. און עס איז געווען סימבאָליש, ווייל דאָרט האָט גראָדע געוואוינט איינע פון דעם רבינ׳ס שניר, וועלכע אַלע אין חסי־דישן שטעטל האָבן געוואוסט אַז זי איז אַ היינטוועלטיקע מאָדערנע פרוי.

זי איז, אין אַלע הינזיכטן, געשטאַנען מיט פילע טרעפּ העכער פון די איבעריקע, אין זייד און סאַמעט געקליידעטע, יונגע רביצנס.

חנה׳לע איז געווען אַ צאַרטע און איידעלע. זי איז געווען דערצו אַ קלוגע, פול מיט חן. צו אַלע מעלות איז זי געווען אויך אַ באַלעזענע. גע־קענט העברייאיש און רוסיש.

צו איר פלעגן אַרויפקומען געקליבענע מענטשן שמועסן וועגן שריי־בער, ביכער און פּאָליטיקע. אַלע האָבן אַרויפגעקוקט צו איר מיט דרך ארץ און צוטרוי.

חנה׳לע האָט זיך געפילט היימיש אין נאָר אַזאַ געזעלשאַפט, ווייל קיין אַנדערע אינטערעסן האָט זי נישט געהאַט. זי האָט זיך בשום אופן ניט גע־קענט איינלעבן אין דער סביבה פונעם טריסקער הויף. זי האָט ניט געקענט פאַרליידן דאָס גאַנצע פירעכץ, מיט די אַלטע מנהגים און טראַדיציעס, וואָס אייניקע האָבן איר אויסגעקוקט צו זיין פשוט נאַריש און צוריקגעשטאַנען. און כאָטש איר פאָטער איז אויך געווען אַ רבי, און פון דער זעלבער גזע, און איר מוטער, איר שוויגערס אַ שוועסטער, איז אָבער ביי איר אין הויז געווען גאָר אַנדערש. פרייער, אָרעמער, אָבער איידעלער. דאָרט איז מען אויך געווען נעענטער צום פשוט׳ן עולם.

נאָכ׳ן אָפּזיין עטלעכע יאָר אין הויף אַרומגערינגלט פון דינסטן און משרתים און גרויס רייכטום, האָט זי באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַ היים צו אי־רע עלטערן אין פּאָדאָליער גובערניע. זי האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון אַלצ־דינג וואָס איז איר ניט געווען צום האַרצן. זי האָט געהאַט אַ פּלאַן צו דער־ציען אירע צוויי קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן טראָגן קיין שטריימ־לען..

ס׳איז געווען עטלעכע וואָכן נאָך מיין בר מצוה. מיין טאַטע האָט אָפּ־געזאָגט דעם „ברוך שפטרנו״. איינמאָל איז ער אין אַן אָוונט אַהיימגעקומען פאַרפרי, און גלייך ווי ער האָט אויסגעטאָן פון זיך דאָס סאַמעטענע היטל מיט דער גאַרטל און זיך אין דער יאַרמולקע אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט ער מיר אָנגעזאָגט די בשורה, — אַז חנה׳לע איז צופרידן מיך מיטצונעמען מיט זיך אין איר שטעטל און דאָרט וועט זי מיט מיר לערנען העברייאיש און רוסיש — און זי וועט זען אַז מ׳זאָל אויך לערנען מיט מיר תנ״ך און גמרא. מיר וועט דאָרט, בכלל, גאָרנישט פעלן.

ער האָט גערעדט מיט אַ מונטער קול, ווי ער וואָלט געווען צופרידן פון חנה׳לעס צוזאָג. ענדלעך האָט ער מיך פאַרזאָרגט. כ׳וועל נישט דאַרפן אַרומגיין פוסט־און־פּאַס.

זיין פּנים איז געווען באַלויכטן. ער האָט געגלויבט — אַז איך וועל דאָרט ווערן אַ „לייט״ און זיך מיט דער צייט צו עפּעס צושלאָגן.

שייוּוע האָט מיט טיפן נייגער אויסגעהערט דעם טאַטנס רייד. זי האָט אויף איר מאָגער פּנים אַרויפגעצויגן אַזאַ מינע, וואָס איז שווער געווען צו וויסן, אויב זי איז צופרידן פון דעם פּלאַן אָדער נישט.

מיך, אָבער, האָט די נייעס ממש דערפרייט. ערשטנס, דאָס פאָרן גופא אין אַ נייער שטאָט. און צווייטנס, טאַקע דאָס אַוועקפאָרן פון דער היים וואו מיר איז געוואָרן אומעטיק און שווער צו פאַרבלייבן. אַ בענקשאַפט צו פרעמדע שטעט האָט כסדר גענאָגט אין מיין יינגלש האַרץ. פון אַלע אַכט קינדער זיינען מיר פאַרבליבן צוויי, איך און מיין יינגערע שוועסטער. אויסער אונדז בײדע זיינען געווען נאָך שייוּועס צוויי קינ׳דער וועלכע מען האָט בעדאַרפט שוכן און קליידן. דעם טאַטנס הכנסה איז געווען באַגרענעצט. עפּעס פאַרדינט האָט ער פון דעם ביסל בראַנפן וואָס ער האָט פאַרקויפט צו די חסידים. עלטעכע דאָלער פלעגט ער אויך פון צייט־צו־צייט קריגן צוגעשיקט פון אַמעריקע, אָבער עס האָט ניט געקלעקט.

מ׳האָט נאָך לאַנג גערעדט יענעם אָוונט. ביי שייוּוע׳ן האָט זיך די שטי־מונג אַלע ווײַלע געביטן; אַט האָט זי, דאַכט זיך, צוגעשטימט צום פּלאַן, און אין אַ מינוט שפּעטער, געוואָרן טרויעריק און געזשאַלעוועט מיך אָפּצולאָזן פון דער היים. דער טאַטע, פאַרקערט, האָט געהאַלטן אַז ס׳איז פאַר מיר פּשוט אַ גליק. ער האָט נישט אויפגעהערט צו לויבן דעם „הויף״ אין פּאָ־דאָליע מיט די מענטשן, פּונקט ווי ער וואָלט זיי אַלעמען געקענט. ער האָט נישט געצווייפלט אַז מיר וועט דאָרט זיין גוט. אַלענפאַלס, בעסער ווי דאָ ביי אים, וואו מ׳דאַרף זיך ממש טיילן מיט׳ן שטיקל ברויט, און צוליב דעם האָט ער אפשר באַהאַלטן דעם אמת׳ן פאַטערשן געפיל וואָס וויטיקט ווען מען שיידט זיך מיט אַ קינד.

כ׳בין געפֿאָרן מיט חנה׳לען. עס זיינען מיטגעפֿאָרן אירע צוויי קינדער און אַ דינסט־מיידל. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס כ׳בין געפֿאָרן מיט דער באַן. אַלצדינג האָט מיך פֿאַראינטערעסירט. אַלץ איז פֿאַר מיר געווען אַ נייעס. כ׳האָב מיך פּשוט ניט געקענט אָפּרייסן פֿונעם פֿענצטער, דורך וועלכן כ׳האָב געזען צוריק־לויפֿנדע וועלדער, הייזער און סלופּעס, טייכלעך און בריקן. און דאָס אָפּשטעלן זיך זייער אָפֿט ביי אַ קליינער סטאַנציע; דאָס אַרויפֿקומען פֿון פֿרישע מענטשן מיט זייער געפּעק; דאָס קלינגען מיט׳ן גלאָק און דאָס פֿייפֿן פֿונעם לאָקאָמאָטיוו. אָבער נאָך עטלעכע שעה פֿאָרן — ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ראַוונע, האָט מען אונדז געלאָזט וויסן אַז די באַן גייט נישט ווייטער, מחמת עס איז אַ „זאַבאַסטאָווקע״.

וואָס עס מיינט „זאַבאַסטאָווקע״ האָב איך נישט געוואוסט, פּונקט ווי איך האָב נישט געוואוסט וואָס עס מיינט דאָס וואָרט „קאָנסטיטוציע״, וואָס כ׳האָב געהערט אַרויסרעדן אין דער שטיל.

כאָטש חנה׳לע איז געווען געוואוינט צו רייזעס, האָט זי פֿונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן זאָרג און אומרואיגקייט. זי האָט געלאַשטשעט די קינדער, ווי זי וואָלט זיי וועלן באַשיצן פֿון עפּעס אַ געפֿאַר. און מיר און דער דינסט־מיידל האָט זי געגנומען דערקלערן וואָס עס קומט פֿאָר און וואָס מ׳קען דערוואַרטן פֿון אַזאַ פּאַסירונג. דערנאָך איז זי אַרויס פֿונעם וואַגאָן, גערעדט מיט מענטשן, נאָכגעפֿרעגט זיך ביים נאַטשאַלניק אין סטאַנציע. און ווען זי איז צוריק אַריין אין באַן האָט זי מיט אַ האַלבן שמייכל אונדז געלאָזט וויסן, אַז די נאַכט וועט מען זיכער מוזן איבערנעכטיקן אין וואַגאָן.

נאָך מיין שכל, איז עס געווען אַ קליינע טראַגעדיע. פֿאַרקערט, איך האָב מיך גאָר געפֿרייט. פֿונעם טונקעלן וואַגאָן האָט דער האַלב־באַלויכטעטער וואָקזאַל אויסגעקוקט פֿאַנטאַסטיש, צויבערלעך. מיר האָט זיך גאָרנישט געוואָלט שלאָפֿן.

דאָס איז געווען אַ דאָנערשטיק. כ׳וויים נישט ווי אַזוי מ׳האָט צונויפֿגענס אין שטאָט זיך דערוואוסט, אַז צווישן די פּאַסאַזשירן וואָס זיינען איבערנאַכט געבליבן אין די וואַגאָנען געפֿינט זיך אויך דעם טריסטער רבינ׳ס שנור, אפֿשר האָט עמיצער דערציילט. אָדער חנה׳לע אַליין האָט געלאָזט וויסן. סייווי־סיי זיינען גלייך אינדערפֿרי געקומען אין וואַגאָן אַ פּאָר טריסקער חסידים, און אונדז דורך ארצ׳דיק געבעטן צו פֿאָרן מיט זיי אין שטאָט אַריין האַלטן שבת.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין איינעם פֿון די צוויי פֿאַיִעטאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער׳ן וואָקזאַל, אין אַ וואָגן האָבן די יידן אַריינגעלייגט דאָס באַגאַזש. איין חסיד האָט זיך געזעצט אויף דער קאָזלע לעבן דעם בעל עגלה מיטן גויאישן היטל. דער בעל עגלה האָט געטראָגן אַ רויטן

גאַרטל אַרום זיין בורקע. ער האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן. די לעדערנע לייצעס האָבן זיך אַנגעצויגן אין זיין האַנט. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן פאָרויס ווען די פערד האָבן זיך גרויס־שטאָטיש אַ לאָז געטאָן איבער׳ן שאָסיי. די פּאַדקאָוועס אונטער זייערע פלינקע לויפנדע פיס, האָבן אַרויסגעקלאַפּט פונקן פון די שטיינער. אַ לייכטער אַנהויב־זומער ווינטל האָט מחיה׳דיק געבלאָזן אין פּנים. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־וויזן הייזער, מענטשן און איך האָב דערזען די שטאָט ראָוונע.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שיין־געפאַרבט צוויי־גאָרנדיק הויז. מ׳האָט אונדז אָפּגעגעבן דריי חדרים. און אַ פּאָר ווייבער האָבן באַלד גע־נומען קאָכן און באַקן די שבת׳דיקע מאכלים לכבוד די חשוב׳ע געסט.

נאָך ליכט־בענטשן בין איך געגאַנגען אין דער שול וואָס האָט גע־טראָגן דעם נאָמען פון מיין שטעטל, די טריסקאָווער שול. און ווי אַלצדינג אין דער פרעמד, וואָס קוקט אויס שענער, האָט מיך דאָס דאַוונען אין שול פאַרכאַפּט. כ׳האָב געשמאַק געדאַוונט און באַוואונדערט די שול מיט די לאַנגע בענק, די העגנלייכטער און דעם פיין־געשניצטן אָרון־קודש; דעם שבת׳דיקן עולם, דעם חזן, וואָס האָט מיט אַזאַ מתיקות מקבל שבת געווען.

צוגייענדיק פון דאַוונען האָבן יידן, וואָס האָבן זיך דערוואוסט ווער איך בין, מיר אָפּגעגעבן שלום עליכם. כ׳האָב מיך אַריינגעדרייט אין אַ זייַ־טיקע גאָס און באַטראַכט מיט חידוש די הויכע מויערן מיט די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס כ׳האָב צום ערשטן מאָל געזען.

מאָנטיק האָבן די באַנען ווידער אָנגעהויבן צו לויפן און מיר האָבן מיט שמחה פאָרגעזעצט די רייזע.

2

דאָס שטעטל ש... אין פּאָדאָליער גובערניע איז נישט געווען פיל אַנדערש פון מיין שטעטל טריסק אין וואָלינער גובערניע. די זעלבע און נאָך אפשר טיפערע בלאָטעס, די זעלבע צעדרייטע ענגע געסלעך אין וועלכע ציגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט; די זעלבע שטיבער אונטער שטרויענע אָדער שינדלענע דעכער; די זעלבע פאַרזאָרגטע קרעמער און די זעלבע האַלב־לייי־דיקע קראָמען; די זעלבע מאַרק־זיצערקעס און גויאישע וועגענער; די זעל־בע קהל׳שע באָד מיט אַ סטעליע, פון וועלכער ס׳קאַפּעט מיט בריענדע טראָ־פּנס וואָסער איבער די נאַקעטע לייבער. און, להבדיל, די זעלבע בתי מדרשים אין וועלכן יידן האָבן געפירט מחלוקת׳ן, איבער אַ חזן, אַ שוחט, שבת׳דיקע און יום טוב׳דיקע עליות און איבער אַנדערע שטאָטישע ענינים.

עס זיינען דאָ, ווי אין מיין שטעטל טריסק, געווען אַלערליי יידן; פּראָס־טע, פאַרגרעבטע און איידעלע, געלערנטע; נאַרישע און קלוגע; אָרעמע און פאַרמעגלעכע; סוחרים און אַרבעטער; געציילטע גבירים, שטיקלעך אַריסטאָקראַטן און אַ פּאָר יידן וואָס זיינען געוואָרן גאַנצע שמעלקעס מיט „גאַטשאַלסטוואָ".

אַפילו די פּויערים אַרום דעם שטעטל זיינען געווען די זעלבע, מיט דער זעלבער הלבשה און וואָנצעס, מיט'ן זעלבן געלעכטער און אַפילו מיט'ן זעלבן שפּיי פון צווישן די ציין.

עס איז אָבער פּאַרט געווען אַנדערש. עפּעס איז דאָס שטעטל ש... געשטאַנען אין סאַמע מיטן פון דער גרויסער וועלט, נישט וויט פון אָדעס, נישט וויט פון קישעניעוו און אַנדערע גרויסע שטעט, ווי, למשל, וויניצע און טאָלטשין; גאָר נאָענט צו זשמערינקע וואָס האָט געהאַט דעם שענסטן וואָקזאַל. און אין גאַנצן אַ זעקס ווירסט פון שטעטל האָט זיך געפונען אַן אייזנבאַן־סטאַנציע. אין אַ כמאַרנעם טאָג ווען די לופט איז געווען שווער און פייכט, האָט מען אַפילו געקענט הערן דאָס פייפן פון דורכלויפנדיקע באַנען, וואָס פלעגן מיר אַלעמאָל דערמאָנען אָן פרעמדע, ווייטע שטעט. כ'וואָלט מיך אַ ליאַדע מינוט געקענט אויפזעצן אויף אַ באַן און פאָרן ערגעץ...

דאָס שטעטל האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסן צוקער־זאַוואָד מיט הונדער־טער אַרבעטער. דער „זאַוואָד" פלעגט יעדער נאַכט באַלויכטן ווערן פון צענדליקע עלעקטרישע לאָמפּן. זיי האָבן דאָס שטעטל ליכטיק געמאַכט און דוקא דעם שענסטן טייל. דאָרט וואו די עטלעכע גבירים האָבן געוואוינט אין פאַראַדנע הייזער מיט געפאַרבטע בלעכענע דעכער און גלעזערנע גאַני־קעס, מיט ווייסע שטאַכעטן אַרומגערינגלט.

דאָ האָט מען אויך געקענט זען אמת'ע גימנאַזיסטן אין זייערע אָנגע־צויגענע מונדירן, וואָס האָבן אַרויסגערופן רעספּעקט. דאָס זיינען געווען קריסטלעכע יונגעלייט. יידישע בחורים זיינען אין דער גימנאַזיע ניט גע־גאַנגען. זיי האָבן זיך אַליין געלערנט און מיט דער הילף פון לערער זיך געגרייט צום עקזאַמען.

אָט די יידישע בחורים, „טאַטנס קינדער", פלעגן אַרומגיין שטאָלצע איבער די געסלעך מיט ביכער אונטער די הענט, מיט פאַרלאָזטע טשופּרי־נעס האָר, אין שוואַרצע שטיף־אָנגעצויגענע הויזן, שוואַרצע העמדער, פאַר־קנעפּלט הויך איבער די העלדזער. זיי פלעגן רעדן נאָר רוסיש.

עס זיינען אויך געווען סטודענטקעס. אויף זיי פלעג איך ליב האָבן צו קוקן. ווינטער־צייט פלעגן זיי טראָגן גרויסע באַראַשקענע מאַנטלען און היטעלעך, וואָס האָט זיי צוגעגעבן אַן אַ שיעור חן. זיי האָבן באַשיינט דאָס

שטעטל מיט זייער אינטעליגענץ. די אַרבעטער־יוגנט, ווי סטאָליער, בלע־כער און שניידער, זיינען אין יענער צייט, ווי מיר ווייזט זיך איצט אויס, געווען שוין קלאַסנבאַוואוסט.

איך האָב געקענט אַ גאַנצע גרופּע שוסטער־יונגען, וואָס האָבן גערעדט אַ קנאַקנדיקן רוסיש און דוקא וועגן פּאָליטיקע.

עס איז דאַמאָלט געווען פון וואָס צו רעדן. עס זיינען געווען אומרואיקע טעג מיט אַזוי פיל געשעענישן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען אַלץ וועגן וואָס מ׳האָט גערעדט, אָבער די ווערטער: „קאָנסטיטוציע", „ערשטע דומע", „סטאָלופּין", „רעוואָלוציע", „סאַמאָדערזשאַוויעץ", „מענשעוויקעס", „זאַ־באַסטאָווקאַ", „פּראָוואָקאַטאָר", „אַזעוו", און נאָך און נאָך ווערטער, וואָס האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען ווי תרגום לשון. איך אָבער פלעג ליב האָבן צו הערן די דאָזיקע ווערטער און געוואָלט זיי פאַרשטיין. כ׳פלעג מקנא זיין די רעדנער וואָס האָבן זיך געהיצט און געקאָכט, זיי האָבן קיינמאָל נישט איינגעשטימט איינער מיט׳ן אַנדערן.

מיין ערשטער איינדרוק פון דער ענלעכקייט פון בײדע שטעטלעך איז געווען פאַלש. דאָס שטעטל ש... אין פּאָדאָליער גובערניע איז אין פילע פּרטים געווען אַנדערש. און דעם רבינ׳ס הויף איז אויך געווען אינגאַנצן אַנדערש. דאָ איז ניט געווען אַזאַ רייכקייט. ס׳האָט געפעלט דער גרויסער פּאַרנעם ווי אין טריסק. ס׳זיינען ניט געווען דאָ אַזוי פיל דינסטן און משרתים, אַזוי פיל דירות, קינדער און אייניקלעך ווי דאָרטן. דאָ איז ניט געווען אַזאַ ריזיקע קיך מיט גרויסע גהינומדיקע אויוונס און אייזערנע טעפּ ווי סאָלדאַטסקע קעסלען. דאָ האָבן געפעלט די טויזנטער צעוואָרעמטע פּוילישע חסידים אין זייערע גלאַנציקע לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די ברייטע גאַרטלען: די חסידים מיט די געדיכטע בערד און פּאות וואָס קאָכן זיך מיט זייער „אַי, וואַי, לשון"; דער חשק צו בראָנפן און גוטע מאכלים, צו געזאַנג און התלהבות׳דיקע טענץ. דאָ איז מען גיט געשפּרונגען ביים דאַוונען, דאָ זיינען נישט געווען קיין אָנגעפּאַרענע בעטלער, קאַליקעס, משוגעים און גלאַט אָרעמע לייט.

דער הויף איז געווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער, נאָר מיט אַסך זאַלן, בלויע, ווייסע און רויטע, וועלכע זיינען געשטאַנען אָפן פאַר יעדן איינעם. אַ ריזיקער סאַמאָוואַר האָט שטענדיק געקאָכט אין אַ ווינקל פון לאַנגן קאָרי־דאָר. עס האָט דאָ שטענדיק געשמעקט מיט פריש־פאַרפאַרעטער טיי, פּאַ־פּיראָזסן־רויך, און היימישע וואָרעמקייט.

עטלעכע בטלנים און סתם שטאָטישע יידן, זיינען געזעסן אַרום אַ טיש אין דעם ווייסן זאַל, דאָרט וואו מ׳האָט געדאַוונט אין די וואָכן־טעג, און גע־שמועסט ביי די גלעזער טיי.

דער רבי אַליין, אַ באַשיידענער, גוט־האַרציקער מענטש, האָט זיך תמיד אויסגעמישט מיטן עולם. ער האָט פאַרמאָגט אַ הדרת פנים מיט שמייכלענ־דיקע גוטע אויגן. ניט אַלעמאָל איז ער געווען אין דער היים. אין הויף האָט זיך געפונען די רביצן. אַן אמת־ערלעכע פרוי, מיט אַ צאַרט אויסגעאיידלט פנים, אין איינפאַכע קליידער און מיט אַ בינטל שליסלען אַריינגעשטעקט אינעם זיידענעם פאַרטוך. עס זיינען געווען צוויי יונגע בחורים׳לעך. דער עלטסטער פון אַ יאָר פערצן האָט שוין דעמאָלט געשמ׳ט פאַר אַן „עילוי״. דערצו איז ער געווען אַ גוטער און אַן איידעלער. עס ציטערט מיר ממש דאָס האַרץ בעתן שרייבן. איך ווייס אַז ער איז אומגעקומען על קדוש השם, און ער שיינט דאָרט מיט זיין ליכטיקער נשמה צווישן די מיליאָנען קדושים וואָס זיינען אומגעקומען די לעצטע יאָרן.

עס איז אויך געווען די יינגסטע טאָכטער — אַ גע׳גט׳ע. אַ זייער פיי־איקע, אַ טאַלאַנטפולע, וואָס פלעגט זיך דורכשרייבן מיט אַ באַרימטן יידישן קלאַסיקער. איצט איז צוגעקומען די מיטלסטע טאָכטער חנה׳לע מיט די קינדער. און עס איז דאָ אויך געווען די עלטסטע טאָכטער מיט צוויי קינדער און איר מאַן ר׳ מענדעלע און וואָס איז נאָך געזעסן אויף קעסט. ער איז געווען דעם ריזשינערס אַן אייניקל. אַ פעסט־געבויטער יונגער מאַן מיט אַ קלאָר פנים און אַ קיילעכדיקע רויטע באָרד מיט אומלויפנדיקע, אומ־רואיקע אויגן.

אַ קורצער צייט נאָך אונדזער אָנקומען, האָט דער איידעם ר׳ מענדעלע איבערגעלאָזט די צימערן וואָס ער האָט עטלעכע יאָר געהאַט פאַרנומען אין ליבקן פליגל פונעם הויף, און זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אייגענער דירה, וואָס מ׳האָט פאַר אים ספּעציעל אויפגעבויט און צוגעגרייט מיט אַלצדינג, עס זאָל פאַסיק זיין צו פירן טיש, דאַוונען בציבור און פראַוועןן רביסטוואָ.

אַלע דריי טעכטער זיינען געווען פיין דערצויגענע, געלערנטע, באַשיי־דענע און גוט־האַרציקע.

און ווען דער איידעם ר׳ מענדעלע האָט זיך מיט דער פאַמיליע אַרויס־געצויגן און חנה׳לע האָט איבערגענומען די חדרים, האָבן זיך אַרום איר גרו־פּירט אַלע אינטעליגענטן פון שטעטל און אויך פון די דערבייאיקע שטעט־לעך אַרום.

ס׳איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו זיין אין זייער געזעלשאַפט. ס׳איז דאָרט שטענדיק געווען פריילעך און פול מיט מענטשן וועלכע האָבן געליי־ענט און גערעדט וועגן ביכער, געזונגען לידער אָדער זיך צוגעהערט צום שפּילן פונעם פאָנאָגראַף, וואָס איז דעמאָלט פאַררעכנט געווען פאַר איינס פון די זיבן וואונדער.

דאָס שטעטל און דער הויף וואָלטן באמת געקענט זיין אַן אידעאַלער

פלאַץ פאַר מיר. עס איז געווען פונקט ווי דער טאַטע האָט מיר פאָראויסגעזאָגט. ס'איז דאָ געווען פון וועמען זיך צו לערנען. אָבער דער שיקזאַל, אין וועלכן כ'גלויב איצט מיט מיין גאַנצן האַרצן, האָט, אַפּנים, אַנדערש געוואָלט. פונעם פּלאַן זיך צו לערנען תנ"ך, גמרא און רוסיש, איז גאָרנישט געוואָרן. כ'געדענק ניט די סיבה פאַרוואָס. מיין סענסיטיווע נאַטור האָט געוויס מיר אונטערגעזאָגט, אַז כ'בין ניט קיין גאַסט, און דערפאַר ניט באַרעכטיקט — צו באַזונדערע פּריווילעגיעס. איך בין טאַקע ניט געווען קיין גאַסט. כ'האָב גאַנץ ערלעך, דורך שווערער אַרבעט זיך פאַרדינט דאָס עסן, און אַ פּאָר שיך.

אפשר איז שולדיק געווען מיין שעמעוודיקייט צו פרעגן חנה'לען און פאָדערן וואָס מ'האָט מיר צוגעזאָגט. זי וואָלט זיכער געווען דאָס געטאָן, ווייל זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איר דינסט־מיידל און זי געלערנט לייענען און שרייבן.

ווי אַנדערש וואָלט מיין לעבן איצט געווען, ווען כ'וואָלט געווען זיך מער לערנען. אָט, אַ שטייגער, ווי די בחורים מיט די לאַנגע האָר, צו וועלכע כ'האָב מיט דרך ארץ און קנאה אַרויפגעקוקט.

איצט ווען איך טראַכט פון דעם, גיב איך אַ זיפץ, ווי איך וואָלט געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט, וואָס קען קיינמאָל ניט אומגעקערט ווערן. כ'האָב דאָן כסדר אויף זיך רחמנות געהאַט, און באַדויערט מיין לאַגע, און שטאַרק מקנא געווען די סטודענטן פאַר דער צוקונפט וואָס עס דערוואַרט זיי.

דרייצנטער קאַפּיטל

1

דער רויט־האָריקער ר׳ מענדעלע איז אַראָפּ פון קעסט. דאָס האָט זיכער פאַרגרינגערט אין דער פּרנסה פונעם ניט רייכן הויף. ער איז געוואָרן אַ רבי פאַר זיך אַליין. געפּראַוועט טיש מיט ווײַן און געזאַנג. ער אַליין האָט בײַ יעדער שבת׳דיקע אָדער יום־טוב׳דיקע סעודה אויסגעברומט אַ ניגון, אָנשטאָט צו זאָגן תורה. די ריזשינער רביים האָבן ניט געהאַלטן פון זאָגן תורה אַזוי ווי די טשערנאָבאָלער, למשל. זיי האָבן אויסגעזונגען די נגונים, לויט דאָס עדות זאָגן פון אַלטע חסידים, וואָס האָבן געשטאַמט פון ר׳ ישראל׳טשע ריזשענער, וועלכער האָט זיי אַליין געשאַפן. עס איז געווען אַ גוזמא מיט ניגונים און יעדער ניגון וואָס דער ריזשינער האָט געזונגען איז געווען אַזוי הייליק, אַז אַפילו פייגעלעך פלעגן זיך צוזאַמענפליען אַרום די פענצטער אויסצוהערן דאָס געזאַנג. ווײַל יעדער ניגון האָט דער הייליקער ריזשינער רבי אַראָפּגעצויגן פונעם היכל הנגינה...

אַזוי האָב איך די חסידים געהערט דערציילן, ווען זיי זײַנען געזעסן אַרום טיש, געטרונקען לחיים, און זיך דערציילט מעשיות פון צדיקים.

ר׳מענדעלע האָט געוואוסט ווי אַזוי צו זינגען. ער האָט עס געטאָן מיט האַרץ און מיט ברען, מיט אַ קרעכץ און מיט פאַרגלאָצטע אויגן, מיט טרערן און מיט אַ קלאַפּ אין טיש. און ווען ער האָט אָפּגעזונגען איז ער געבליבן זיצן אַן אויסגעלייטערטער, אַן אויסגעשעפּטער, ווי ער וואָלט די שווערסטע אַרבעט געווען אָפּגעטאָן. די נאָז איז אים געווען ווײַס און פאַרשפּיצט, און מיט בליקן אַזעלכע צעמישטע, אומרואיקע און פרעמדע, האָט ער גענומען באַקוקן די פאָר מנינים ייִדן וואָס זײַנען געזעסן אַרום טיש. און זעענדיק אַז ער האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און אַרויסגערופן דרך ארץ, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו אברהם גבאי, ער זאָל נעמען טיילן שיריים.

אין העכסטן עקסטאַז זײַנען די חסידים אַרײַנגעפאַלן, ווען די שטאָטישע באַלעבאַטים, וואָס זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַרום די ווענט האָבן אָנגעהויבן „שטעלן" ווײַן צום טיש.

דאָס האָט גלייך אָוועקגענומען די פריערדיקע אָנגעצויגנקייט און פאַרגליווערטע שטילקייט און אַריינגעבראַכט אַ היימישקייט צווישן די חסידים.

— ר׳ נחמן מילמאַן גיט אַן אקע ווייַן!

— ר׳ יהושע זלמנס גיט דריי אָקעס ווייַן!

האָט דער גבאי אַלע ווילע מיט אַ פריילעך קול אויסגערופן.

יידן האָבן זיך געוואָלט אויספיינען, האָט מען געהאַלטן אין איין שטייגן און שטעלן ווייַן צום טיש.

דער משרת האָט געהאַלטן אין איין לויפן צו די ווייַנשענקער. דער טיש איז פאַרשטעלט געוואָרן מיט אַ סך פלעשער רויטע און ווייסע ווייַנען. יידן זייַנען איינציקווייז צוגעקומען צום רבי׳ן טרינקן לחיים. ר׳ מענדעלע, פול מיט שמחה, האָט צו יעדן איינעם אויסגעשטרעקט אַ ווייסע צאַרטע האַנט, וואָס איז פונעם זיידענעם אַרבל אַרויסגעקראָכן. יעדנס האַנט האָט ער אַ ווילע געהאַלטן און מיט פאַרמאַכטע אויגן און קרעכצנדיק צוגעוואונטשן.

ווען אַלע האָבן שוין געהאַט געקראָגן די ברכה האָט מען פאַרביטן די קליינע גלעזלעך אויף גרויסע גלעזער און מ׳האָט זיך געלאָזט וואוילגיין, און מ׳האָט געהאַלטן אין איין ווינטשעווען איינער דעם אַנדערן. וואָס מער דער עולם איז געוואָרן בגלופנ׳דיק, אַלץ מער פלעשער האָט דער משרת געבראַכט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּשע צייט; ביז ר׳ מענדעלע האָט באַשלאָסן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זייַן גאָלדענעם זייגער, אַז ס׳איז גענוג, האָט ער דערלאַנגט דעם חזן בערל אַ סידור, מיט אַן אויפגעמישטע תפילה, צו וועלכע ער האָט געהאַט צוגעפאַסט אַ נגון, און אַלע האָבן מיטגעזונגען. ר׳ מענדעלע האָט אויך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ תענוג׳דיקן קרעכצל, און מיט אַן „אוי, טאַטעניו אין הימל!” און מיט אַ קלאַפּ אין טיש מיטן זילבערנעם לעפל, וואָס האָט נאָך מער צעוואַרעמט דעם עולם.

די ערשטע צייט ביים פראָווען טיש איז ר׳ מענדעלס תורה באַשטאַנען: פריער פון דעם נגונ׳דל וואָס ער אַליין האָט אויסגעבראָכט מיט דער נאָז, און דערנאָך די תפילה וואָס ער האָט געהייסן דעם חזן זינגען. נישט זעלטן האָט ער אויך אָנגעהויבן נאָכזאָגן אַן אידל־חכמה׳דיק וואָרט פון אַלטע ריזשינער צדיקים, צו וועלכן אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס התלהבות.

שפּעטער האָט ר׳ מענדעלע איינגעפירט אַ שפּאָגל־נייעם מנהג, וואָס איז געווען פרעמד, אפילו פאַר די פאַר אַלטע חסידים וועלכע זייַנען נאָך געפאָרן צו זייַן זיידן, און זיי זייַנען געווען באַקאַנט מיט אַלע פירעכצן פון די ריזשענער הויפן.

דאָס איז געווען, איינמאָל, דעם ערשטן טאָג סוכות נאָכן בענטשן.

ר׳ מענדעלע האָט זיך אויפגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם טיש, און דער אויפגעשטעלטער עולם האָט געוואַרט אַז דער רבי זאָל דער ערשטער אַרויסגיין פון דער סוכה. איז ער אָבער גאָר געבליבן שטיין אַ באַוועגלאָזער מיט פאַרטראַכטע אויגן. די ווייסע הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל. ער האָט פּאַמעלעך גענומען קערן דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און אונטערהויבן זיך אויף די שפּיץ פינגער. ער איז געוואָרן אָט העכער, און אָט נידריקער. דער מיטלסטער טייל שטריימעל, פון בלויען סאַמעט — וואָס איז געווען אין פאָרעם פון אַ הויכן, קיילעכדיקן ספּאָדעק — האָט ביי יעדן מאָל אויפהויבן זיך שיעור ניט דערגרייכט דעם אַראָפּ־הענגענדיקן גרינעם סכך פון דער נידעריקער סוכה. ביסלעכווייז האָבן זיך זיינע באַוועגונגען פאַרגיכערט, האָט מען שוין פאַרשטאַנען אַז ר׳ מענדעלע טאַנצט. דער חזן האָט אויפגעזונגען אַ פריילעכן זמרל. די חסידים האָבן באַלד אויפגעכאַפּט דעם ניגון מיט אַלערליי קולות און גענומען פּליעסקען מיט די הענט. דאָס האָט לעבעדיק און ריטמיש באַגלייט דאָס הייליקע רקידה׳לע. ר׳ מענדעלע, נאָך אַלץ שטייענדיק צווישן שטול און טיש, האָט זיך אָנגעהויבן בויגן מיט׳ן גאַנצן גוף אַרויף און אַראָפּ, אַהין און אַהער, עס איז געווען אַ שווערע עבודה. אויפ׳ן שטערן אונטער׳ן הייסן שטריימל, האָבן אים אַרויסגעשלאָגן טראָפּנס שווייס. דאָס פּנים איז אים געוואָרן ווייס. דאָס האָט נאָך מער אָנזעעוודיק געמאַכט די רויטקייט פון זיין קורצער קיילעכדיקער באָרד. דער עולם איז אַריינגעפאַלן אין התפּעלות, האָבן געלייגט הענט איבער אַקסלען און עס איז געוואָרן אַ ראָד, וואָס האָט טאַנצנדיק אַרומגענומען דעם טיש מיט׳ן רבין און אַלעמען אַרומגעכאַפּט מיט אַ טיפער פרייד. דאָס התלהבות׳דיקע זינגען האָט אָנגעהאַלטן ביז מנחה צייט און ווען עס האָט זיך געענדיקט, האָט מען ניט אויפגעהערט צו רעדן, אַז דאָס וואָס ר׳ מענדעלע האָט געטאַנצט, איז ניט געווען גלאַט אַזוי אַ טאַנץ, נאָר אַ רמז אויף עפּעס. די עלטערע חסידים האָבן אין דעם טאַנץ געזען אַ צייכן, אַז יידן וועלן אם ירצה השם האָבן אַ גוט, פריילעך יאָר.

ר׳ מענדעלע האָט זייער ליב געהאַט מ׳זאָל אים פאָלגן. כ׳מיין ניט פאָלגן ווען ער האָט זיך מיט עמיצן געשאַפט, אָדער ביי איינעם עפּעס פאַרלאַנגט. זיכער האָט מען אים מיט דרך ארץ אויסגעהערט און געטאָן זיין רצון. ער האָט אָבער פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אויספאָלגן זיינעם אַ וואונטש וואָס ער האָט נאָך אַפילו ניט אַרויסגעזאָגט. ער האָט געוואָלט אַז מען זאָל אים פאַרשטיין און אַרויסווייזן אמת׳ע איבערגעבענקייט און פריינדשאַפט. און דאָס האָט ער געוואָלט, זאָל ניט אַרויסגעוויזן ווערן אין זיין אַנוועזנהייט וואָס דאָס קען אַמאָל צווינגען איינעם צו טאָן אַ פאַלשן שמייכל, אָדער אַרויסזאָגן אַ חניפה׳דיקן גוט־מאָרגן. ר׳ מענדעלע, וואָס האָט אַזוי גוט

פאַרשטאַנען מענטשן בכלל, האָט גאַנץ גוט געוואוסט דעם חילוק צווישן פריינטשאַפט וואָס איז אמת'דיק, מחמת עס קומט פון גלויבן אין אים, און יענע סאָרט פריינטשאַפט וואָס קומט, ווייל עס פּאַסט אַזוי. אָדער אַ פריינט־שאַפט וואָס קומט פון איינעם, וואָס האָט קהלשע אַמביציעס, און דערפאַר שמייכלט ער אונטערטעניק... ר' מענדעלע אַליין פלעגט אויך צוטיילן כבוד צו אַ חסיד אַן עושר...

אַזאַ סאָרט ייד איז געווען בערל. ער איז געווען חזן און שוחט ביי ר' מענדעל'ען. מער ווי חניפה פון אַן אַנגעשטעלטן, האָט ער אין אים ניט געזען. ער האָט געוואוסט וואָס בערל טראַכט, און רעדט אונטער זיינע פּליי־צעס...

ר' מענדעלע האָט אים דעריבער פיינט געהאַט און געזוכט אַ געלעג־נהייט אים אָוועקצושיקן. ער האָט אָבער נישט געקענט געפינען עמיצן וואָס זאָל קענען פאַרנעמען בערל'ס פּלאַץ. האָט ער געשוויגן און האָט מיט בערל'ען זעלטן גערעדט. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ טייל פון דער שטילער מחלוקת, וואָס דער רבי ר' מענדעלע האָט מיט'ן חזן געפירט.

ר' מענדעלע פלעגט אים אָפּט צווואַרפן אַ פאַראַכטעטן בליק, וואָס האָט בערל'ען אַפילו ניט אַנגעהויבן צו אַרן. פאַרקערט, מ'האָב געקענט באַמערקן, אַז טיף אין האַרצן האָט אים גאָר הנאה געטאָן וואָס ר' מענדעלע פירט מיט אים אַ ברוגז.

בערל וועלוולס, ווי מ'האָט אים גערופן, איז געווען אַ פעטער ייד און האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט מיט זיין פולקייט אַריינגעשטאָפּט געוואָרן אין דער ענג־געפּאַסטער פאַרקנעפּלטער קאַפּאָטע.

ער האָט געהאַט אַ ברייט ליכטיק פנים, פאַרויטלטע באַקן, אַ טונקל־ברוין קורץ בערדל, און בלישטשענדיקע, פריילעכע אויגן. בטבע אַן אָפּלאַ־כער, און ניט קיין גרויסער ירא־שמים. ער האָט ליב געהאַט טרייבן לצנות און פראַוון יינגלשע שטיק, זאָגן אין דער שטיל אַ צווידייטיקן וויץ, און וואַרפן די אויגן צום שיינעם געשלעכט.

ער איז געווען אַ פיינער מנגן מיט אַ קרעפטיקע באַריטאָן שטימע, גע־שריבן נאָטן און פאַרפאַסט אייגענע נגונים.

חזנישע „שטיקלעך" פלעגט ער זאָגן פון קאָפּ. אייגענע שאַפונגען, הייסט עס, פון וועלכע דער עולם, בפרט מבינים, האָבן שטאַרק הנאה געהאַט.

און אַ שבת ראש חודש, אָדער אַ יום־טוב, איז דאָך אָפּגערעדט, נאָר אַפילו אין אַ פּראָסטן אינדערוואָכיקן מעריב, האָט ער אויך ליב געהאַט אַמאָל צו ווייזן וואָס ער קען.

ער איז אין זיין נגינה געווען אַ גוטער אויסטייטשער פון תפילות. ער האָט געקענט „צענעמען" הערצער און אַפילו אַרויסרופן טרערן.

צוליב זיינע מעלות טאַקע האָט ר׳מענדעלע אים ניט געקענט פאַר־ליידן... ער האָט ניט געקענט סובל זיין, וואָס בערל האָט אַ נאָמען און אַלע לויבן אים. ער האָט אים ניט פאַרגונען, כאָטש בערל האָט באַשיינט זיינע טישן און בכלל צוגעגעבן כבוד צום קליינעם הויף.

ער האָט ניט געקענט פאַרליידן וואָס בערל האָט געקענט גוט לער־נען, און פלעגט אין יעדן געשפּרעך זיך וואַרפן מיט שטיקער גמרא און פסוקים אין תנ״ך, און דוקא ווען ער, ר׳ מענדעלע, איז געווען דערביי...

און מער פון אַלץ האָט ר׳ מענדעלע פאַרדראָסן, וואָס בערל איז ניט זיי־נער אַן אמת׳ער חסיד און פירט זיך ניט אויף אַלס אַזעלכער.

בערל איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. ער פלעגט זיין אַרבעט טאָן בשלימות אָבער ניט מער. און דערפאַר האָט ר׳ מענדעלע געטראָגן אַזאַ שטילע שנאה צו אים.

עטלעכע וואָכן נאָך ר׳ מענדעלעס ווערן רבי פאַר זיך אַליין, האָט ער מיך צוגענומען צו זיך. כ׳האָב ניט געקענט באַשליסן צו בלייבן ביי אים אָדער ניט. אויב ניט לערנען, נאָר זיין אַ משרת, איז דאָך ניט קיין חילוק וואו און ביי וועמען. חוץ דעם האָט ער שוין געהאַט אַ בחור אַלס משרת, וואָס איז געווען עלטער פון מיר, אויך פון טריסק. ער טאַקע האָט מיך שטאַרק צוגערעדט צו בלייבן און זיין מיט אים צוזאַמען.

הכלל, איך בין געוואָרן אַן אמת׳ער קנעכט. אַ געקויפטער שקלאַף ביי דעם רויט האָריקן ר׳ מענדעלע.

איך האָב אים אין אַ קורצער צייט דערקענט. ער איז געווען אַ מענטש אַן עגאָאיסט, אַ כבוד־זוכער, אַן עולם־הזה׳ניק, ווייט פון אַ למדן, און מיט אַ נייגונג ווייי צו טאָן מענטשן.

כ׳פלעג זיך שטיקן פון ווייטיק און פאַרדרוס. ער פלעגט מיט אַ גוט וואָרט מער ווירקן ווי מיט אַ בייזן געשריי. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שלעכט איז ער געוואָרן, ווייל ער איז געווען בייז אויף עמיצן אַנדערש. איז גאָר אויסגעקומען, אַז איך לייד פאַר פרעמדע זינד...

צו די צרות בין איך נאָך געווען זייער סענסיטיוו. אַ וואָרט, אַ באַפעל האָט מיך באַליידיקט.

מיין ערגערן זיך איז ניט געקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך מיט מיר געשאַפט און געהייסן עפּעס טאָן. כ׳האָב געוואוסט, אַז איך דאַרף אַר־בעטן און פאָלגן, און איך בין געווען גרייט צו אַרבעטן און פאָלגן. נאָר דער אופן ווי ער האָט עס געזאָגט און פאַרלאַנגט, מיט זיין כלומר׳שטן איידעלען „זיי מוחל״, האָט מער ווייי געטאָן. דערביי פלעגט ער דורכבליצן מיט זיינע שאַרפע און לויפנדיקע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגלט זעלבסט־ליבע און מאַכט. ער האָט מיר געוויזן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן האַר

און קנעכט. דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס מיין נשמה האָט ניט געקענט פאַרליידן.

צו וואָס נאָך דער „זיי מוחל״ ?...

אָן דעם „זיי מוחל״ האָט ער זיך ניט אַ ריר געטאָן.

— נעם, זיי מוחל, וויש אָפּ די פּאָדלאָגע, וויש אָפּ די פענצטער: פּוץ מיר, זיין מוחל אָפּ, די שטיוול אויף מאָרגן. העלף, זיי מוחל, אַרויסצוטראָגן די פּאָמוניצע פון קיך. שיק, זיי מוחל, אַריין דאָס מיידל אַרויסצוטראָגן דאָס נאַכט־טעפּל...

ער איז געווען אַ גרויסער באַלעבאָס, האָט זיך אומעטום געמישט און אויף אַלצדינג אַכטונג געגעבן. יעדע זאַך האָט געמוזט זיין פּינקטלעך און אין צייט אָפּגעטאָן. ער האָט קיין איין טאָג ניט פאַרפעלט צו פרעגן, אויב זיך שיינע רביצן האָט שוין אויסגעטרונקען די צווי גלעזער מילך וואָס איך האָב פּאַר איר אַוועקגעשטעלט אין דער סטאָלאָווע אויפ׳ן טיש.

ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די קינדער, מיט זייער עסן, מיט׳ן שלאָפן גיין, מיט זייער באָדן זיך און מיט זייערע אַנדערע מענטשלעכע באַדערפעניש.

און ער איז ניט אָפּגעקומען בלויז מיטן פרעגן און באַפעלן, נאָר ער איז טאַקע געשטאַנען דערביי ווען איך האָב געטאָן די אַרבעט. ער האָט אַלץ געזען, אַלץ געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין הויז, אין יעדן צימער און אַפילו אין קיך צווישן דער דינערשאַפט.

ער האָט געוואוסט ווען עמיצער פילט זיך ניט גוט, און ער האָט באַלד דערלאַנגט עפּעס פון די פּאַטענטירטע מעדיצין שאַכטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז.

ער איז געווען אַ גרויסער מפונק, און שטאַרק ליב געהאַט אַלץ זאָל זיין ריין און ניט געקענט פאַרליידן קיין שטויבעלע.

געטראָגן האָט ער אַלעמאָל געפּוצטע גלאַנציקע שטיוועלעך, אַ קלאָר ווייסן קאָלנער מיט אַ שוואַרץ סאַמעטענעם קראַוואַט, אין וועלכן עס איז געווען אַריינגעשטעקט אַ ברילליאַנטענע שפּילקע אין דערמיט.

ער איז געווען שטענדיק ריין אָפּגעוואַשן. זיינע לאַנגע פאות פלעגט ער יעדן אין דער פרי אויסציען און אויסקעמען, וואַשן זיי מיט פערפיומיר־טער זייף און אַרויפוויקלען זיי ביז די שלייפן אין קליינע גלאַנציקע רע־דעלעך, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי איבערגעקערטע, צוגעקלאַפּטע פראַגע־צייכנס...

זיין זיידענער געבלומטער כאַלאַט, וואָס ער האָט געטראָגן אין די וואָכן־טעג, איז געווען אין ליכטיקע ראַשיקע פאַרבן.

און ווי ער, אַזוי האָבן אויך די קינדער געמוזט זײַן אַקוראַטנע, ריין אָנגעטאָענע. ער האָט ניט געקענט פֿאַרליידן אויב ס׳היטעלע איז ביי אַ קינד געווען עטוואָס אין אַ זייט: צענדליקע מאָל אין טאָג האָט ער געקענט אַ זאָג טאָן: — נעם, זיי מוחל, אַריין די קינדער פֿון דרויסן. וויש זיי אָפּ די שיך. וואַש זיי אָפּ די הענט. טרייסל אָפּ דעם שטויב פֿון זייערע גאַרניטערלעך. די בעזעלעך פֿלעגט ער אַליין אויסשנייצן מיט׳ן ווייסן טיכל וואָס ער האָט גע־האַלטן אין קעשענע ספּעציעל פֿאַר זיי.

די „זיי מוחל׳דיקע" אַרבעט האָט זיך גאָרנישט אָנגעקערט מיט מיין גע־ווינטלעכער טאָג־טעגלעכער שטוב־אַרבעט. ווי למשל, שטעלן דעם סאַ־מאָוואַר אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט, הייצן די הרובעס, אָנטאָן די קינדער, מאַכן זייערע בעטן, באָדן זיי און טראָגן זיי, ווען עס איז געווען אַ בלאָטע, אויף די פּלייצעס אין חדר; מאָלן און פֿאַרקאָכן די קאַווע, גרייטן צום טיש, דערלאַנגען דאָס עסן דריי מאָל אַ טאָג, גיין איינקויפֿן אין קלייט, צוזאַמענ־שלעפּן אַ מנין און אָנצינדן די לאָמפּן. עס האָט ניט געטאָרט זײַן קיין פֿאַר־רויכט גלעזל אין שטוב. איך פֿלעג אויך דאַרפֿן מאַכן פֿאַר אים פּאַפּיראָסן. און אַזוי אָן אַ שיעור אַנדערע אַרבעטן. ווי אַ שטייגער: אויסטרייסלען די פּליושענע קאָוויאָרן, פּוצן דאָס זילבער, אָפּווישן דאָס מעבל, אַכטונג געבן אויפֿן גאָרטן, זומער צייט. אָדער אָפּרייניקן דאָס שניי ווינטער פֿונעם בוי־דעם, וואָס אַ זאַווערוכע פֿלעגט אַרײַנבלאָזן דורכ׳ן דאַך.

און ווען איך בין שוין שפּעט אין אָוונט ענדלעך געלעגן אויף מיין געלעגער אָן אויסגעמאַטערטער, אַ שלעפֿעריקער, פֿלעגט ער זיך ערשט אין עפּעס דערמאָנען און מיך מיט אַ טרייסל אויפֿוועקן.

אָנגעטאָן אין זײַן שלאָף־ראָק, איז ער געשטאַנען איבער מיר: — גיי, זיי מוחל, צו אין אַפּטייק; דערלאַנג מיר, זיי מוחל, אַ קריגל וואַסער, טו, זיי מוחל, אַ קוק צי די שטאַל איז פֿאַרשלאָסן, און צי די עופֿות האָבן גענוג הירזש אויף אינדערפֿרי, אָדער, זיי מוחל, לעש אויס דעם לאָמפּ אין קיך.

2

פֿאַר מיין קאַטאָרזשנע אַרבעט האָט ער מיר דאָס ערשטע יאָר באַצאָלט פֿינף און צוואַנציק רובל. שפּעטער האָט ער מיר מוסיף געווען אויף פֿופֿציק רובל אַ יאָר. דאָס האָט מיר קוים געקלעקט אויף שיך און פּאַפּיראָסן. און ווען כ׳האָב זיך איינמאָל פֿאַר אים באַקלאָגט, אַז כ׳האָב נישט אויסצוקומען, האָט ער מיר צוגעזאָגט נאָך עטלעכע קערבלעך כדי כ׳זאָל זיך, ווען עס איז, קענען מאַכן אַ מלבוש.

וואָלט שוין אפֿשר געווען נישקשה. האָב איך אָבער די „גרויסע"

שכירות געקראָגן גראָשנווייז פון די מאָנסבילן און ווייבער וואָס פלעגן קומען צו אים נאָך אַן עצה.

עס איז געווען איינגעפירט, אַז ווען עמיצער האָט פאַרלאָזן דאָס חדר מיוחד, האָט ער אויסער דער ברכה וואָס ער האָט געקראָגן פון רבי׳ן פאַרן פדיון, אויך געקראָגן צוגעוואונטשן פון די צוויי גבאים, פון מיר און פון דעם בחור.

מיר פלעגן זאָגן:

השי״ת זאָל העלפן, עס זאָל מקוים ווערן וואָס דער רבי האָט אייך געוואונטשן. אַ סך האָבן זיך ניט וויסנדיק געמאַכט און אַוועק אָן אַ זיי־געזונט אַפילו. און די וואָס האָבן יאָ מיר איבערגעלאָזט עטלעכע קאָ־פּיקעס, האָט איך באַדאַרפט די סומע פאַרצייכענען אין אַ ביכעלע. ר׳ מענדעלע האָט די סומע שפּעטער איבערגעקוקט, צוזאַמענגערעכנט און דעם סך הכל אַרונטערגענומען פון מיינע שכירות...

כ׳האָב, ווי איר זעט, געקראָגן באַצאָלט פאַר מיין שווערער אַרבעט מיט גראָשנס, וואָס זיינען ביי מיר צוקראָכן, נאָך איידער כ׳האָב געקענט צוזאַ־מענקלייבן אַ קערבל, פון אַ דרייערל איז דאָך אָפּגערעדט.

אַ בושה פלעגט מיך באַפאַלן, ווען איך האָב באַדאַרפט אָפּזאָגן דעם „פּסוק״, און אויסשטרעקן די האַנט ווי בעטנדיק אַ נדבה. עס וואָלט מיר שוין געווען מער ניחא צו אַרבעטן אין גאַנצן אומזיסט איידער דורכגיין די שאַנדע פון וואונטשעווען. ר׳ מענעלע פלעגט מיר טאַקע זאָגן, אַז איך ביז אַ גרויסער שלים מזל און וויס ניט ווי אַזוי אַרויסצוקריגן וואָס מער פון די חסידים. שפּעטער האָט ער אַפילו זיינע צוויי יינגלעך אויסגעלערנט ווי צו ווינטשעווען...

כ׳האָב דערמאָנט זיינע צוויי גבאים. עס ווילט זיך מיר זאָגן וועגן זיי עפּעס. דער עלטערער, דער ערשטער גבאי, איז געווען אַ ייד אַ למדן. ער פלעגט אַכטונג געבן, אַז ר׳ מענדעלע זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ גרייז ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט פון חסידים, וועלכע האָבן פון אים אַליין געוואָלט הערן אַ וואָרט תורה.

ר׳ אהרן האָט ער געהייסן. אַ שיינער בעל לשון. אַ צוגעלאָזטער, אַ פריילעכער, אַ האַרציקער. ער האָט ליב געהאַט אַ גלייכווערטל און אַ גלעזל וויין, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס קומט פון בעסאַראַביע.

ער איז געווען הויך און דין. די קאַפּאָטע איז אויף אים אַלעמאָל גע־האַנגען. ער האָט געהאַט אַ קליין שפּיציק, שיטער בערדעלע, אַזוי שיטער, אַז מ׳האָט געקענט איבערציילן יעדע האָר, און אַרויסזען די הויט פון די באַקן.

אים האָט ר׳ מענדעלע ליב געהאַט בלב־ובנפש. ווייל ער איז געווען אַ

קלוגער און געוואוסט ווי אויפצונעמען די אָנגעקומענע חסידים איידער זיי פלעגן אַריינגיין צו ר׳ מענדעלע׳ן אין חדר. ר׳ אהרן איז געווען ר׳ מענדע־לע׳ס רעכטע האַנט. מ׳האָט זיי תמיד געזען צוזאַמען פירן שטילע געשפּרעכן.

דער צווייטער גבאי, איז געווען אַ יונגערמאַן, ניט קיין גרויסער חכם. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, וואָס וואָלט אים דערגרייכט ביז די קני. ער האָט די באָרד געוויקלט, און פאַרדרייט מיט שפּילקעס, ביז זי איז געוואָרן קורץ און גראָב און בלויז דערגרייכט ביז צום האַרצן. ער האָט אויסגעקוקט זייער קאָמיש.

אָט דער גרשון, איז געווען דער קוויטל־שרייבער, דער וואָכעדיקער בעל תפילה, דער אַרומלויפער מיט אַלערליי שליחות׳ן; און דער מעמדות־זאַמלער פון די חסידים, וואָס זיינען געווען צושפּרייט אין צענדליקע שטעט־לעך אַרום.

ער איז געווען גליקלעך ווען אים איז געלונגען, אַהיימקומעדיק, איבער־צוגעבן ר׳ מענדעלען מער געלט ווי דער רשימה־צעטל האָט געוויזן. ער פלעגט אויך ענטפערן אויף אַלע בריוו וואָס זיינען אָנגעקומען צום רבי׳ן.

באַלד נאָכ׳ן דאַווענען האָט ר׳ מענדעלע אָנגעהויבן אַרויסקוקן אויף מרדכי בריוו־טרעגער, וועלכער האָט באַדאַרפט אָנקומען פון דער פּאָטשט, וואָס איז געווען ביי דער באַן־סטאַנציע עטלעכע וויאָרסט פון שטעטל.

ער איז געווען אַן אויפגעלייגטער מענטש מרדכי בריוו־טרעגער. אַ שמייכלענדיקער און אַ צעפרידענער פון זיין אַרבעט. פון אים האָט תמיד געשמעקט מיט לעדער און טריפּוואָקס. דער וויזפינגער אויף זיין רעכטער האַנט, איז געווען פאַרבויגן, האָט ער זיך באַנוצט מיט׳ן מיטלסטן פינגער וואָס איז, פון לעקן און מישן די פּעק בריוו, געווען זייער דין און אויסגע־צויגן.

אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער פּאָטשט. אָבער דעם ערשטן אָפּשטעל האָט ער אַלע טאָג געמאַכט ביי ר׳ מענדעלען.

ר׳ גרשון איז געשטאַנען מיט טינט און פּען, גרייט צו ענטפערן אויף די בריוו וואָס ר׳ מענדעלע האָט פריער אַליין איבערגעקוקט און אים געזאָגט וואָס צו שרייבן.

געווען אַזעלכע בריוו אויף וועלכע מ׳האָט נאָר באַדאַרפט אָנשרייבן אַ קבלה מיט אַ ברכה, פאַר׳ן קערבל וואָס איז דאָרט געלעגן. די דאָזיקע ענט־פערס האָבן געהאַט איין נוסח. ס׳זיינען אָבער אויך געווען אַנדערע סאָרטן בריוו; די דיפּלאָמאַטישע—אַזוי צו זאָגן, אויף וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט נוצן אי שכל, אי אַ שיינע מליצה, דעמאָלט האָט זיך ר׳ מענדעלע אויך מיישב געווען מיט ר׳ אהר׳ן גבאי איידער ער האָט באַשלאָסן וואָס צו שרייבן. און

ר׳ גרשון, אַ קענער פון לשון קודש, מיט אַ שיינעם כתב יד, האָט תמיד אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס ר׳ מענדעלע האָט געוואָלט.

און כאָטש ר׳ גרשון איז געווען אַ נוצלעכער מענטש און געטאָן זיין אַרבעט בשלימות און מיט געטריישאַפט, האָט אים ר׳ מענדעלע פיינט געהאַט און עס אים געלאָזט וויסן אויף טריט און שריט. עס איז געווען אַ שנאת חינם. ער האָט זיך אויף אים געבייזערט און אים באַליידיקט, און אים געהייסן טאָן אַזוינס, וואָס האָט זיך ניט געפּאַסט פאַר אים. ס׳איז גיכער געווען אַן אַרבעט פאַר מיר, אָדער פאַר דער דינסט מיידל. ר׳ מענדעלע האָט אים גערופן שוטה און טפש... און וואָס מער ער האָט גרשונען דערנידעריקט, אַלץ הכנעה׳דיקער איז ער פאַר אים געשטאַנען, אַלץ נאַרישער, חניפה׳דיקער איז געווען זיין שמייכל.

פערצנטער קאַפּיטל

1

מיך האָט ר׳ מענדעלע דוקא ניט פיינט געהאַט. פאַרקערט, כ׳קען זאָגן אַז ער האָט פון מיר געהאַלטן און איז געווען גאַר פריינטלעך און גוט, ווען כ׳האָב מיין אַרבעט אָפּגעטאָן אין צייט און פּינקטלעך ווי ער האָט געוואָלט.

ער פלעגט מיר אָפּט קלאַפּן איבער דער פּלייצע, באַוואונדערן מיין יוגנט, לעבעדיקייט און שטאַרקייט און אַ זאָג טאָן:

— ער וועט אויסוואַקסן אַ גיבור!

ער האָט געהאַט צוטרויען צו מיר, ר׳ מענדעלע. ווען איך פלעג אים דערלאַנגען דעם חשבון פון די נדבות וואָס איך האָב אויסגעטיילט צו די אָרעמע לייט וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און אַנדערע קלע־נערע אויסגאַבן, האָט ער נאָר איבערגעקוקט די ציפערן, באַ׳חשבונ׳ט וויפיל עס באַטרעפט און מיר באַצאָלט.

ער פלעגט מיר אויך איבערלאָזן דעם שליסל פון זיין פיינעם האַנט־געשניצטן בופעט יעדן פרימאָרגן, ווען ער איז מיט׳ן גבאי אַוועקגעגאַנגען אין מקוה. בפרט פרייטיק, ווען ער האָט זיך אין מרחץ פאַרזאַמט עטלעכע שעה, און פלעגט אַהיים קומען כמעט פאַר ליכט־בענטשן. ער האָט מיר געגעבן געגוג צייט אויפצוראַמען זיין חדר, וואָס ער האָט קיין אַנדערן ניט געטרויט. כ׳האָב געמוזט מיט אַן אויליק שמאַטקעלע איבערגיין דאָס גאַנצע מעבל, ניט לאָזן אין ערגעץ קיין שטויבעלע, קיין פלעק.

די געפּאַרבטע פּאָדלאָגע האָט געמוזט גלאַנצן, פּונקט ווי די איבעריקע זאַכן אין זיין צימער. און אין די אַנדערע חדרים, אויף וועלכע כ׳האָב באַ־דאַרפט אַכטונג געבן, אַז די דינסט זאָל טאָן די אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין. איבערהויפּט האָבן געמוזט שפּיגלען מיט זויבערקייט די גלעזערנע טירן פון דער ספרים שאַפע און דער בופעט — וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַן אַ שיעור ירושה־אַנטיקן: זילבערוואַרג, גאָלדענע חפצים, כתב־ידן און אַ היפּשע סומע געלט.

בעת׳ן איבערלייגן די זאַכן און אָפּשטויבן די פּאָליצעס האָבן מיך די

הונדערטער רובל׳ס, וואָס מענטשן האָבן ביי אים איינגעלייגט, גאָרנישט פֿאַראינטערעסירט. כ׳פֿלעג נאָר אַמאָל זיין טשיקאַווע צו וויסן וויפֿל געלט עס געפֿינט זיך אין יעדן פּעקעלע באַזונדער. צוזאַמען האָבן זיי באַטראָפֿן שיינע עטלעכע טויזנט קערבלעך.

דער אוצר געלט האָט מיך ניט גערייצט. איך האָב ניט געהאַט קיין פֿאַרלאַנג עס צו האָבן. כ׳וואָלט סיי ווי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אַזאַ פֿאַרמעגן. געלט איז אין גאַנצן געווען אויסער מיין יינגלשע השגה.

ר׳ מענדעלע האָט עס גוט געוואוסט. ער איז געווען אַ קלוגער. ניט אומזיסט האָט די וועלט אים געהאַלטן פֿאַר אַ חכם. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער בורר. ער האָט געקענט שיין ריידן, לאָגיש איבערצייגן און ווירקן אויף דעם פֿאַר׳עקשנ׳טן צד.

צו אים זיינען געקומען פֿאַרשיידענע מענטשן. נישט אַלס חסידים נאָר אַלס געשעפֿטס-לייט, כדי ער זאָל פֿאַר זיי דורכפֿירן אַלערליי געשעפֿטן, צוזאַמענפֿירן שותפֿים, אָדער זיי פֿאַנאַנדערטיילן.

ווי נאָר ער האָט אויסגעהערט די טענות, האָט ער זיך גלייך אָריענטירט אינעם גאַנצן ענין. ער האָט באַנומען דעם גאַנצן מסחר-פּלאָנטער און מיט קלאָרקייט און געניטשאַפֿט האָט ער גענומען פֿאַנאַנדערגלידערן יעדן פּראָבלעם. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן, עצות געבן, אויסגלייכן און אויספּלאָנטערן, ביז ביידע צדדים זיינען געווען צופֿרידן. דערפֿון האָט ער פֿאַרדינט מער געלט ווי אַלס רבי.

ר׳ מענדעלע האָט געהאַט שטימונגען. געווען ציטן ווען זיין מרה שחורה האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף אַלעמען. אין אַזעלכע טעג האָט מען מורא געהאַט זיך צו ווייזן פֿאַר אים. יעדער איינער אין שטוב האָט זיך אויסבאַהאַלטן. אַפֿילו אין קיך האָט מען געפֿילט אַז מ׳דאַרף זיין שטיל, ניט ריידן אַ וואָרט, ניט אַרויסלאָזן קיין געלעכטער און וואַרטן ביז דעם רבי׳ן וועט צוריק ווערן פֿריילעך אויפֿן האַרצן.

און מ׳האָט ניט באַדאַרפֿט צו לאַנג וואַרטן. גענוג געווען אַז אַן אורח זאָל קומען, צי אַפֿילו אַ יידענע מיט אַ קליינעם פּדיון און דער רבי איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן.

ווער שמועסט נאָך, אַז ר׳ מענדעלע האָט געקראָגן אַן איינלאַדונג פֿון אַ שטעטל צו קומען אויף עטלעכע טעג, אָדער ער האָט באַקומען אַ בריוו פֿון אַ געוועזענעם געשעפֿטסמאַן, צי פֿון אַ זייער חשוב׳ן חסיד, איז זיין שמחה געווען אין לשער.

אָבער די גרעסטע פֿרייד פֿלעגט אים אַרומנעמען ווען אים איז ענדלעך געלונגען אויסצוגלייכן אַ שווער-פֿאַרפּלאָנטערטן סכסוך, ווען איין צד איז איז געווען שטאַרק איינגעשפּאַרט, און עס האָט געהאַלטן דערביי אַז די

גאַנצע זאַך זאָל אַריבער צו אַן אַדוואָקאַט. אויסער געלט האָט אַזאַ בוררות אים געגעבן פּרעסטיזש צווישן סוחרים.

דאַמאָלט איז כמעט אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצה צווישן אים און די שטוב־מענטשן. ער פלעגט אַרויסקומען פון זיין חדר אַן אויפגעהייטערטער, אַ צעוואָרעמטער. זיינע אומלויפנדיקע אויגן האָבן געשיינט מיט אַ צע־שפּילטער ליכטיקייט. דאָס רויט־באַבערדלטע פּנים האָט געשמייכלט.

נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער וואָס זיינען געווען פול מיט גאוה און זעלבסט־ליוב, האָט ער מיט צעשפּרייטע הענט זיך אַ יאָג געטאָן איבערן צימער ווי ער וואָלט וועלן עמיצן כאַפּן. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס געזאָגט מיט צופרידנקייט, און ווידער זיך אַ לאָז געטאָן איבער די אַנדערע צימערן, פול מיט באַגייסטערונג. ער פלעגט דאַן אָנכאַפּן דאָס שפּיציקע בערדעלע פון ר׳ אהר׳ן גבאי, רייסן עס און צופּן.

אין אַזאַ פריילעכע שטימונג האָט ער ליב געהאַט צו טרינקען טיי און רויכערן אין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן.

צום סוף האָט ער זיך גענומען שפּאַסן מיט מיר, קניפּן, רייסן און דרייען מיינע פּאות, די אויערן, און פול מיט גוזמא רעדן פון מיין גבורה. ער פלעגט איבערחזרן, צום ווילפּטן מאָל, ווי אַזוי איך טו אַ נעם דעם ביטל וואַסער אין וועלכן די קינדער פלעגן זיך צוואַגן און איך טראָג אים אַרויס אין דרויסן איינער אַליין; אָדער דעם קאַכידיקן צוויי־עמער־דיקן סאַמאָוואַר וואָס איך טראָג אַריין פון דער ספּיזשאַרניע, אַוועקשטעלנ־דיק אים אויף אַ בענקל אָן שום אָנשטרענגונג.

מ׳האָט געקענט זען אַז דאָס פּאַרשאַפט אים פאַרגעניגן און אַז ער גרויסט זיך מיט מיר. דערנאָך האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַסן איבער מיין פרומקייט. כאָטש קיינער קען עס ביי מיר ניט זען. — „נו — קען מען דאָך ביי די „ל״ו״ צדיקים אויך ניט זען זייער פרומקייט״. האָט ער געזאָגט שמייכלנדיק.

צום סוף האָט ער שוין אַן ערנסטער מיך גענומען לויבן פאַר מיין ערלעכקייט. אַז איך בין אַ וואוילער בחור און מ׳קען מיר געטרויען.

ר׳מענדעלע האָט מיך ניט נאָר געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן נאָר אויך פאַר אַ נאַר. (אפשר גייען אָט דיביידע צוזאַמען?...)

דאָס האָב איך אַליין געהערט פון זיין מויל; אַז איך בין אַ נאַר!...

אין אַ געשפּרעך מיט עמיצן, האָט ער איינמאָל געוואָלט אונטערשטרייכן די נאַרישקייט פון אַ געווויסן מענטשן האָט ער געזאָגט:

— ווייסיך, ער האָט אַזוי פיל שכל, ווי מיין שלמה, למשל...

ווען איך האָב עס געהערט האָב איך זיך דערפילט דערשלאָגן און קליין ביי זיך. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביי מיר אַ צייט לאַנג.

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ווען ער האָט עס געזאָגט, איז עס ניט געווען ווייל ער האָט מיך, אין אַ מאָמענט פון כעס, געוואָלט באַליידיקן.

ער האָט עס געזאָגט ווי אַ ביישפּיל, ווי אַ פאַרגלייך. און דערפאַר האָב איך טיף געליטן. איך בין שוין געווען דאַן אַ בחור פון אַכצן יאָר. כ׳האָב זיך שוין אַ מאָל דערלויבט אַ טראַכט צו טאָן... חלומ׳ען און באַוואונדערן שיינע מיידלעך. כ׳האָב זיך שוין דאַמאָלט אַרומגעטראָגן מיט אַ סוד אין האַרצן. און בין טאַקע פאַרליבט געווען אין אַ מיידל מיט אַ קלייענדיק פּנים און גאָלדענע צעפּ... איך האָב דאַן געטראָגן אַ שוואַרצע שליאַפּע וואָס האָט מיר זייער שיין געפּאַסט. און וואָנצעס האָבן זיך געשוואַרצט אונטער דער נאָז. מיט אַ שטעקל בין איך געגאַנגען און אַ זילבערנעם זייגער מיט אַ קייטל איבער דער קאָמעזויל געטראָגן. פּאַפּיראָסן מיט לאַנגע מונשטיקן געראויכערט. אייניקע מיידלעך האָבן מיר אַפילו קאָמפּלימענטן געמאַכט.

כ׳בין אַריין אין צימער וואו עס איז געהאַנגען אַ גרויסער שפּיגל. כ׳האָב פאַרמאַכט די טיר, אַריינגעקוקט צווישן די גאָלד־געפאַרבטע ראָמען און באַטראַכט מיין פּנים, די ברייטע ברעמען, די נאָז, די שמאָלע פאַרשטשעמעטע ליפּן, דעם געדיכטן שוואַרץ געקרייזלטן קאָפּ האָר און די געזונטע פאַררויטלטע באַקן.

שטייענדיק פאַרן שפּיגל — האָב איך געמאַכט אַלערליי גרימאַסן. געשטאַנען אַ ווילע באַוועגלאָז, דערנאָך געשמייכלט און זיך געשטודירט, ווי איך וואָלט וועלן אויסגעפינען פון וועלכע גרימאַסע מ׳קען דערקענען מיין נאַרישקייט... — האָב איך דאָך געהערט אַן אויסדרוק, אַז „דער נאַר ליגט אים אויפ׳ן פּנים". אָבער ווי אַזוי דערקענט מען עס? אויב ר׳ מענדעלע זעט עס, זעען עס דאָך אַנדערע אויך? כ׳האָב לאַנג אין שפּיגל געזוכט די שפּורן. אפשר קען מען עס אָפּווישן? — ניין. כ׳האָב עס ניט געקענט געפינען און ניט געקענט אָפּווישן. אויב איך האָב געהאַט אַ נאַרישקייט וואָס ליגט מיר אויפ׳ן פּנים, האָט עס געמוזט פאַרבלייבן. כ׳האָב שלום געמאַכט מיט ר׳ מענדעלעס מיינונג און אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז מיין נאַרישקייט ליגט טיף אין מיר אַליין, און ווייזט זיך גאָר אַרויס אין מיינע רייד אָדער האַנדלונגען. איך האָב שטיל געליטן...

ניט נאָר האָט ער געזאָגט, אַז איך בין אַ נאַר, נאָר ער האָט עס מיר טאַקע איינמאָל באַוויזן אויך. איר מעגט עס אויסהערן:

איך האָב זיך געמאַכט אַ טבע צו פאַרגעסן אַ מאָל דאַווענען אַ שחרית, אָדער אַ מנחה־מעריב. איך האָב עס ניט געטאָן, ווייל כ׳בין געוואָרן אַן אויפגעקלערטער, אַ פריידענקער, רחמנא לצלן, אַן אַפּיקורס וואָס וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן עול פון יידישקייט, ניין! דערצו דאַרף מען

קודם זיין געבילדעט... איך האָב ניט געדאַוונט, ווייל מיר האָט פשוט אויסגעפעלט צייט... איך האָב אַזוי פיל אַרבעט געהאַט צו טאָן. און אַזוי ווי כ'האָב געהאַט ניט קיין שלעכטן אַפּעטיט, און בין תמיד געווען הונגעריק, האָב איך דערווייל, ביז וואָס ווען, ביז דער מנין וועט זיך צו־זאַמענקומען, געכאַפּט עפּעס אין מויל אַריין... נאָכ'ן עסן האָט זיך שוין ניט געגלוסט דאַוונען... אַזוי האָב איך ביסלעכווייז אויסגעפונען אַז ס'איז ניט קיין גרויסער אומגליק ווען מ'עסט אומגעדאַוונט...

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, ווען ר' מענדעלע האָט אויסגעטאָן טלית און תפילין רופט ער מיך אַריין צו זיך אין חדר, און טוט מיך פלוצים זייער ערנסט אַ פרעג: — „וואָס איז די מעשה וואָס דו האָסט עפּעס אָנגעהויבן צו דאַוונען אין מיינע תפילין בעת איך בין אין מקוה? און ער קוקט מיך אָן שאַרף מיט זיינע אומלויפנדיקע שוואַרצאַפּלען. איך בין גע־בליבן שטיין. און ווי אַ שולדיקער צוריקגעפרעגט: — „וואָס הייסט איך דאַוון אין אייערע תפילין? פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נעמען אייערע תפילין? איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן". איך בין שוין געווען גרייט צו שווערן. האָט ער פאַמעלעכן ווידער געפרעגט: — „אין ווען עמענס דען תפילין דאַוונסטו?" שטאַרק הנאה האָבנדיק פון זיין חכמה. — וואָס הייסט אין וועמענס?" פרעג איך, „וואָס הייסט? אין מיינע, אין מיינע אייגענע תפילין!" כ'האָב געהאַט אַ פּאָר קליינע תפילין וואָס איז פשוט געווען אַ מחיה צו דאַוונען אין זיי. און כ'פלעג זיי תמיד אָפּהיטן אַז מען זאָל זיי ניט צונעמען ביי מיר אָדער פאַרבייטן אויף גרויסע. כ'האָב זיי אַלעמאָל געהאַלטן אין אַ ווינקל פון דער שאַפע וואו עס זיינען געשטאַנען די גלעזער, דער טשייניק טיי און קאַווע. צו אָט דער שאַפע איז קיינער ניט צוגעגאַנגען אַ חוץ איך. כ'האָב אַפילו די שאַפע געקענט פאַרשליסן.

ווען איך האָב אים געענטפערט אַז איך דאַוון אין מיינע אייגענע תפילין, האָט ער מיט אַ נצחון־שמייכעלע אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי האָסטו געקענט דאַוונען אין דיינע תפילין, אַז דיינע תפילין ליגן שוין ביי מיר אין שופלאָד פאַרשלאָסן מער ווי פינף וואָכן?!...

כ'בין געבליבן שטיין אַ פאַרשעמטער, אַ באַזיגטער, און ער האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

כ'האָב געמוזט אָנטאָן די תפילין פאַר אים אין די אויגן — דאָס מאָל גראָדע נאָך ניט קיין געגעסענער און אים צוגעזאָגט אַז אַזוינס וועט מער ניט טרעפן.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און מיר האָט זיך אָנגעהויבן אויסוויזן, אַז ר' מענדעלע טראָגט שטילערהייט צו מיר אַ שנאה. ער פלעגט מיר גאַנץ אָפט מיט זיין „זיי מוחל" ממש ווי טאָן.

ער האָט שוין צופיל און צו אָפּט באַמערקט מיין גבורה, מיין אימפּעט און מיינע ברייטע פּלייצעס. ער פלעגט מיך באַשולדיקן אין צוכאַפּן זיך צום קאַלטן טאָפּ מילך ווען קיינער זעט ניט ... און מיר אויך געגעבן אָנ־צוהערן וועגן דער נאַנטקייט מיינער מיט דער דינסט מיידל און מיט דער געזונטער קעכין... זיין וויצלען זיך אויף מיין חשבון האָט שוין מער ניט געהאַט אין זיך די שפּילעוודיקייט וואָס קומט ווען מען שפּאַסט מיט אַ ייִנגל. ער האָט מיך, משמעות, שוין געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מיט וועמען מען קען שוין רעדן ערנסט. וואָלט דאָס אָן און פאַר זיך, אפשר געווען אַ שטיקל מדרגה, ווייל אויב ער האָט איצט אַן אַנדער באַציאונג צו מיר, איז דאָך אַ סימן אַז ער האַלט מיך פאַר אַ מענטשן מיט וועמען מען קען שוין פירן קריג ווי מיט'ן חזן זיינעם למשל. איך וואָלט זיך געקענט פילן שטאָלץ. איז אָבער די צרה וואָס איך האָב זיך ניט געקענט פאַרגלייכן צו בערל חזן. איך בין געווען גאָר אין אַן אַנדערער לאַגע. זיין געגנערשאַפט צו מיר האָט מיך דירעקט געטראָפן און מיר פאַרשאַפט יסורים. ער האָט זיך נאָך אַלץ כלומרשט געוויצלט און געשפּאַסט. אָבער זיינע שפּאַסן האָבן אָנגע־הויבן צו ווערן שפּיזלדיק און בייסיק. ער האָט נאָך אַלץ געשמייכלט. אָבער טאַקע מיט די דאָזיקע שמייכלען האָט ער מיך אין דער שטיל געררודפט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דעם וואָס איך האָב איינמאָל עובר געווען אויף איינס פון זיינע מנהגים. דאָס ניט אויספאָלגן זיין דיסציפּלינירטן, שטרענג־אָנגעזאָגטן באַפעל איז געווען אינגאַנצן בשוגג. כ'האָב פשוט פאַרשלאָפן.

עס איז ביי אים געווען איינגעפירט, אַז די נאַכט פאַר אַ תענית, ווי למשל, פאַר עשרה בטבת אָדער אסתר תענית, האָט מען פאַר אים, אַ צוויי דריי שעה פאַרטאָג, געמוזט האָבן גרייט הייסע קאַווע מיט פּוטער־קיכלעך. כדי עס זאָל אים זיין גרינגער צו פאַסטן...

פלעג איך אַלעמאָל, כדי צו זיין זיכער, לאָזן דעם סאַמאָוואַר זיך האַלטן וואַרעם. און ווען כ'בין אויפגעשטאַנען אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג האָב איך נאָר באַדאַרפט אַ פאָר מאָל מיט מיין שטיוול אַריינבלאָזן און די קוילן זיינען געוואָרן לעבעדיק, רויט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט די וואַסער אָנגעהויבן זידן. גרייט צו פאַרפאַרן די קאַווע. און ווען אַלץ איז געווען אויפ'ן טיש פאַרטיק, האָב איך שטיל אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר פון דער ספּאַלניע, און ער פלעגט אַרויסקומען זיך פאַרפאַסטן. ער פלעגט זיין האַלב־פאַרשלאָפן אָבער צופרידן וואָס כ'האָב אים אויפגעוועקט.

איך פלעג, נישט קוקנדיק אויף מיין מידקייט, דוקא ליב האָבן אָט די שטילע סודות'דיקע פאַרטאָגן, ווען אַלץ אַרום האָט גערוט און איז גע־

ווען פאַרזונקען אין שלאָף. ר׳ מענדעלע פלעגט געגעצן איידער ער האָט זיך גענומען צו דער הייסער שמעקענדיקער קאַווע און קיכלעך וועלכע האָבן אים באַלד אויפגעמונטערט. ער האָט גערעדט שטיל און איז געווען אויפגעלייגט. באַקוקט די קינדער אין די בעטן וואָס זיינען געשלאָפן אין דעם צימער. זיי צוגעדעקט. דערנאָך האָט ער גענומען אויף אַ טעצל אַ טעפּעלע קאַווע מיט אַ בוימל־בולקע פאַר זיין שיינער רביצן, וואָס איז אַ פאַרשלאָפענע געלעגן דאָרט אין ספּאַלניע. געהייסן פאַרדושן דעם סאַמאָוואַר, אויסלעשן די לאָמפּ און צוריק גיין שלאָפן.

נאָר איינמאָל האָב איך אַזאַ פאַרטאָג פאַרשלאָפן. כ׳האָב טאָקע די קאַווע געמאַכט און אַלץ אויפן טיש אַוועקגעשטעלט. נאָר ווען כ׳בין געגאַנגען אָנקלאַפּן אין זיין טיר האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס׳האָלט שוין אין גרויען אויף טאָג.

ער איז אַרויס פון שלאָפצימער פול מיט כעס. ער איז געשטאַנען און איינגעזאַפּט אין זיך דעם פיינעם ריח פון דער קאַווע און נישט געקענט באַשליסן אויב די גרויקייט וואָס שלאָגט דורך די פענצטער אינעם אַנדערן צימער קען מען שוין אָנרופן טאָג... ער האָט צום סוף באַשלאָסן אויסצוטרינקען אויף גיך דאָס טעפּעלע וואַרעמס נאָר אָן אַ קיכל...

ער האָט מיר דעם „פאַרברעכן" ניט געקענט מוחל זיין און מיר אַלע מאָל פאַרגעוואָרפן אַז מען קען זיך אויף מיר ניט פאַרלאָזן.

דעם צווייטן פאַרברעכן וואָס איך בין באַגאַנגען און וואָס ער האָט מיר, אַן אַכצן יאָריגן בחור, ניט געקענט פאַרגעבן, איז געווען, וואָס איך בין איינמאָל, על פּי טעות, אַדורכגעגאַנגען דאָס שלאָפצימער ווען די רביצן איז נאָך געלעגן אין בעט.

ער האָט זי שטענדיק געהאַלטן אונטער פאַרמאַכטע טירן און נישט געלאָזט אַז אַ פרעמדער בליק זאָל אויף איר פאַלן. אַפילו דאַן ווען זי איז געווען ניט מיט אַלעמען האָט דער יידישער פעלדשער, פון וועמען ער האָט דוקא געהאַלטן, געמוזט שטיין פון וויטן, אים איז ניט דערלויבט געווען זי צו אונטערזוכן און מיט זיינע הענט באַרירן איר לייב...

דער פעלדשער האָט געמוזט ענטפערן אויף ר׳ מענדעלעס פראַגן, און אויף דעם אייגענעם דיאַגנאָז אָנשרייבן אַ רעצעפּט, ווייל ער אַליין האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל דאָקטאָר און פלעגט אָפט געבן רפואות צו מענטשן וואָס זיינען צו אים געקומען זיך באַקלאָגן אויף זייער שוואַכן געזונט.

די טיר פון שלאָפצימער איז געווען אָפן, האָב איך געמיינט אַז די שיינע רחל׳ע איז שוין אָן אָנגעטאָנענע. ער איז אָבער מיר באַלד נאָכגע־

לאָפן מיט אַ געשריי: „דו! דו! חוצפהניק! גראָבער יונג! און מיט כעס צוגעקלאַפּט די טיר.

עס האָט ניט געהאָלפן מיין פאַרענטפערן זיך אַז איך האָב נישט גע־וואוסט אַז די רביצין איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען. און אַז שולדיק איז גאָר די דינסטמיידל וואָס האָט געלאָזט די טיר אָן אָפענע ווען זי איז אַרויס פון שלאָפצימער.

כ׳האָב אַ לאַנגע צייט געפילט אויף זיך זיינע פיינטלעכע בליקן. איך האָב זיך געפילט שולדיג און פול מיט בושה.

עס האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט. ווייל אויסער דעם וואָס עס איז געווען שווער אויסצוהאַלטן זיינע שטעך־ווערט־לעך; איז מיר גלאַט ניט געווען אַנגענעם זיך צו דערמאָנען דעם צופאַל. איך האָב מיט אַלע כוחות געפּרוואווט אָוועקנעמען פון מיין זכרון דאָס בעט מיט דער זיידענער קאָלדרע, וואָס האָט רחל׳ען בלויז האַלב צוגעדעקט...

יעדעס מאָל, וואָס ר׳ מענדעלע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן האָט ער מיר אָן דעם דערמאָנט. דאָס האָט מיך נאָך מער באַאמרואיקט. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער לייענט מיינע געדאַנקען און מאַכט מיר פאַרוואורפן פאַר זינדיקן אין מיינע מחשבות...

אין דער אמת׳ן האָב איך ניט פאַרשטאַנען אַז פאַר פאַרגעטערן עמיצן אָדער באַוואונדערן שיינקייט, מיינט זינד. עס איז געווען מער זיין שולד ווי מיינער. ער האָט מיט זיין באַפאַלן מיך יענעם פרימאָרגן פשוט אָנגעוויזן אַז אין זיין הויז געפינט זיך אַן אויסערגעוויינלעך שיינע פרוי... מיט זיין פאַרהאַקן די טיר, האָט ער מיר געלאָזט וויסן אַז ער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס וואָס קיין אַנדערער אין שטעטל האָט ניט. ער האָט אין מיר אויפגעוועקט שטילע אונטערדריקטע באַגערן... איך בין דערגאַנגען צו אַ מדרגה וואָס האָט געלאָזט הינטער זיך דעם היגטערטעניקן משרת; דער וואָס זעט שטענדיק דער רביצין אין געפּאַנצערטע שווערע קליידער. אַ ווייטע, אַ פרעמדע און אַ הייליקע. כ׳האָב פלוצים דערזען אַ פּראַכטפולע באַשעפע־ניש, אַ פרוי מיט קלוגע, פרייגטלעך־שמייכלנדיקע אויגן; אַ פּנים, אויף וועלכן עס איז פשוט אַ פאַרגעניגן צו קוקן. און איך האָב אויף איר גע־קוקט ווען נאָר איך האָב געהאַט די צייט און די געלעגנהייט. און איך בין מקנא געווען ר׳ מענדעלע׳ן.

איך האָב געפילט אַז רחל׳ע איז אויף מיר נישט ברוגז, און טראָגט צו מיר נישט קיין שנאה פאַר מיין „חוצפה״, זי איז ווי תמיד געווען זייער סימפּאַטיש צו מיר און צו די איבעריקע אָנגעשטעלטע. זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ביטערע געפילן, אָדער פאַרדרוס. און איך האָב עס אָפּגע־שאַצט דורך באַדינען זי מיט די קינדער מיט אַן אַ שיעור איבערגעבנ־קייט און געטריישאַפט.

פופצענטער קאַפּיטל

1

רחל'ע. אַזוי האָבן זי די שטוב־מענטשן גערופן אין דער שטיל און ווען איר מאַן, דער רבי, איז ניט געווען דערביי. ווייל באַלד ווי ר' מענדעלע איז אַראָפּ פון קעסט, און איז געוואָרן פאַר זיך אַליין אַ רבי, האָט ער געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן זי רופן רביצן. אַ זאַך וואָס זי אַליין האָט, בפרט די ערשטע צייט ניט שטאַרק ליב געהאַט, כאָטש זי האָט געמוזט שפּילן די ראָלע פון אַ רביצן. באַזונדערס שבת און יום טוב נאָכן דאַוונען, ווען עטלעכע חשוב'ע באַלעבאַטים און חסידים פלעגן אַריינקומען און זאָגן: גוט שבת רביצן, און זי האָט בעדאַרפט ענטפערן און זיי מכבד זיין מיט מאַכן קידוש.

דאָס איז שוין ווייזט אויס געווען אַ מנהג אין די גוט־יידישע הויפן. רחל'ע האָט עס געוואוסט. זי געדענקט ווי איר מוטער פלעגט אויפנעמען חסידים. אָבער יעדעס מאָל ווען די אויסגעקליבענע געסט און חסידים פלעגן אַריינקומען מיט'ן גוט שבת און זיך אויסגעזעצט קוקנדיק מיט זשעדנע בליקן אויפ'ן ווייַן און לעקעך, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט אויפ'ן טיש, איז אויף איר פּנים געלעגן אַ שעמעוודיקייט. און עס איז געווען שווער אָנצוקניפּן אַ געשפּרעך. זי האָט פּשוט ניט געקענט געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר איר אַלס רביצן.

האָט שוין ר' מענדעלע געזען, אַז זיין גבאי ר' אהרן זאָל זיין דערביי. ר' אהרן האָט שוין געוואוסט וואָס און וויפל זי דאַרף רעדן אָדער גאָר שווייגן... עס האָט זיך געווענדט ווער עס זיינען געווען די איינגעלאַדענע. היגע אָדער פרעמדע. סוחרים אָדער גלאַט חסידים. נישט אַלע זיינען גלייך. און נישט אַלע סוחרים אָדער באַלעבאַטים זיינען דיזעלבע אָנגעלייגטע געסט. ר' אהרן, אַן אויסגעקאָכטער אין רבי'אישע הויפן, איז געווען זייער אויסגע־רעכנט און דיפּלאָמאַטיש. סיי ווען מ'האָט באַדאַרפט קלייבן די יחסנים וועלכע זאָלן איינגעלאַדן ווערן צו דער רביצן אויף קידוש, סיי ביים פירן דעם שמועס. און ווען זיי האָבן נאָך אַזאַ וויזיט — וואָס האָט נישט געדוי־

ערט מער פון אַ האַלבער שעה — פּאַרלאָזן דאָס חדר, איז ר׳ מענדעלע באַלד אַריינגעקומען געוואָר ווערן אַלע פּרטים. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס מ׳האָט גערעדט און אין אַלגעמיין וואָס פאַר אַ רושם האָט דאָס צוזאַמענקומען זיך געמאַכט אויף די געסט.

דערויף האָט שוין ר׳ אהרן געענטפערט. און אויף אים האָט זיך ר׳ מענדעלע געקענט פאַרלאָזן. און ווען ער האָט אים איבערגעגעבן דעם תמצית פונעם שמועס, אַז די רביצן האָט זיך געהאַלטן מיט ווירדע און קלוג געענטפערט אויף יעדע פראַגע וואָס האָט בלי ספק צוגעגעבן כבוד צום הויף, האָט ער זיך צעשמייכלט מיט אַ גליקלעכן שמייכל. און מחמת גרויס צופרידנקייט געגומען רייסן ר׳ אהרנ׳ס בערדל.

רחל׳ען האָבן אָט די וויזיטן אָנגעשטרענגט און אויסגעמאַטערט. זי האָט געדאַנקט גאָט ווען זיי זיינען שוין געווען פאַראיבער, כדי זיך איבערצוטאָן אין אַן אַנדער קלייד און זיך פילן פרייער. דערנאָך איז זי אַריין אין קיך, הייסן צוגרייטן די שבת׳דיקע סעודה.

זי האָט נישט געזאָגט „זיי מוחל״ ווען זי האָט זיך מיט עמיצן געשעאָפּט. אָבער אין איר שאָפן זיך, איז געלעגן אַ וועלט מיט איידלקייט. זי האָט זיך ניט געבלאָזן און נישט אַראָפּגעקוקט צו די שטוב-מענטשן וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר גביר׳שע באַלעבאָסטעס.

די שיינע דירה, די קאָסטבאַרע קליידער, די צירונג, דער מאַן — אַ רבי וואָס איז געווען באַוואוסט אין אַ סך שטעט, דער גרויסער כבוד און דער זכות אבות מיט׳ן יחוס עצמו אַפילו, האָבן איר אויף קיין איין מינוט ניט געמאַכט טראַכטן אַז זי איז אַ בעסערער סאָרט מענטש. אַז זי איז אַנדערש פון דער קעכין צי פון דער דינסט.

זי האָט זיך מיט די שטוב-מענטשן מיישב געווען וועגן שטוב-זאַכן און געפרעגט אַ מיינונג:

— ברײַנדל, וואָס רעכנט איר דאַרף מען היינט קאָכן?

— האָסט עפּשר צייט, שלמה, צו העלפן אַרונטערנעמען די פאַרהאַנגען?

דעם איינדרוק פון איר פּשוטקייט האָב איך געקראָגן גלייך ווי איך האָב זי געזען נאָך דאַמאָלט ווען מ׳האָט זי גערופן רחל׳ע. דעם זעלבן איינדרוק האָבן אַלע וועגן איר געהאַט.

עס איז געווען איינמאָל פאַר פּסח. רחל׳ע, איך און אַ דינסטמיידל זיינען געזעסן איבער אַ גרויסן וואַשטאָפּ וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט וואַרעמע זייפיקע וואַסער און געווייקט און געוואַשן אַלע זילבערנע לייכטער.

די אַרבעט איז געגאַנגען שנעל. יעדעס באַזונדער רערל איז געגאַנגען פון האַנט-צו-האַנט. זי אַליין האָט מיט אַ שמאַטקעלע געוואַשן. דאָס

מײדל האָט דעם לײכטער געװישט און איך האָב אים גוט אָפּגעטונקט און אָפּגעפּוצט מיט צעשטױסענעם װײסן קרײד װאָס האָט געמאַכט דאָס זילבער בלישטשען מיט אַ בלױ־װײסן גלאַנץ.

בעת דער אַרבעט האָט מען גאָר פאַרגעסן אַז זי איז די רביצן און די באַלעבאָסטע. זי האָט געטראָגן אַ פאַרטוך װאָס איז געװען דורכגעגנעצט און זי האָט אױסגעקוקט װי אַן אײנפאַכע מײדל אָדער װײבל — װאָס טוט די שטוב־אַרבעט.

די דינסטמײדל האָט איר אַלע מינוט אין מיטן רעדן געגעבן אַ קאָמ־פּלימענט. װי שײן זי איז אַפילו אין די פּראָסטע קלײדער און אַפילו בײם רײניגן די זילבער.

— אױ, זײט איר שײן רחל׳ע, טוטס נאָר אומיסטן אַ קוק אין שפּיגל.

— אױ, אַ געזונט אױף אײך רחל׳ע, איר זײט דאָך אַזאַ בריה קײן עין הרע. האָט זיך אָפּגערופן די קעכין װאָס איז אױף אַ װײלע אַרײנגעקומען פון קיך מיט אַ שמאַטע אין האַנט.

איך געדענק אַז מיר האָט זיך אױך געװאָלט עפּעס זאָגן. אָבער כ׳האָב זיך אײנגעהאַלטן. כ׳האָב פאַרשטאַנען — אַז עס פּאַסט ניט. אָבער איך האָב מיט זײ אין דער שטיל מסכים געװען.

דאָס אמת׳ע מבינות איבער איר שײנקײט האָב איך געהערט דעם ערשטן טאָג פּסח װען מ׳האָט גערעדט װעגן די סדרים װאָס יידן, איבער־הױפּט גוטע יידן, פּראַװען.

2

ר׳ מענדעלע האָט זיך אַ צײט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַרײנצו־קריגן דעם אַלטן ברוך משה׳ן, אױב נישט פאַר אַ חסיד איז כאָטש פאַר אַ פרײנד, פאַר אַן אײגענעם. דאָס װאָלט געװען אַ גרױסער כבוד פאַר אים און פאַרן הױף.

ר׳ ברוך משה איז געװען אַ גרױסער למדן, אַ ייד אַ חכם מיט אַן אַ שיעור מעלות.

אַזאַ יידן איז װערט צו האָבן בײם דאַװענען, בײם טיש, בײ אַ שמחה און בכלל פאַר אַן אײגענעם מענטשן. עס איז זײער שײן צו האָבן אַזאַ יידן לעבן זיך װען עס קומען פרעמדע מענטשן...

איז אָבער ברוך משה ניט געװען קײן חסיד. װער שמועסט נאָך פון אַזאַ יונגנמאַן װי ר׳ מענדעלע װאָס איז ערשט געװאָרן אַ רבי און קײן לערנער איז ער נישט...

טאַקע דערפאַר האָט זיך ר׳ מענדעלע אײנגעשפּאַרט אַז ער מוז ברוך משה׳ן אַרײנקריגן אין הױף. האָט ער אים אײנמאָל אײנגעלאַדן צוזאַמען

מיט'ן רב פון שטאָט זיי זאָלן אויסהערן אַ דין תורה. עס זיינען געקומען עטלעכע יידן צו ר' מענדעלען זיך אויסגלייכן איבער אַ גרויסער ירושה. ר' מענדעלע האָט געקענט זיי אויסגלייכן אפשר אַליין אויך, האָט ער אָבער אויך געוואָלט אַז סיי דער רב, און סיי ר' ברוך משה זאָלן זען ווי קלוג ער איז. האָט ער זיי איינגעלאַדן זיי זאָלן אויסהערן בײדע צדדים און העלפן אַרויסגעבן אַ פסק... און דער סוף איז געווען, אַז בײדע, דער רב און ר' ברוך משה, האָבן איינגעשטימט מיט ר' מענדלען. און זיי האָבן אים ניט אויפגעהערט צו לויבן פאַר זיינע שיינע רייד און פאַר זיין חכמה.

אויף מאָרגן איז ר' ברוך משה געקומען דאַוונען אין ר' מענדעלעס שולעכל.

דערנאָך האָט זיך ר' מענדעלע מיישב געווען, אַזוי ווי ברוך משה איז אַן אַלמן, און וואוינט מיט זיין טאָכטער, זאָל ער אים איינלאַדן אויף גאַנץ פסח.

דער אַלטער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. אין שטאָט האָט מען דער־פון גערעדט ווי פון אַ וויכטיקער פּאַסירונג.

— ברוך משה איז געוואָרן אַ חסיד אויף דער עלטער. האָט מען זיך אָנגעזאָגט די נייעס. יידן האָבן דערפון גערעדט בלשון לצנות. זיי האָבן אָבער גאָר ניט געוואוסט וויפל אמת עס איז געלעגן אין זייערע רייד.

דער אַלטער ברוך משה איז געוואָרן אַ פאַרברענטער חסיד פון ר' מענדעלען. און ער האָט עס פאַר אַלעמען מודה געווען, ווען מ'האָט אים געפרעגט וואָס ער טראַכט פון דעם יונגן רבין.

ער איז געווען פול מיט התפעלות ווען ער האָט דעם ערשטן טאָג יום טוב, נאָכן דאַוונען, דערציילט פון ר' מענדעלעס סדר.

— איך האָב נאָך אַזוינס ניט געזען, האָט ער געזאָגט מיט ערנסטע פרומע אויגן.

— אַזוי דערציילן דעם נס פון יציאת מצרים דאַרף מען קענען. אויב די בני ברק האָבן אַזוי שיין דערציילט איז שוין קיין חידוש וואָס זיי זיינען געזעסן די גאַנצע נאַכט ביז עס איז צייט געווען צו זאָגן קריאת שמע.

ר' מענדעלע האָט ווירקלעך געקענט פראַווען אַ סדר. ער אַליין האָט זיך עוסק געווען און געהאָלפן צוגרייטן דעם טיש.

ער האָט יעדעס ברעקל אין זינען געהאַט און אַלצדינג געשטעלט אויפן ריכטיקן אָרט. ער איז אָנגעגאַנגען מיט אַ סדר ווי צוצוגרייטן דעם „סדר".

און ווען ער האָט געהייסן עפענען די טיר און אַריינלאָזן די עטלעכע חסידים מיט די ספּעציעל איינגעלאַדענע געסט, זיינען זיין פאַרגאַפּט גע־

וואָרן פון דער זעלטענער פראַכט וואָס דער טיש האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט.

דער ווייסער טיש מיט דעם גלאַנציקן זילבער, מיט די קאָלירטע ווייַנען וואָס האָט זיך גע׳טוב׳לט אין דעם יום־טוב׳דיקן ליכט, איז געווען אַ בילד וואָס האָט פאַרכאַפּט די נשמה און אַריינגעוואָרפן אין גרויס התלהבות.

אַלע חושים האָבן דערפילט דעם טעם פון עונג יום טוב.

ר׳ מענדעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קאַפּאָטע פון געלן זייד און מיט בלומען אויסגעוועבט פון זילבערנע פעדים. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ זילבער־געשטריקטע יאַרמולקע. און אַ גאָלדענעם פּאַסיק, אָנשטאָט אַ גאַרטל, האָט ער געטראָגן. אַ גרויסער בריליאַנט האָט געפינקלט אין זיין שוואַרץ־סאַמעטענעם קראַוואַט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונעם זויבערן העמד־קאָלנער.

די צוויי יינגלעך פוןביידע זייטן הסב־בעט אין באַגלידערטע גאַר־ניטערלעך און היטלען. די רביצן איז געזעסן ביי אַ באַזונדערן טיש אין זיידנס און באַהאַנגען מיט צירונג. זי איז געזעסן שטיל, צניעות׳דיק און גע־שיינט מיט איר חן.

דערנאָך האָט ר׳ מענדעלע אָנגעהויבן זאָגן די הגדה מיט אַ זיס־האַרציקן נגון און מיט אַזאַ קלאָרן קול, אַז ס׳איז געווען אַ מחיה נפשות צו הערן.

— ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ יידישער קעניג, האָט ר׳ ברוך משה געזאָגט.

— און די רביצן? האָט עמיצער געפרעגט?

— זי איז געווען אַן אמת׳ע אסתר המלכה. און אפשר נאָך שענער. האָט ברוך משה געענטפערט.

זי איז דאָך אַ צדיקת, אַ גאָלדענע נשמה — האָט עמיצער צוגעגעבן.

ר׳ מענדעלע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט צו הערן וואָס דער אַלטער ברוך משה וועט האָבן צו זאָגן נאָך דער ערשטער באַגעגעניש, וואָס ער האָט מיט אים געהאַט. כאָטש טיף אין האַרצן האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. בעת זאָגנ־דיק די הגדה האָט ער אָפּט אויף אים אַ בליק געטאָן און אַלץ געזען און פאַרשטאַנען... ער האָט ממש געפילט אַז ער האָט אויף אים אַ גרויסע השפעה... ווייל דער אַלטער, פונקט ווי די איבעריקע געסט, איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער... ר׳ מענדעלע האָט עס געקענט אַראָפּלייענען פון דעם אַלטנס פאַררויטלטן געקאַרבטן שטערן און פון זיינע ווייסע טיפע ברעמען.

ווען ר׳ אַהרן האָט דעם רבין דערציילט פון ברוך משה׳ס באַגייסטערונג

האָט עס אים פאַרשאַפט גאָר אַ סך נחת. ער האָט זיך באַלד אַ גליקלעכער אַ לאָז געטאָן מיט צושפּרייטע הענט איבער'ן צימער. ווי די טבע זיינע איז געווען ווען ער האָט איבערגעלעבט גליקלעכע מינוטן.

אויס דאַנקבאַרקייט האָט ער באַפוילן, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל דער אַלטער ברוך משה איינגעלאַדן ווערן יעדן שבת און יעדן יום־טוב אויף קידוש צו דער רביצן. וואָס האָט געמיינט דער העכסטער כבוד וואָס מ'האָט געקענט צוטיילן צו אַ חשוב'ן יידן.

זעכצנטער קאַפּיטל

1

מיין טאַטע פלעגט מיר עטלעכע מאָל אין יאָר אַריינשיקן אַ בריוול אָדער אַ קאַרטל. אויסער די קליינע גלייך אויסגעשטעלטע אותיות, וואָס האָבן מיר דערמאָנט אין אים מיט אַ צערטלעכן רחמנות־געפיל, האָבן מיר זיינע בריוו מיט זייער אינהאַלט קיין גרויס נחת ניט פאַרשאַפט.

עס איז אין זיי געלעגן נישט נאָר דער געוויינטלעך יידישער קרעכץ, נאָר אויך דער קרעכץ פון אַ פאַרלאָזענעם אַלטן טאַטן.

אין זיין עלנד האָב איך זיך געפילט שולדיק. אפשר מער ווי די איבע־ריקע קינדער, וואָס האָבן אים אויף אייביק פאַרלאָזן.

פאַר וואָס איך האָב אַזוי געפילט פאַרשטיי איך נישט. איך בין דאָך מיט מיין אייגענעם ווילן ניט אַוועקגעפאָרן. עס איז דאָך ניט געווען מיין פּלאַן — נאָר זיינער. ער האָט דאָך, משמעות, געגלויבט אַז פאַר מיר וועט זיין בעסער ווען איך וועל פאַרלאָזן די היים. דערצו האָבן דאָך אומשטענדן געוויס אַזוי געוואָלט. און אויב איך האָב אַפילו אַרויסגעוויזן אָפענע צופרידנקייט בעת׳ן אַוועקפאָרן, האָט מען מיר אויך ניט געקענט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך. כ׳בין דאָך געווען אַ ייִנגל וואָס ווערט גיך מיט־געריסן פון אַ פאַרלאַנג, בפרט ווען דער טאַטע אַליין אין פאַר דעם.

אויסער דעם איז דאָך מיין אַוועקפאָרן ניט געווען קיין אַמעריקע. איך האָב דאָך געהאַט דאָס געפיל אַז ווען כ׳וועל נאָר וועלן קען איך דאָך מיט עטלעכע קערבלעך צוריקקומען. און אויב איך קום נישט צוריק — בין איך אויך ניט שולדיק. עס איז אפשר מער זיין שולד. אויב איך פעל אים אויס, אויב ער בענקט נאָך מיר, קען ער דאָך מיר שרייבן און באַפעלן אַהיים צו קומען.

איז פאַר וואָסזשע שרייבט ער נישט?

מיר האָט זיך געדוכט אַז איך ווייס פאַרוואָס. עס איז געגאַנגען זיך צו פאַרטיפן אין זיינע געשריבענע שורות, און מ׳דערזעט באַלד זיין הילפלאָ־זיגקייט. מ׳זעט זיין אונטערדריקטן וואונטש. אַוודאי וויל ער מיך האָבן אין דער היים. אָבער ער זעט דאָרט ניט פאַר מיר קיין תכלית.

און ווייל כ׳האָב אַזוי אויסגערעכנט האָב איך אויף אים שטאַרק רחמנות געהאַט. דאָס האַרץ האָט מיר ממש געשניטן אויס מיטלייד צו אים און צו שייוועז.

כ׳פלעג זיך אָפט אַריינלאָזן אין טראַכטעונישן וועגן עלטערן און קינ־דער. כ׳האָב זיך אַליין געפרעגט: וואָס איז עס אַזוינס אַ טאַטנס ליב־שאַפט? וואָס איז משפחה? וואָס ליגט אינעם געדאַנק אייגנס? פאַר וואָס זאָגט מען אייגנס איז נישט פרעמדס?

אָט די מחשבות און פראַגעס האָבן געזוכט אַן ענטפער. און דער ענט־פער פון אייגענעם האַרצן איז געווען אַן אונפאַרשטענדלעכער נאַגנדיקער געפיל, וואָס קען נישט דערקלערט ווערן, וואָס האָט קיין ווערטער נישט.

כ׳האָב צום טאַטן און צו דער גאַנצער שטוב געהאַט אַ געפיל פון ליבשאַפט, רחמנות און בענקשאַפט און ווען כ׳וואָלט אים נאָך געווען שרייבן פון מיינע גליקן און דערגרייכונגען, פון מיין עלנד און פון מיין בענקשאַפט וואָלט ער אויך קיין נחת ניט געהאַט. כ׳האָב וואָס ווייטער זיך אַלץ מער געפילט דערשלאָגן. און איך בין געווען נערוועז און מקנא געווען אַלעמען.

די מערכה מיינע האָט געפרעסן מיין נשמה און מיך דערשלאָגן. געמאַכט מיך פילן מינדערוויכטיק. כ׳האָב פאַר זיך ניט געזען קיין ציל און קיין שום אויסוועג.

אין איין בריוו האָט דער טאַטע מיר געלאָזט וויסן אַז מיין יינגערע שוועסטער, די לעצטע פון די אַכט קינדער, איז שוין אויך אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איך געדענק ווי יענער בריוו האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער פיינלעכן איינדרוק. טרערן האָבן מיר דעם גאַנצן טאָג געוואָרגן אין האַלדז ווי מיר וואָלט דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפן. מיין בענקשאַפט איז געוואָרן שטאַרקער. די פאַנטאַזיע — ווילדער. דער וואונטש — ברייטער. דער חלום אויך, ווען עס איז, צו פאָרן דאָרט וואוהין אַ וועלט ציט זיך אין אומענדלעכן שטראָם, האָט מיך ניט אָפגעלאָזן טאָג און נאַכט. אָט דער פאַרלאַנג און האָפענונג האָט מיך אי געררייצט, אי געהאָלפן עקזיסטירן. ניין! כ׳האָב מער ניט געחלומ׳ט פון עפּעס אַן אוממעגלעכקייט וואָס מ׳קען ניט דערגרייכן, נאָר פון עפּעס צו וואָס מען דאַרף קודם איינשפּאַנען דעם אייגענעם ווילן, און דערנאָך פאָדערן פון מיינע פיר שוועסטער און דריי ברידער וואָס לעבן אַזוי פריי און גליקלעך אינעם גאָלדענעם לאַנד. מיט אַלע מיינע כחות האָב איך אין זיך געשריען „יאָ״ און זיך געריסן אַהינצו, אָבער פון זיי האָב איך גאָר ניט געהערט. אַלע מיינע בריוו זיינען ווי אין ים פאַרלוירן געגאַנגען.

איינמאָל, האָט ר׳ מענדעלע מיך געטראָפן שרייבן אַזאַ געבעט בריוו צו מיין עלטסטן ברודער דעם שוחט. (איך בין נאָך דאַמאָלט געווען דאָס

ייִנגל מיט ווען ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן...) ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס בייגעלע פּאַפּיר, אויף גיך עס איבערגעקוקט מיט זיינע אומלויפּנדיקע אויגן און ער איז איבערראַשט געוואָרן פונעם צוזאַמענשטעל פון די ווערטער. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון מיין אָנגעשריבענעם בריוו, אַז ער איז דערמיט אַריין אין עס־צימער און עס געוויזן דער רביצן. זי, אויך אַ זייער צופרידענע, האָט גענומען לייענען אין דער הויך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי איך וואָלט געלייענט נאָר מיט אַ פרעמד קול. רחל׳ע האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט אַ סך בעסער ווי איך האָב זיי אָנגעשריבן. און ווען זי האָט געענדיקט לייענען, האָט זי מיט אַ רחמנות׳דיק קול באַוואונדערט מיין בריוו. ר׳ מענדעלע האָט געזאָגט:

— פיין, זייער פיין, נאָר זע, שרייב אַביסעלע ריינער די אותיות מען זאָל זיי דאָרט אין אַמעריקע קענען איבערלייענען.

נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָב איך ביים טאַטן געבעטן די אַדרעסן פון די ברידער און שוועסטער אין אַמעריקע, ווייל צו אים האָבן זיי געשריבן אָפט, און אַפילו אויף יעדן יום טוב צוגעשיקט עטלעכע דאָלאַר. אומזיסט איז געווען זיין מורא. אַז נאָכדעם ווי די ייִנגסטע וועט אַוועקפאָרן וועלן זיי אָן אים איינגאַנצן פאַרגעסן. איך, האָבנדיק זייער ווייניק, האָב אים אויך איינמאָל צוגעשיקט עטלעכע קערבלעך.

מיט יעדן טאָג האָב איך אַלץ מער געפילט, אַז איך קען דאָ מער ניט בלייבן. כ׳וועל אַוועק אין דער וועלט אַריין. מיר האָבן אָבער געפעלט צוויי זאַכן: אַ פּאַספּאָרט און אַ ביסל געלט. קיין זאַך אין שטעטל האָט מיך מער ניט פאַראינטערעסירט. אַפילו דאָס שפּאַצירן מיט דער גאָלד־האָריקער דינסט־מיידל אין דער דאָלינע, האָט מיר ניט געקענט אויפמונטערן. די דאָלינע ביים שטעטל, וואָס די נאַטור האָט אַזוי וואונדערלעך אויסגעאַרבעט, האָט פון ווייטן, אין דער הויך, אויסגעקוקט ווי אַ ריזיקער מולטער; זי איז געווען אויסגעצירט מיט גרינעם גראָז און בלומען, סעדער און גערטנער, און מיט גוי׳אישע ווייסע שטיבער ביי די זייטן. אויסגעטראָטענע סטעזשקעס האָבן זיך געשלענגלט אין אַלע זייטן, געקראָכן אַרויף און אַראָפּ און אין דער טיפעניש, און איבער זיי פאַרליבטע יונגע מענטשן, אַרומגענומענע אין שטילע סודות׳דיקע רייד. אַלערליי ראָמאַנען האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן אונטער אויסגעשטערנטע הימלען, איז די דאָלינע געווען פאַרפלייצט פון אַ זאָרגלאָזער יוגנט. די פאַרליבטע האָבן לידער געזונגען און אויף מאַנדאָלינעס געשפּילט. ווען איך פלעג זיך אַ מאָל אָפּרייסן פון מיין שווערער, קיינמאָל ניט פאַרענדיקטער אַרבעט, האָט אָט די פּראַכטפולע נאַטור, מיט דער גאָלד־האָריקער מיידל ביי דער זייט, נאָר בענקשאַפט אין מיר געוועקט.

איך בין געווען פאַרטראַגן אין חלומות וואָס האָבן מיך גאָר טרויעריקער געמאַכט... כ׳האָב געטראַכט פון גליק און געפילט אַז איך קען עס ניט דערגרייכן... עפּעס האָט מיר אויפגעהאַלטן פון צו זיין אַזוי שפּילעוודיק און זאָרגלאָז ווי אַלע. אַפילו ווען כ׳האָב מיין באַגלייטערן אַ קוש געטאָן אויף איר פאַררויטלטער באַק, איז עס אויך געווען אָן ברען, אָן באַגייס־טערונג. עס איז עפּעס געווען מעכאַניש ווי אַ חוב אָפּגעטאָן. און זי האָט עס ניט געקענט פאַרשטיין. איך אַליין האָב זיך אויך ניט געקענט פאַר־שטיין... פאַרוואָס פּרעסט מיך דאָס האַרץ מיט אַזוי פיל אומעט? פאַר־וואָס קען איך פון זיך ניט אַרויסיאָגן די פּאָגראָם־שרעקן וואָס האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געפילט אין שטעטל? די צושראָקענע מאַמעס מיט קינדער וואָס זיינען געקומען זיך באַהאַלטן אינעם רבי׳נס הויף, ווייל מען האָט זיך געריכט אויף די כוליגאַנעס, האָב איך בשום אופן ניט געקענט פאַר־געסן. איך דערמאָן זיך ווי מען האָט געערעדט פון צוזאַמענשטעלן אַ יידישן זעלבסטשוץ. דאָס איז געווען דאַן ווען עס זיינען אָנגעקומען אַ קאָמפּאַניע טשערקעסן באַוואָפנטע מיט מעסערס אין זייערע בלישטשענדיקע מיט פוליעס באַהאַנגענע גאַרטלען און מיט רעוואָלווערן. אויף די גוט אָנגעזאָטלטע פערד האָבן זיי זיך גאַנצע טעג ווי ווילדע שדים אַרומגע־יאָגט. זיי זיינען געווען הויכע, ברייט־פּלייציקע, מיט רויט־באַזוימטע קוטשמעלעך און פאַרדרייטע וואָנצעס און פייערדיקע אויגן. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויפן שטעטל.

די מיליטער לייט מיט זייער אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך און ווילדע אויסגעשרייען, האָבן אויסגעקוקט ווי באַשעפענישן פון אַן אַנדער וועלט. יידן מיט בטחון אין האַרצן האָבן זיך איינגערעדט, אַז דאָס האָט מען זיי געשיקט, כדי אָפּצוהאַלטן דאָס שטעדטל פון אַ פּאָגראָם. אַנדערע ווידער האָבן געגעבן צו פאַרשטיין אַז די לצים זיינען גאָר געשיקט געוואָרן צו באַוואַכן דעם צוקער־זאַוואָד וואָס האָט באַלאַנגט צום פּריץ.

מיטן אָנקומען פון זומער האָט מען זיך אָנגעהויבן באַרואיקן. די שיינע וואַרעמע טעג האָבן אין די מענטשן לעבן און האָפנונג אַריינגעגעבן. די מורא איז פאַרשוואונדן. מ׳האָט ניט געהערט פון קיין אָנפאַלן אויף יידן. די טשערקעסן זיינען אַוועק. דער זאַוואָד האָט רעגלמעסיק געאַרבעט; יידן זיינען געשטאַנען זיכער אין זייערע צעעפנטע קראָמען; מעקלער און הענדלער האָבן זיך געדרייט אַרום די פויערשע פורן אין מאַרק; און סוחרים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין די גרויסע שטעט נאָך סחורה. אַלץ האָט אויפגעלעבט. אָבער אין מיין נשמה איז קיין ענדערונג ניט פאַרגע־קומען. כ׳בין אַלץ געווען דערשלאָגן און פול מיט אומעט. שפּאַצירנדיק אין דער פרישער זומערדיקער לופט איז מיר גאָר נישט אָנגעגאַנגען.

כ׳האָב נאָר געטראַכט פון די פאַרגאַנגענע טעג און פון געשעעענישן וואָס קענען נאָך פאָרקומען אין דער צוקונפט. כ׳האָב זיך געזאָרגט פאַרן מאָרגנ־דיקן טאָג.

כ׳האָב אויסגערעכנט אַז כ׳בין שוין ביי ר׳ מענדעלען דאָס זעקסטע יאָר. כ׳בין פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן. ס׳מיידל לעבן מיר טראַכט אַז איך בין אַ שיינער. מער גאָרנישט. זי קען נישט זאָגן אַז איך בין גייסטיק אַנט־וויקלט, אַז איך בין אַ קלוגער, און אַ באַלעזענער, ווייל כ׳האָב זיך דורך דער גאַנצער צייט אַפילו ניט אויסגעלערנט צו לייענען אַ צייטונג. פון אַ בוך איז דאָך שוין אָפגערעדט. כאָטש בײדע זאַכן זיינען געווען בנמצא.

כ׳האָב זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין. אמת, עס זיינען געווען אַ סך סיבות פאַר מיין ניט קענען. אָבער דאָס האָט מיך נישט באַרואיקט. דער אמת איז דאָך געווען אַז איך האָב גאָר נישט געקענט און גאָר נישט געוואוסט. טאָמער האָב איך אַמאָל איבערגעלייענט עטלעכע געדרוקטע שורות פון אַ צייטונג, האָב איך זיי ניט אַלעמאָל פאַרשטאַנען. כ׳פלעג אָפט פאַר חנה׳לעס דינסט לייענען עפּעס אַ מעשה־ביכל, ווייל זי האָט גאָרניט געקענט לייענען. האָב איך געלייענט און זי האָט פאַרשטאַנען... ווייל זייענדיק אין חנה׳לעס שטוב האָט זי זיך פיל אָנגעהערט.

כ׳געדענק ווי איינמאָל, אַ שבת בייטאָג, האָט זי מיטגעבראַכט אַ ביכל מיטן נאָמען „שוואַרצע דימאַנטן”, זי האָט ממש געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איך האָב אַרויסגעלייענט. און פאַר מיר זיינען עס געווען טרוקענע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. און ווען כ׳בין געקומען צו אַ וואָרט וואָס איך האָב ניט געקענט צוקייען, האָט זי מיר אַרויסגעהאָלפן. זי האָט אויף אויסנווייניק געטראָפן וואָס עס מיינט.

איך האָב באַדויערט די יאָרן וואָס זיינען אַוועק מיט גאָר נישט.

— מיט וואָס קען איך זיך ווייזן פאַר דער וועלט? — וואָס פאַר אַ נוצן קען איך ברענגען זיך און דער געזעלשאַפט? וואָס האָב איך אויפגעטאָן אין מיינע ביינצן יאָר?

מיט ווייטיק פלעג איך זיך שטעלן די־פראַגן און מיט נאָך מער טיפערן צער איז געקומען מיין ענטפער: גאָרנישט! לחלוטין מיט גאָרנישט!

און מיט וואָס וועל איך קומען צוריק אַהיים? פאַרוואָס בין איך די גאַנצע צייט נישט געווען ביי אַ שוסטער, אַ שניידער, אָדער ווי מיינע ברי־דער, ביי אַ סטאָליער? און פאַרוואָס האָט מיך דער טאַטע ניט אַוועקגע־געבן צו עמיצן זיך לערנען עפּעס אַ מלאכה אַנשטאָט מיך אַוועקשיקן פאַר אַ קנעכט?

שלאָפלאָזע נעכט האָבן מיך געמאַטערט אָן אויפהער. אַ צערודערונג איז געווען אין אַלע מיינע חושים; אַ מידקייט אין אַלע מיינע איברים. ווילדע אומרואיקע פאַנטאַזיעס האָבן געברענט מיין מח. עס איז געווען ווי עס פאַסירט איידער געשעענישן דערגרייכן אַ קלימאַקס: ווי אַ קראַנקהייט וואָס ווערט שווערער איידער עס קומט דער קריזיס און ברענגט אָן ענ־דערונג צום בעסערן; ווי אַ געדיכטע פינצטערניש איידער עס הייבט אָן צו טאָגן.

די ענדערונג אין מיין ביז איצטיקן אומגליקלעכן, אומצופרידענעם לעבן, איז שוין געווען נאָענט. און איך האָב עס אַליין אַ פּנים, נישט וויסנדיק ווי אַזוי, דערשפּירט, ווי אַ רוח הקודש וואָלט עס מיר פאַרטרויט.

2

עס איז געווען ערב יום כיפור. ר׳ מענדעלע, ווי אַלע אין הויף און אין אַנדערע הייזער, זיינען אויפגעשטאַנען ווען עס איז נאָך געווען האַלבע נאַכט. מ׳האָט באַדאַרפט שלאָגן כפרות און זיך צוגרייטן צום מורא׳דיקן הייליקן טאָג.

בערל מיט נאָך אַ שוחט האָבן שוין געוואַרט אינעם קאָרידאָר. פון דעם פינצטערן הימל איז געפאַלן אַ קאַלט רעגנדל. העגער האָבן געקריט, הינער האָבן געקוואַקעט. דאָס ליכט פון נאַפט־לעמפּלעך האָבן זיך באַוויזן אין די שטיבער און אָפּגעגלאַנצט אויף די נאַכטיקע שויבן. דאָ און דאָרט האָבן יידן און ווייבער געטיאָפּעט אין דער בלאָטע. פאַרשלאָפענע מיט לאַמטערנעס אין די הענט האָבן זיי זיך געשאַרט ביי די ווענט פון שטאַלן און קאַמערן. מען רעדט שטיל. יעדער איינער אין פולן ערנסט פון דעם וויכטיקן טאָג. יעדער איינער ימים־נוראים׳דיק פאַרטראַכט און נאָכגעביק. אַלע האָבן וואָס צו טאָן. אַלע איילן זיך. איך, נאָך זייענדיק מיד פון נעכטן, נישט אויסגעשלאָפן, האָב געהאַט פאַר זיך אַ וועלט מיט אַרבעט.

פאַרטיק געוואָרן מיט די געשאָכטענע עופות וואָס כ׳האָב אַריינגע־טראָגן אין קיך צום אָפּפּליקן, האָט שוין אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג. יידן זיינען געקומען פאַר פרי זאָגן תהילים. דער סאַמאָוואַר האָט שוין געזאָטן. ר׳מענדעלע האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען זיין קאַווע און דאַמאָלט איז אים איינגעפאַלן אַז כ׳זאָל נעמען אויסרייניקן און אָפּוואַשן די פּאָדלאָגע פונעם פאָדער־צימער, וואָס איז געווען אָנגעטראָטן מיט בלאָ־טע, וועלכע מ׳האָט מיט די שטיוול אַריינגעטראָגן פונעם פייכטן דרויסן. און איך ווייס ניט ווי אַזוי עס האָט פאַסירט. איך האָב עפּעס געענטפערט אַנט־קעגן... דאָס ערשטע מאָל וואָס כ׳האָב זיך אַנטזאָגט צו פאָלגן זיינעם אַ

באַפּעל. איך האָב, ווי בלעמ׳ס אייזל, אָנגעהויבן צו רעדן. כ׳האָב פּראָטעס־טירט... געענטפערט, אַז איך בין שוין מיד פון וואַשן פּאָדלאָגעס, וואָס איז מער אַ ווייבערשע אַרבעט... אויסער דעם האָט עס ניט קיין זין, ווען מענטשן האַלטן אין קומען, צו נעמען איצט זיך רייניקן. עס וועט באַלד סיי־ווי־סיי שמוציק ווערן.

האָב איך טאַקע דאָס אַלץ געזאָגט, אָדער נאָר אַ טייל דערפון? אפשר האָב איך מער געטראַכט און געפילט ווי געזאָגט... סיי־ווי־סיי האָט ר׳ מענ־דעלע מיך פאַרשטאַנען. ער איז געבליבן שטיין איבערראַשט, משמעות ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס. די אויגן האָבן ביי אים אָנגעהויבן אומצולויפן מיט כעס און שנאה. אין אַ רגע איז ער געקומען צו זיך. ער איז מיך באַפאַלן מיט אַ געשריי און אַ זיד־לעריי וואָס כ׳האָב נאָך פון אים קיינמאָל ניט געהערט, און אויסגעלאָזט, אַז באַלד נאָך יום טוב מוז איך פאַרלאָזן זיין הויז. ער איז מיט אַ קלאַפּ אין טיר אַריין צו זיך אין חדר.

כ׳האָב גאָרניט געענטפערט. אפשר האָט מיך פאַרדראָסן פאַרוואָס איך בין געווען אַ „שגץ". און אפשר דערפאַר וויל מיין האַרץ איז געווען אַזוי פאַרקלעמט און צעוויייטיקט, אַז כ׳האָב נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן... כ׳האָב אויפגעכאַפּט די שטילע, גוטע, ווייכע בליקן פון זיין רחל׳ען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל גרויען קלייד און געהאַלטן דעם סידור מיט די ביינערנע טאָוולען אין די הענט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז אירע אויגן דריקן אויס רחמנות צו מיר. אָבער סיי ווי בין איך שוין אָפּ־געשאַפּט. נאָך יום טוב וועל איך פאַרלאָזן מיין צווייטע היים. שנעל לויפט מיר דורך אַ געדאַנק אַהיים צו פאָרן צום טאַטן. עס איז אָנגענעם צו טראַכטן דערפון. כ׳האָב דערפילט אַ צופרידנקייט. די פאַנטאַזיע האָט ביי מיר אויפגעלויכטן. כ׳האָב זיך אַביסל באַרואיקט. און צום סוף געטאָן וואָס ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט... און מיט נאָך מער חשק געטאָן אַנ־דערע אַרבעטן וואָס ער האָט, גאָרניט זאָגנדיק, מיט גרויס צופרידנקייט מיר נאָכגעקוקט.

דער טאָג האָט זיך אויסגעלייטערט. אַרום פיר אַ זייגער האָט מען גע־דאַוונט מנחה. די ערב יום כיפור׳דיקע מנחה. ר׳ מענדעלע איז שוין געווען אָנגעטאָן אין זיין ווייס־אַטלעסענער זשופּיצע. יידן זיינען געקו־מען ער זאָל זיי בענטשן, געלאָזט אַ פּדיון, געוואָרפן מטבעות אין די צע־שטעלטע שיסלען. אָט גראָבט מען אַריין וואַקסענע ליכט אין די זאַמדיקע כלים. דער הימל איז לויטער. די זון שיינט אַריין דורכ׳ן פענצטער. בערל חזן שטייט ביים עמוד אין טלית און קיטל. יידן קרעכצן, טרינקען לחיים און ווינטשעווען זיך מיט פרומע אויגן. אַנדערע לייגן זיך אויף דער

אויסגעשפרייטער ראַגאָזשע מ׳זאָל זיי שלאָגן מלקות... אייניקע זאָגן די שמונה עשרה אין דער הויך, קלאַפּן זיך על חטא אין האַרצן. זייערע שטי־מען זיינען וויינענדיקע, צעבראָכענע. איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם ערב יום כיפור׳דיקן דאַווענען, כ׳האָב זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, אַריינגעקוקט אין מחזור און געדאַוונט מיט האַרץ און געפיל ווי קיינמאָל פריער. און פלוצים האָב איך דערפילט ווי עפּעס שמעלצט זיך אין מיר... ווי עפּעס גייט אויף און לאָזט זיך פונאַנדער... אַלצדינג וואָס איז אין מיר געווען פאַרבאַרגן און פאַרגליווערט אַלע יאָרן, סיי דאָ און סיי דאָרטן אין דער היים, האָט זיך אָפּגעריסן און איז פריי געוואָרן. טרערן האָבן מיר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלז און דערנאָך טראָפּנווייז געפאַלן אויף די בלע־טער פון מחזור. עס האָט זיך געכליפּעט. עס האָט זיך געוויינט. און איך האָב דערפילט אַזוי גוט, אַזוי גרינג אויף דער נשמה. כ׳האָב דאָס וויינען, וואָס איז דערגאַנגען אין אַ הויכן געיאָמער, קוים געקענט איינהאַלטן. עס איז געווען ווי אַן אָפּענער אָדער וואָלט מיט בלוט געררונען און מ׳קען עס ניט אָפּשטעלן. עס איז געווען ווי אַ שטראָם וואָס האָט זיך באַפרייט פון אונ־טערן פאַרפרוירענעם אייז... יידן האָבן עס באַמערקט. און אָנגעהויבן דרייען זיך אַרום מיר. זיי האָבן מיט אַפשיי געקוקט אין מיין פאַרוויינטן פנים און געצויגן מיט די אַקסלען. זיי האָבן באַוואונדערט אַ יידישע נשמה... דער אַלטער נח הירש האָט מיט רחמנות־בליקן מיך באַטראַכט, באַוועגט מיט די ליפּן און זיך גע׳חידוש׳ט...

די נייעס פון מיין וויינען און דאַווענען איז אָנגעקומען צו ר׳ מענדלען. ער איז אַרויס פון זיין חדר שוין איינגעוויקלט אינעם אַלטן געלן טלית וואָס ער האָט געקראָגן בירושה פון זיין עלטער־זיידן ר׳ ישראל׳טשע ריז־שינער. דעם דאָזיקן טלית פלעגט ער נאָר אָנטאָן יום כיפור. ער איז צו־געקומען נאָענט צו מיר. געקוקט אויף מיר מיט זיינע קלוגע אַרומלויפּנ־דיקע אויגן. ער האָט קענטיק אַ סך געזען אין מיין וויינען און ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען.

נאָך ליכט־בענטשן — האָט ער מיר אַריינגערופן אין זיין חדר, גע־דריקט מיר די האַנט, מיך פּאַטערלעך באַקוקט און צוגעוואונטשעוועט.

כ׳האָב אים אסור דערקענט. און ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך אַזוי ענדערן. אָבער איך בין געווען צופרידן... כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל פון איבערבעטן זיך. פון פאַרגעבן, נאָכגעבן. דאָס איז דאָך אַזוי צוגעפּאַסט צום הייליקן טאָג פון תשובה, תפילה און צדקה.

אַן אָנגענעמע רואיקייט האָט זיך געשפרייט אין מיין געמיט. כ׳האָב די גאַנצע נאַכט געפילט ווי איך וואָלט באַפרייט געוואָרן פון אַן אַ שיעור

זאָרג. ווי אַ שווערע משא וואָלט אַראָפּ פון מיינע פּלייצעס. און איך האָב גאָרניט געפילט קיין הונגער דורך דעם גאַנצן טאָג יום כיפּור.

אַרומשפּאַצירנדיק מיט נאָך בחורים אין דער דאָלינע, וואָס האָט אויסער גרינקייט, שוין דאָ און דאָרט אויך געבלאַנקט מיט אַנדערע קאָלירן, וואָס באַווייזן זיך מיט'ן אָנקומען פון האַרבסט, האָב איך געשפּירט אין זיך אַן אָנזאָג פון אַ געשעעניש וואָס וועט ברענגען אַן ענדערונג אין מיין ביז איצטיקן לעבן. און דער דאָזיקער געפיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט.

זיבצנטער קאַפּיטל

1

ממחרת יום הכיפּורים, און אַ נייע זון איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען. די פרייד וואָס האָט מיך אַרומגענומען יענעם פאַר מיטאָג איז געקומען פון אפרים בריוו־טרעגער. דער ייד מיטן לעדערנעם זאַק אויף זיינע אַקס־לען. ער איז פאַר מיר ניט געווען קיין געוויינטלעכער מענטש אפרים, נאָר אַ שליח פון גאָט, אַ מלאך פון הימל... כ׳האָב גאָרנישט חושד געווען אַז בעת ער האָט געהאַלטן אין אַרויסלייגן צענדליקער בריוו פאַרן רבי׳ן, זאָל ער פאַר מיר אויך אַ ליכטיקע בשורה ברענגען. ער האָט מיט זיין האַלב־הייזעריקע שטימע דריי מאָל מיין נאָמען אויסגערופן, און דריי קאָנווערטן מיט די חנ׳עוודיקע גליק־פאַרשפּראַכענע אַמעריקאַנער מאַרקעס מיר דער־לאַנגט. דריי מאָל האָט ער אַ לעק געטאָן דעם מיטלסטן לאַנגן פינגער, און מיט צופרידנקייט געשמייכלט, ווי ער וואָלט אַן איינטייל גענומען אין מיין גליק. מיין האַרץ איז געשפּרונגען פון אויפרעגונג... איינער פון די דריי קאָנווערטן איז געווען לענגער און שווערער און מיט מער מאַר־קעס און מיט אַ שיפקאַרטע אינעווייניק. די אַנדערע צוויי זיינען געווען בריוו פון מיין עלטסטן ברודער דעם שוחט. ביידע געשריבן אין איין טאָג. עס האָט מיר גענומען אַ היפּשע צייט דורכצוקוקן די געשריבענע שורות. זיי זיינען געווען פול מיט עצות ווי אַזוי צו פאָרן און וואָס צו זאָגן אין „קעסלגאַרדן״, און למען השם, נאָר זאָגן דעם אמת. די בריוו האָבן מיר אויך דערציילט — אַז מ׳האָט מיר אַרויסגעשיקט דרייסיק רובל אויף הוצאות. דאָס געלט איז צומאָרגנס אָנגעקומען.

איך האָב די בריוו איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. זיי זיינען געגאַנ־גען פון האַנט־צו־האַנט. יעדער איינער האָט געהאַט חשק זיי צו לייענען. די שיפסקאַרטע האָבן אַלע באַקוקט פון אַלע זייטן.

עס איז פּשוט פאַר מיר אוממעגלעך צו רעדן פון יענע טעג. זיי זיינען געווען פול מיט נייגער, מיט אויפרעגונג און מיט דערוואַרטונגען. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קריגן דרך ארץ פאַר מיר. זיי האָבן גערעדט

צו מיר ווי צו זייער גלייכן. אַלע האָבן מיך אויסגעפרעגט פון מיין משפחה אין אַמעריקע און זיך געוואונדערט פאַרוואָס האָבן זיי שוין לאַנג נאָך מיר ניט געשיקט. אַ סך האָבן מיך מקנא געווען — ווי מיר וואָלט דאָס גרעסטע גליק געטראָפן. ווי איך וואָלט אויסגענומען דאָס גרעסטע געווינס.

דער כח פון דער ווייטער לעגענדאַרישער מדינה, דער צויבער פונעם וואָרט אַמעריקע!

אפילו ר׳ מענדעלע האָט גאָר אַנדערש אָנגעהויבן רעדן צו מיר... ער האָט געוואוסט אַז ער האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן זיין מאַכט איבער מיר, און אַז אַט, אַט און איך בין ניט מער זיין משרת. איך בין אייגער! ווען עס שטייען פאַר אַ סך מעגלעכקייטן... און אפשר האָט אים באַנג געטאָן מיך אָפּצולאָזן? אפשר האָט אים אין דער טיפעניש ערגעץ געגאַגט אַ שטיקל געפיל פון חרטה? איך בין דאָך קנאַפּע זעקס יאָר געווען אין זיין הויז. ביי אים אויסגעוואַקסן. אפשר האָט אים געמאַטערט דאָס געוויסן פאַר דער שלעכטער באַהאַנדלונג, פאַר׳ן אויסנוצן מיך אַזאַ לאַנגע צייט כמעט אומזיסט?

כ׳האָב טאַקע געזען אין זיינע גוטע רייד און פריינטלעכקייט אַן אָפענע חרטה. און דאָס האָט אויף מיר אי געווירקט צו גוטן, אי עס האָט מיך באַאומרואיקט.

איך האָב זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. געגעכנט אַרויסצופאָרן באַלד נאָך יום־טוב. די טעג האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. דערווייל האָב איך אָוועקגעשריבן צום טאַטן אַז איך קום אַהיים. אים גאָרניט געלאָזט וויסן וועגן אַמעריקע. איך קום זיך בלויז געזעגענען...

און ווען דער טאָג האָט זיך אונטערגערוקט און עס איז מיר פאַרבליבן בלויז איין נאַכט איבערצונעכטיקן, האָט ר׳ מענדעלע מיך געבעטן צו בלייבן נאָך אַ פּאָר וואָכן, אָבער איך האָב אים אָנטזאָגט. ערשטנס, ווייל איך בין געווען זייער אומגעדולדיק און קוים דערלעבט דעם טאָג אָוועק־צופאָרן. צווייטנס, אויס פּראָטעסט צו אַלעמען און געגן אים בפרט האָב איך אים ניט נאָכגעגעבן.

כ׳בין יענע נאַכט ניט געשלאָפן. אינדערפרי, נאָך דער קאַווע אַזוי ווי איך האָב ניט באַדאַרפט אַרומגיין צוזאַמענשלעפּן אַ מנין ווייל עס זיינען געווען גענוג אורחים, בין איך אַרומגעגאַנגען זיך געזעגענען מיט די אַלע וועלכע כ׳האָב געדענקט אַז זיי פאַרדינען מיין זיי־געזונט. דערנאָך האָב איך איינגעפּאַקט מיין רענצל מיט די פּאָר שמאַטעס וואָס איך האָב גע־האָט, און זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף ישראל בעל־עגלה, ער זאָל מיך נעמען צו דער באַן סטאַנציע. כ׳האָב אַ סך מאָל געוואַרט אויף ישראל בעל־עגלה, אָבער דאָס איז געווען ווען כ׳האָב מיט די קינדער באַדאַרפט

פאָרן צום וואָקזאַל ווען ר׳ מענדעלע איז פון ערגעץ אַ שטעטל אָנגעקו־מען. ביי אַזאַ אַרויספאָר האָבן זיך די קינדער געפרייט. דאָס מאָל, אָבער, וואַרט איך ער זאָל מיך אַליין פירן ווי אַ פרייען מענטשן. די מינוטן האָבן זיך געצויגן פאַר מיר זייער לאַנג. דערווייל האָב איך עפּעס געלערנט. כ׳האָב אויסגעפונען, אַז ר׳ מענדעלע האַלט מיך מער ניט פאַר קיין נאַר און אויך ניט פאַר קיין ערלעכן. ער האָט כלומר׳שט געוואָלט זען צו איך האָב מיינע זאַכן גוט איינגעפּאַקט, האָט ער געעפנט דאָס רענצל און אַלץ איבערגעקוקט.

איך האָב זיך געפילט טיף באַליידיקט און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט מיר דערנאָך געגעבן אַ פּאָר קלייניגקייטן אַלס מתנות. מיר האָבןביידע געפילט מאָדנע — ווען מיר האָבן דערהערט די גלעקלעך פון די פערד. ער האָט מיר געגעבן די האַנט און שאַרף אַריינגעקוקט אין פּנים ווען ער האָט מיר געוואונטשן אַ גליקלעכע רייזע. ער האָט מיך געבעטן צו שרייבן בריוו פון אַמעריקע. איך האָב אינגאַנצן פאַרלוירן ס׳לשון. כ׳האָב שטיל אַרומגענומען די קינדער — זיי האָבן מיך מיט ליב־שאַפט געקושט. און ביי דער רבי׳צן האָבן געפינקלט טרערן אין די אויגן.

2

קוים אָנגעקומען אין צייט. דער פּערטער קלאַס אין באַן איז שוין געהאַט געשטאַנען עטלעכע מינוט. מען האָט געוואָרט אויפ׳ן דריטן קלונג. איך האָב שנעל געקויפט אַ בילעט און זיך געזעגנט מיט׳ן בעל־עגלה פונ־וויטן, שטייענדיק אויפן טרעפּל פונעם וואַגאָן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. אַ פייף. איך האָב אַ ציטער געטאָן: די באַן האָט אָנגעהויבן צו גיין.

דער וואַגאָן איז געווען איבערגעפּאַקט מיט פּויערים. די לופט איז געווען שטיקנדיק און הייס. אַ געדיכטער רויך פון רויכנדיקע ליולקעס און ביליקער מאַכאָרקע איז מיר געקראָכן אין האַלדז אַריין. דער עולם האָט געטרונקען בראָנפן, הייסע טיי, און געגעסן צעשניטענעם חזיר פלייש. זיי האָבן צוגעזונגען. כ׳האָב דערזען אַ פּאָר יידן מיט שווערע פּעקלעך. די יידן האָבן אויפגעזוכט אַ ליידיקע באַנק און זיך גענומען מאַכן באַקוועם.

כ׳האָב זיך צוגעשאַרט צו זיי. זיך דערפילט היימיש און אַביסל באַ־רואיקט. די באַן האָט נאָך אַ פייף געטאָן און זיך שנעלער גענומען ציען איבער די גלאַנציקע שינעס. דער וואָקזאַל האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. גרויסע שטיבער זיינען געוואָרן קלענער און קלענער. ברייטע טונקעלע פעלדער און האַלב־נאַקעטע ביימער זיינען אָנגעלאָפן

אַנטקעגן. פֿייערלעך האָבן געגומען בלישטשען פֿון ווייטן. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן.

איך האָב געהאַט אַ לאַנגע רייזע פֿאַר זיך. אַרום פֿינף פֿאַרטאָג וועל איך אָנקומען אין קאַזאַטין. דאָרט דאַרף איך וואַרטן פֿיר שעה אויף אַ באַן וואָס וועט מיך ברענגען אין קאָוועל וואָלינסק. און ערשט דערנאָך מיט דער פֿור אַכצן ווי־אָרסט צו מיין שטעטל.

איך ציטער אויף ביים טראַכטן פֿון יעדער קלייניקייט וואָס דערמאָנט מיך פֿון דער היים. וויפֿל איך זאָל נישט ליב האָבן די באַן און דאָס דורכ־פֿאָרן פֿרעמדע שטעט, וואָלט איך שוין וועלן זיין דאָרט אין טריסק.

מיט זעקס יאָר צוריק בין איך אַוועקגעפֿאָרן אַ ייִנגל. און אַט קום איך צוריק אַ יונגערמאַן מיט שמאָלע וואָנצעס. וועט דער טאַטע מיך דער־קענען? וואָס טוט שיווע? ווי קוקט אויס מיין שטעטעלע?

אין וואַגאָן איז געווען בין השמשות'דיק. דער קאָנדוקטאָר האָט אָנ־געצונדן צוויי גראָבע ליכט אין די לאַמטערנעס וואָס זיינען געהאַנגען אי־בערביידע טירן. דער שוואַכער שיין האָט איינגאַנצן פֿאַרטונקלט די פֿענצ־טער. די פּויערים האָבן נאָך אַלץ געטרונקען און געזונגען מיט הייזעריקע קולות. אייניקע זיינען אַרויפֿגעקראָכן אויף די אויבערשטע בענק אונטערן דעכל און זיך אויסגעצויגן צום שלאָפֿן.

די פּאָר ייִדן לעבן מיר האָבן אַ וויש־געטאָן דאָס גלאָז פֿונעם פֿענצטער און געגומען דאַוונען מעריב.

דערנאָך האָבן זיי אויפֿגעהויבן פּאַפּירענע פּעקעלעך, אויסגעשפּרייט אַ האַנטעך איבער אַ לעדערנעם וואַליז, אַרויסגעלייגט ברויט, צעשניטענעם קנאָבל־וואורשט, פּרוכט און זיך גענומען עסן וועטשערע. דאָס האָט מיך דערמאָנט אַז כ'האָב נאָך היינט כמעט גאָרניט געהאַט אין מיין מויל. איך בין געווען צופֿיל פֿאַרטאָן און פֿאַרגעסן צו עסן. אין רענצל האָב איך געהאַט אַ פּאָר קיכלעך, אַ שטיקל ברויט מיט קעז, וואָס די קעכין האָט מיר מיטגעגעבן. כ'האָב הנאה געהאַט פֿון מיין טרוקענעם מאָלצייט. ביי דער צווייטער סטאַנציע האָט איינער פֿון מיינע שכנים אַרויפֿגעבראַכט אַ טשיי־ניק הייסע וואַסער. ער האָט פֿאַרפֿאַרעט טיי און מיר אויך מכבד געווען מיט אַ גלעזל.

כ'האָב זיך דערפֿילט גוט, פֿריילעך און זעלבסטשטענדיק. שוין אַ פּאָר שעה אַוועק. און קיינער האָט מיין נאָמען ניט גערופֿן. קיינער האָט זיך מיט מיר ניט געשאַפֿט, איך זיץ רואיק. כ'בין אַליין מיט זיך. איך בין פֿריי! אַליין לאָז איך זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין.

איך בין געזעסן און זיך איינגעהערט אין דעם געשעפּטלעכן גע־שפּרעך וואָס די ייִדן האָבן געפֿירט. כ'האָב באַלד פֿאַרלוירן דעם אינטע־

רעס. האָב איך מיר פאַררוקט אין אַ ווינקל און זיך פאַרטיפט אין אַלערליי מחשבות.

די מידקייט און דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די רעדער, דאָס טרייסלען פון וואַגאָן, דאָס פייפן וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם לאָקאָמאָטיוו און די שיכור'ע שוין האַלב־פאַרשלאָפענע געזאַנגען און רייד — דאָס אַלץ האָט מיך איינגעשלעפערט. איך האָב אָבער גוט געוואוסט אַז איך טאָר נישט איינשלאָפן; איך האָב ביי זיך קנאַפּע זעכציק רובל אין מזומן, דרייסיק וואָס מען האָט מיר געשיקט פון אַמעריקע. איך האָב נאָך געלט וואָס כ'האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיינע עטלעכע יאָר אַרבעט. און אַ שיפסקאַרטע ליגט ביי מיר אין קעשענע... ווען חלילה וחס... אונטערוועגס קען אַלץ טרעפן. כ'האָב מיך אָנגעהערט גענוג מעשות, ווי מען באַרויבט מענטשן אויף די באַנען. בין איך אַרויפגעקראָכן אין דער הייך. כ'האָב די שיפסקאַרטע מיט געלט אַריינגעלייגט אין בוזים־קעשענע פון מיין פּאַלטאָ. כ'האָב עס צוזאַמענגעוויקלט אין אַ קנויל און עס אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ און געטראַכט נאָר ניט איינצושלאָפן חלילה. מחמת מ'קען מיך נאָך באַגנב'ענען. איך וועל גלאַט אַזוי ליגן, קוקן דורכן פענצטער און דער פינצטערער נאַכט און קלערן אַביסל...

אַ שאַרפער פייף פון אַ דורכלויפנדיקן לאָקאָמאָטיוו האָט מיך אויפגעוועקט פון אַ טיפן געשמאַקן שלאָף. אַ גרויער פרימאָרגן צוזאַמען מיט דעם ליכט פון עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אַריינגעשטראָמט אינעם וואַגאָן. די באַן איז שוין אַפּנים לאַנג אָנגעקומען. ווייל קיינער איז שוין אין וואַגאָן ניט געווען. איך בין איינער אַליין. כ'טו זיך אַ כאַפּ: אוי! — דער בגד מיטן געלט און די שיפסקאַרטע זיינען נישטאָ... נישטאָ דאָס היטל! בלויז דאָס רענצל ליגט אויפן דיל. אַ שרעקלעכער געדאַנק האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ; באַ'גנב'עט! כ'בין אַ ווילדער אַראָפּגעשפרונגען. אָנגעהויבן אַרומלויפן אַהין און צוריק, ווי איך וואָלט פון זינען אַרונטער. כ'האָב אומעטום געזוכט אונטער אַלע בענק. און געקרעכצט ווי פון אַ שאַרפן ווייטיק. פּיינלעכע מינוטן האָב איך דורכגעלעבט ביז איך האָב צום גליק אַלץ געפונען פאַרשטופּט אונטער אַ באַנק צוטראָטן און פאַרשמירט פון פויערשע שטיוול.

מיט פרייד האָב איך זיך געלאָזט לויפן, און שפרינגען איבער די רעלסן צום וואָקזאַל. כ'האָב זיך געלאָזט וואוילגיין מיט הייסע טיי און בולקעס. אַרומגעגאַנגען צווישן דעם ריזיקן עולם און געדאַנקט גאָט פאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר. אין געציילטע עטלעכע מינוטן בין איך פון טיפער פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט אַרויפגעקראָכן אויפ'ן העכסטן שטאַפּל פון גליק. אַ קליינעקייט! כ'האָב די שיפס־

קאָרטע! כ׳האָב דאָס געלט! כ׳האָב די האָפענונג! די פּאָר שעה וואָס איך האָב נאָך באַדאַרפט וואַרטן אויף דער באַן, זיינען ביי מיר געווען צופרידענע און רואיקע. כ׳האָב מיט נייגעריגקייט און פאַרגעניגן באַטראַכט מענטשן און זאַכן און געפילט אַ ליבשאַפט צו אַלץ און אַלעמען. אַ שאָד נאָר וואָס כ׳האָב ניט געהאַט מיט וועמען צו טיילן מיין גליק. רעדן איבער רעדן און דערציילן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. פונקט ווי איך טו עס אין געדאַנק. גאָר אָט — איז שוין דער צוג! אַ גרויסער עולם פילט אָן די וואַגאָנעס. איך זיץ ביים פענצטער אין דער רעכטער זייט. דער לאָקאָמאָטיוו צעלאָזט זיך, הויבט אָן יאָגן. מיינע געדאַנקען יאָגן נאָך. מיך וואָלט איצט ניט געאַרט ווען די רייזע ציט זיך אייביק. עס איז דאָך אַזוי אָנגענעם צו זיצן און קוקן אויף די ווייטע הימלען, אויף די אויסגעשפּרייטע פעלדער און וועלדער אין די דערפלעך און שטעטלעך. און אויף די פּאַרשיידענע מענטשן, וואָס בייטן זיך ביי יעדער סטאַנציע.

אַרום צוויי נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען אין קאָוול. כ׳דערזע אַ נייעם פּרעכטיקן וואָקזאַל. אַנדערע מענטשן, אַנדערע גאַסן און אַן אַנדער שטאָט! כ׳האָב גראַדע אָנגעטראָפן אייזיק בעל עגלה. כ׳האָב אים דערקענט און אים געזאָגט ווער איך בין. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיינע אויגן, און מיר אָפּגעגעבן שלום עליכם. ער האָט באַלד אַרונטערגענומען די טאָרבעס האָבער פון זיינע ברוינע פערד, צורעכט געמאַכט דעם שפּאַן, דעם פערדישן בלעכענעם גלאָק, אַ קוק געטאָן אויף די רעדער און צוגעבונדן דעם הילצערנעם עמער ביי דער זייט פון וואָגן. ער האָט געהייסן די עטליכע פּאַרשוינען אַרויפקריכן און אין עטלעכע מינוט זיינען מיר שוין געווען עטליכע שליאַך וואָס פירט אַ היים קיין טריסק. דאָס האָרץ האָט, מיט יעדן וויאָרסט נעענטער, גענומען האַסטיקער קלאַפּן. און אָט איז שוין דער וואַלד וואו כ׳פלעג רייסן ווילדע באַרעלעך; דאָס נייע בית עולם. און אָט זיינען די ליים־גריבער, די גוי׳עשע פעלדער, שטאָלן מיט בהמות און דעם רייכן אנאפרעס שיינע הויז מיט׳ן קיילעכדיקן געמויערטן ברונעם. הינט לויפן נאָך מיט אַ האַווקען, גלאַט אַזוי פון יוצא וועגן...

עס באַווייזן זיך געפּאַרבטע שטיבער מיט די גלעזערנע גאַניקעס וואו עס וואוינען דער אוראַדניק, דער פעלדשער און די שרייבער פון דער קאַנצעלאַריע. אָט טראָגט זיך שוין דער באַקאַנטער אייזן־קלאַנג פון די קוזניעס. און אָט זיינען מיר פאַרביי די אַלטע יידישע הייזער וואו עס שטייט אונדזער שטוב. דער בעל עגלה לאָזט מיך אַרונטער. אין הויז איז שוין גוט טונקל. כ׳דערזע דעם טאַטן אויף זיין אָרט ביים טיש. דער סאַמאָוואַר קאָכט, אַ היימישע וואַרעמקייט... עס איז באַלד געוואָרן אַ גערודער. אַזאַ, וואָס אַ גאַסט ברענגט אַלעמאָל מיט זיך מיט... דער

טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט, מיר געגאַנגען אַנטקעגן. געגעבן שלום. עפּעס רעדט ער. כ׳דערקען נישט זיין קול. איך קוק אים אָן און מיר ווילט זיך וויינען. כ׳וויס נישט צו בין איך העכער געוואָרן אָדער ער איז קלענער געוואָרן. און אָט איז שייעס מיין שטיפמאַמע פון אַלקיר אַריינגעקומען. כ׳קען זי קוים דערקענען אין דער טונקלקייט.

דער טאַטע צינדט אָן דעם שבת׳דיקן לאָמפּ וואָס הענגט אונטער דער סטעליע. עס ווערט ליכטיק אין חדר. אָבער מיר איז געוואָרן פינצטער אויף דער נשמה. דער טאַטע איז אַלט, געבויגן. די באָרד — אין גאַנצן גרוי. די קאַפּאָטע שטאַרק אָפּגעטראָגן. דאָס היטל זיינס דערציילט פון דלות. און שייעס? אַמאָל אַזאַ שיינע געווען מיט אַ קלאָר פּנים. אַ הויכע. איצט אַלט, צעקנייטשט מיט אַרויסגעפאַלענע ציין. איר לשון איז אַנדערש. אַ דערשלאָגן קול. זי דרייט זיך אַרום מיר, פרייט זיך. ווייזט אַרויס גאַסטפריינטלעכקייט און דרך ארץ... עס קומט אַריין די באָבע דינציע. זי האָט זיך גאָרניט געענדערט. זי דרייט אַלץ די שפּיזלען, מאַכט זאָקן. זי איז ציכטיק, ריין ווי שטענדיק. זי באַקוקט מיך און זאָגט: „קיין עין הרע אויסגעוואָקסן״... אָט איז די באָבע איטקע. זי טראָגט נאָך אַלץ מילך אין די הייזער. קוקט אויס מיד, אויסגעאַרבעט. און אָט איז מיין שוועסטער פייגעלע, שיינעס שטאַלץ, שוין אַ היפּשע מיידל. זי דערקענט מיך יאָ און דערקענט מיך ניט. און דאָס יינגסטע ברודער׳ל, אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט. ער געדענקט מיך ניט. מען זאָגט אים אַ ברודער גלויבט ער און ער שמייכלט...

אַ גאַנצן אָוונט האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן און אויספרעגן. איך דערוויס זיך אַז דער רבי האָט פאַרלאָזן טריסק און זיך באַזעצט אין קאָוול. אמת, ער קומט אויף די יום־טובים. די קינדער וואוינען דאָ. אָבער דער הויף האָט פאַרלוירן דעם גלאַנץ, די שפּע. עס איז שוין נישט דאָס וואָס עס איז געווען. דער טאַטע דערציילט זיין לאַגע. קלאָגט זיך אויף זיין עלנד. זיינע רייד ווערן אָפּט איבערגעשלאָגן פון אַריינקומנדיקע שכנים. זיי באַקוקן דעם גאַסט. דער טאַטע גרויסט זיך מיט מיר. אין זיינע רייד פילט זיך האָפנונג אַז איך וועל בלייבן מיט אים כאָטש איינער פון די אַכט...

כ׳שווייג. מיר טוט וויי זיינע רייד. כ׳טראַכט: ווי זאָגט מען אים אַז כ׳בין אויפן וועג קיין אַמעריקע?... איך, דער לעצטער פון אַכט גייט אים אויך פאַרלאָזן?

איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דער דאָזיקער בשורה ווי מיט אַ שווערער זינד. כ׳האָב זיך געפילט שולדיק געגן טאַטן, געגן שייעסן; טאַקע, ווי פאַרט מען עס אַוועק אויף אייביק?

און דער שווערער מאָמענט איז געקומען. אַ מאָמענט וואָס כ׳וועל קיינ־

מאָל ניט פאַרגעסן. דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג שפּעטער. עסנדיק די שבת׳דיקע סעודה. דער טאַטע האָט זיך געפילט אויפגעלייגט. אָנגעטאָן אין דער שבת׳דיקער קאַפּאָטע מיט׳ן סאַמעטן היטל, איז ער געזעסן ביים שבת׳דיקן געגרייטן טיש און געטרונקען די משקה וואָס באַקאַנטע און שכנים האָבן לכבוד דעם גאַסט אריינגעשיקט. מ׳האָט געבראַכט קוגלען אַלערליי. ער האָט זיך צורעדט. מיין צוקונפט געפּלאַנעוועט... גערעדט מיר אַ שידוך און צופרידן געשמייכלט. שייוּע אין איר ווייסע זיידענער פּאַטשיילע און שוואַרצן קלייד — האָט אויך אויסגעקוקט היינט שענער, שבת׳דיקער. אויך זי האָט געשמייכלט און גע׳חלום׳ט פון מיין גליק... אַלע ווילע האָט זיך די טיר געעפנט און עמיצער האָט עפּעס אַריינגעטראָגן און צוגעוואונטשעוועט. דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט פלעשער ווין און מיט סאָדע־וואַסער. עס איז געווען שבת־יום טוב׳דיק... און פּונקט דאַמאָלט, איז מיר איינגעפאַלן צו צעשטערן דעם הייליקן גייסט פון שבת און די פרייד וואָס האָט געהערשט אַרום טיש... איך געדענק ניט ווי אַזוי כ׳האָב אָנגעהויבן צו דערציילן פון דער שיפקאַרטע וואָס כ׳האָב געקראָגן פון אַמעריקע, און אַז איך קלייב זיך אין עטלעכע טעג אַרום אַוועקצופאָרן. אפשר האָב איך עס געטאָן אונטער דער ווירקונג פון די פּאָר גלעזלעך ווין וואָס כ׳האָב געטרונקען. דער טאַטע האָט גאָר ניט גערעדט. ער האָט איבערגעלאָזט דעם לעפל קאַשע מיט דער יוך אין שיסל. ווי די האַנט וואָלט אים פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט אויף מיר אַ מאָדנעם קוק געטאָן. אַ קוק אין וועלכן עס איז געלעגן אַנטוישונג, עלנד, טענות און רחמנות. באַלד האָבן זיך זיינע אויגן באַצויגן מיט טרערן. דער טאַטע וויינט! דאָס ערשטע מאָל ווי איך זע אים וויינען. אַך! וואָס פאַרא קראַפט עס ליגט אין אַ טאַטנס טרערן. וויפל געבעט און אומשולד עס ליגט אין זיי! כ׳האָב דערפילט ווי עס הויבט מיך אָן צו וואַרגן אין האַלז, איך ווער ממש צובראָכן אויף שטיקער. וואָס מער כ׳האָב אויף אים געקוקט אַלץ אַ גרעסערער רחמנות האָט מיך באַהערשט. אַ רחמנות צום טאַטן, צו שייווען, און צו זיך אַליין. עס האָט מיך אָנגעהויבן צו שטיקן. אַלע געשעעענישן פון זינט כ׳בין אַ קינד געווען; אַלע צרות וואָס כ׳בין אויסגעשטאַנען אין מיין לעבן; דער גאַנצער עלנד פון מיין לעבן; אַלע חרטה׳ס וואָס איך האָב ווען עס איז געפילט! אַלע עבירות וואָס איך בין באַגאַנגען: — אַלצדינג איז מיר פּלוצים געקומען אַנטקעגן, און זיך געלייגט אויף מיין נשמה... כ׳האָב געמוזט פאַרלאָזן דעם טיש און אַריין אין אַלקיר, גע־פּרואווט דערשטיקן אין זיך דאָס געוויין. אָבער עס איז געווען אוממעגלעך. שוין צופיל האָט זיך עס אָנגעזאַמלט אויפ׳ן האַרצן. עס איז מער ניט געווען קיין וויינען נאָר אַ היסטעריקע איז מיך באַפאַלן, וואָס איז איבער

די כוחות צו קאָנטראָלירן. כ'האָב געגראָבן דעם קאָפּ אין בעטגעוואַנט, און זיך בשום אופן ניט געקענט באַהערשן. שייווע, אויך אַ פּאַרווייַנטע, איז אַריינגעלאָפן. מיך געפּרוּווט איינשטילן. עס איז איר ניט געלונגען. דעם טאַטנס טרערנדיקע אויגן האָבן פון מיר ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

אין יענעם טרויעריקן שבת, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ ביסל פרייד, האָט דער טאַטע געבראַכן אַ לאַנג־יאָריקן יידישן מנהג. נאָכן עסן וואָס ער האָט ניט פאַרענדיקט, איז ער ניט געגאַנגען זיך צולייגן. נאָר ער איז, אַ צעבראָכענער, אַוועק אין בית המדרש און ערשט אַ היימגעקו־מען מאַכן הבדלה...

איך בין געבליבן אין דער היים נאָך אַ פּאָר טעג. טעג וואָס האָבן מיך געהאַלטן באַשעפּטיקט. כ'בין אַרומגעגאַנגען צווישן די געסלעך און אין מאַרק. זיך איבערגייעס באַקאַנט מיט'ן שטעטל און מיט די מענטשן. זיי אָפּגעגעבן שלום עליכם און באַלד זיך געזעגנט. עס איז געווען אַן אומעט אין שטעטל. אומעטום אָרעמקייט. אויף יעדן איינעם אַ זאָרג. אַלץ האָט אויסגעקוקט טרויעריק. דער הימל כסדר מיט שווערע גרויע וואָלקנס. די געסלעך קאַלט און בלאָטיק, נישט אַלע האָבן געהאַט האָלץ אויף ווינ־טער. נישט אַלע האָבן געהאַט וואַרעמע מלבושים, און גאַנצע שיך. קרעמער זיינען פאַרשלאָפענע געזעסן אין די קראָמען און אויסגעקוקט אויף אַ קונה. אַן אַ שיעור גרוסן האָט מען מיט מיר מיטגעגעבן קיין אַמעריקע. מאַמעס האָבן מיר בילדער פון זייערע קינדער געוויזן. זיי זיינען אין צוגויפגע־לייגטע פּעקעלעך געלעגן צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער בריוו. פרייד האָט אין זייערע פאַר'חושכ'טע בליקן אויף אַ ווייַלע אַ שיין געטאָן, און באַלד אין אַ בענקשאַפט פאַרזונקען. עס איז די זעלבע טראַגעדיע אומע־טום. די זעלבע עלנדע פון קינדער פאַרלאָזענע טאַטע־מאַמע. מיין טאַטע איז ניט דער איינציקער. און ער האָט עס זייער גוט פאַרשטאַנען און מסכים געווען אַז איך זאָל פאָרן אין אַ פּאָר טעג אַרום אַנשטאָט אין אַ פּאָר וואָכן. ווייל וואָס ווייטער אין ווינטער — אַלץ ערגער די רייזע אויפ'ן ים. ער האָט שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק און געוואונשן אַז איך זאָל אָנקו־מען בשלום, און איך זאָל באַלד שרייבן אַ בריוו. און זען אַז אַלע קינדער זאָלן שרייבן... ער וויל אַ ביסל נחת כאָטש פון דערווייטן... כ'האָב עס אים צוגעזאָגט, און אין האַרצן ביי זיך געשוואוירן קיינמאָל אַן אים נישט צו פאַרגעסן און אפילו גע'חלומ'ט אים אַהינצונעמען קיין אַמעריקע. כ'האָב אים טאַקע ניט פאַרגעסן. און עס קען זיין אַז ער וואָלט געווען מיט אונדז — ווען ניט די ערשטע וועלט־מלחמה.

דערווייל בין איך נאָך אין דער היים. די לאַנגע נאַכט ציט זיך ווי אַן אייביגקייט. כ'האָב רק געטראַכט, געפּלאַנעוועט, און נישט געקענט

אַפּילו אויף אַ מינוט איינשלאָפן. קוים דערלעבט עס זאָל ווערן טאָג. מיר האָבן אָפּגעדאַוונט. עפּעס געגעסן. נאָך זיינען מיר אַלע פריי. איך, דער טאַטע און שייווע זיינען אַוועקגעפאָרן מיט דער באַן קיין קאָוול. עס איז שוין דאַמאָלט געלאָפן אַ באַן דירעקט פון אונדזער שטעטל איין מאָל אַ טאָג. דער טאַטע האָט זיך באַדאַרפט זען מיט אַן אַגענט, וואָס זאָל מיך אַריבער־פירן איבער דער גרענעץ. שייווע האָט גלאַט געוואָלט מיטפאָרן, כדי מיך צו באַגלייטן און זיין מיט מיר נאָך אַ האַלבן טאָג...

אַנקומנדיק אין קאָוועל, האָט מיר דער טאַטע געגעבן אָנצוהערן אַז כ׳וואָלט שייווען באַדאַרפט עפּעס קויפן אַ מתנה. און בעת מעשה ניט אויפ־געהערט זי צו לויבן. און ווען ער איז אַוועק צום אַגענט, האָב איך שייווען גענומען איבער די גרויסע קראָמען און איר געלאָזט אויסקלייבן אַ גוטע וואַרעמע שאַל פאַר פינף רובל.

און דאָ איז געקומען די פיינלעכע סצענע פון געזעגענען זיך. דאָס איז איינע פון מיינע פילע שוואַכקייטן. עס קומט מיר אָן זייער שווער שטענדיק זיך צו שיידן מיט פריינד און אייגענע... איך וועל די לעצטע מינוטן מיט׳ן לעצטן זיי־געזונט, צום טאַטן און שייווען, בעסער אינגאַנצן אויסלאָזן. דער אָפּשייד האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט אַז כ׳וועל דאָס אייביק געדענקען.

אַכצנטער קאַפּיטל

1

דאָס פאָרן קיין אַמעריקע איז פאַר יעדן יידישן אימיגראַנט אַ גרויסע געשעעניש. בלויז איינמאָל מאַכט מען דורך אַזאַ מין רייזע. בלויז איינמאָל ווערט מען איבערגעוואָרצלט פון דער אַלטער היים אין דער נייער. בלויז איינמאָל לאָזט מען זיך אַרויס פונם קליינעם שטעטל איבער פרעמדע מדינות; מען טרעפט פאַרשיידענע מענטשן; מען גייט דורך אַלערליי דער־פאַרונגען און מען לעבט איבער מאָמענטן פון גליק אָדער פון יסורים. אויף פרעמדע ענגע געלעגערס ליגט מען און מ׳פרעגט זיך: וועל איך זיך דאָרט איינלעבן? וועל איך טאַקע דאָרט געפינען פרייהייט און גליק?

איך האָב פון גליק און פרייהייט אַפילו ניט געטראַכט. כ׳האָב איבער־הויפט נישט געטראַכט וואָס וועט זיין שפּעטער און וואָס עס וועט מיט מיר פאָרקומען. דאָס פאָרן גופא האָט שוין פאַר מיר געמיינט גליק און פרייהייט. כ׳בין כסדר געווען פאַרטאָן אין אַלץ וואָס איך האָב באַגעגנט אַרום מיר. איניקע פּאַסירונגען האָבן מיר פאַרשאַפט עגמת נפש, אַנדערע — צופרידנ־קייט. יעדער טאָג, יעדער שעה, האָט געוועקט אין מיר אַ נייגיר. יעדע זאַך — טראַכטן. יעדע קלייניקייט האָב איך בעאָבאַכטעט. אַלצדינג האָט ביי מיר געשפּילט אַ ראָלע.

די רייזע איז פאַר מיר געווען ספּעציעל אינטערעסאַנט צוליב אַ טשיקאַווע, ראָמאַנטישן עפּיזאָד.

איך בין אַרויסגעפאָרן פון קאָוועל נאָך האַלבער נאַכט. דער אַגענט האָט מיר געזאָגט אַז אין וואַרשע וועל איך דאַרפן בייטן די באַן, וואָס וועט מיך ברענגען אין טשענסטאָכאָוו. און דאָרט וועט שוין אַ ייד ביי אַ גרויסע אכסניה וואָרטן אויף מיר. דער אַגענט האָט מיר געגעבן אַ סימן ווי צו דערקענען דעם יידן.

אין וואַרשע בין איך געווען עטלעכע שעה און זיך גאָר זאַט ניט גע־קענט אָנקוקן פון דער שיינקייט פון דער שטאָט. עס איז פאַר מיר אויסגע־וואַקסן אַ צויבער־וועלט. אַ וועלט וואָס מ׳קאָן נאָר זען אין חלום. כ׳האָב

געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ זיינען אַלע מענטשן רייך און גליקלעך. אַלע גוט און ערלעך. און צוליב די רייכע און גאַנצע מלבושים וואָס מענטשן טראָגן, איז דאָ אַלע מאָל יום־טוב׳דיק.

די וואונדערלעכע געביידעס, די פאַרבן אין די גרויסע שויבן פון די רייכע מאַגאַזינען, דער גלאַנץ פון די שוואַרצע קאַרעטן, דער ריטם פון די עלעגאַנטע פערדישע פיס איבער די גלאַטע ריינע גאַסן, דער פריילעכער גרויס־שטאָטישער גערויש, דער אַריסטאָקראַטישער גאַנג פון די פריצישע פרויען און דאָס קלינגען פון טראַמווייען, — אַלץ האָט אין מיר געוועקט באַגייסטערונג, פרייד. אָבער מיר איז, אַפּנים, באַשערט געווען אַנטוישט צו ווערן גלייך ביים ערשטן אַרויספאָר, ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט דער גרויסער וועלט.

אינעם טשענסטאָכאָווער וואָקזאַל, צווישן אַסך מענטשן און טשעמאָדאַ־נעס, איז געזעסן אַ טאַמאַשאָווער פרוי און געהאַלטן אין איין וויינען און ברעכן די הענט פון גרויס פאַרצווייפלונג.

די שיינע שטאָט וואַרשע, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל באַוואונדערט, האָט זי פשוט אומגליקלעך געמאַכט. אַ געוויסע דאַמע, וואָס האָט אַנגע־שמעקט אַז זי האָט ביי זיך עטלעכע רובל איינצוקויפן אַ ביסל סחורה פאַר איר שניט־קרעמל, האָט זי ערגעץ געפירט כלומר׳שט קויפן אַ מציאה. דערווייל האָבן זיי אַזוי גייענדיק „געפונען" אַ בייטל מיט געלט. די „פיינע" וואַרשעווער פרוי האָט אָפּגעזוכט אַ ווינקל וואו זיי וועלן זיך צעטיילן מיט׳ן געלט. באַלד איז אָנגעלאָפן אַ מאַן אַ פאַרסאָפּעטער, אַ צעטראָגענער און געשריען אַז ער האָט פאַרלוירן דעם דאָזיקן טייסטער, און אַז ער קען אַפילו אָנגעבן סמנים וואָס פאַר אַ געלט ער האָט אין דעם טייסטער געהאַט. די „אָנשטענדיקע" דאַמע האָט זיך באַלד אָפּגערוקט מיט׳ן געפונענעם אוצר. די אָרעמע פרוי האָט זיך געשוואוירן, אַז זי ווייסט גאָרנישט. איר באַגליי־טערין האָט אַלץ פאַרכאַפּט. דער מאַן האָט איר ניט געוואָלט גלויבן, און איז נישט אַוועק ביז זי האָט אים נישט געוויזן אַז איר געלט איז גאָר אַן אַנ־דער געלט. ער האָט צוגעגעבן אַז זי האָט רעכט און זיך געלאָזט לויפן „זוכן" יענע אַנטלאָפענע פרוי... און שפּעטער מיט אַ פאָר שעה, האָט די קרעמערקע פון טאַמאַשאָוו אויסגעפונען, אַז איר געלט וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ טיכעלע פאַרשטופּט אין בוזעם איז נישט מער קיין געלט נאָר ווייכע שטיקלעך ציימונגס פּאַפּיר.

כ׳האָב געהערט אַמאָל דערציילן אַזעלכע מעשיות פון פלינקע גנבים, און געמיינט אַז דאָס זיינען אפשר ניט מער ווי אויסגעטראַכטע מעשיות. און דאָ זע איך דעם עקלהאַפטן פאַרברעכן. כ׳בין גלייך אַנטוישט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, מיט איר אויסגעצירטן פּנים. אַנטוישט אין די

מענטשן און זיי פֿאַרדאַמט פֿאַר דעם פֿאַרברעכן. עס האָט אין מיר געברענט אַ כעס צו די גנבים, און אַ רחמנות האָט מיר גענאָגט צו דער אָרעמער פֿאַר־צווייפֿלטער פֿרוי. עס איז מיר שוין גאָר נישט באַקומען. די פֿרוי איז געזעסן אין זעלבן וואַגאָן און געהאַלטן אין איין וויינען און קרעכצן.

אין טשענסטאָכאָוו, אין דער באַשטימטער אַכסניה, האָב איך געזוכט דעם יידן וואָס האָט געדאַרפֿט וואַרטן אויף מיר. אָבער ער איז נישט געווען. כ׳האָב געמוזט איבערנעכטיקן און ערשט אויף מאָרגן, דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, האָט זיך דער ייד באַוויזן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שווערער בורקע מיט אַ פֿוטערנע קוטשמע ווי אין מיט׳ן ווינטער. ער האָט מיר שטילערהייט אין איילעניש אַ פֿרעג געטאָן דעם סימן און מיך געהייסן נעמען די זאַכן און גיין מיט אים.

מיר זיינען געגאַנגען אַ היפּשע שטרעקע, דערנאָך זיך פֿאַרדרייט אין אַ שמאָל געסעלע. דאָרט איז געשטאַנען אַ פֿאַרמאַכטער וואָגן. ער האָט געעפֿנט אַ טיר, איך בין אַריינגעקראָכן. אינעווייניק זיינען געזעסן זעקס יונגע בחורים. שפּעטער האָט איך אויסגעפֿונען, אַז זיי זיינען אַנטלאָפֿן גלייך ווי מ׳האָט זיי אָפּגעגעבן פֿאַר סאָלדאַטן.

זיי האָבן געמאַכט פּאַר מיר פּלאַץ. דער ייד האָט פֿאַרהאַקט די טיר. אין וואָגן איז געוואָרן פֿינצטער. ער האָט אַ שמיץ געטאָן די פֿערד, אַ צי געטאָן די לייצעס און באַלד זיינען מיר געווען אויסער׳ן שטאָט.

דער וואָגן האָט געטאַנצט איבער פֿאַרטריקנטע שטיקער בלאָטע און שטיינער. אָפּט אַריין אין אַ גרוב. מיר זיינען געפֿאַלן איינער איבער׳ן אַנ־דערן, זיך אָנגעשלאָגן אין די שטערנס. דאָס האָט אַרויסגערופֿן געלעכ־טער. אַביסל שפּעטער, איז דער ייד מסתמא אַרויף אויף אַ גלאַטערן וועג, ווייל ס׳האָט אויפֿגעהערט צו וואַרפֿן אַזוי און טרייסלען. דערפֿאַר איז אָבער אָנגעקומען אַ שאַרפֿע קעלט מיט אַ ווינט, וואָס האָט אונדז אַלעמען דורכגע־נומען. די נסיעה האָט געדויערט צוויי שעה. מיר זיינען ענדלעך אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטעלע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין הויז. מיר זיי־נען פֿאַרפֿרוירענע, צעטרייסלטע אַריין אינעווייניק. אַ וואַרעמקייט און אַ ריח פֿון היימיש געקעכץ האָט אונדז אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. דער ייד האָט אונדז געהייסן זיין שטיל, און אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ קליינעם צי־מער. דאָרט זיינען געשטאַנען צוויי בעטן מיט צעוואָרפֿן קויטיק בעטגע־וואַנט. אַרונטערנעמענדיק דעם שווערן מלבוש האָט ער געזאָגט — אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט האָבן געגעבן די פֿערד עסן וועלן מיר פֿאָרן ווייטער.

אין דרויסן איז געוואָרן גוט פֿינצטער. עס האָט אָנגעהויבן צו שנייען. זיין ווייב האָט אַריינגעטראָגן אַ פֿאַררויכערט לעמפּל און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליין טישעלע, און אונדז געפֿרעגט צי מיר ווילן טיי. אַ פֿראַגע צי

מיר ווילן ? — און איך ווייס ניט ווי די בחורים. נאָר איך וואָלט זיך, נאָך דער טיי, מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן אַריינגעוואָרפן אין איינע פון די צוויי בעטן כאַפּן אַ דרעמל.

דערווייל זיינען מיר געזעסן אין דער האַלבער פינצטערניש, און מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. פון מידקייט האָט זיך אונדז געגענעצט. איינער פון די בחורים האָט פון אַ טשעמאָדאַן אַרויסגעשלעפּט אַ פלאַש בראַנפן. זיי האָבן נישט געוואָלט בעטן קיין גלעזלעך, נאָר יעדער איינער האָט צו צוויי מאָל אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש. זיי זיינען געוואָרן לעבע־דיקער און זיך אָנגעהויבן שושקען אין דער שטיל.

איך האָב זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער הייסער טיי און געוואָרפן זשעדנע בליקן אויפן בעט. און ווען מיר זיינען געווען גוט דערוואָרעמט, האָט זיך קיינעם פון אונדז ניט געגלוסט פאָרן ווייטער איינעם זעלבן וואָגן.

אין אַ שעה אַרום האָבן מיר זיך ווידער געטרייסלט איבער פאַרשנייטע וועגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די קעלט האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. און דער ווינט איז אויך געוואָרן שוואַכער.

דאָס מאָל האָט עס ניט גענומען לאַנג. מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ דערפל, וואָס איז ניט מער ווי אַ האַלבער וויאָרסט פון דער גרענעץ. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ נידעריק שטיבל. דער ייד האָט אָנגעקלאַפּט. אַן אַלטער גוי האָט געעפנט די טיר. מיר זיינען אַריין אין נישט קיין גרויס צימער. עס איז דאָ געשטאַנען אַ בעט אין אַ ווינקל אין וועלכע אַ גויע איז געשלאָפן. אַ לאַנגע באַנק, טיש. אין צווייטן ווינקל — דער אויוון, וואָס האָט זיך געהאַלטן שוין אין אָפּקילן. צוויי קליינע פענצטערלעך. אַ קליין רויט לעמפּעלע איבער אַ הייליק בילד האָט שוואַך באַלויכטן דאָס צימער.

דערווייל האָט זיך די גויע אויפגעזעצט אין איר בעט. זי איז געווען פאַרשלאָפן. פון אירע צעלאָזענע האָר האָט מען געקענט דערקענען אַז זי איז נאָך אַ יונגע. זי האָט עפּעס אַרויסגערעדט. און זיך צוריק געלייגט מיט'ן פנים צו דער וואַנט, אַרויפציענדיק איבער זיך דאָס שווערע איבער־בעט.

דער ייד אין דער בורקע, האָט עפּעס איבערגערעדט מיט'ן גוי. אונדז האָט ער געזאָגט, אַז ער פאָרט צוריק אַ היים. איבערן שניי וועט מען היינט ביינאַכט ניט קענען אַריבערגיין די גרעניץ. מחמת עס וועט לאָזן שפּורן, און אַזוי ווי מאָרגן איז פרייטיק, וועט ער ערשט קומען שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה.

דער ערל האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן קנויל שטרוי, אַ פּאָר אַלטע פּעלצן, און געמאַכט אַ געלעגער אויף דער ליימיקער ערד. דער גוי איז אַרויפגעקראָכן אויפ'ן אויוון. מיר האָבן זיך אָוועקגעלייגט אין די מלבושים

און זיך אַנגעוואָרעמט אין די אייגענע מאַנטלען. די חברה האָט שטיל אין זיך געלאַכט. און ציניש גערעדט פון דער גויע וואָס ליגט אַליין אין אַזאַ וואָרעמע בעט...

מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פאַרפרי, אויסגערוטע און אויסגעשלאָפענע. אין אויוון האָט געקנאַקט אַ פריילעך פייער, קאַרטאָפל האָבן זיך געבאַקן. טעפּ האָבן געקאָכט. מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן מיט קאַלטע וואַסער. עפּעס אָפּגעגעסן און זיך געקליבן צו פאַרברענגען ביים וואָרעמען אויוון. אָבער די יונגע גויע האָט אויף פּויליש, וואָס מיר האָבן קוים געקענט פאַרשטיין, געזאָגט אַז מיר קענען אין הויז ניט פאַרבלייבן. ווייל מען דאַרף זיך באַהאַלטן פון פרעמדע בליקן. און זי האָט אונדז געהייסן אַרויפקריכן אויפן בוידעם.

עס האָט ניט געהאָט קיין זין זיך מיט איר אויס׳צו׳טענה׳ן. וואַרשיינלעך איז זי געווען גערעכט און מיר זיינען איינער נאָכ׳ן אַנדערן געקראָכן אויפן שאָקלדיקן לייטער אויפ׳ן בוידעם אַרויף, איבערצוליגן דאָרט ביז עס וועט ווערן נאַכט.

ליגנדיק איינגענורעט אין היי, ווי באַהאַלטענע גנבים, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז ס׳איז מיר זייער גוט, און קאָן זיך ניט דערמאָנען די צייט, ווען כ׳האָב געהאַט אַזעלכע פריידיקע מאָמענטן.

דורך דעם קליינעם אָפענעם דאַך־פענצטערל האָב איך געזען דעם כסדר פאַלנדן שניי, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין ווייסן מעל וואָס פאַלט דורך אַ שיטערע זיפּ.

עס איז געווען וואַרעם צו ליגן. אַ וואָרעמע רואיקייט האָט זיך גע־שפּרייט איבער מיינע גלידער. דער מח אין גאַנצן אָן זאָרג, האָט אַנגעהויבן אַרויסצופירן אַ גאַנצע רייע פאַרשוינען. כ׳האָב זיי געזען פאַרביישוועבן ווי באַוועגלעכע בילדער אויפ׳ן לייוונט.

צו אַט די נאָענטע, ליבע, האַרציקע מענטשן, האָב איך אָנגעהויבן צו פילן אַ בענקשאַפט. יעדער איז מיר טייער, יעדער געשטאַלט נאָענט. נעענטער דאָ אויפ׳ן בוידעם ווי דאָרט אין שטעטל. דאָ זע איך זיי קלערער און דייטלעכער ווי איך האָב זיי דאָרט געזען. איך פאַרשטיי זיי איצטער בע־סער, ווי איך האָב זיי דאַן פאַרשטאַנען. צום אַלעם ערשטן, זע איך דעם געפּערלעך־קראַנקן יאָסל שרייבער, וואָס האָט פאַר די פויערים געשריבן פּראָשעניעס צום גובערנאַטאָר. איך זע אים אין בעט, אַ געלן, אָן אויסגע־קרענקטן. איך זע דער גאַנצער פאַמיליע און די שרעקלעכע אָרעמקייט אין שטוב. איבער׳ן נידריקן פאַרקן, וואָס האָט אָפּגעטיילט ר׳ מענדעלעס הויף, שפּרינג איך אָפט אַריבער צו זיי אין גאָרטן. פון גאָרטן אין הויז. איך קום אים מבקר חולה זיין. איך געדענק דעם לעצטן שפּרונג אַהינצו. די

שטוב איז מיט אַ געיאָמער. דאָס וויינט און קלאָגט די פרוי נאָך איר מאַן וואָס האָט דאָס לעצטע שטיקל לונג אין דער מעשענע מידניצע אויסגע־שפּיגן. דערנאָך די לויה ביינאַכט. איך בין געווען איינער פון די מיטה־טרעגער. דעם טויטנס רעכטער פוס, אין די ווייסע תכריכים, האָט אַלע ווײַלע אָנגערירט מײַן רעכטן אויער. עס גייט מיר דורך אַ שוידער — נאָך איצט זיך דערמאָנענדיק. אָבער מער שוידער און שרעק האָב איך דאַ־מאָלט געפילט. כ׳האָב זיך געמאַכט האַרץ און געגאַנגען נאָך ביז צום פעלד.

איך פּרואוו אָפּשטופּן פון זיך די מורא׳דיקע זכרונות, און זוך אַנדערע בילדער. כ׳וויל זיך דערמאָנען אין חתונות ווען די כלי־זמרים שפּילן. אין די פריילעכע שמחת תורה׳ס. כ׳דערמאָן זיך אָן חסידישע נגונים און טענץ. און אָט איז טאַקע ר׳ מענדעלעס חזן, בערל. איך האָב אים אַלע מאָל ליב געהאַט פאַר זיין שיין זינגען, פאַר זיינע האַרציקע חזנ׳שע תפילות און פאַר זיינע וויצן. איך זע אים אין טלית און תפילין, מיט דער יאַרמולקע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ. ער שטייט און וואַרט אויף דעם מנין וואָס איך שלעפּ צוזאַמען פון די געסלעך און שכנישע שטיבער.

דער ערשטער אויפ׳ן צעטל איז אַלע מאָל אייזיק מלמד. א ייד אַ שטילער ווי אַ טויב. אַ רואיקער, אַ קריכער, אַ קאַלטער לונג־און־לעבער, וועמען קיין זאַך אַרט ניט. ניט דאָס הויז זיינס וואָס שטייט ביז די פענצטער אין בלאָטע, ניט זיין קראַנקע ווייב און ניט די וויסטע קאַליקע — אַ בחור אַ פאַרזעעניש, וועמען ער דאַרף הויבן און טראָגן אַהין און אַהער. אים גייען ניט אָן זיינע תלמידים, וואָס זיצן אַרום טיש און קאָמאַנדעווען, לאַכן און וואַרפן זיך מיט די ספרים איבער די קעפּ. ער שרייט ניט אויף זיי און ווערט קיינמאָל ניט אין כעס. ער רעדט שטיל און ציילט די ווערטער וואָס ווערן פאַרלוירן אין זיין ברייטער באָרד. מ׳ווייסט קיין מאָל ניט וואָס ער זאָגט. אים אַרט ניט וואָס איך וואַרט אויף אים. רואיק שטייט ער און פאַרעט זיך אַרום אַן אַלטן זייגער, אָדער אַ שלעסל ווי אַ געניטער מעכאַ־ניקער. אַ מאָל שאַרפט ער ס׳מעסערל. פּרוואווט איבערהאַקן אַ האָר וואָס ער שלעפּט אַרויס פון דער באָרד, און דערביי וויל ער טאַקע זיין זיכער צי די האָר איז אַ גרויע אָדער אַ שוואַרצע... ער לייענט ביכער. ער קען רוסיש און אַפילו אַביסל ענגליש. ער שרייבט אַליין די אַדרעסן צו זיינע צוויי זין אין אַמעריקע. ער שפּילט פידל פון נאָטן. דוקאַ קומט אויס, אַז ער לייענט אָדער שפּילט און ער וויל ניט מפסק זיין, ווען איך רוף אים צום מנין. און ווען ער קומט שוין ענדלעך אַריין מיט זיין שוואַרצן טלית זאַק איז שוין באַלד נאָכ׳ן דאַווענען.

ר׳ אייזיק מלמד, האָט מיר אויך געלערנט שפּילן פידל און לייענען

ענגלישע אַדרעסן:ביידע זאַכן זיינען מיר געפעלן. כ׳האָב ליב געהאַט מיט אים צו פאַרברענגען. איינמאָל אָוונט צייט, מאַכט ער צו מיר: ווייסט, דו מעגסט זיך שוין קויפן אַ פידל, ווייל דיינע פינגער ציטערן שוין איבער די סטרונעס. דערביי איז ער געווען זייער צופרידן, וואָס זיין אַרבעט איז געווען ניט אַרויסגעוואָרפן. ער האָט מיך געלאָזט שפּילן אויף זיין פידל, ביז כ׳האָב זיך געקויפט אַן אייגענע און אויף וועלכער כ׳פלעג שוין אויפכאַפּן בערל חזנ׳ס נגונים.

איך לאָז זיך גיין אין דער צווייטער האַלבער שטוב, אויב מ׳קען זי אָנרופן שטוב, אפשר וועל איך טרעפן זיין שכן ראובן, אַ מגושמ׳דיקער, פּראָסטער דאָרפס־גייער, אָבער אַן ערלעכער, אַ געוואַלדיקער חסיד פון אַלטן רבין. (ר׳ מענדעלע שויער). ראובן וואוינט אַליין אין אַ קליין, ניד־ריק הייזעלע, מיט צוויי קליינע פענצטערלעך. דאָס מעבל באַשטייט פון אַ צעבראָכן בעט מיט אַן אַלטן טיש וואָס איז באַדעקט מיט שטויב און טויטע פליגן. אויף דער קרומער וואַנט הענגט דאָס בילד פון זיין זון דעם סאָלדאַט. אויף דער הוילער ערד וואַלגערן זיך אַלטע זעק און צעריסענע שטיוול מיט האָניצעס.ביים אויוון ליגט אַ קופּע אָנגעהאַקטע האָלץ מיט שפּענער. דאָרט שמעקט אַלעמאָל מיט בלאָטע און צעפוילטע קאַרטאָפל.

אַנטקעגן, אין דער רעכטער זייט, וואוינט מרדכי מלמד. אַ שוואַכער יאַדישליוועט און צעקנייטשטער ייד. ער קוקט אויס ווי ער וואָלט זיך גע־ווייקט אין עסיק. עס שמעקט טאַקע פון אים מיט זויערקייט. און נישט נאָר פון אים, נאָר פון דער גאַנצער שטוב, פון זיין ווייב און טאָכטער, און אַפילו פון די תלמידים זיינע. אַלץ שמעקט דאָרט זויער. דער דאָזיקער ריח שפּרייט זיך פון די אויסגעקוועטשטע בוריקעס וועלכע ער קריגט פונעם צוקער זאַוואָד צו האָדעווען זיינע צוויי בהמות.

די אַנדערע שטוב דערביי געהער צו טביה וועבער. ער איז אַ קור־צער יידל מיט אַ פאַרשפּיצט שיטער בערדל. דאָס פּנים מאָגער און ווייס ווי מילך. ער טראָגט אַ יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ און ער זיצט תמיד אונטער אַ וועב שטול, ווי געפאַנגען אין אַ נעץ פון קאָלירענדיקע פעדים. ער איז איינגעטונקען אין שטויב און שטיקלעך באַוול. כ׳פלעג זיך שטענדיק וואונ־דערן, ווי אַזוי ער ווייסט זיך פונאַנדערצוקלייבן און אויסציִען די הונדער־טער דינע פעדים שנירלעך פון אַלערליי פאַרבן. ער פלעגט אַרבעטן מיט די הענט און פיס, מיט גרויסע קאַמען, וואָס האָבן נאָך יעדער מאָל אויסלייגן אַ פאָדים, מיט די ציין צוגעשטופּט צו אַ צווייטן. און אַזוי איז לאַנגזאַם. אויף יענער זייט מאַשין, אויף דער ערד אויסגעוואָקסן עפּעס אַ מין געוועב פון עטלעכע אַרשין די לענג און ברייט. אים האָב איך זעלטן געקאָנט קריגן צום מנין.

— כ׳קען נישט — פלעגט ער אַרויסזייען די ווערטער צווישן די ציין. כ׳מוז אַרבעטן, כ׳קען ניט פאַרלירן קיין צייט.

איך האָב זיין ענטפער געוואוסט אין פאַרויס, אָבער איך האָב געמוזט אים גיין רופן. אויסער דעם האָב איך טאַקע הנאה געהאַט צו קוקן אויף זיין טאָכטער צירל, וואָס איז אַהיים געקומען פון וויניצע, אַזאַ שיינע, אויסגעוואַקסענע. איר בלאָנדע קאָפּ האָר וואָס פלעגט זיין ווילד צעפּאַטלט, איז איצט אַזוי גרויסאַרטיק פאַרקעמט, מיט בלישטשענדיקע קעמלאַך און סטענגעס אַרומגענומען. זי רעדט שיין, זי האָט מיטגעבראַכט גרויס־שטאָטישע מאַניערן און זי האַלט דאָס חנ׳עוודיק פּנים אויפגעהויבן. היינט, ווי עלעגאַנט באַנוצט זי דאָס נאָז־טיכעלע! און ווי איינגעהאַלטן זי שמייכלט!

איך ווייס ניט צי זי ווייסט וואָס איך טראַכט, אַז איר שמייכל איז אַ געמאַכטער, אַן אויסגעלערנטער.

לאַנג קוקן אויף איר קען איך נישט. איך לאָז זיך לויפן צו אשר סופר, וואָס איז אַ קינסטלער אין זיין פאַך. מען דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל גע׳כתיבהט פיר און צוואַנציק העברייאישע אותיות און דאָס אָוועקגעשיינקט צו עפּעס גאָר אַ גרויסן שררה. איך פלעג אים אַלעמאָל טרעפן זיצן אין דער יאַרמולקע, און מיט אַ גאַרטל אַרום זיין שוואַרצע קאַפּאָטע; מיט ריינע קלאָרע הענט איבער אויסגעשפּרייטע יריעות, האַלטנדיק אין האַנט אַ געגזעגע פעדער. אויף גיך שרייבט ער די הייליקע ווערטער פון דער תורה. די אותיות גלאַנצן אויפן ווייסן פאַרמעט, און זעלטן מאַכט ער אַ טעות. איז ער מיר טאַקע פאַרגעקומען ווי אַ גרויסער סופר. עפּעס זייַנען ביי אים די פּרשות געוואַקסן אומפאַרשטענדלעך גיך.

— ווי קען איך אַוועקגיין? טוט ער אַלעמאָל אַ זאָג מיט׳ן זעלבן גוטמוטיקן שמייכל אויף זיין קלאָרן פּנים. ווי ווייניק, קען איך אין דער צייט פאַרדינען כאָטש אַ האַלב קערבל.

איך האָב געפילט, אַז ער האָט רעכט. ער האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער און אַ האַלב קערבל איז פאַר אים אַ היפּשע מטבע.

כ׳גיי צו אַנדערע שכנים וואָס לאָזן זיך לאַנג בעטן. דערנאָך גיי איך צוריק דורכן בעל עגלה׳שן געסל. דער גאָענסטער איז ישראל בעל עגלה. ער פירט ר׳ מענדעלען צום וואָקזאַל ווען ער דאַרף ערגעץ פאָרן. ישראל פאַרמאָגט די בעסטע צוויי פערד, דעם בעסטן שטאַל, און דעם שענסטן פאַיעטאָן.

די רייע מענטשן ציען זיך פאַר מיר, און איך וויל זיך גאָר פון זיי נים אָפּרייסן. אָט איז דאַנציקער דער יידישער אַפּטייקער. אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, און אַ וואַרעמער ציוניסט. צו אים קומט אָפט אַריין בנימין דער קרומער, אַ גמרא מלמד וואָס פלעגט פאַרזאָרגן אָרעמע מענטשן מיט

פרייע רעצעפּטן, וועלכע דער פעלדשער אָדער דאָקטער ריבעשעווסקי פלעגט פאַרשרייבן.

פאַרוואָס ער הייסט בנימין און נישט אסתר אָדער בריינדל, ווייס איך נישט. כאָטש דאָן וואָלט געווען די פראַגע; — פאַרוואָס עפּעס בריינדל און נישט זלמן? ווייל ער האָט אויסגעקוקט סיי ווי אַ מאַן, און סיי ווי אַ פרוי. דאָס גלאַטע צאַרטע פּנים אָן אַ סמן פון אַ באָרד איז געווען אין גאַנצן ווי פון אַ יידענע. אָבער דער הויכער קערפּער מיט די לאַנגע פּאות, די קאַפּאָטע מיטן היטל, האָבן פאַרגעשטעלט אַ מאַנסביל. מען האָט אין דער שטיל גע־שמועסט, אַז ער איז ניט קיין מאַן און ניט קיין פרוי. אָבער ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ מאַן. געגאַנגען אין מרחץ צווישן מענער, זיך געמישט אין קהל'שע זאַכן, געקענט גוט לערנען, געשמעקט טאַבאַק, געהאַט אַ באַלע־באַטישן שטעל. גערעדט הייזעריק, ווייך, ווי אַ יידענע, אָבער באַפעלעריש; געזאָגט דעות, געגעבן עצות. און מ'האָט פאַר אים דרך ארץ געהאַט. ער פלעגט מיט זיין קרומען פוס, מיט דער הילף פון אַ שטעקן, אַרומקריכן אי־בער די געסלעך, באַזוכן קראַנקע און ברענגען רפואות.

פונעם אַפּטייקער האָט ער פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיין מאַגאַזין האַלטן פאַרמאַכט שבתים און יום־טובים. אַז נישט, האָט ער געסטראַשעט, וועט ער די רעצעפּטן לאָזן מאַכן ביים קריסטלעכן אַפּטייקער.

אַ טשיקאַוועד טיפּ געווען דער בנימין מלמד. און אָט איז דער אַלטער נח הירש, אַ ייד אַ למדן, אַן ערלעכער און אַ פרומער מיט אַן אַמביציע חתונה צו האָבן פאַר אַ לייטישער אלמנה און דערנאָך פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיינע געדאַנקען ווערן אָפּט איבערגעשלאָגן דורך דעם שטיפן און לאַכן פון דער גרופּע בחורים. זיי זיפּן פון פלאַש דאָס לעצטע ביסל בראַנפן. און פאַר צייט־פאַרטרייב, הייבן זיי אָן זיך אָן צו וואַרפן מיט קנוילן היי. זיי האָבן נישט וואָס צו טאָן. דער טאָג איז נאָך אַזאַ לאַנגער. דער שניי הערט ניט אויף צו פאַלן. אַ טויבע שטילקייט הילט אַלץ איין. מיר קענען הערן ווי די בהמות אונטען מעלה גרה'ן. מיר פילן זייער וואַרעמען אָטעם. עס ווילט זיך אַרונטערקריכן, אויסגלייכן די פיס, פאַררויכערן אַ ציגאַרעטל, אָבער מיר האָבן מורא. איך זעץ מיר אויף און עס ווערט מיר קילער. אַ נייער געדאַנק שלאָגט מיר אין קאָפּ וואָס לאָזט מיך נישט פאַרגעסן דאָס שטעטל. ווי וואָלט געווען, טראַכט איך, ווען יענעם טאָג, אַנשטאָט אפרים בריוו טרעגער מיט דער שיפסקאַרטע און בריוו, וואָלט גאָר אַ גליקלעכער, אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעלאָפן מאָטיס חזן מיט דער גוטער בשורה — אַז דער נומער, צו וועלכן כ'בין געווען אַ האַלבער שותף, האָט אויסגענומען אַ גרויס געווינס?

תמיד, ווען ער האָט מיך גענומען אַלס שותף צו אַ לאָטעריי־צעטל, האָט ער מיר פאַרזיכערט אַז דאָס מאָל וועט שוין דער רבונו־של־עולם רחמנות האָבן, און איך וועל געווינען. יעדן איינעם האָט ער דאָס צוגעזאָגט. ער האָט נעבעך מיט׳ן גאַנצן האַרצן געוואָלט אַז יידן זאָלן געווינען. השי״ת וועט זיך מרחם זיין. נעמט ער זיך אָן פאַר דער באָרד, און ווינטשעוועט צו פרום. און ווען דאָס פּאַסירט, וואָלט איך געווען גליקלעכער ווי מיט דער שיפקאַרטע וואָס ליגט איצט ביי מיר אין קעשענע? ניט נאָר פאַר איך קיין אַמעריקע גלאַט אַזוי, נאָר דאָס האָבן מיינע שוועסטער און ברידער זיך דערמאָנט אָן מיר. זיי ווילן מיך האָבן. איך בין נישט מער קיין עלנדער. עס וועט נישט נעמען לאַנג און איך וועל זיין אין פילאַדעלפיע... און אָט בין איך שוין אויפן וועג... אַפילו דאָס ליגן אויפ׳ן בוידעם איז דאָך אַ טייל פון דער רייזע. מיין וואונטש ווערט מקוים. צו מיין גליק איז קיין גרענעץ נישטאָ.

דער אַלטער גוי איז אַרויפגעקראָכן, געפרעגט אויב מיר ווילן עסן. מיר האָבן אים געגעבן קליין געלט און שפּעטער האָבן זיך דערהערט די טריט פון דער יונגע גויע. זי איז געבליבן שטיין האַלב איבערן בוידעם. זי איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ ברוינע פאַטשיילע און אויף קיינעם ניט געקוקט. איינער פון די בחורים האָט מאָדנע נאַריש געשמייכלט... שווייגנדיק האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ הייסן טשייניק טיי, ברוינע טעפּעלעך, עטלעכע ווייסע בולקעס מיט געבאַקענע קאַרטאָפל. זי איז צוריק אַראָפּ מיט׳ן לייטער. חברה האָבן זיך דורכגעקוקט, געשמייכלט, זיך גע׳סוד׳עט. כ׳האָב עפּעס אויפגעכאַפּט — וואָס האָט מיך אַביסל פאַרשעמט. ס׳האָט פאַר מיר אַ שיין געטאָן — דאָס רויטע לעמפּעלע, וואָס הענגט איבערן הייליקן בילד — אַנטקעגן דער גויעס בעט...

2

שבת צו נאַכטס, אַרום אַכט אַזייגער, איז דער ייד געקומען און אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז באַלד וועלן מיר אַריבערגיין די גרענעץ. עס האָט נישט קיין זין ווייטער צו וואַרטן. ווער ווייסט ווען דער שניי וועט אויפהערן.

מיר האָבן זיך באַלד גענומען איבערבינדן די פּעקלעך מיט די טשעמאָדאַנעס, און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן.

אַרום עלף ביינאַכט זיינען אַריינגעקומען פיר סאָלדאַטן, פאַרשנייטע, אָנגעפּעלצטע, מיט די ביקסן אויף די פּלייצעס. מיר האָבן זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. אָבער דער ייד האָט אונדז, צו אונדזער גרויסער אי־

בעררײַשונג, דערקלערט אַז טאַקע זיי, די סאָלדאַטן הייסט עס, וועלן אונדז איבערנעמען — און מיר דאַרפן גאָרניט מורא האָבן.

ער האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט, מיט אַ „גייטס געזונט״ און איז אַוועק.

די סאָלדאַטן האָבן אונדז אונטערגעיאָגט. מיר האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן. פאַרבונדן די העלדזער מיט שאַליקעס. אַ פּאָר האָבן געהאַט קאַפּעשאַנען מיט קאַלאַשן. יעדער איינער האָט זיך געכאַפּט צו זיינע פּעקלעך. די וואָס האָבן געהאַט צו פיל זאַכן, האָבן די סאָלדאַטן זיי געהאָלפן טראָגן.

איך האָב געהאַט אַ רענצל, אָנגעשטאָפּט מיט זאַכן, און אַ פּעקל מיט צוויי קישנס, וואָס שייוע האָט מיר מיטגעגעבן, איינע פּאָר מיר און איינע פּאָר מיין יינגערע שוועסטער.

מיר זיינען אַרויס. אין דרויסן האָט די זאַווערוכע געשמיסן אין פּנים. דער שניי איז געווען טיף און טרוקן ווי זאַמד. אָפּגייענדיק אַ פּופצן, צוואַנציק מינוט, זיינען מיר צוגעקומען צו אַ באַלויכטן שטיבל. אַ סאָלדאַט האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און אַהער. אונדזערע באַגלייטער זיינען געבליבן שטיין, אָפּגעגעבן די זאַכן און געהייסן גיין, אָנווייזנדיק מיט די הענט צום וואַלד צו. גיין און זיך ניט אָפּשטעלן, ביז מיר וועלן אָנקומען צו אַ ישוב. דאָרטן איז פאַראַן אַ באַן־סטאַנציע, און דאָס איבעריקע האָבן מיר שוין אַליין געוואוסט.

אין אַ צוויי מינוט אַרום, זיינען מיר שוין געווען אויף דייטשער ערד. מיר זיינען געגאַנגען מיט גיכע טריט, ווי מיר וואָלטן מורא האָבן, אַז די סאָלדאַטן וועלן חרטה האָבן און אונדז צוריקרופן, אָדער גאָר דערשיסן.

דער שניי איז געוואָרן טיפער און דער גאַנג שווערער. אין מאַנכע ערטער האָט דער שניי דערגרייכט אַריבער די קני. אַרום אונדז איז איצט געווען שטיל. מורא׳דיק שטיל. פון וויט ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דאָס האַווקען פון הינט. דער שאַרפער ווינט האָט ניט אויפגעהערט צו ברענען דאָס פּנים און די הענט. מיר האָבן מורא געהאַט צו רעדן, אָדער אויף אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן. מ׳האָט נאָר געהערט דאָס פייפן פונעם ווינט, און דאָס שווערע סאָפּן פון די אָנגעשטרענגטע הערצער. די קאָמפּאַניע האָט אָנגעהויבן זיך פילן מיד, אויסגעשעפּט פון די כוחות. כ׳האָב זיי שטיל געבעטן צו בלייבן שטיין, אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער די חברה, נאָך אַלץ אין שרעק טאַמער כאַפּט מען זיי, האָבן דערפון אַפילו ניט געוואָלט הערן. מיר זיינען געגאַנגען מיט די לעצטע כוחות, כאָטש מיר זיינען שוין געווען אַ פּאָר ווייאָרסט פון דער גרענעץ.

ביסלעכווייז בין איך געבליבן הינטערשטעליק. מיט יעדער מינוט אַ ביסל ווייטער פון זיי אָפּגערוקט. כ׳האָב געפילט אַז איך קען נישט גיין. אַ

געדאַנק איז מיר דורכגעלאָפן איבערצולאָזן ביידע פעקלעך, אָדער כאָטש איין פעקל, אַבי זיך צו מאַכן גרינגער.

איך האָב אָבער דאָס ניט געטאָן. און דאָס איז שפּעטער געווען פאַר מיר ממש אַ גליק.

כ׳האָב זיך מער ניט געפילט קאַלט. נאָר אַ היץ האָט מיך באַשלאָגן. דאָס לייב איז מיר געווען נאָס פון שווייס... און אָט זע איך שוין ניט קיינעם... אַליין אין דער זייט פון אַ ווילדן וואַלד... איך ווייס אַז איך דאַרף גיין גלייך פאַראויס. אָבער ווי לאַנג און ווי ווייט?

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָב איך, צו מיין גרויסער פרייד, אָנגעיאָגט די גרופּע בחורים. אַרומקוקנדיק זיך, אַז איך בין נישטאָ, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף מיר.

מיר זיינען ווייטער געגאַנגען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן הייזער. מיר זיינען אַריין אין אַ דאָרף. מיר האָבן געקויפט בילעטן. דער צוג איז באַלד אָנגעקומען און מיר זיינען געפאָרן נאָך ברעסלאַו.

דאָרט האָט מען אונדז דערקענט. און מ׳האָט אונדז געפירט אין באָד אַריין.

ניין, דאָס איז ניט קיין שפּאַס. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ לאַנגער צווייגאָרנדיקער געביידע. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט דורך דער רעכטער זייט. מיר האָבן באַדאַרפט דורכגיין אַ הויכן פאַרקן וואָס האָט דעם ערשטן שטאָק אין גאַנצן פאַרשטעלט, אַזוי ווי אַ טורמע. באַלד ווי מיר זיינען אַריין, האָט מען ביי אונדז צוגענומען די פּעק מיט זאַכן — און באַפוילן זיך אויסצוטאָן, און אַריינגיין אין אַן אַנדער גרויסן צימער וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פּאַרע און אַן אַ שיעור אייזערנע רערן. די רערן האָבן געשפּריצט מיט הייסע און קאַלטע וואַסער, צענדליקער מענטשן זיינען דאָרט געווען, אַרומגעשפּרונגען נאַקעטע, געשטיפּט און זיך מחיה געווען.

עטלעכע באַדינער, האָבן אונדז, ניט זייער העפלעך, באַטאַפּט די קעפּ, באַוואָרפן אונדז מיט שטיקער ווייך צעלאָזענע געלע זייף, וואָס האָט געהאַט אַ מאַדנעם שטאַרקן ריח. דערנאָך מיט באַרשטן אָנגעריבן די פּלייצעס און די קעפּ, און אַרונטערגעשטופּט אונטער די מעכטיקע ווי מיט נאָדלען שטעכנדע שפּריצערס.

דער וואַרעמער שטראָם וואַסער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלאַפּן די פאַרשלאָפענע קאַלטע גלידער. אַנדערע האָבן געשריגן, אַז ס׳איז צו הייס — אַנדערע אַז ס׳איז צו קאַלט. די באַדינער האָבן גאַנץ אָפט פון שפּאַס וועגן אַרונטערגעלאָזט קנאַקנדיקע פּעטש איבער דער נאַסער הויט, וואָס האָבן געבריט ווי פייער.

פונקט צוויי שעה האָט גענומען דאָס באָדן זיך. אין דער זעלבער צייט

זייגען די זאַכן מיט די מלבושים דורכגעגאַנגען דעם פּראָצעס פון אַ הייסע דיזענפעקציע.

מען האָט יעדן איינעם דערלאַנגט די בגדים, וואָס האָבן געשמעקט פריש און וואַרעם.

מ׳האָט זיך דערפילט גרינגער, מחיה׳דיקער. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעלאָזט אין אַ גרויסן זאַל, אָנגעפילט מיט הונדערטער מענטשן, מענער, פרויען און קינדער. אַלע שיין אויסגעבאָדענע, גרייט צו פאָרן צו דער שיף.

אין אַ ווינקל פון זאַל זיינען געשטאַנען צוויי דייטשן אונטער אַ בופעט, און פאַרקויפט צום עולם אַלערליי שפּייז און נאַשערייען.

דער אַפּעטיט איז געווען גרויס. די שפּייזן האָבן געגרייצט. און דער עולם האָט געהאַלטן אין איין עסן. מען האָט זיך געפרייט, געזונגען לידער, און געשפּילט אַלערליי שפּילן.

כ׳בין נאָך קיינמאָל ניט געווען צווישן אַזוי פיל גליקלעכע און צופרידע־נע מענטשן, און קיינמאָל ניט געזען אַזוי פיל שטראַלנדיקע פּנים׳ער.

איידער מ׳איז געגאַנגען שלאָפן, איז אַריינגעקומען אַן אָנגעשטעלטער און געפרעגט — ווער נאָך וויל אויסבייטן רוסישע רובלס אויף דייטשע מאַרקן. און אין איין וועגס — אויסגעטיילט בילעטן וואָס זיינען נאָר גוט אויף די באַנען, וועלכע גייען נאָך האַמבורג. עמיצער לעבן מיר האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז בעסער ווען מ׳גיט דאָס געלט פאַר אַ באַן בילעט וואָס פריער. איך האָב דעם אָנגעשטעלטן געוויזן מיין שיפקאַרטע, און ער האָט אויסגעשריען, נאָך ברעמען מיין הער! איך און נאָך אַנדערע האָבן אים גע־געבן דאָס געלט, און מיר איז אינגאַנצן געבליבן אַ מאַרק מיט עטלעכע פעניג.

מיינע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע רובל, און אויך דאָס געלט וואָס מען האָט מיר געשיקט פון אַמעריקע זיינען זיך צעקראָכן. איך האָב נאָך אַזאַ לאַנגע רייזע פאַר זיך; ווי וועל איך אויסקומען מיט אַזאַ קאַפּיטאַל, ווען אַ מאַרק איז קוים געגוג פאַר דריי קליינע מאַלצייטן, ווייס איך נישט. קיין סך דאַרף איך טאָקע נישט. ווייל אין ברעמען וועט מיר שוין די שיף קאָמפּאַניע געבן עסן ביז צום אָרט. אָבער דערווייל? און ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל דאָ דאַרפן זיין? אייניקע, הער איך, זיינען שוין דאָ צען טעג. אַנדערע ווידער, זיינען נאָך דריי טעג זיין דאָ אָוועקגעפאָרן צו דער שיף. עס ווענדט זיך וועלכע שיף און ווער עס פאָרט.

איך בין געשטאַנען אין דער באָד־געביידע אַ פולע וואָך. מיין קאָמפּאַ־ניע איז זיך צעפאָרן. כ׳בין געווען אַליין צווישן אַזוי פיל פרעמדע מענטשן. יעדן טאָג זיינען פילע אָוועקגעפאָרן, און פרישע זיינען צוגעקומען. אַ פאַר־שיידנאַרטיקער עולם — פון פאַרשיידענע שטעט, און אַלערליי לשונות.

און אַן אַ שיעור פּנים׳ער, פריילעכע, ערנסטע, לאַכנדיקע און פאַר־ציטערטע; מענטשן מיט איילעניש און אומרו, און מענטשן וואָס האָבן זיך קוים באַוועגט. עס וואָלט געווען גאַנץ אינטערעסאַנט אַלעמען צו באַטראַכטן און שטודירן. אויפן צווייטן טאָג האָב איך שוין אָנגעהויבן צו פילן הונ־געריק און פּאַפּיראָסן זיינען דאַכט מיר אַזוי טייער!

כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן באַקאַנטע. אַ קשיה אויף אַ מעשה? צווישן אַזוי פיל מענטשן, אפשר עמיצער פון שטעטל? אפשר פון אַ שטעטל אין פּאָדאָליער גובערניע? אָבער ניין! מ׳זעט ניט איינעם אַפילו ביי וועמען מ׳קען בעטן אַ גמילות חסד ביז פילאַדעלפיע... כ׳האָב געטראַכט און גע־זוכט עצות... ביז מיר איז איינגעפאַלן צו פאַרקויפן איינע פון מיינע קישנס. דער דייטש פונעם בופעט האָט זיך אַביסל געקווענקלט. אָבער צום לעצט האָט ער מיר אָנגעבאָטן שפּייז פאַר צוויי מאַרק, וואָס מ׳קאָן נעמען צו ביסלעך ווען כ׳וועל וועלן. כ׳האָב נאָך אויסגעדונגען זיך אַ פּעקל פּאַ־פּיראָסן. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען געגנוג שפּאָרעוודיק, אַז די שפּייז און ציגאַרעטן זאָלן מיר קלעקן אויף דריי טעג. יעדעס מאָל וואָס איך האָב עפּעס גענומען האָט דער דייטש באַלד פאַרשריבן, און מיר געזאָגט, וויפל עס איז פאַרבליבן פון די צוויי מאַרק. אין דערזעלבער צייט האָב איך אַוועקגעשיקט אַ פּאָסטקאַרטל אַ היים, און געבעטן, אַז שיווע זאָל מיר, אויב זי האָט, צושיקן כאָטש איין קערבל... אויפגעגעסן די צוויי מאַרק, האָב איך זיך מיישב געווען און פאַרקויפט מיין שוועסטערס קישן, אויך פאַר דעם זעלבן פּרייז. כ׳האָב אויסגערעדט מיין געוויסן, אַז קומענדיק קיין אַמע־ריקע, וועל איך איר דערציילן דעם אמת. און מיט דער צייט איר קויפן אַן אַנדער קישן.

דערווייל איז מיר געווען גוט. געגעסן קליינע וואורשטעלעך מיט זויער קרויט. געריכערט ביליקע פּאַפּיראָסן און זיך איינגעהערט אין פאַרשיידענע אינטערעסאַנטע מעשיות, וואָס מענטשן האָבן ליב צו דערציילן, ווען זיי זיינען אונטערוועגנס. איך האָב זיך אָנגעזען מיט אַלערליי טיפּן.

ניינצנטער קאַפּיטל

1

דעם זעקסטן טאָג פון מיין זיין אין דעם באָד־הויז, ווען דער אָנגע־שטעלטער האָט אויסגערופן נעמען און זיי געטיילט באַן־בילעטן, האָט ער אויך מיין נאָמען אויסגערופן, און מיר געזאָגט, אַז מאָרגן וועל איך פאָרן.

די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע — אַ שלאָפלאָזע. אין דערפרי, נאָכן פרישטיק, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ בריוו פון דער היים מיט צוויי רובל אינווייניק... ס׳האַרץ האָט מיר אַ ציטער געטאָן... כ׳ווייס וואָס פאַר אַ געלט דאָס איז... אוואו האָט שייוּע גענומען צוויי קערבלעך? מסתּמא געבאָרגט. היינט איר עגמת־נפש. כ׳האָב איר באַלד געענטפערט און האַרציק באַדאַנקט, איר צוזאָגנדיק אָפּצושיקן כפל כפלים. כ׳בין צוגעגאַנ־גען צום דייטש, מיט שטאָלץ אים דערלאַנגט אַ רובל און זיך געהייסן געבן אַ פּעקל ציגאַרעטן...

ער האָט אויף מיר געקוקט פאַרוואונדערט, און מיט רעספּעקט דער־לאַנגט אויסגאַב. נאָכמיטאָג זיינען מיר, אַ פּאָר הונדערט מענטשן, אָפּ־געפאָרן.

די רייזע האָט גענומען קנאַפּע דריי טעג. אַלע ווילע האָט מען זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט, געביטן באַנען. ווייטער געפאָרן, און ווידער זיך אָפּ־געשטעלט.

אויף מאָרגן זיינען מיר אָנגעקומען אין בערלין. אָבער די באַן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביים הויפּט וואָקזאַל, נאָר איז דורכגעלאָפן די שטאָט. מיר האָבן בלויז אַ פּאָר גאַסן געקענט זען דורך די פענצטער. אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך אויסערן שטאָט ביי אַ קליינע הילצערנע געביידע, וואָס איז געווען צו קליין אַריינצונעמען אַלעמען. זיינען טאַקע אַסך געלאָפן צוריק אין די וואַגאָנען. די וואָס זיינען אַריין, איך בתוכם, האָבן זיך געוואָרעמט אַרום אַ גרויסן אייזערנעם אויוון. געררויכערט, געשמועסט, געלאַכט, ביז מען האָט אונדז צוריקגערופן אין די אויסגערייניקטע וואַגאָנען. ביינאַכט האָבן מיר ווידער געדאַרפט בייטן דעם צוג. אָבער דאָ איז שוין ניט געווען

אַזוי באַקוועם. די מערסטע האָבן געמוזט שטיין אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס. אַנדערע זיינען, אָנגעשפּאַרט אויף זייערע פּעק, געשמאַק איינגעשלאָפן.

אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי, זיינען מיר אָנגעקומען אין ברעמען. מ'האָט אונדז אַלעמען ווי סאָלדאַטן אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות. גע־פירט איבער די גאַסן, וועלכע זיינען נאָך ערטערווייז געווען האַלב פאַר־שלאָפן. אַרבעטער מיט בלעכענע קעסטעלעך אין די הענט זיינען געגאַנגען אין די פאַבריקן, קראָמען זיינען נאָך געווען פאַרמאַכט. עס איז געווען גאַנץ קאַלט. די גאַסן זיינען געווען ריין — קיין סימן פון שניי. אַ רויך האָט גע־שלאָגן פון שטוב־קוימענס. וועגענער זיינען אַדורכגעפאָרן. כ'האָב געקערט דעם קאָפּ אַהין און אַהער. כ'האָב אַלץ געוואָלט זען אין אַ נייער שטאָט, אין אַ פרעמד לאַנד. אַלץ האָט מיך פאַראינטערעסירט; די נייקייט און פרעמדקייט, האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן און אַרויסגערופן אין מיר נייגעריקייט. אַלץ צוזאַמען האָט מיך דערמאָנט אין מיין ענדלעכן ציל.

מיר זיינען געגאַנגען אַ היפּשע שטרעקע, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרויסע געביידע, וואו עס איז געווען דער קאָנטאָר פון דער שיף גע־זעלשאַפט. דאָ זיינען געזעסן אַ פּאָר צענדליק דייטשן. די מערסטע באַ־בערדלטע מיט גלאַנציקע אויסגעקראַכענע קעפּ, און מיט שווערע, פאַרדריי־טע בלאָנדע וואָנצעס. דאָ האָבן זיי אויפגענומען ביי זייערע שרייב־טישן די שרעגגעס מענטשן. איבערגעקוקט די שיפקאַרטן, געלייגט אַ חתימה, און אָפּגעשיקט צו אַן אַנדער טיש. יענער, האָט ווידער איבערגעקוקט די פּאַ־פּירן, עפּעס געפרעגט, פאַרשריבן, און אויך געלייגט אַ חתימה.

נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן עולם, איז דאָ געווען אַ וואונדערבאַרע אָרדנונג, מיט פּינקטלעכקייט און שנעלקייט.

פאַרטיק געוואָרן אין קאָנטאָר, האָט מען אונדז געפירט, טאַקע נישט ווייט דערביי, אין אַ ריזיקן הויף. אויך אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקן. עס האָט זיך געעפנט אַ ברייטער טויער אַדורכצוגיין. דאָ האָבן מיר גע־טראָפן גאָר אַ גרויסן עולם. עס איז געווען אַ גרויסער טומל. אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן זיך באַוועגט אינעם גרויסן זאַל. אויך דאָ איז געשטאַ־נען אַ בופעט מיט עסנוואַרג און געטראַנקען, אַרום וועלכן מענטשן זיינען געשטאַנען און זיך געלאָזט וואוילגיין. אַ גראָבער גוי מיט אַ גלאַנציק פעט פאַרשוויצט פּנים, איז אַרומגעגאַנגען צווישן עולם מיט אַ גרויסן געפלאָכ־טענעם קויש, אָנגעפילט מיט פאַרשיידענע פּאַטראָוועס וואָס רייצן דעם אַפּעטיט. און כאָטש דער עולם האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן פרישטיק האָבן דאָך אַ סך געהאַלטן אין איין קויפן געזאַלצענע און זיסע נאַשערייען.

אַרום צוועלף אַזייגער, האָט מען אונדז, די ערשטע־געקומענע, געפירט עסן מיטאָג. די וואָס זיינען שוין דאָ פון פריער זיינען אַליין געגאַנגען. מיר

זייגען אַריין אין אַ גרויסן זאַל, דעם גרעסטן, וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען. דער זאַל איז געווען געגרייט מיט הונדערטער טישן, אפשר פּאָר אַ פּאָר טויזנט מענטשן. דאָס איז געווען די אַלגעמיינע קיך. יעדער איינער האָט זיך געזוכט אַן אָרט ביי אַ טיש. און צענדליקער באַדינער אין ווייסע פאַרטוכער און היט, האָבן אויף וועגעלעך צוגעפירט און אויסגעטיילט דאָס עסן.

דער טומל פונעם עולם, דאָס קלאַפּן פון טעלער, לעפל און גאָפּל, דאָס אויסרופן דורך אַ ברייטע טרובע אַלע רגע אַן אַנדערנס נאָמען, האָט געקענט טויב מאַכן.

כ׳בין שנעל אַרויס. אַליין געגאַנגען צוריק דורך אַ גאַס מיט צווייטשטאָקיקע הייזער, מיט אָפענע גאַניקעס און טרעפּ, מיט קליינע גערטנדלעך ביי די זייטן. די דאָזיקע גאַס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון און יעדעס מאָל וואָס איך גיי פאַרביי געווייסע גאַסן אין ברוקלין, דערמאָן איך זיך אין יענער גאַס. דאָ איז געווען שטיל. דאָ און דאָרט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פרוי מיט אַ קינדער־וועגעלע. אַן אַלטער מאַן מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל. און ריין איז געווען, זויבער, מיטביימער ביי די טראָטואַרן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאַקעטע און געציטערט מיט זייערע דינע צווייגעלעך, פון דעם קאַלטן ווינט, וואָס האָט אויף זיי געבלאָזן.

דערנאָך בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַס, אַ מער לעבעדיקע, אַ באַוועגלעכע, מיט רייכע מאַגאַזינען און גרויסע שויפענצטער ווי אין וואַרשע. כ׳האָב באַטראַכט און באַוואונדערט די אַלערליי סחורות וואָס זיינען קונציק געווען אויסגעלייגט און פאַנאַנדערגעשפּרייט מיט אַזאַ פאַרבן־רייכקייט, אַז ס׳איז פשוט געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן.

כ׳בין איינפאַך באַגייסטערט געוואָרן פון די קאָלירנדיקע שויפענצטער און געטראַכט, אַז דאָ איז אַלץ אַזוי שיין. ווי קען שוין זיין אין אַמעריקע?

כ׳בין צוריק געקומען. כ׳האָב מיך געוואונדערט, ווי אַזוי דער וואַכמאַן ביים טויער האָט מיר אַריינגעלאָזט, נישט ווויסנדיק ווער איך בין און נישט פרעגנדיק אויף קיינע פּאַפּירן. אָבער דערנאָך האָב איך אויסגעפונען, אַז אַלץ, וואָס ער דאַרף, איז אַ קוק טאָן אויפ׳ן נאָמען פון דער שיף־געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אויפן פיר־עקנדיקן בענדעלע מיט רויטע בוכשטאַבן צוגעשפּילעט צום לאַץ פון מיין מאַנטל.

עס איז געווען טומלדיק און פריילעך. אייניקע האָבן געגעסן. האָבנדיק גענוג געלט צו קויפן, האָבן זיי זיך געפוילט צו שלעפן אין דער גרויסער פריער קיך וואו מען גיט אַלע טאָג דאָס זעלבע עסן, וואָס קריכט שוין פון האַלדז.

אַזוי האָבן זיך מאַנכע באַקלאָגט און אַרויסגעוויזן אומגעדולד און אַ נערוועזיטעט, מחמת זיי זיינען שוין דאָ געווען מער פון צען טעג.

כ׳האָב מיר געשאַרט פון איין גרופּע צו דער צווייטער, וועלכע זיינען געזעסן אויף זייטיקע בענק און געשמועסט, געלאַכט, באַדויערט, אויסגערעדט און זיך דערציילט וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין זייער לעבן.

אַנדערע האָבן אַפּילו געוויינט. ביי אייניקע זיינען די פּאַפּירן אָדער שיפסקאַרטן ניט אין אָרדנונג. דער נאָמען ניט ריכטיק. אַוועקגעשריבן קיין אַמעריקע און דאָ דאַרף זייער שיף באַלד אָפּגיין. אַנדערע זיינען שוין דורכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר נאָך לעצטע וואָך, נאָר פּלוצים זיינען די אויגן קראַנק געוואָרן און איצט מוזן זיי וואַרטן, ווער ווייסט ווי לאַנג? אַנדערע וואַרטן אויף עמיצן פון דער פאַמיליע, וואָס דאַרף אָנקומען — און נישט מען זעט און ניט מען הערט. די וואָס לאַכן האָבן קאָמישע פּאַסירונגען דורכגעלעבט אויפן וועג, און זיי קוועלן אָן. די וואָס שמועסן שטיל און ערנסט, באַהאַנדלען די פּאָליטישע ענינים. אין אַ ווינקל זיצן עטלעכע, וואָס דערציילן זיך נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשיות. ווייבער האָבן אַן אַרבעט נאָכצולויפן די קינדער וואָס האָבן זיך ווילד שטיפּעריש אַוועקגעלאָזט איבערן זאַל קאָמאַנדעווען. שלאָגן זיך מיט אַנדערע קינדער, אָדער שפּילן זיך, ווער ווייסט וואָס זיי קען זיך נאָך חלילה אָנבעמען פון זיי.

איך האָב נאָך דערווייל קיין שום באַקאַנטשאַפט ניט געמאַכט. און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. עפּעס וואַג איך נישט. עפּעס דריקט מיר. עפּעס גיי איך אַרום ווי אַ דערשלאָגענער. איך בין ערנסט און פאַרטראַכט, נאָר איך ווייס ניט פאַר וואָס. אפשר דערפאַר וואָס איך האָב נישט קיין צוזבראָכענעם פּעניג? אפשר דערפאַר וואָס איך וויל אַ פּאַפּיראָס פאַררויכערן, און איך האָב נישט?

עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס אַ יידענע האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר, און מיט אַ זיס שמייכעלע געפרעגט, אויב איך קען שרייבן, און אויב איך וויל אַזוי גוט זיין, וועט זי ברענגען טינט און פען מיט פּאַפּיר. זי וויל שיקן אַ בריוו צו איר מאַן קיין אַמעריקע.

כ׳האָב זיך מיטאַמאָל דערפילט אויפגעמונטערט. און אַרויס פונעם אומעט וואָס האָט מיך באַהערשט. זייענדיק צופרידן וואָס עמעצער האָט אָנגעהויבן רעדן צו מיר האָב איך געענטפערט: פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. נאָר איך ווייס נישט... ווייל מיין כתב איז שווער צו לייענען... און כ׳האָב שוין לאַנג ניט געשריבן... אויב איר מיינט אַז...

די יידענע האָט מער נישט געוואָלט הערן. זי האָט מיך באַדאַנקט און

איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען מיטן שרייב־געצייג אין איין האַנט, און מיט'ן קליינעם ייִנגעלע אין דער צווייטער.

אָבער דאָס קינד האָט נישט געוואָלט איינזיצן אויף איר שויס. ער האָט זיך געריסן פון אירע הענט, זיך געדרייט, געשפּריצט מיט די ליפּע־לעך און געקראָכן מיר אין פּנים אַריין מיט די קליינע הענטעלעך...

אַלע ווײַלע האָט זי אים אַ הויב געטאָן, און מיט כעס אַרונטערגעלאָזט אויף דער קני מיט דער כוונה אים ווי צו טאָן ס'געזעסל... אָבער וואָס מער זי האָט אים אויפגעהויבן און אַרונטערגעלאָזן אַלץ מער איז ער געוואָרן אומרואיק און קאַפּריזנע ביז זי האָט אים געמוזט אַפּלאָזן.

דערנאָך האָט זי מיר גענומען דיקטירן דעם בריוו:

— צו מײַן פיל געליבטן און הויכגעשעצטן מאַן אברהם וועלוול, זאָל לעבן. ערשטנס קען איך דיר שרייבן, אַז איך און משה'לע זײַנען גאָט צו דאַנקען געזונט. גאָט זאָל געבן אַז מיר זאָלן זיך אין גיכן זען געזונטער־הייט, אמן. און צווייטנס קאָן איך דיר שרייבן, אַז איך בין בשלום אָנגע־קומען קיין ברעמען. און אַז. וו. א. וו.

די פרוי האָט מיך געהאַלטן באַשעפטיקט אַ לאַנגע צייט. כ'האָב איר אַלע מינוט געמוזט זאָגן וואָס איך האָב אָנגעשריבן. און ווען כ'האָב געענ־דיקט, האָב איך ערשט באַדאַרפט איר איבערלייענען דעם גאַנצן בריוו פון אַכט זײַטעלעך. און ווען בעת איך האָב געלייענט האָבן זיך ארומגעשטעלט עטלעכע ווײַבער און אַ פּאָר ייִדן ביז'ן לעצטן וואָרט אויסגעהערט. זיי האָבן געזאָגט מבינות — אַז ס'איז אַ פײַנער בריוו — זייער אַ פײַנער בריוו.

אַזוי בין איך פּלוצים געוואָרן פּאָפּולער. ווײַבער האָבן מיך גאַנצע טעג געהאַלטן פאַרנומען אין שרייבן פאַר זיי בריוו. אַ וועלט מיט סודות האָב איך אויסגעהערט. נײַעס און לשון־הרע, פריידן און לײַדן, ליבע און האַס, זײַנען דורך מיר דורכגעגאַנגען און פון מיך באַשריבן געוואָרן.

2

אַלץ וואָלט געווען גוט ווען אויפ'ן האַרצן וואָלט נישט געווען אַזוי טרויעריק, אָדער ווען די ווײַבער האָבן שכל, און אַביסל יושר און באַצאָלן מיר כאָטש אַ פּאָר פעניג פאַר יעדן בריוו. מיט וואָס בין איך ערגער פון מײַן אַמאָליקן אהרון מלמד, וואָס פלעגט פאַר ייִדן און ווײַבער שרײַבן קווי־טעלעך מיט בקשות צום הייליקן רבין און פאַר יעדן קוויטל קריגן צען גראָשן? אַזוי האָב איך געטראַכט, ניט זײַענדיק זיכער, צי וואָלט איך טאַקע גענומען געלט ווען זיי באָטן מיר אָן אַפילו... כ'וואָלט זיך געשעמט... גלאָט אַ נאַרישער געדאַנק דורכגעלאָפן אין קאָפּ. — דער גראָבער דײַטש

אין ווייסן פֿאַרטוך, מיט׳ן קויש בייגל, וואורשט, קאָנפֿעטן, ציגאַרעטן און פּרוכטן, איז פֿאַרבייגעגאַנגען... ווייל כ׳האָב ניט מיט וואָס צו קויפֿן, רייצן מיך אָט די אַלע זאַכן, ווינקן צו מיר, און איך כאַפּ זיך אינסטינקטיוו צו דער קעשענע... אָבער וואָס איז דאָס?! מיר דאַכט זיך אַז כ׳האָב עט־לעכע מטבעות אָנגעטאַפּט, אמת׳ע מטבעות! אַ וואונדער! ווי קומט צו מיר געלט? אויב איך חלום נישט איז עס זיכער געלט. און כדי אויסצוגע־פֿינען, אַז ס׳איז ניט קיין חלום, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן דייטש. גע־קויפֿט אַן עפּל מיט אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן. כ׳האָב פֿאַררויכערט און מיט אַ זעלטענע הנאה אַריינגעצויגן דעם רויך. און כ׳וואָלט מיט עמיצן וועלן רעדן, טיילן מיין איבעררעשונג... מיין האַנט לאָזט זיך ווידער אַריין אין דער קעשענע און איך טאַפּ ווידער אַן מטבעות, אַ סך מער ווי פֿריער. מיר ווייזט זיך אויס אַז צווישן מיינע פֿינגער אין קעשענע גליטשן זיך אָן אַ שיעור זילבערנע און גאָלדענע מטבעות... דאס איז שוין זיכער אַ חלום... כ׳וואָלט ביי עמיצן געפֿרעגט. כ׳פֿיל אַז ס׳פֿאַרכאַפּט מיך דער אָטעם... און אָט קוקט עמיצער אויף מיר מיט אַזעלכע שאַרפֿע דורכדרינגענדיקע אויגן.

דאָס זיינען שפּיציקע גרויע אויגן, וואָס קריכן מיר אין האַרצן אַריין... באַלד ווערן זיי אַנדערש; ווייכער, צאַרטער, פֿריילעכער און ווי אין אַ שמייכעלע איינגעטונקט... איצט פֿיל איך, ווי די בליקן לאַשטשען מיך מיט אַזאַ וואַרעמקייט... און אָט זיינען נאָך בליקן וואָס קוקן אויף מיר... כ׳האָב זיך אַ לאָז געטאָן צווישן דעם געדיכטן עולם אין זאַל, און פּלוצים האָב איך נישט נאָר געזען איר שמייכל, נאָר כ׳האָב אויך דערפֿילט איר אָטעם...

ניין! דאָס איז ניט געווען קיין חלום. דאָס איז געווען אויפֿן וואָר. כ׳האָב דערזען אַ יונגע פֿרוי מיט אַ פּאָר קלוגע שמייכלענדיקע אויגן.

— אַנטשולדיקט, האָבן מיר זיך ערגעץ וואו געזען? האָב איך שעמעוו־דיק אַ פֿרעג געטאָן.

— געוויס. האָט זי קאָקעטיש חנ׳עוודיק געענטפֿערט. אָבער איר זייט אַזוי פֿאַרטראַגן אין די הימלען. אַזוי פֿאַר׳חלום׳ט!

— איך האָב אייך שוין ערגעץ געזען, זאָגט איר?

— זיכער. מיר זיינען שוין דאָ עטלעכע טעג צוזאַמען. געקומען גלייך מיט אייך, האָט זי געזאָגט לאַכנדיק.

— איך בין ווירקלעך די גאַנצע צייט געווען פֿאַרטראַכט און פֿאַר־זאָרגט. און ערשט ניט לאַנג, איידער כ׳האָב אייער בליק אויפֿגעכאַפּט, בין איך זייער איבעררעשט געוואָרן...

— איבעררעשט? פֿון וואָס?

— איבערראַשט איבער אַ מאָדנעם צופאַל. אין מיין קעשענע, וועלכע איז פולשטענדיק לײדיק געווען, האָב איך פלוצים געלט געפונען.

— אַ מאָל פּאַסירן וואונדער, האָט זי שמייכלענדיק געענטפערט.

— איך גלויב ניט אין קיין נסים, אָבער איך וואָלט וועלן, אַז עמיצער זאָל מיר אויפקלערן אָט דעם „נס".

— אפשר האָט זיך ביי אייך געוואָלגערט אַביסל קליין געלט און איר האָט דערפון ניט געוואוסט? האָט זי ערנסט געפרעגט.

— ניין. כ'בין אַזוי זיכער אַז כ'האָב גאָר נישט געהאָט קיין געלט. וויילכ'האָב אַזוי פיל מאָל געזוכט אַלע מיינע קעשענעס, ווען איך האָב געוואָלט עפּעס קויפן.

די געשיכטע קומט מיר פאָר ווי אַ רעטעניש!

— אפשר האָט אייך עמיצער עפּעס געגעבן פאַר שרייבן אַ בריוו, און איר האָט פאַרגעסן?

— יאָ. כ'האָב אפילו געהערט אַ פּאָר מאָל ווי איר האָט די בריוו איבערגעלייענט — און איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט. איר שרייבט זייער שיין.

— כ'האָב אויך דערפון געטראַכט. אָבער קיינער האָט מיר גאָר ניט געגעבן. און פלוצים דערפיל איך געלט אין קעשענע!

און איך האָב איר דערציילט, אַז אין ברעסלאַו האָב איך געמוזט פאַרקויפן מיינע קישנס. און די צוויי קערבלעך, וואָס מיין שטיפמאַמע האָט מיר צוגעשיקט זיינען ביי מיר אַוועק נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אין ברעמען.

זי האָט אַרויסגעוויזן מיטגעפיל און אַ זאָג געטאָן:

— מיט דער צייט וועט איר אפשר דעם רעטעניש אויסגעפינען. אָבער דערווייל לוינט זיך ניט צופיל צו טראַכטן דערפון און אַרומגיין דערפון גאָר פאַרזאָרגט.

כ'האָב אַרויסגענומען דעם עפּל וואָס איך האָב געקויפט ביים דייטש, און איר דערלאַנגט. זי האָט געזאָגט אַ שיינעם דאַנק, — און מיט אַ קנאַק פון די ציין איינגעביסן דעם עפּל און מיר האָבן זיך ווי היימישע פריינד אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

עטל האָט זי געהייסן. זי איז געווען אַן אינטעליגענטע מיידל. זי האָט שיין גערעדט און געהאַט אַזאַ אָנציִענדן שמייכל.

איר געשמאַקער יידיש איז געווען פול מיט הומאָר. זי האָט אין מיר אַרויסגערופן פרייד און געלעכטער.

זי איז פלוצים ערנסט געוואָרן. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי פאָרט צו אַ שוועסטער אין פילאַדעלפיע. זי האָט געחלומט אַמאָל צו ווערן אַ

דענטיסטין. אָבער מאַלע פון וואָס מענטשן חלומ'ען אַלץ אין רוסלאַנד ? איך בין ניט די איינציקע—זאָגט זי ; אַ סך טויזנטער מענטשן האָבן ניט געקענט דערגרייכן זייער ציל. אַלגעמיינע אומשטענדן. דער פאַקט וואָס איך בין אַ יידישע טאָכטער, האָט מיר אַ סך געשטערט. און כאָטש מיין פאָטער איז ניט קיין אָרעמאַן זיינען אָבער אין שטוב פאַראַן נאָך קינדער... און עס האָט מיר מיט אַמאָל אָנגעהויבן ציען צום פרייען לאַנד אַמעריקע. פריי-ער זיינען מיינע עלטערן געווען געגן דעם איך זאָל פאָרן, אָבער זיי האָבן מיר ענדלעך דערלויבט, האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

דאָס קורצע דערציילן פון איר לעבן און דער אופן ווי זי האָט עס דערציילט, האָט אין מיר אַרויסגערופן סימפּאַטיע צו איר. מיר האָט זיך געוואָלט איר דערציילן אויך אַביסל פון מיין לעבן, נאָר עפּעס האָט מיר אָפּגעהאַלטן, ווי איך וואָלט זיך שעמען מיט מיין פאַרגאַנגנהייט.

מיך האָט געצויגן אין איר געזעלשאַפט.

זי האָט אין מיר אַ נייַ לעבן אַריינגעבלאָזן. שטיל אין האַרצן האָב איך זיך געפרייט, וואָס אַזאַ אינטעליגענטע מיידל געפינט אַן אינטערעס מיט מיר צו פאַרברענגען. ווען זי פלעגט מיך נאָר דערזען, האָט זי גלייך אַרויס-גענומען אירע אויגן פונעם רוסישן בוך וואָס זי האָט געליינט. עס איז געווען טאָלסטאָי'ס אַ ראָמאַן. זי האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און גלייך פאַר מיר געמאַכט פּלאַץ צו זיצן. און ווען איך האָב זיך אָוועקגעזעצט, האָט זי פאַרבויגן אַ בלעטל און אָוועקגעלייגט דאָס בוך. איך האָב געצי-טערט, טאָמער גיט זי מיר אַ פרעג צי איך האָב געליינט טאָלסטאָי'ס ווערק. און אפשר וועט זי וועלן וויסן וואָס איך האָב געטאָן, וואָס כ'האָב געלערנט. וואָס איז מיין מלאכה. און צי האָב איך באַלאַנגט צו דער רע-וואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אָבער כ'האָב זיך אומזיסט געשראָקן. עטל איז נישט נאָר געווען סימ-פּאַטיש און ליבלעך, נאָר אויך קלוג און טאַקטיש. זי האָט מיך וואָרשיינלעך פאַרשטאַנען. זי האָט ניט גערעדט וועגן זאַכן פון וועלכע איך זאָל זיך פילן אומבאַקוועם.

זי איז געווען די ערשטע מיט'ן פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן גיין אויף אַ שפּאַציר. איך האָב פאַרשטייט זיך צוגעשטימט. זי איז אַרויף אויפ'ן צווייטן שטאָק, און באַלד אַרונטער אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם פוטערנעם מאַנטל, מיט אַ חנ'עוודיק היטעלע און הענטשקעס, וואָס האָט איר געמאַכט אויסזען פריי-ציש. איך האָב געטראַכט פון מיינע בגדים... און זי האָט אַ צופרידענע אַן עפּן געטאָן די טיר, און מיר זיינען אַרויס אין דרויסן.

אַ טונקלקייט האָט זיך געשפּרייט איבערן שטאָט פונעם פאַרוואָלקנטן הימל. עס האָט געשמעקט מיט אָנקומענדיקן שניי. פרעמדע איילנדיקע

מענטשן זיינען אונדז געקומען אַנטקעגן. מיר זיינען געגאַנגען אַליין ניט ווייסנדיק וואוהין. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ בריק, און אַרונטער־געקוקט אין גרויען וואַסער, אויף וועלכן שלעפּ־שיפן זיינען פֿאַרבייגע־שוואומען, און שווער געאָטעמט מיט רויך און פֿאַרע. פֿאַר איר איז עס ניט געווען קיין נייעס. אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין שיפן אויפ׳ן וואַסער, און זי האָט אָנגעקוואָלן פון מיין באַוואונדערונג.

נאָכן יעדן מאָלצייט פלעגן מיר אָפּט שפּאַצירן איבער די גאַסן פון ברעמען. גייענדיק פלעגט זי מיך אָננעמען אונטער דער האַנט, זיך אָנהענ־גען — אַרויפקוקן צו מיר און שמייכלען.

דאָס ערשטע מאָל, האָב איך זיך געפילט מאָדנע. אַביסל שעמעוודיק. אָבער דערנאָך האָב איך זיך צוגעוואוינט. געוואָרן מיט איר היימישער, דרייסטער. כ׳פלעג זי נעמען אונטערן אָרעם. זי האָט אַרויסגעוויזן צו־פרידנקייט, און זיך געטוליעט צו מיר, ווי זי וואָלט זיך וועלן שיצן פון דער עסנדיקער קעלט און פון ווינט וואָס האָט געבלאָזן פון ים.

איינמאָל, אַן אָוונט, ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט די רייכע קראָמען, האָב איך פּלוצים דערפילט איר האַנט אין מיין קעשענע. מיר איז מיט אַ מאָל עפּעס קלאָר געוואָרן, ווייל כ׳האָב טאַקע באַלד דאָרט געלט געפונען...

כ׳בין געבליבן שטיין מיט אַ פראַגע צייכן אויף מיין פּנים, און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. אָבער עטל, ווי ניט איר מיינט מען עס, האָט זיך כלומר׳שט אַ פאַראינטערעסירטע אַ לאָז געטאָן צו דער גרויסער קראָם וואָס איז געווען דערביי, און אַריינגעקוקט אינעם עלעקטריש־באַלויכטענעם פענצטער מיט סחורות.

זי האָט דערפילט מיינע בליקן אויף זיך, האָט זי זיך אומגעקערט און מיט אַ זיסן שמייכל אַרויסגערעדט:

— כ׳האָב אייך געזאָגט אַז איר וועט אַמאָל אויסגעפינען...

— אָבער, וואָס האָט אייך באַוועגט דאָס צו טאָן? האָב איך געפרעגט אַ פאַרוואונדעטער.

— ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איר האָט ניט קיין גראָשן ביי דער נשמה, האָט זי געענטפערט מיט געפיל.

— ווי אַזוי האָט איר געוואוסט?

— ווייל כ׳האָב אייך אָנגעקוקט און באַמערקט אייער פאַרזאָרגט פּנים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ סימן? — פאַראַן מענטשן וואָס קוקן אויס פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן גענוג געלט.

— ניין! אייער זאָרג איז געווען גאָר אַנדערש. אויסער דעם האָב איך

באַמערקט אייער זשעדנעקייט עפּעס צו קויפן. איר האָט געליטן. האָט זי געענטפערט אַפּנהאַרציק.

איך האָב מיט דאַנקבאַרקייט איר האַנט געדריקט. און ווען אים שעם זיך נישט, וואָלט איך איר אין מיט'ן גאַס געקושט אירע פון קעלט פאַררויטלטע באַקן... דאָס וואָלט געווען אַן אמת האַרציקער אויסדרוק פון טיפער דאַנקבאַרקייט, פון ריינע געפילן און אמת'ע פריינדשאַפט.

— ווייסט איר כאָטש וואָס דאָס מיינט? האָב איך ביי איר אַ פרעג געטאָן?

— וואָס מיינט איר?

— דאָס וואָס איר האָט געטאָן מיינט מתן בסתר.

— וואָסזשע מיינט מתן בסתר?

— עס מיינט, העלפן עמיצן אויף אַ שטילן פאַרבאָרגענעם אופן. דאָס איז אַ זייער הויכע מידה ביי פרומע יידן.

— איך בין גראָדע ניט קיין פרומע, נאָר צייטנווייז ערלעך און מענטשלעך. אויב איר ווילט רעכנט עס פאַר אַ גוטער מידה.

— געוויס, געוויס. כ'ווייס נישט פון קיין שענערן טאַט. האָב איך אַביסל הייזעריק געענטפערט, אָבער ווער גיט דאָס אַוועק געלט?

— ערשטנס, איז עס ניט קיין געלט נאָר עטלעכע גראָשן. צווייטנס, פאַר איך דאַרף קיין אַמעריקע, וואו מ'זאָגט, אַז גאָלד וואַלגערט זיך ממש אין די גאַסן, וואָס זשע דאַרף איך זשאַלעוועון? פונדעסטוועגן זאָלט איר ניט מיינען, אַז איך האָב אַ טבע צו קריכן אין אַלעמענס קעשענעס, און גיב יעדן איינעם געלט, האָט זי פאַרענדיקט האַלב ערנסט. לאָמיר מער ניט רעדן דערפון.

אויף מאָרגן, זיינען אַלע וואָס האָבן געזאָלט אָפּפאָרן מיט דער שיף „בראַנדענבורג" — אונטערזוכט געוואָרן פון עטלעכע דאָקטוירים, וואָס האָבן באַקוקט און עקזאַמינירט אַלע אברים. אַ סך האָט מען אָפּגעשטעלט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. אַנדערע האָט מען אין גאַנצן אויסגעבראַקירט. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרוויינטע, פאַרצווייפלטע, און זיך געבראָכן די הענט, ווי עס וואָלט זיי דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפן. די וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די דאָקטוירים, און מ'האָט זיי דערקלערט פאַר פולשטענדיק געזונט, און ווינטשנסווערט אַריינצוקומען אינעם גאָלדענעם לאַנד, זיינען אַרויס פריילעכע, גליקלעכע און זיך באַלד גענומען גרייטן צו דער רייזע אויף'ן ים.

יענע נאַכט אין ברעמען, אויף די דריי עטאַזשנע בעטלעך, האָט קיינער ניט געקענט שלאָפן. אומזיסט האָבן זיך די עלטערע מענטשן געבעטן, אַז ס'זאָל זיין שטיל. זיי ווילן שלאָפן. אומזיסט זיינען די באַדינער אַלע ווײַלע

אַרײַנגעקומען און האַלב שטרענג באַפֿוילן צו זײַן רואיק. די יוגנט האָט געשטורעמט, געשטיפּט, געפּאַטשט מיט די הענט, און געזונגען ייִדישע און רוסישע לידער. זײ זײַנען געווען זאָרגלאָז, פֿרײלעך, הפֿקר׳דיק, אָבער פֿרײַנטלעך אײנער צום צווייטן ווי געוויינטלעך, אונטערוועגנס. זײ האָבן זיך אַפֿילו ניט גערעכנט מיט די וואָס זײַנען געלעגן אויף די בעטלעך און שטיל געכליפּעט...

דער טומל האָט אָנגעהאַלטן אפֿשר ביז פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג. נאָך אַ קורצן אָבער געשמאַקן שלאָף, האָט מען אונדז אויפֿגעוועקט. די זינגער און שרײַער האָט מען גאָר ניט געקאָנט אויפֿרייסן.

אין וואַש־צימער איז געווען גאַנץ קיל. אַלע האָבן פֿויל געגענעצט. די עלטערע ייִדן זײַנען פֿריער פֿון אַלעמען אַרײַן אײנעם גרויסן זאַל, זיך פֿאַר־קליבן אין די האַלב פֿינצטערע ווינקלען. אויף גיך זיך אײַנגעוויקלט אין טלית און תּפֿילין און דערווייל אָפּגעדאַוונט. דער עולם האָט זיך אויסגע־זעצט אַרום די טישן — גרייט צו עסן פֿרישטיק.

בײַ אַ טיש נישט ווײַט פֿון מיר, האָב איך באַמערקט עטלעכע. זי איז גע־זעסן קעגנטיק צווישן באַקאַנטע יונגע לײַט און מײדלעך. זײ האָבן גערעדט אויף רוסיש. אויף עטלעכע פּנים זײַנען נאָך געווען שפּורן פֿון נאַכטיקן שלאָף. מיר האָבן זיך גלײַכצײַטיק באַמערקט און באַגריסט.

באַלד זײַנען אַרײַן אַ פּאָר באַדינער מיט גרויסע קרוגן הײסע קאַווע, וואָס האָט מיט אַ געשמאַקן רייצנדיקן ריח געשלאָגן אין דער נאָז אַרײַן. אַנ־דערע האָבן אויסגעשטעלט שיסלען קאַשע מיט מילך, פֿרישע זעמעל מיט פּוטער, און דער עולם האָט זיך מיט גרויס חשק צוגעכאַפּט צו דער אכילה. מ׳האָט געשטיפּט, געשפּאַסט און געקלאַפּט מיט די לעפֿעלעך איבער די גלעזער און אויסגעליידיקטע קאַווע טעפּעלעך.

עטל האָט פֿאַרלאָזן דעם טיש. צוליב די פֿרײַנד וואָס האָבן איר באַ־גלייט, האָב איך ניט געפֿילט ווי צוצוגיין צו איר.

מען האָט זיך באַלד געגומען אײלן. אין אַ שעה אַרום דאַרף מען פֿון דאַנען אָפּפֿאָרן צו דער שיף. כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן עטלען. אָבער איך האָב זי ניט געקענט געפֿינען. עס איז געווען צופֿיל טומל, צופֿיל אויפֿרעגונג. אין געדראַנג און ענגשאַפֿט, האָט אײנער געזוכט דעם צווייטן, אויסשרײַענ־דיק דעם נאָמען. הונדערטער מענטשן האָבן גערעדט, געשריען, גערופֿן. ביסלעכווײַז האָבן זיך גרופּירט אײגענע, באַקאַנטע און משפּחות. מ׳האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט די פּעקלעך בײַ די פֿיס, גרייט צו גײן. און אָט איז ענדלעך געקומען דער באַפֿעל און מ׳האָט זיך מיט אַ פֿריילעכן געפֿיל־דער און פֿײַפֿערײַ און געזאַנג, אַרויסגעלאָזט דורך דעם ברייטן טויער.

דער פֿרימאָרגן איז געווען טונקל און קאַלט. אַ לײַכט, טרוקן שנײעלע

האָט געגומען פאַלן. אונטער די פּיס איז געווען אַביסל גליטשיק. מיר זיינען געגאַנגען אַ קורצע שטרעקע צו דער ספּעציעלער באַן וואָס האָט אונדז געפירט צו דער שיף.

אין אַ שטונדע שפּעטער, אַרום ניין אַזייגער, זיינען מיר שוין געווען אין אַ ריזיקע געביידע מיט ברייט צעעפנטע טויערן, דורך וועלכע מ׳האָט געקענט זען דעם ים. די געביידע וואָס איז האַלב געשטאַנען אויפ׳ן וואַסער, איז אינווייניק געווען זייער הויך, מחמת אַן אַ סטעליע. טייל ווענט און דער דאַך פון געקאַרבטן בלעך געבויט. אַרום און אַרום פאַרלייגט מיט אַלערליי סחורות, קאַסטנס און פעסער. זעק אַנגעשטאָפּטע, אַ סך פּעק און לייוונט געוויקלט, און מיט אייזערנע רייפן אַרומגענומען. צוג־ווינטן האָבן זיך אַרומגעוויגט און געוואָיעט. אַרבעטער אין גראָבע הענטשקעס האָבן אויף טאַטשקע וועגעלעך געהאַלטן אין איין פירן שווערע משאות אויף דער שיף אַרויף.

מיר זיינען געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, ביז מ׳האָט אָנגעלאָדן די שיף. דערווייל האָט מען אונדז אַנגעהאַנגען אויף די לאַצן פון די מאַנטלען, ווייסע צעטעלעך מיט רויטע און שוואַרצע נומערן. מיר האָבן זיך אַנגעהויבן לאַנג־זאַם באַוועגן. דורך איבערגעוואָרפענע שמאָלע בריקן מיט פּאַרענטשעס, זיינען מיר אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עפּעס רירט זיך אונטער מיינע פּיס. די ריזיקע אַלטע שוין ערטערווייז אָפּ־געקלאַפּטע, פאַרזשאַווערטע שיף „בראַנדענבורג״, האָט זיך שוין באַצייטנס געגומען באַוועגן. כוואַליעס זיינען פון ערגעץ אַנגעקומען. און האָבן זיך אַלע ווייַלע מיט ווייסן שוים אַנגעשלאָגן אָן אירע שטאָלענע זייטן.

מ׳האָט אונדז אַנגעוויזן וואוהין צו גייען. רויטע נומערן אין איין זייט, שוואַרצע אין דער צווייטער.

איך און אַ סך אַנדערע זיינען אַרונטער מיט עטלעכע טרעפּ, און אַריין אין אַ גרויסע שמאָלע קאַיוטע.

אַרום די ווענט, ביזן סאַמע פאַרשאַרפטן ווינקל, זיינען געשטאַנען דריי עטאַזשנע בעטלעך. עס איז געווען טונקל. די רונדע פענצטערלעך זיינען געווען אַזוי נידריק, אַז מ׳וואָלט זיי אויפגעעפנט, וואָלט מען מיט דעם האַנט לייכט געקענט דערגרייכן דאָס וואַסער.

מיין בעטל איז געווען דאָס סאַמע אונטערשטע, נעענטער צום בויך פון דער שיף, און לעבן איינע פון די קיילעכדיקע פענצטערלעך, אויף וואָס אַנדערע האָבן מיר מקנא געווען.

כ׳האָב אַוועקגעלייגט דערויף מיין רענצל און געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט פּלוצים געוואָרן דער באַלעבאָס איבער אַן אייגנטום. איבער עפּעס, וואָס איך קען אויף אַ געוויסע צייט אָנרופן מיינס. און מיט דעם

געפיל בין איך אַרויס אויפ׳ן דעק. געטראַכט, אפשר וועל איך אַנטרעפן עטלעכע. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזען אויף איין זייט יבשה מיט געבײַדעס, און אויף דער צווייטער, אויף ווי ווײַט דאָס אויג קאָן כאַפּן — וואַסער און וואַסער.

אויף דער שיף איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערשע טעטיקייט: מאַטראָזן זײַנען אין איילעניש אומגעלאָפן הין און צוריק. עס האָבן זיך געהערט באַפעלן, מיט קורצע שאַרפע אויסרופן. מ׳האָט געשלעפּט שטריק. אַ פּאָר זײַנען ווי פלינקע קעץ געקראָכן אויף שמאָלע שאָקלדיקע שטריק־לייטערס, ביז העכ־אַרויף צו די מאַסט־שפּיצן. אויף אַ בריקל אין דער הייך מיטן פּנים צום ים, איז געשטאַנען אַ באַוועגלאָזער פּאַרשוין און געהאַלטן אַ ראָד אין די הענט. עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק. אַ באַפעל־ערשער געשריי, און עס האָט זיך דערטראָגן אַ מורא׳דיקער רעווען, וואָס איז געקומען דורך אַ רער מיט הייסע פּאַרע, דאָרט ביים גראָבן קוימען און וואָס האָט געזעצט מיט אַ געדיכטן שוואַרצן רויך.

דאָס רעווען האָט אָנגעהאַלטן אַ צוויי דריי מינוט, וואָס האָט ממש גע־לעכערט די אויערן. מיר האָבן דערפילט אַ לייכטן ציטער, די שיף האָט זיך גענומען וואַקלען און פּאַמעלעך אָפּרוקן זיך פונעם ברעג, אַלס ווייטער אין ים אַרײַן.

דער שני האָט אויפגעהערט. ווען ניט דער ווינט, וואָלט פּשוט געווען אַ פּאַרגעניגן צו באַטראַכטן דאָס זעלטענע בילד פון הימל און וואַ־סער, און דאָרט ווייט־ווייט ווי אין אַ טומאַן איינגעהילט, דעם ברעג פון דייטשלאַנד...

כ׳האָב מיר פּשוט ניט געקענט אָפּרייסן פון דער נאַטור־שיינקייט. און כ׳וואָלט געשטאַנען און געשטאַנען. אָבער עס איז געוואָרן זייער קאַלט. אויסער דעם האָט מען אונדז גערופן עסן מיטאָג.

דאָס איז געווען דער איינציקער מאָלצייט וואָס איך האָב געגעסן אויף דער שיף אין זיבן טעג צייט. און מחמת דעם וואָס איך האָב מיט אַזאַ זשעדנעקייט זיך צוגעכאַפּט צו די קליינע וואורשטעלעך, וואָס מ׳האָט גע־געבן לרוב, עס איך עד היום נישט דאָס דאָזיקע מאכל.

אין אָוונט, נאָכדעם ווי מ׳האָט זיך צוליגט אויף די געלעגערס, זײַ־נען כמעט אַלע קראַנק געוואָרן. די שיף האָט געשליידערט פּעקלעך און זאַכן און ממש געוואָרפן מענטשן פון די בעטלעך.

דער עולם האָט איינציקווייז גענומען אוי׳קען, שרייען און קרעכצן פון נישטגוטקייט. דאָס שפּייען און ברעכן מיט דער גרינער גאַל — האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט ווי אַן עפּידעמיע.

כ׳האָב דערפילט אַן איבלקייט און אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. האָב

איך זיך אָנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות אָן די אייזערנע שטאַנגען פונעם בעטל ניט אַראָפּצופאַלן.

אין מיין קראַנקן, פאַר׳שיכור׳טן צושטאַנד, וואָס איז אויך אויסגע־מישט געווען מיט פּחד, האָב איך פונדעסטוועגן באַמערקט און באַוואונ־דערט דעם מאַטראַז וואָס איז אויף אַ בענקל, צווישן מיין בעטל און דעם קיילעכדיקן פענצטערל, זיך רואיק געזעסן און געלייענט אַ בוך...

כ׳האָב אים ליב באַקומען, אָט דעם מאַטראַז. אין מיין שרעק און הילפ־לאָזיקייט איז געווען גוט צו זען אַזאַ פּאַרשוין, וואָס ליידט ניט פון ים־קראַנקייט, און האָט ניט מורא פאַר די שרעקלעכע בייזע ים־כוואַליעס, וואָס שלאָגן אין פענצטערל, ווי זיי וואָלטן וועלן דורכברעכן דאָס גראָבע גלאָז און אַלעמען פאַרטרינקען.

קוים דערלעבט דעם טאָג, האָט מען אונדז געצוואונגען אַרויפצוגיין אויפ׳ן דעק, כדי מ׳זאָל אויסרייניקן די קאַיוטע. מענטשן האָבן זיך ניט געקענט אויפהייבן פון די געלעגערס. ניט געקענט שטיין אויף די פיס. אָבער מ׳האָט געמוזט. און אויפ׳ן דעק, האָט מען פאַרצויגן שטריק, ביי וועלכע מ׳האָט זיך אָנגעהאַלטן. מען האָט געציטערט פון קעלט און פון שוואַכקייט.

יעדער ווילע האָט זיך די שיף געטאָן אַ הויב אין דער לופט און באַלד אַרונטערגעלאָזט זיך פון אַ ריזיקן באַרג וואַסער אין אַ טיפן אָפּגרונט אַריין.

די שטורמדיקע כוואַליעס האָבן זיך צוגאָסן איבער׳ן דעק, ווי זיי וואָלטן אונדז וועלן אַראָפּשווענקען. מיר זיינען דורכגענעצט געוואָרן פון די מי־ליאָנען ווייסע שפּריצן, און געפילט אַ געזאַלצענעם טעם אין מויל.

צוויי שעה האָט מען אונדז געהאַלטן אויפ׳ן דעק און דערנאָך האָט מען אונדז געהייסן אַרונטערגיין.

עס איז געווען רייך. די בעטלעך, פריש איבערגעצויגענע און ווען מען האָט זיך אַוועקגעלייגט, האָט מען געפילט אַסך בעסער.

זיבן טעג האָט דער אומרואיקער ים ניט אָפּגעלאָזט אַפילו אויף איין מינוט. ערשט אויפ׳ן אַכטן טאָג האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט. עס האָט זיך אויסגעלייטערט. ס׳וואַסער איז געוואָרן שפּיגלדיק פלאַך. דער הימל — בלוי און לויטער. די זון האָט געוואַרעמט. מענטשן, געזונטע, פריילעכע, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן דעק און צוגעקוקט ווי די שיף שניידט דאָס וואַסער, און רוקט זיך נעענטער צו דער נייער וועלט.

כ׳האָב אָפּגעזוכט עטלעך. כ׳האָב זי נישט באַדאַרפט פרעגן ווי זי האָט געפילט די גאַנצע צייט. איר אָפּגעצערט פּנים האָט עס מיר דער־ציילט. זי האָט אויסגעקוקט בלאַס, חנ׳עוודיק. זי האָט לייכט געשמייכלט.

מיר זיינען אַרונטער אין איר קאַיוטע. זי האָט מיר מכבד געווען מיט אַן אָפּגעשיילטן מאַראַנץ און אויסגעטריקנטע פענעצן, וואָס זיינען פריער געווען געטונקען אין ביר. און מיט צוקער באַשפּרינקלט, און וואַסער מיט לימענע זאַפט האָבן מיר געטרונקען.

אַלע אַנדערע זאַכן, אַפילו טרינק־וואַסער האָט מען איבערן איבלדיקן שיף־גערוך ניט געקענט נעמען אין מויל אַריין.

אָבער מ׳האָט זיך שוין באַצייטנס געפרייט מיט יענעם צוויבערליכן ברעג, וואָס הייסט אַמעריקע. די טעג זיינען געווען שיינע. די לופט קאַלט און פריש. און אַ פּאָר שעה יעדן טאָג האָט די זון געשיינט און אַלעמען באַלעבט מיט וואַרעמקייט און זיסע האָפענונגען.

כ׳בין כמעט די גאַנצע צייט געווען מיט עטלען. עס איז שוין ביי מיר געוואָרן ווי אַ רגילות, אַז ווי כ׳האָב זי נאָר דערזען, זאָל איך צו איר צוגיין. דערנאָך זיינען מיר אַרומגעגאַנגען און זיך אָפּט אָפּגעשטעלט קוקן אין וואַסער אויף די פיש וואָס שפּרינגען אַרויס פון דער טיפעניש און פאַלן צוריק אין ים אַריין, אָדער מיר האָבן זיך ערגעץ אַוועקגעזעצט און גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויך גערעדט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, וואָס איז געקומען אַזוי מאָדנע און צופעליק. איך האָב איר צוגעזאָגט אַז אַזוי ווי מיר ביידע פאָרן קיין פילאַדעלפיע, וועל איך זי קומען באַזוכן.

עטל האָט באַדאַרפט אָפּשטייגן אין ניו יאָרק, וואו די שיף וועט מאַכן דעם ערשטן אָפּשטעל. און איך און אַ סך אַנדערע וועלן דאַרפן פאָרן מיט דער שיף קיין באַלטימאָר און פון דאָרטן מיט דער באַן קיין פילאַדעלפיע.

זי האָט מיר, כדי ניט צו פאַרגעסן אין דער לעצטער מינוט, איבערגעשריבן איר אַדרעס, אין וועלכן דער נומער איז געווען כמעט ווי מיינער. כ׳האָב אין דעם צופאַל געזען אַ באַשערטע זאַך. איר נומער איז געווען פופצן אַכצן, און מיין ברודערס — פופצן זיבעצן. אַזוי ווי אַ טיר לעבן אַ טיר.

אויף דעם פערצענטן טאָג, אַרום צוויי נאָכמיטאָג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער אויפן שיף. און איינער האָט דערציילט דעם צווייטן, אַז מ׳וועט באַלד זען די ברעגן פון ניו יאָרק.

אָבער דערווייל האָט מען נאָך גאָר ניט געזען, אויסער דעם צוזאַמענמיש פון הימל און וואַסער און מיט אַ טומאַן איבערגעצויגן.

מענטשן האָבן אָנגעשטרענגט זייערע אויגן און געקוקט אין אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן וועלן זיין די ערשטע אויסצושרייען, לאַנד! ווייל אַלע האָבן

געפילט, אַז אַמעריקע איז שוין גאָר נאָענט. אַ סימן, אַז די שיף־אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען.

ביסלעכווייז האָט זיך הימל אָפּגעשיידט פון וואַסער. דער גרויער טומאַן איז פאַרשוואונדן און מ׳האָט אָנגעהויבן זען ווי עס וואַקסן אויס הויכע געביידעס. מ׳האָט אַפילו פון וויטן געקענט באַמערקן די פענצטער פון די פילע שטאָקן, וואָס איז געווען שווער צו ציילן: צען, צוואַנציק פינףאון צוואַנציק... אָבער ווער קען עס ציילן אַזוי פיל? אפשר פופציק עטאַזשען, אויב נישט מער... און אָט גייט אויף פון וואַסער אויף דער לינקער זייט שיף, אַ ריזיקע סטאַטוע, מיט איין האַנט אויפגעהויבן אין דערהויך, און איינער פון עולם האָט אַ זאָג געטאָן: „קאָלאָמבוס״. אַז דאָס איז קאָלאָמבוס. האָבן אַסך אָנגעהויבן שרייען: קאָלאָמבוס! קאָלאָמבוס! ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען כ׳האָב שוין געוואוינט אין ניו יאָרק, האָב איך אויסגעפונען אַז דאָס איז גאָר געווען די סטאַטוע פון פרייהייט.

די שיף האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט צווישן צוויי נידריקע געביידעס. נעגער־אַרבעטער האָבן זיך באַוויזן... מ׳האָט זיי טשיקאַווע באַקוקט... אייניקע האָבן געלאַכט דערפון, וואָס זיי האָלטן עפּעס אין איין קייען מיט זייערע אויסערגעוויינטלעכע ווייסע ציין. מ׳האָט געמיינט אַז זיי עסן.

מ׳האָט אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן מענטשן און אויסלייידיקן סחורות. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. עלעקטרישע לאָמפּן האָבן באַלויכטן מענטשן מיט זייערע פּעקלעך, די שיף און די געביידעס. נאָר דאָס וואַסער איז געווען טונקל. פון דערווייטן און אַרום, האָבן געבלישטשעט טויזנטער פייערלעך. קליינע שיפן האָבן געטרובעט און געשלאָגן מיט פּאַרע און רויך. מענטשן וואָס האָבן זיך ערשט אויפן שיף, אָדער אונטערוועגנס, באַקענט, האָבן זיך צעזעגנט און צעקושט. כ׳בין צוגעגאַנגען צו עטלען איידער זי גייט אַרונטער.

— צום ווידערזען, האָט זי געזאָגט אויסשטרעקנדיק די האַנט, וואָס איך האָב מיט פריינטשאַפט געדריקט.. כ׳בין געשטאַנען נאָענט צו איר, און אַזוי היימיש... אָבער כ׳האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן... האָב איך נאָר אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר׳ן זיך זען אין אַ פּאָר טעג אַרום.

— זיכער. זיכער. האָט זי געענטפערט — פאַרגעסט ניט צו קומען!

און איך וואָלט געוויס געקומען איר זען. אָבער ווען כ׳בין געגאַנגען שלאָפן, נאָכדעם ווי די שיף האָט פאַרלאָזן דעם ניו יאָרקער ברעג, האָב איך אויסגעפונען, אַז כ׳האָב ניט עטל׳ס אַדרעס.

כ׳האָב מיט נערוועזע פינגער איבערגעקערט אַלע מיינע קעשענעס — אומעטום געזוכט — אָבער ווי אין וואַסער אַריין.

ביי מיר איז געבליבן דאָס געפיל, אַז זי איז זייער אַ פיק מיידל. אַ שיינע. און נאָר געוואוסט אַז זי הייסט עטל. איר נאָמען וועל איך זיכער געדענקען; פונקט ווי איך וועל געדענקען איר קול און איר אויסזען. כ׳האָב אויך געדענקט, אַז איר נומער איז פופצן אַכצן, פילאַדעל־פיע. — — — טוט עס מיר באַנג וואָס כ׳האָב זי פאַרלוירן?

ענדע ערשטער טייל

צווייטער טייל

אין אַמעריקע

ערשטער קאַפּיטל

1

אין באַלטימאָר איז די שיף „בראַנדענבורג״ אָנגעקומען דאָנערשטיק בייטאָג. אויף די מערסטע אימיגראַנטן האָבן שוין געוואַרט זייערע קרובים, און מ׳האָט זיי שנעל באַפרייט.

פאַרנאַכט, זיינען מיר פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע וואַרטן ביז אונדזערע קרובים וועלן זיך באַווייזן. אָבער קיינער איז ניט געווען באַזאָרגט.

אין דער אימיגראַנטן־געביידע איז געווען ליכטיק, וואַרעם און באַקוועם. דער קליינער עולם איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. דאָס איבערקומען די לאַנגע שווערע רייזע, און דאָס געפינען זיך ענדלעך אויף׳ן אַמעריקאַנער באָדן, האָט אַלעמען געמאַכט גליקלעך און צופרידן. מ׳האָב גערעדט, געשפּאַסט און געלאַכט. אַלע זיינען געווען באַרעדעוודיק און יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס וואָס צו דערציילן.

אין מיטן עסן וועטשערע, האָט אין צימער אַריינגעשפּאַצירט אַ גרויסער געלער הונט מיט אַ חנ׳עוודיקע שוואַרצע מאָרדע. ער האָט אונדז אַ ווײַלע באַקוקט מיט זיינע ברוינע אויגן, געגומען שאָקלען מיטן ווידל, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן יעדן איינעם אַרומשמעקן און באַרירן מיט זיין גלאַטער פעל.

אין ערשטן מאָמענט האָב איך זיך אַ ביסל דערשראָקן. עס האָט מיר דערמאָנט ווי ניט איינמאָל איז מיר אַ הונט באַפאַלן און אָפּגעריסן אַ שטיק פון מיינע הויזן. אָבער איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז אָט דער הונט איז אַ רואיקער און פריינטלעכער.

עמיצער האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל ווייסע ברויט, האָט ער דערצו נאָר אַ שמעק געטאָן און איז זיך אָוועקגעגאַנגען ווי אַ באַליידיקטער...

און מיר האָבן זיך געוואונדערט און געלאַכט, וואָס דער הונט וויל ניט עסן קיין ברויט.

— נו, איצט זעט איר שוין, זאָגט איינער פון דער קאָמפּאַניע, פאַרוואָס אַמעריקע איז אַ גאָלדן לאַנד?

— אין דער היים, האָב איך קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ הונט זאָל ניט וועלן קיין ברויט, האָט אַן אַנדערער באַמערקט.

— אַמעריקע קען טאַקע זיין אַ גאָלדן לאַנד, האָט געזאָגט דער יונגערמאַן, וועמען מ׳האָט גערופן מישאַ, — אָבער נעמט עס נישט פאַר קיין סימן אַז אַלע זיינען דאָ זאַט. הינט וואָס האָבן איבער זיך אַ באַלעבאָס, ווי ביי די פּריצים למשל, ווערן רעגלמעסיק געהאָדעוועט מיט אַ ספּעציעלע שפּייז און דערפאַר זיינען זיי ניט הונגעריק. דאַקעגן, זיינען דאָ היימלאָזע הינט, וואָס זיינען אַלע מאָל הונגעריק, און זיי וועלן כאַפּן אַלץ וואָס מ׳גיט זיי.

דער הונט, פאַרשטייט איר מיך, איז פון די פּריווילעגירטע. ער האָט אַ היים, אַ באַלעבאָס. מ׳ווייזט אים אַרויס ליבשאַפט, אויפמערקזאַמקייט, איז ער נישט נאָר זאַט, נאָר ער איז אויך געלערנט און דערצויגן נישט אָנצופאַלן אויף יעדן איינעם.

— אַ הונט איז ניט קיין חזיר. ווען ער איז נישט הונגעריק, וועט ער נישט עסן. האָט איינער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

אַלע האָבן זיך צולאַכט.

— אָט וועל איך אייך עפּעס דערציילן, האָט זיך אָפּגערופן אַ מיטל־יאָריקער ייד, — אין מיין שטעטל איז צוריקגעקומען איינער פון אַמעריקע. ער איז דאָ געווען אַריבער זעקס יאָר. אַ גוטער שניידער, האָט ער אַהיים געבראַכט אַ סך געלט און געהאַלטן אין איין דערציילן מעשיות פון אַמעריקע. האָט ער אויך דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי אויף אַ געוויסע גאַס אין ניו יאָרק, שטעלט זיך אויס, אַלע טעג, אַ לאַנגע רייע מיט מענטשן און וואַרטן מ׳זאָל זיי געבן אַ פרייען מאָלצייט, וואָס באַשטייט פון אַ שטיקל ברויט און אַ שוואַרץ טעפּעלע קאַווע.

— נו, זעט איר שוין אַז מ׳דאַרף אומעטום האָבן מזל? האָט אַ זאָג געטאָן אַן עלטערער ייד, וואָס פאָרט צו זיינע קינדער.

— אמת, האָט אַ צווייטער צוגעשטאַמלט, פון אָרעמקייט ווי פון טויט קען מען נישט אַנטלויפן. אויב ס׳איז באַשערט זיך צו מוטשען מיט׳ן דלות, העלפט נישט דאָס אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

— פון קיין אויסנאַמען רעדט מען ניט, האָט מישאַ ווידער גענומען ס׳וואָרט. דער פאַקט איז אַז די וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן און זיינען פיזיש געווען צוגעפּאַסט צו טאָן געוויסע אַרבעט, און געוואָלט אַרבעטן, האָבן פאַרדינט מער, ווי זיי וואָלטן פאַרדינט אין דער היים, ווען אפילו זיי וואָלטן געהאָט וואָס צו טאָן. ווער פון אייך ווייסט נישט, וויפיל גוטע בעל־מלאכות אין די שטעטלעך, האָבן זיך געמאַטערט אין אָרעמקייט, ווייל זיי האָבן פּשוט ניט געהאַט קיין אַרבעט? און דאָ אין אַמעריקע איז יאָ דאָ וואָס צו טאָן.

דאָס קען מען ניט לייקענען. אָבער וואָס איך וויל זאָגן איז, אַז ניט אַלע לויפן קיין אַמעריקע צוליב אָרעמקייט. איך האָב באַגעגנט אויפן וועג געצוג מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט גוטע היימען מיט אַלדאָסגוטס.. „ווייל נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש", זאָגט אונדזער תורה. פאַראַן אַן אַ שיעור אַנדערע סיבות וואָס צווינגען מענטשן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע געשפּרעכן וועגן אַמעריקע. כ'האָב אַלעמען אויסגעהערט מיט'ן גרעסטן אינטערעס. כ'האָב אויסגעפונען וואָס עס קומט פאַר און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך לערן עפּעס פון דעם און איך האָב הנאה געהאַט זיך צוצוהערן.

כ'האָב ליב באַקומען די מענטשן וואָס זיינען מיר די גאַנצע צייט גע־ווען פרעמד. דער געמיטלעכער אַוונט און די פריינטלעכע געשפּרעכן, האָבן געשאַפן אַ באַציאונג פון איינעם צום צווייטן. עס איז עפּעס אויס־געקומען ווי מיר וואָלטן אַלע געווען פון איין משפּחה און אַלע האָבן מיר איין ציל צו דערגרייכן.

אינמיטן דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך האָט זיך מישאַ צוגערוקט נענ־טער צו מיר, און זיך אָפּגערופן:

— מיין נאָמען ווייסט איר שוין מסתמא — און ווי רופט מען אייך?

— מיך רופט מען שלמה.

— עס פרייט מיר אייך צו קענען. און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מיר.

— אַ דאַנק. איך בין אויך צופרידן אייך צו קענען. אָבער אויף ווי לאַנג? באַלד וועלן מיר זיך צופאָרן. און דאַן וועלן מיר זיך פאַרגעסן איינער אָן דעם אַנדערן.

— פאַר וואָס פאַרגעסן? וואוהין פאָרט איר?

— איך פאָר קיין פילאַדעלפיע. איך דערוואַרט, אַז מאָרגן זאָל איינער פון מיינע דריי ברידער קומען נאָך מיר.

— און איך, רופט זיך אָפּ מישאַ — פאָר אויך קיין פילאַדעלפיע. מיין פעטער דאַרף קומען מיך אָראָפּנעמען.

— דאָס מיינט, אַז מיר'ן זיך אַ מאָל קענען באַגעגענען, האָב איך באַ־מערקט אַ צופרידענער.

— זיכער. פאַר וואָס נישט? האָט מישאַ צוגעשטימט.

מיר האָבן דערנאָך גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכן. ער איז מיר פאַר־געקומען אויפריכטיק, באַשיידן און צוגעלאָזן. איך האָב יעדער מינוט גע־פילט צו אים מער צוטרויען, און איך האָב אים דערציילט אַ סך פון מיין לעבן.

ער האָט מיר אויך דערציילט זאַכן פון זיך. דערנאָך האָט ער אַרויס־גענומען אַ בילד פון זיין בוזעם־קעשענע, און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז מיין פרוי. מיר זיינען שוין צוויי יאָר פאַרהיירעט.

— זי איז זייער אַ שיינע, האָב איך באַמערקט.

ער האָט צופרידן געשמייכלט.

—און אָט דאָ איז זי אויף אַן אַנדער בילד מיט צוויי פריינדינעס.

כ'האָב מיט אינטערעס באַקוקט דאָס צווייטע בילד, וואָס איז גענומען געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק. כ'האָב באַלד דערקענט זיין פרוי, וואָס איז געווען אין דערמיט, כאָטש ס'פּנים איז געווען קלענער און יינגער. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך דערקען ס'פּנים פון דער מיידל אין דער רעכטער זייט. מיין זכרון האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. פּלוצים איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָס בילד דערמאָנט מיך אָן עטלען... אָבער זיכער בין איך נישט געווען. עס איז נישט קיין נייעס, אַז איין מענטש זאָל מיט זיין אויסזען דערמאָנען אָן אַ צווייטן. פונדעסטוועגן האָב איך געזאָגט מישאַ'ן, אַז דאָס מיידל קוקט מיר אויס ווי מיינע אַ באַקאַנטע.

— טאַקע דערפאַר, האָב איך אייך געוויזן דאָס בילד, האָט מישאַ געזאָגט.

— ווי אַזוי האָט איר געוואוסט אַז...

— ווייל כ'האָב געזען ווען איר האָט זיך געזעגנט מיט אַ מיידל, איידער זי איז אַרונטער פון דער שיף אין ניו יאָרק. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז איך האָב זי ערגעץ וואו געזען. אָבער איך האָב זי קיינמאָל ניט באַגעגנט. דעם איינדרוק האָב איך געקראָגן דורך דעם בילד, און עס קען זיין אַז זי איז מיין וויבס אַ פריינדינע.

— עס קען זיין. עס איז אַ שיינער צופאַל.

— וואו איז דאָס בילד גענומען געוואָרן?

— כ'גלויב אַז אין קיעוו. מיין פרוי האָט אַלס מיידל דאָרט געוואוינט אַ פּאָר יאָר.

— פונוואַנען שטאַמט אייער באַקאַנטע?

— איך ווייס ניט. כ'האָב זיך מיט איר באַקענט אין ברעמען. באַקאַנט אויף אַ זייער טשיקאַווען אופן... און אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז זי הייסט עטל. און אַז זי איז געפאָרן קיין פילאַדעלפיע צו אַ שוועסטער.

— איר האָט וואַרשיינלעך איר אַדרעס, האָט מישאַ אַ זאָג געטאָן.

— געהאַט, אָבער כ'האָב זי פאַרלוירן.

איך האָב מישאַ'ן דערציילט, ווי אַזוי איך האָב זיך מיט עטלען באַ־

קענט, און ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל זי קומען זען... זי וועט ניט וויסן די סיבה פאַר וואָס איך בין ניט געקומען.

— עס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש געווען, האָט מישאַ געזאָגט און אפשר טאַקע אַ ראָמאַנטישע. זייט איר שטאַרק פאַראינטערע־סירט זי צו טרעפן?

— איך ווייס ניט צו דער ראָמאַנטישער עלעמענט שפּילט דאָ די גרעס־טע ראָלע. אָבער לויט איר האַנדלונג צו מיר, מיין איך, אַז ס'איז פּשוט פון מיר אַ מענטשלעכער חוב זי אויפצוזוכן.

— געוויס! געוויס! האָט זיך מישאַ אַ כאַפּ געטאָן. צום באַדויערן ווייס איך נישט איר צווייטן נאָמען. און כ'האָב דעם ערשטן אויך נישט געוואוסט. איך בין אַפילו ניט זיכער צו אָט די עטל, איז די זעלבע וואָס אויפן בילד. אָבער איך וועל אינעם ערשטן בריוו צו מיין פרוי אָנפרעגן צי האָט זי געהאַט אַ באַקאַנטע מיט דעם נאָמען.

נאָך אַ ווײַלע פּלוידערן האָבן מיר זיך געביטן מיט די אַדרעסן און זיך געזעגנט אַ גוטע נאַכט.

איך בין לאַנגע שעה'ן געלעגן אויף מיין געלעגער און ניט געקענט איינשלאָפן. דער געשפּרעך מיט מישאַ'ן, דאָס בילד וואָס האָט אונדז ביידע דערמאָנט אָן עטלען, האָט אין מיר אויפגעוועקט אָן אַ שיעור געדאַנקען און טראַכטענישן. איך האָב ערשט איצט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אָנגעהויבן קלערן פון עטלען. אַנאַליזירן אירע רייד. כ'האָב געוואָלט וויסן מער וועגן איר כאַראַקטער. — וואָס האָט איר זי באַוועגט צו זיין פרייַנטלעך צו מיר? וועט זי ווייטער אַזוי האַנדלען, ווען איך וועל זי אַמאָל באַגעגענען? און ווער ווייסט, אויב איך וועל איך נאָך אַמאָל זען? דער פאַקט איז, אַז איך ווייס ניט וואו זי וואוינט, און ווייס נישט ווי זי הייסט און פון וואַנען זי קומט.

און וואָס איז אייגנטלעך דער אונטערשייד, אויב איך וועל זי יאָ גע־פינען אָדער נישט? וועל איך ליידן, אויב נישט? וועל איך זיין גליקלעך, אַז יאָ? און אויב יאָ, וואָס זשע מיינט עס? וועט אונדזער פריינטשאַפט גיין ווייטער, ביז פאַרליבן זיך? קען איך זיך אין איר פאַרליבן? קען זי זיך אין מיר פאַרליבן? זיינען מיר דען אַ צוגעפּאַסטע פּאָר? און וואָס מיינט — צוגעפּאַסט?

אָט ווייזט זיך מיר אויס אַז דער צופאַל פון אונדזער באַגעגעניש איז אַ סימן אַז מיר זיינען אַ זיווג. ווי געבוירן געוואָרן איינער פאַר'ן צווייטן, און עס שפּרייט זיך אַ וואַרעמקייט איבער דער נשמה. אין אַ מינוט שפּע־טער, טראַכט איך אַנדערש. איך טראַכט, אַז דאָס באַגעגעניש איז בלויז אַ

צופאַל און מער גאָרנישט, און עס האָט קיין שום באַדייטונג. און איך דאַרף זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אָט די אַלע נאַרישע חלומות...

דערנאָך איז געקומען אַן אויסמיש פון געדאַנקען, וועלכע האָבן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ געשמאַקן שלאָף.

2

כ׳האָב זיך דעם גאַנצן פרימאָרגן געפילט צופרידן... כ׳האָב יע־דער מינוט דערוואַרטעט אַז מען זאָל מיך רופן. ערשט אַרום איינס אַזייגער איז דער מיטלסטער פון מיינע דריי ברידער געקומען. איך האָב אים דערקענט פון ווייטן. מיר האָט זיך געדוכט אַז ער האָט זיך גאָרניט גע־ענדערט דורך די צען יאָר וואָס כ׳האָב אים ניט געזען. אויסער וואָס ער טראָגט זייער פיינע מלבושים און אויגן־גלעזער.

מעגלעך איך האָב אים באַלד דערקענט, ווייל אין מיין זכרון איז נאָך געווען פריש דאָס בילד זיינס, וואָס דער טאַטע האָט מיר געוויזן איידער כ׳בין אַפּגעפאָרן.

ער איז צוגעקומען נאָענט צו די גראַטעס וואָס האָבן אונדז אָפּגעטיילט. ער האָט עפּעס געפרעגט, אָבער כ׳האָב באַלד ניט געקענט ענטפערן... ער האָט באַמערקט ווי איך בין אויסגעוואַקסן. אַ קליין יינגל איבערגע־לאָזן... די אויגן־דעקלעך זיינע האָבן אָנגעהויבן צו פינטלען... ער האָט גענומען שנייצן די נאָז אין אַ ווייס טיכעלע... מיר האָבן זיך שווייגנ־דיק אָנגעקוקט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך געהערט מיין נאָמען אויסרופן. דערנאָך זיינעם. איך בין אַריין דורך איין טיר, ער דורך אַ צווייטע. מיך האָט מען געשטעלט פראַגן אויף יידיש — אים אויף ענגליש. און איך האָב דער־פילט שטאָלץ, ווען ער האָט אַזוי שיין געענטפערט אויף ענגליש. אַן אַמע־ריקאַנער! האָב איך אַ טראַכט געטאָן. רעדט דאָ אַמעריקאַנער לשון. און ער איז מיר אַזוי חשוב געוואָרן.

מיר זיינען אַרויס אויף דער פריי. די לופט איז געווען פיכט פון שניי און רעגן. מענטשן און טראַמווייען האָבן זיך געאײַלט צווישן שורות רויט ציגלדיקע הייזער. עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ פריילעכקייט. כ׳בין ענד־לעך אין אַמעריקע! און לעבן מיר גייט אַ ברודער, און באַלד וועל איך זען מיין גאַנצע משפחה... מיין חלום איז מקוים געוואָרן! כ׳וועל זיין צווישן אייגענע. אַ פרייער מענטש אין אַ פריי לאַנד!

פון גרויס שמחה און באַגייסטערונג, האָב איך אַזש פאַרגעסן מיט־צונעמען מיין רענצל, מיט דעם ביסל זאַכן און די תפילין, וואָס זיינען דאָרט

געלעגן. איך האָב גאָר קיין חשק ניט געהאַט זיך אומצוקערן, ווי איך וואָלט מורא געהאַט, אַז מ׳וועט מיך דאָרט פאַרהאַלטן. אָבער מיין ברודער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַן עבירה, און מיר זיינען צוריקגעגאַנגען.

עס איז שוין אָבער דאָרט קיינער נישט געווען, און מיינע זאַכן האָט עמיצער צוגענומען. ווי דער שיקזאַל וואָלט וועלן אַז איך זאָל אין גאָלדע־נעם לאַנד אָנקומען מיט גאָר נישט. אָרעם ווי אַן ערשט געבוירן קינד. ווייל אַמעריקע האָט פאַר מירווירקלעך געמיינט, פונדאַסניי געבוירן צו ווערן.

— ס׳מאַכט ניט, האָט ער מיר געגומען אויסריידן ס׳האַרץ. די שמאַ־טעס וואָס דו האָסט דאָרט געהאַט, וואָלסטו סיי־ווי־סיי ניט געקענט „יוזן״.

— וואָס מיינט יוזן?

— יוזן מיינט, נוצן, אָדער געברויכן, האָט ער מיר פאַרטייטשט אַן ענגליש וואָרט. און די תפילין אויך ניט. אויב דו וועסט טאַקע וועלן דאַווי־נען, וועל איך דיר געבן מיינע תפילין.

מער זיינען ווייטער געגאַנגען . אַ קאַלטער ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן אין פנים און דייסן מיין ברודער׳ס קאַפעליוש פון קאָפּ. — מיר איז דער ווינט געקראָכן אונטער מיינע ניט זייער וואַרעמע מלבושים, און פאַר־הויבן די פאָלעס . . .

— מוזט אודאי זיין הונגעריק, מאַכט ער צו מיר. ביז מיר׳ן קומען אַהיים, וועט נעמען עטלעכע שעה, וועלן מיר דערווייל ערגעץ אַריינגיין „כאַפּן אַ בייס״.

כ׳האָב מיר אָנגעשטויסן וואָס ער האָט געמיינט. אָבער איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס „כאַפּן אַ בייס״ איז שענער ווי „עפּעס נעמען אין מויל אַריין״.

ער האָט טאַקע באַלד געפונען אַזאַ פּלאַץ מיט צוויי גרויסע שויבן, באַשריבן מיט ווייסן קרייד. אינווייניק, רויטע גלאַנציקע טישעלעך, מיט קליינע שפּיגלען אויף די ווענט. עס האָט דאָרט געשמעקט מיט ציגאַרן־רויך און פרעמדע געקעכצן. מיר האָבן אויסגעטאָן די מאַנטלען. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, און דער קעלנער, אין אַ ווייסן פאַרנעצטן פאַרטוך, האָט באַלד צוגעטראָגן צוויי טעפּעלעך הייסע קאַווע, מיט צוויי שטיקלעך געלע געבעקס, וואָס זיינען געווען געפלאָכטן און קיילעכדיק ווי רינגען.

— אָט דאָס מאַכט עס צו מיר מיינט כאַפּן אַ בייס, ווייל עס איז יאָ געגעסן און נישט געגעסן. אין דערהיים וועלן מיר ערשט האָבן דעם ריכ־טיקן „סאַפּער״. דו וועסט זען ווי מען עסט אין אַמעריקע. און ווי מען וואוינט אין אַמעריקע! און דו וועסט אָנקוקן מיין שרה׳ן. דאָ הייסט זי

נישט שרה — נאָר סערע. דאָ ווערן אַלע נעמען איבערגעאַנדערשט. למשל, מיר רופט מען ניט אפרים, נאָר פרענק. און יאַנקלען רופט מען דזשעק. ס'איז אַמעריקע, זאָגט ער שמייכלענדיק... אַ־יאָ, דו הייסט שלמה? וועסטו הערן ווי מ'וועט דיך רופן סעם.

— פאַרוואָס עפּעס סעם? פרעג איך.

— ווייל אַלע וואָס הייסן שלמה, אָדער שלום, רופט מען סעם אָדער סאַלאָמאָן.

— אויב אַזוי, זאָג איך, האָב איך דעם ערשטן טאָג אין אמעריקע נישט נאָר פאַרלאָרן מיין ביסל זאַכן מיט די תפילין, נאָר אויך מיין נאָמען...

איז אים זייער געפעלן מיין באַמערקונג, און ער האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, און ווען ער האָט זיך אויסגעלאַכט האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— דו ווייסט וואָס עס מיינט פאַרלירן אַ נאָמען?

— איך ווייס אַז אין דערהיים, ווען אַ קרעמער האָט אַנגעזעצט, ס'הייסט, פאַרקאַפט סחורה און נישט באַצאָלט, האָט ער פאַרלוירן זיין גוטן נאָמען, און מ'האָט אים מער נישט געטרויט.

— דאָ איז די זעלבע זאַך, אַז מ'פאַרלירט דעם נאָמען קען מען נישט טאָן קיין ביזנעס... איך האָב גאָט צו דאַנקען אַ גוטן נאָמען, און מ'גיט מיר געלט וויפיל איך דאַרף. כ'דאַרף אַפילו נישט געבן קיין וועקסל. מיין וואָרט אַליין איז גוט.

ער האָט באַשטעלט נאָך קאַפע מיט זיסן לעקעך און זיך אָפּגערופן:

— וואָרט. דו וועסט עסן די חלה און „קייק" וואָס מיין סערע באַקט. בעסער ווי אין דער היים! דו געדענקסט זי נאָך אַ ביסל פון דער היים? דו וועסט זי נישט דערקענען. זי איז איצט נאָך שענער ווי אַמאָל. און די קינדער זיינען אויך געראָטן אין איר.

דערנאָך האָט ער גערעדט און דערציילט פון די איבעריקע אין דער משפחה. דערציילט, אָבער ניט געלויבט זיי ווי דער אייגענע ווייב און קינ־דער. אין זיין ריידן האָבן זיך אַריינגעגליטשט פרעמדע ענגלישע ווערטער און איך האָב זיך געפוילט אים אַלע ווילע אָפּשטעלן און פרעגן וואָס דאָס וואָרט מיינט און אים געלאָזט רעדן אויף זיין געמישטן לשון.

צום סוף האָט ער זיך דערמאָנט, און אַ פרעג געטאָן אויפ'ן טאַטן, און וואָס שייוע מאַכט.

איך בין געווען צופרידן, ווייל זייענדיק דער לעצטער פון די אַכט קינדער צו פאַרלאָזן דעם אַלטן טאַטן, דער אָפּגעבער פונעם לעצטן גרוס, האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט געווען דער שליח אָנ־צוקניפּן די וואַרעמע באַציאונג וואָס דאַרף הערשן צווישן קינדער און על־

טערן. די פריינטשאַפט און געטריישאַפט וואָס ווערט, צום באַדויערן, אָפּט פֿאַרגעסן און אָפּגעווישט צוליב דער ווייטער שטרעקע. און די אַנדערע באַגריפן און אינטערעסן וואָס די נייע וועלט שאַפט ביי די אַוועקגעפֿאָרענע קינדער. כ'האָב זייער שטאַרק געוואָלט, אַז מיר אַלע אין אַמעריקע זאָלן געדענקען, אַז מיר האָבן אַן עלנדן, אָרעמען טאַטן אין דער היים, און מיר זאָלן טאָן די פולע פליכט.

— מיר שיקן אים אויף אַלע יום־טוב עטלעכע דאָלאַר, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ טאָן ווי מיט דעם אַליין וואָלטן זיי שוין אַלץ יוצא געווען.

— אָבער צווישן די ימים טובים, אין די וואָכעדיקע טעג, דאַרף מען אויך עסן. און אַ פּאָר שיך פֿאַרריכטן, אַ מלבוש זיך מאַכן. און ער איז נישט אַליין. ער האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. אונדזער שוועסטער און ברודער... און זי, שייוועס, גיט אויף אים אַכטונג.

כ'האָב די ווערטער אַרויסגערעדט אין דער שטיל, ווי איך וואָלט נישט געווען זיכער צי איצט איז די ריכטיקע צייט דאָס פֿאַרצוברענגען. עס קען אפשר קלינגען ווי אַ פֿאָרוואורף צו זיי, בעת איך אַליין ערשט אָנגעקומען דאַרף צו זיי אָנקומען.

— מיר'ן זען. האָט ער זיך אָפּגערופן ערנסט. הלואי וואָלטן אַלע געגעבן וויפל איך גיב.

כ'האָב מער דערפון נישט געוואָלט רעדן.

צווייטער קאַפּיטל

1

מיר זײַנען געפֿאָרן מיט דער באַן קײַן פֿילאַדעלפֿיע. מײַן ברודער האָט אַרויסגענומען אַ צוזאַמענגעלייגטע צייטונג פֿון דער קעשענע און גע־נומען לייענען. ער איז אָבער באַלד איינגעשלאָפֿן און די ייִדישע צייטונג איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט.

כ׳האָב דעם בלאַט אויפֿגעהויבן און געפּרוּווט לייענען, אָבער צוליב די פֿילע אומבאַקאַנטע ווערטער, און דערצו נאָך אָן נקודות, האָב איך נישט געוואָלט זיך ברעכן דעם קאָפּ. איך האָב בעסער אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פֿענצטער, כּדי צו זען דעם אַמעריקאַנער הימל. די אַמעריקאַנער ערד. אָבער כ׳האָב קיין נײַעס ניט געזען. נאַטור איז אומעטום גלײַך. דיזעלבע ביימער און פֿעלדער, און דיזעלבע לײדיקייט, איבערן ניט באַוואוינטן שטח. דאָ און דאָרט אַ הײַזקע, אַ שטאַל, אַ בהמה אויפֿן פֿאַרוועלקטן גראָז, דאָ און דאָרט, אַ הונט וואָס האַוקעט אין דער וועלט אַרײַן.

דער טראַמוויי האָט זיך געשניטן צווישן שמאָלע שוואַך־באַלויכטענע פֿילאַדעלפֿיער גאַסן. מענטשן זײַנען בײַ יעדער אָפּשטעל אַרײַן און אַרויס. פֿאַרשיידענע מענטשן: אַמעריקאַנער אין אַלערליי מלבושים, אָט איז געוואָרן אָן ענגשאַפֿט און אָט איז פּלוצים געוואָרן געראַם. דער טראַמוויי האָט זיך געוויגט, געטרייסלט און געקלונגען, און אָט זײַנען מיר אַרונטער. אַרײַ־בערגעגאַנגען די גאַס און אַרויף אויף אַ פּאָר טרעפּלעך. מײַן ברודער האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. עמיצער באַ־וויזט זיך אין לאַנגען, האַלב־באַלויכטענעם קאָרידאָר. עס זײַנען דאָ מענטשן. עס איז וואַרעם. עס הערן זיך קינדערשע שטימען. כ׳האָב גע־פֿילט ווײַכן טעפּעך אונטער די פֿיס.

דער ערשטער וואָס איז מיר געפֿאַלן אויפֿ׳ן האַלדז, איז געווען דער ייִנגסטער פֿון די דרײַ ברידער. דאָס וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון פּאַניע׳ן, און וואָס מ׳רופֿט אים דאָ דזשעק אַנשטאָט יאַנקל... עס איז געווען טונקל אין פֿאָדער־צימער, וואו מיר האָבן זיך באַגעגנט און איך האָב נישט געוואוסט

ווער דאָס איז געווען, ביז איך האָב אים אין דער פֿינצטער געפֿרעגט זיין נאָמען. איך האָב אים נאָך אַמאָל אַרומגענומען, דערפֿילט אַ האַרטע פֿאַרשטייפֿטע האַנט, און אַ געגאָלט גלאַט פּנים.

אַלע זיינען אַריין אין קיך וואו עס איז געווען וואַרעם און ליכטיק. דער טיש פֿאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך. די בענטשליכט האָבן געברענט אין היימיש־מעשענע לייכטער, און די שוועגערין האָט באַלד גענומען דערלאַנגען געפֿילטע פֿיש, חלה און נאָך מאכלים וואָס מ׳גרייט אָן אויף פֿרייטיק־צו־נאַכטס.

דער ברודער, וואָס איז געווען אַזוי הונגעריק ווי איך האָט קייענדיק די חלה, אַוועקגעשטעלט אַ פֿלעשל בראַנפֿן אויפֿ׳ן טיש.

עס וואָלט אפֿשר געשמעקט שבת׳דיק, ווען ניט דאָס רויכערן פֿון פּאַפּיראָסן, און די אַראָפּגעוואָרפֿענע היטלען פֿון די קעפּ, וואָס האָט דעם שבת פֿאַרוואָסערט מיט פּראָסטקייט און וואָכעדיקייט... פּראָסט און ניט טאַקטיש איז אויך געווען אַלעמענס נייגעריקע בליקן אויפֿ׳ן גרינעם, וואָס האָבן באַגלייט זיין יעדן ביסן, זיין יעדן שלונג. און איך, אַביסל שעמעוודיק, האָב דערווייל באַמערקט בלייכע אָפּגעצערטע פּנימ׳ער, פֿיינע קאָסטיומען, גאָלדענע קייטן צוגעטשעפּעט צו די זייגערס אין די קאַמעזועל־קעשענעס. שווערע גאָלדענע רינגען אויף די פֿינגער פֿון די האָרעפּאַשנע הענט, און די בלישטשענדיקע גאָלדענע ציין אין די מיילער פֿון די ברידער, שוועגערינס, קוזינס און שכנים.

נאָכ׳ן עסן האָט מען זיך פֿאַרקליבן אינעם פֿאָדערצימער. דער ברודער איז אַריין ערשטער און אָנגעצונדן דעם גאַז־לאָמפּ, וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען פֿון דער סטעליע, אַרומגענומען מיט לאַנגע דריי־עקעדיקע שטיקלעך גלאָז, וועלכע האָבן זיך פֿונעם ווייסן ליכט צעשטראַלט אין פֿאַרשיידענע קאָלירענדיקע פֿייערלעך.

דער צימער איז געווען רייך פֿאַרפּוצט, מיט באַקוועמע פּליוש־איבערגעצויגענע ווייכע שטולן און אַ קאַנאַפּע. אַלע פֿאַרבן האָבן דאָ האַרמאָנירט מיט די לאַנגע פֿאָרהאַנגען איבער די פֿענצטער.

די אויסגעשפּאַלירטע ווענט זיינען געווען באַצירט מיט בילדער און שפּיגלען. אין די ווינקלען אויף נידריקע טישעלעך זיינען געשטאַנען גרינע וואַזאָנעס. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַ טונקל־ברוינער טעפּעך.

אַלערליי צאַצקעס און קאָלירטע גלאָזוואַרג זיינען געווען צעשטעלט אין אַ גלעזערנער שאַפֿע.

די שוועגערין סערע, אַ שלאַנקע, אַ זייער באַ׳חנ׳טע, מיט אַ ווייס פֿאַרטוכל איבער׳ן בלויען קלייד האָט אַריינגעטראָגן כּיבוד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספֿרעגעניש און נאָכפֿרעגעניש. אייניקע

זיינען געווען שפּאַסיקע אויפ'ן חשבון פונעם קליינעם שטעטל אין דער היים... אַנדערע זיינען געווען טרויעריקע, וואָס האָבן דערמאָנט אָן קראַנקע און פאַרשטאָרבענע...

די ערשטע האָבן אַרויסגערופן געלעכטער. די צווייטע — זיפצן ביי אַלעמען.

יעדער איינער האָט געוואָלט עפּעס וויסן און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט מען דערווייל איינער מיט'ן אַנדערן גערעדט.

עס איז געווען אַ פריילעכער טומל, אַ גערודער. מ'האָט גערעדט, געלאַכט. אַ פּאָר וויבער האָבן מיט אַמאָל אָנגעהויבן רעדן אין דער שטיל, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריינכאַפּן אַביסעלע רכילות... אַנדערע האָבן גע־רעדט פון זייערע קינדער אין דער הויך, כדי אַלע זאָלן הערן... מ'האָט זיך געגעבן קאָמפּלימענטן און זיס געשמייכלט... אַ טייל האָבן גערעדט פון געראָטענע חלות און געפילטע פיש. די מענער האָבן געשמועסט פון אַר־בעט און געשעפט.

דער ברודער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און אַ פרעג געטאָן.

— נו? ווי גלייכסטו עפּעס מיין הויז? און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט ער מיר אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפירט פון צי־מער צו צימער, און זיך געגרויסט וואָס אַלץ איז זיינס און איז אויף דעם גאַרנישט שולדיק. ער האָט זיך באַרימט מיט יעדער קלייניקייט, אַפילו מיט דעם וואַסער וואָס מ'צאַפּט פון דער וואַנט. און מיטן אייזערנעם אויוון וואָס מ'צינדט אָן מיט אַ שוועבעלע.

ס'איז אַמעריקע! האָט ער געזאָגט, גייענדיק צוריק צו די געסט.

דער טומל איז געוואָרן גרעסער. דאָס גלעקל האָט אַלע ווײלע געקלונ־גען, און פרישע שכנים זיינען אַריינגעקומען זען דעם גרינעם, אפשר אָפּנע־מען אַ גרוס, און זיך דערווייל אַרומגעכאַפּט מיט די וואָס זיינען שוין גע־זעסן פון פריער.

דער עולם איז געווען אויפגעלייגט. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלעמען איז דאָ גוט. אַלע מאַכן אַ לעבן, און אַלע פילן זיך גליקלעך.

כ'בין באַהערשט געוואָרן פון דער שטוב פריילעכקייט און זיך דער־פילט היימישער אַביסל.

פּלוצים האָט איינער מיר געשטעלט אַ פראַגע, וואָס האָט מיך אויף אַ מאָמענט געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט.

דער פרעגער, נישט פון דער משפחה, נאָר אַ שכן, און קענטיק אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט געוואָלט וויסן ווי עס האַלט מיט דער פּאָ־ליטישער לאַגע אין רוסלאַנד. איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

האָב איך אים אַ ווײלע אָנגעקוקט און געזאָגט:

— כ׳גלויב, אַז איר דאָ ווייסט מער, ווי מיר דאָרטן.

דער ענטפּער מײנער האָט זיך אַרױסגעװיזן צו זײן טרעפלעך און שכל׳דיק, ווייל באַלד האָט זיך אַן אַנדערער אָפּגערופן:

— שור! — וואָס מיינט איר אַז אין רוסלאַנד קענען די צייטונגען שרייבן אַזוי אָפן און פריי ווי מ׳שרייבט דאָ אין אַמעריקע?

— דאָס ווייסט מען — האָט זיך דער ערשטער צוגעאײלט צו ענטפערן. זיכער האָבן מיר דאָ אַ פרייע פּרעסע, אָבער איך מיין נישט די באַריכטן וואָס ווערן געדרוקט אין די צייטונגען, נאָר די באַהאַלטענע נייעס, פון וועלכע מ׳שרייבט ניט. איך מיין די ניט לעגאַלע שריפטן וואָס ווערן אַרויס־געגעבן פון די רעוואָלוציאָנערן!

און עס האָט זיך באַלד אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינע דיסקוסיע איבער דער דאָזיקער פראַגע, אין וועלכע איך האָב קיין אַנטייל ניט גענומען...

איינציקוויז האָט זיך דער עולם געגומען אויפהויבן מיט אַ געגעץ, איינער האָט אַ זאָג געטאָן: מ׳דאַרף גיין שלאָפן, מ׳ראַדף מאָרגן אויפשטיין צו דער אַרבעט.

דער געמיש פון שבת׳דיקע מאכלים, די בענטש־ליכט, נייע בגדים, און דער כיבוד — מיט׳ן גיין אַרבעטן מאָרגן, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ שווער פאַרדריסלעכן געפיל. כאָטש געוואוסט האָב איך שוין פון פריער, אַז אין אַמעריקע אַרבעט מען שבת.

איך האָב געהאַט אַלע אורזאַכן צו טראַכטן, אַז דאָ וועט זיין מיין היים. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט מען וועגן מיר שוין געהאַט אַנ־דערש באַשטימט. ווייל ווען דער צווייטער ברודער האָט געהאַלטן אין אָנ־טאָן זיין שווערן מאַנטל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— טו זיך אָן און קום מיט מיר. און זיין פרוי האָט צוגעגעבן: — דו וועסט שטיין ביי אונדז אין הויז.

זיי האָבן מיט עטלעכע סקווער וויטער געהאַט אַן אייגן הויז פון זעקס צימערן וואו זיי האָבן געוואוינט מיט צוויי קינדער און צוויי „באָרדערס".

— דו וועסט וואוינען ביי אונדז, האָט די שוועגערין נאָך אַמאָל אַ זאָג געטאָן, ווען מיר זיינען אַרויס אין דער קאַלטער נאַכט.

— דו וועסט זיין צווישן אייגענע... כ׳מיין, דו וועסט זיין צווישן קבצנים. עס איז ניט אַזוי שיין ווי ביי סערע׳ן, אָבער דו וועסט זיין צו־פרידן... און מיט מיין קאָכן און באַקן קען מען זיך אויך ניט פאַר׳סמ׳ען, האָט זי צוגעגעבן מיט אַ האַלבן געלעכטער.

דער ברודער האָט געשוויגן בעת זי האָט גערעדט, אָבער עס איז געווען קענטיק אַז ער איז ניט געווען צופרידן, און וואַרשיינלעך געטראַכט, אַז ווייבער בלייבן ווייבער. ווייל ער האָט באַלד באַמערקט:

— וויסעך! פוסטע נאַרישע רייד.

ווען מיר זיינען אַריין אין הויז און כ'האָב דערזען גאַנץ שיינע, זוי־בערע, פֿיין־מעבעלירטע צימערן, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז אירע רייד זיינען געווען פוסטע...

מ'האָט פֿאַר מיר אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער לעדערנער קאַ־שעטקע. איך בין געווען זייער מיד, נישט נאָר פֿון דער רייזע, און פֿון דעם טומלדיקן אָוונט, נאָר אויך פֿון די ערשטע אַמעריקאַנער משפּחה איינדרוק.

2

נאָך די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין אַז פֿון דעם פיינעם ברוך הבא וואָס כ'האָב געקראָגן פֿון מיינע דריי ברידער און שוועגערינס, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז איך דאַרף זיך פֿילן ווי ביי זיך אין דערהיים... און אַז איך בין נישט קיין איידעם אויף קעסט, און אַז אַ גאַסט קען ווערן אַ לאַסט... ווייל שוין צופֿיל האָט מען איך זינען געהאַט מיין צוקונפֿט. נאָך יעדן מאָל עסן וועטשערע ביי דעם ברודער, צי ביי יענעם, בין איך באַלד געוואָרן דער צענטער פֿון אַלע געשפּרעכן. מ'האָט זיך געהאַלטן אין איין מישב זיין וואָס מיט מיר צו טאָן און וואו מיך צו שיקן אַרבעטן. מ'האָט אויסגערעכנט אָן אַ שיעור מלאכות וואָס מ'קען זיך אויס־לערנען כדי צו מאַכן אַ לעבן. מ'האָט געבראַכט ביישפּילן פֿון דעם און יענעם. מ'האָט פֿאָרגעשלאָגן אַז איך זאָל גיין אין אַ פֿאַבריק וואו מ'נעמט צו גרינע און מ'דאַרף גאָרניט צוצאָלן. אָדער גאָר אפשר ווערן אַ סטאָליער, ווייל ביידע ברידער זיינען געווען אין דער מלאכה. דער ברו־דער וואָס האָט מיך געבראַכט פֿון באַלטימאָר איז שוין געווען אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך אַליין, און געהאַלטן אַרבעטער צו וועלכע ער האָט געצאָלט פֿון עלף ביז פֿופֿצן דאָלאַר אַ וואָך. דער צווייטער ברודער האָט אויך ביי אים געאַרבעט.

דעם פֿאָרשלאַג מיך צו מאַכן פֿאַר אַ סטאָליער האָט געמאַכט איינער פֿון מיינע קרובים. און פֿאַרוואָס מיין ברודער דער באַלעבאָס האָט עס ניט געטאָן, פֿאַרשטיי איך עד היום ניט. דאַכט זיך, איך האָב געהאַט אַ פּאָר געזונטע הענט און קיין פֿוילער בין איך אויך נישט געווען.

ער האָט זיך עפּעס אַלעמאָל אַרויסגעדרייט מיט אַ תירוץ. ער פֿלעגט כסדר זאָגן:

— ס'איז נישט פֿאַר דיר...

פֿאַרוואָס ס'איז ניט פֿאַר מיר און פֿאַר אים יאָ, האָב איך נישט פֿאַר־שטאַנען. זיין אונטערשרייבן זיך אויף אַ טשעק אָדער אויף אַ קאָנטראַקט;

צי דעם ציפער וואָס ער האָט געשריבן באַרעכנדיק די „פעידע" יעדן שבת, האָט נישט אָנגעוויזן אַז מ'דאַרף באַזיצן אויסערגעוויינלעכע פּייאַקייטן... כאָטש מ'האָט ניט געקענט לייקענען, אַז ער האָט עפּעס יאָ פאַרמאָגט אין זיך, וואָס האָט אים געמאַכט זיך אַרויפצואַרבעטן און ווערן פאַר זיך אַ באַלעבאָס און ניט אַרבעטן פאַר יענעם.

שפּעטער ווען כ'האָב אים בעסער דערקענט, איז ביי מיר ניט געווען קיין ספק, אַז ווען ער וואָלט געוועז זיך לערנען פאַר אַן אינזשענער וואָלט ער זיכער געווען איינער פון די בעסטע.

ער האָט געהאַט אַ פּראַקטישן צוגאַנג און באַלד באַנומען וויפל אַ „דזשאָב" דאַרף קאָסטן. און וויפל ער קען דערביי פאַרדינען. און ער האָט טאַקע פאַרדינט, כאָטש ער האָט אָנגעגעבן דעם קלענסטן פּריז.

ער האָט אויך געקענט אויסקומען מיט די אַרבעטער, כדי זיי זאָלן גיכער אַרבעטן און די אַרבעט זייערע זאָל אַרויסקומען גוט.

דאָס האָט ער מיר נאָך דערציילט אין באַלטימאָר גייענדיק צו דער באַן. ער האָט זיך געגרויסט מיט דעם וואָס ער איז פאַר זיך אַליין אין ביזנעס און ער פירט געשעפטן אויף שווערע טויזנטער דאָלאַר.

— איך האָב געכאַפּט דעם שניט ווי איבערצובויען אַלטע הייזער, און מאַכן געלט. איצט נעם איך זיך בויען נייע הייזער. און אַלץ אַליין, קיינער האָט מיך ניט געלערנט, האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ.

כ'האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז ער האָט זיך טאַקע ליב צו באַ־רימען, אָבער טרייבט ניט איבער. ער איז פּשוט געווען צופרידן און ער וויל זיך דערמיט נישט אויסבאַהאַלטן. ער האָט געוואָלט אַז אַלע זאָלן דערפון וויסן.

ער איז געווען זייער גליקלעך וואָס זיין הויז איז שוין אַן אָפּגעצאָלטע און ער האָט געלט אין באַנק. ער האָט הנאה געהאַט וואָס ער האָט עס מיר דערציילט.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ באַרימען זיך מיט געלט און דערפאָלג, און אויך צוליב דעם וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן, ווייל ער האָט ליב אַרויסצוהעלפן יענעם, האָט אים שוין ניט געפּאַסט מיך צו לאָזן אַרומ־גיין אין די „גרינע" קליידער. האָט ער מיך דעם דריטן שבת גענומען אין ביינברידזש סטריט; אַ גאַס וואָס איז מיר פּשוט ניט איינגעשטאַנען, וואָס זי געפינט זיך אין אַמעריקע.

עפּעס אַזאַ אַלטע, שמוציקע גאַס, אַן אָפּגעלאָזטע, אַ פאַרלייגטע מיט בערג און אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע מעבל און וועגעלאַך מיט קאַליע־געוואָרענע פּרוכטן; פּינצטערע קראָמען אונטער לייוונטענע און בלע־כענע משופּעדיקע דעכלעך, און מיט קויטיק איינגעהילטע קרעמער, וואָס

האָבן אויסגעשריען זייערע סחורות. אינמיטן גאַס האָבן געפּלאַקערט פּיי־ערן, איבער וועלכע קינדער זיינען אַריבערגעשפּרונגען און געטומלט. אַ ביטערער רויך האָט זיך געשפּרייט אין דער לופט. אין פראָנט פון די הייזער — קופּעס מיסט, פּעסלעך שמוץ, פון וועלכע אַ שלעכטער ריח האָט זיך געטראָגן.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך געוואונדערט... מיין ברודער האָט אַפנים פאַרשטאַנען אַז מיר געפעלט נישט ביינברידזש סטריט. און כדי ער זאָל זיך נישט פילן באַליידיקט פאַר זיין באַליבטער שטאָט פילאַדעלפיע, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— דו האָסט נאָך פילאַדעלפיע נישט געזען. ס'דאַרף נעמען חדשים זיך צו באַקענען מיט דער ריזיקער שטאָט. פאַראַן פלעצער וואָס גאַנץ יוראָפּ פאַרמאָגט נישט. וואַרט, דו וועסט אָנקוקן בראָד סטריט!..

מיר זיינען אַריין אין אַ קראָם איבער וועלכער אַן אַלטע פאַרשטויבטע פאַר הויזן האָבן זיך געוויגט אין ווינט. אַ סימן אַז דאָ איז אַ קליידער־געשעפט. אַן עלטערער ייד איז אַרויסגעקראָכן פון הינטער אַ וואַנט פאַרהאַנגען מיט מלבושים, און געפרעגט מיט אַ צוגעקילט קול:

— ווייזן עפּעס פאַר'ן גרינעם?

— יעס, האָט מיין ברודער געענטפערט. ער איז ערשט אָנגעקומען פון יוראָפּ. ווייזט עפּעס אַ לייטישן „סוט", אָבער נישט טייער.

— וועגן פּרייז דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן, האָט געזאָגט דער קרעמער, זיך אויסשנייצנדיק די נאָז. ביי מיר איז גוטע סחורה און ביליק.

ער האָט אָנגעוואָרפן עטלעכע קאָסטיומען, אויף וועלכע מיין ברודער האָט באַלד געזאָגט אַז אַלע זיינען זיי שמאַטעס. דער ייד איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן און געוויזן נאָך און נאָך, צום לעצט האָט ער דערלאַנגט אַ בלויען גאַרניטער און מיך געהייסן אָנמעסטן.

אָט ווי געמאַכט צו „אָרדער", האָט דער קרעמער געזאָגט, גלעטנדיק די סחורה איבער מיין פּלייצע. אַזוי ווי אויסגעגאָסן, ווי איך בין אַ ייד.

קוקנדיק אין שפּיגל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין העכער און ברייטער געוואָרן.

— ס'געפעלט דיר דער „סוט"? פרעגט דער ברודער. און איך דער־קען אין זיין טאָן אַז אים געפעלט ער, מחמת עס קוקט אויס צו זיין אַ שטאַר־קע סחורה.

— און איצט, ווייזט עפּעס אַן „אָווערקאָוט", ניט קיין שוואַרצן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום קרעמער. און איך האָב זיך אויסגעקליבן אַ טונקל גרויען מאַנטל מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, און מיר האָבן זיך געענומען דינגען מיט דעם קרעמער.

לויט דעם קרעמערס חשבון, האָבן ביידע מלבושים באַטראָפן צוויי און צוואַנציק דאָלאַר. ער האָט זיך געשוואָרן אַז דאָס איז דער ביליקסטער פּרייז וואָס ער קען רעכענען. אָבער געקראָגן האָט ער נאָר פערצן דאָלאַר. זיבן פּאָר'ן מאַנטל און זיבן פּאָר קאָסטיום...

דער קרעמער האָט צוגעוואונטשעוועט, און מיר זיינען אַריין אין אַן אַנדער קראָם. דאָרט האָט מיין ברודער מיר געקויפט אַ שוואַרצן שטייפן קאַפּעליוש מיט אַ קיילעכדיג דעכעלע, און ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס האָט ער מיר געזאָגט אַז איצט קוק איך אויס ווי אַ מענטש. און ער האָט מיר גלייך געגעבן אַנצוהערן, אַז אַפּצאָלן פאַר דער שיפקאַרטע, צו וועלכער ער איז געווען אַ דריטער שותף, זאָל איך אים... ער האָט צייט... עס ברענט ניט... עס פעלט אים חלילה ניט אויס צום עסן...

אַ פּאַרפּוצטער אין די נייע מלבושים, האָבן ביידע שוועגערינס זיך גע־שוואוירן, אַז איך קוק אויס ווי אַן אמת'ער אַמעריקאַנער.

מיין קוזינע, וואָס האָט געוואוינט אין איין הויז מיט מיר, אויפן אויי־בערשטן שטאָק, האָט געזאָגט, אַז ווען זי זעט מיך אין גאַס נישט וויסנדיק ווער איך בין, וואָלט זי אסור געטראַכט אַז דאָס גייט אַ „גרינער".

נאָך דעם דאַזיקן פיינעם קאָמפּלימענט, האָט זי מיר געגעבן איינס פון איר מאַנ'ס העמדער מיט אַ בלויען קראַוואַט וואָס בינדט זיך אויס אין דער ברייט. מיין יינגערע שוועסטער וואָס איז נאָר וואָס אַ היים געקומען פון דער אַרבעט מיט דער „פּעידע", האָט מיך גענומען אין אַ שוך־סטאָר און מיר געקויפט אַ פּאָר שטאַרקע שיך פאַר גאַנצע דריי דאָלאַר...

כ'האָב די זאַכן באַדאַרפט און זיי זיינען מיר שטאַרק געפעלן געווען. איך האָב אַרויסגעוויזן דאַנקבאַרקייט. נאָר טיף אין האַרצן האָב איך גע־פילט ווי עס באַקומט מיר נישט...

כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז די מלבושים זיינען ניט קיין מתנות, האָבן דאָך די אַנצוהערענישן וועגן אַפּצאָלן, צוגענומען פון מיר די גאַנצע פרייד, און אַרויפגעוואָרפן אויף מיר אַ חוב נאָך איידער כ'האָב איין סענט פאַרדינט.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין ניט געקומען צו שוועסטער און ברידער, נאָר צו לאַנדסלייט און זיך אַנגעהויבן פילן ווי אַ פרעמדער.

עס קען אויך זיין אַז איך בין געווען ניט דערפאַרן, און ווייל בטבע סענסיטיוו — האָט זיך אין מיר געשאַפן דער דאַזיקער איינדרוק.

סיי־ווי־סיי איז פון מיר די זאָרגלאָזיגקייט אַוועק, און דאָס פרייען זיך מיט דער משפחה איז געוואָרן שוואַכער.

דערנאָך איז מיר נמאס געוואָרן צו זיצן אין הויז. עס איז מיר אויך נמאס געוואָרן, דאָס אַרומגיין איבער די שמאָלע גאַסן מיט די צולעכערטע

רויט־ציגלדיקע טראָטואַרן. כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראַגן דאָס זאַטע פראָסט גשמיות׳דיקע לעבן. כ׳האָב נישט געקענט פאַרליידן — די צו־פרידענע מענטשן, מיט זייערע רייד, וועגן הייזער, „מאַרגעדזשעס״, און געלט. רייד וועגן אַ גוט פלעשל בראָנפן, שווערע מאַלצייטן און פוטערנע מאַנטלען.

עס האָט מיר אָפּגעעקלט פון די לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך בחברותא יעדן שבת נאָכט אָוועקגעלאָזט אין אַ רוסישער באָד, און דאָרט נאָקעטער־הייט געפּראַוועט אַ סעודה און גערעדט דאָרט פּראָסטע, נאַרישע רייד, באַגלייט פון אַ שיכור׳ן געלעכטער. עס איז אין דעם געלעגן עפּעס אַזאַ הפקרות וואָס האָט געשלאָגן צום האַרצן.

עס איז מיר ניט געפעלן געווען, די זיסע שמייכלענדיקע רייד און קאָמ־פּלימענטן פון די משפּחה־מיטגלידער, ווען מ׳איז זיך צוזאַמענגעקומען, און דאָס באַריידן אַביסעלע איינער דעם אַנדערן אונטער די אויגן. אין זייערע רייד האָט זיך געשפּירט אייפערזוכט, און דאָס נישט פאַרגינען איינער דעם אַנדערן.

אָט אַזעלכע איינדרוקן האָב איך געקראָגן, סיי פון די ווייבער און סיי פון די מענער. מיר איז אויסגעקומען אויסצוהערן אַלערליי טענות וואָס האָבן נאָר יענעם באַשולדיקט און זיך אַליין געמאַכט גוט און פרום.

כ׳האָב אויסגעהערט און געשוויגן. ווייל ערשטנס, האָב איך ניט גע־וואוסט ווער עס האָט רעכט, צווייטנס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס׳וועט זיין פאַר מיר אַ סך געזינטער ווען איך וועל זיך ניט מישן.

איך האָב גע וואוסט, אַז זייענדיק אַ „גרינער״ וואָס דאַרף צו אַלעמען אָנקומען כדי צו קריגן אַ פרייען מאָלצייט, ווי אין דערהיים אַ ישיבה־בחור, וואָס עסט „טעג״, איז בעסער צו הערן און שווייגן... אגב, האָט געטראָפן, אַז כ׳בין מער ווי איינמאָל אַרומגעגאַנגען הונגעריק צוליב די פרייע מאָל־צייטן. ווייל איינער האָט געטראַכט אַז כ׳האָב שוין אודאי געגעסן ביי אַ צווייטן.

דער ברודער דזשעק, ביי וועמען כ׳האָב אָפיציעל געוואוינט, האָט געהאַט אַ ווייב אַ גרויסע בריה. פון די דרייצן דאָלאַר אַ וואָך וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט זי באַוויזן צו פירן אַ פיינע הויז און נאָך צו שפּאָרן געלט אויך.

ער איז געווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער און אַ שעמעוודיקער. ער איז געווען אויסגערעכנט מיטן סענט. ער איז געווען אינטעליגענ־טער פון אַלעמען. ער האָט געלייענט די „אַרבעטער צייטונג״, געגאַנגען צו אַ לעקציע אָדער צו אַ פאַרלעזונג, און געטראַכט, ווען עס איז, זיך אָנ־

שליסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. שפּעטער מיט יאָרן אָבער, איז ער אַריין אין „ריעל עסטייט ביזנעס" און איז געוואָרן אַ רייכער מאַן.

זיין פרוי פלעגט גרייטן אַ שיינעם טיש, בכלל אַרויסצואווייזן פריינט־שאַפט. נאָר איך האָב זיך דאָרט עפּעס ניט געפילט באַקוועם.

יעדן פרימאָרגן, ווען מיין ברודער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער קעלט צו דער שווערער אַרבעט, האָב איך זיך געפילט שולדיק צו פאַר־בלייבן אין דעם וואַרעמען הויז...

כ'פלעג טראַכטן, אַז ס'איז ניט קיין יושר זיך אַרויפצולייגן אויף זיינע פּלייצעס. דאָס געוויסן האָט מיר געפּלאָגט, אַז אי עסן, אי שלאָפן דאָרט איז צו פיל.

ער איז דאָך נישט מער ווי אַן אָרעמער אַרבעטער. האָב איך אָנגע־הויבן אויסצורעכענען אַז ווען ער קומט אַהיים, אַן אָנגעאַרבעטער, זאָל איך ניט זיין אין הויז...

און ביים ברודער דעם באַלעבאָס, וואו עס האָט זיך געפירט אַ ברייטע באַלעבאַטישקייט — און די שוועגערין האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי קאָכט נישט פאַר מיר ספּעציעל, האָב איך אויך געזוכט אויסצומיידן די צייט ווען מ'גייט דאָרט צום טיש...

איך האָב גאָר ליב געהאַט צו זיין ביים עלטסטן ברודער, דעם שוחט. וואו מ'האָט זיך גאָר אַנדערש אויפגעפירט.

ער האָט ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין אַלטע ספרים, און טיפע חשבונות, און פלעגט ליב האָבן רעדן מיט די קינדער וועגן וויסנשאַפט. ער האָט אָבער אויך געשעפּט פאַרגעניגן פון ציילן געלט. ער האָט אפשר הונדערט מאָל אַ טאָג אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער קעשענע פון'ם שמוציקן פאַרטעך, אַרויסגענומען אַ פולע זשמעניע מיט קליין געלט, צו־געבויגן דעם קאָפּ מיט די קורזיכטיקע אויגן, און מיט די קאַלטע, פון בלוט און פעדערן פאַרקלעפּטע, פינגער גענומען ציילן און ציילן, ביז עמיצער פלעגט אַריינקומען שעכטן אַן עוף און אים איבערגעשלאָגן.

ער האָט שוין געהאַט באַגראָבן שיינע עטלעכע טויזנט דאָלאַר וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אַלס שותף אין בויען הייזער, ביי וועלכע ער האָט געמיינט רייך צו ווערן.

בעת'ן ציילן דאָס געלט, פלעגט ער אין מיטן דער הנאה, פלוצעם אַריינפאַלן אין אַ צאָרן, און נעמען וואַרפן די גאַנצע שולד אויף אונדזער שוואָגער אין ניו יאָרק, פאַרוואָס ער האָט אים איינגערעדט, און צוגע־זאָגט גאָלדענע גליקן.

די שוועגערין, אַ קלוגע, מיט אַ געשליפן מויל, פלעגט זיך באַלד אָפּ־רופן:

ווען ניט דער קוילער, דער מערדער, וואָלט איך געזעסן אין אַזאַ מושב? און מיינע קינדער וואָלטן געגאַנגען אין אַזעלכע קליידער? נישקשה, כ'בין אַזאַ בריה ווי מיינע שוועגערינס, און שכל האָב איך אפשר אַזויפיל ווי זיי... נאָר אונדז איז באַפאַלן אַ גזלן, ער האָט גאָרנישט רחמנות געהאַט אויף אונדזער שווער־פאַרהאָרעוועטע געלט... וואָס וואָלט מיר איצט געפעלט?

נישט ער, נישט זי, און נישט די קינדער האָבן געקענט מוחל זיין דעם פאַרלוסט פון די עטלעכע טויזנטער. זיי זיינען אַלע געווען פאַר'סמ'ט מיט שנאה צום שוואָגער און שוועסטער אין ניו יאָרק. די דאָזיקע שנאה האָט אויך אַריבערגעשוימט צו די איבעריקע אין דער פאַמיליע. פונקט ווי אַלע וואָלטן געווען שולדיק וואָס זיי האָבן פאַרלוירן.

ביי דער גוטער פרנסה, און דער קאַרגשאַפט, זיינען די טויזנטער ביי זיי סיי־ווי־סיי געוואַקסן ווי אויף הייוון.

זיי האָבן געהאַט זעקס קינדער. און זייער אַמביציע איז געווען, אַז אַלע זאָלן זיך לערנען. בילדונג איז געווען זייער אידעאַל.

— נישט דאָס שיינע קלייד, די רייכע היים, און נישט דער פעטער מאַלצייט מאַכט דעם מענטשן, נאָר בילדונג און ביכער, פלעגט זי אַלע־מאָל זאָגן, און זי פלעגט ברענגען קלוגע ווערטער פון איר טאַטן דעם למדן אַלס ביישפּיל.

ווען איך בין געקומען איז זייער צווייטער זון, אַ בחור אין מיין על־טער, שוין געגאַנגען דעם דריטן יאָר אין אוניווערזיטעט, און זיך געלערנט פאַר אַן אינזשענער. אים פלעגט מיין ברודער אַסך אַרויסהעלפן אין די הויכע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען. אַזוי איז געווען מיט די איבעריקע קינ־דער. בלויז דער בכור זיינער האָט נישט געוואָלט לערנען און איז, צו זייער גרויסע שאַנדע און ווייטיק, געוואָרן אַן „אָפּערייטאָר" ביי „אָווער־האָלס", וואָס צוליב דעם טאַקע, האָבן זי אים פאַרטריבן פון הויז.

אויף איר איז ניט שייך צו זאָגן אַז זי איז געווען אַ פּרוי אַ בריה. זי איז געווען מער ווי דאָס. זי איז ממש געווען אַ קינסטלערין אינעם זין פון פירן באַלעבאַטישקייט אויף אַן אויסגערעכנטן אופן.

— די בריה'שאַפט, פלעגט זי זאָגן, ליגט נישט אין באַקן שיינע חלות און אין קאָכן גוטע ראָסל־פליישן, נאָר אין וויפל די חלות קאָסטן אָפּצו־באַקן. מיינע חלות און קיכלעך וואָס איך באַק אויף שבת, קאָסטן נישט מער ווי פינף און דרייסיק סענט און זיי זיינען אַלע מאָל שיין און גע־ראָטן, און די פליישׁ און פיש, צימעס און קוגל, נישט מער ווי אַ דאָלער. און מיט זיבעציק סענט אַ טאָג האַלט איך זאַט מיין גאַנצע פאַמיליע... און

קליידלעך מיט בלוזקעס פאַר וועלכע אַנדערע באַצאָלן דריי פיר דאָלאַר אַ שטיק, ביי איך אַליין אויף און עס קאָסט מיר נישט מער ווי זעכציק סענט.

אַט אַזוי פלעגט זי זיך פאַר מיר באַרימען, און עס האָט אויסגעקוקט צו זיין דער ריינער אמת.

ביי זיי האָב איך איינמאָל, גרינערהייט, געבעטן אַ האַלבן דאָלאַר, האָבן זיי ביידע געענטפערט:

— קענסט קומען עסן יעדן טאָג. קענסט דאָ נעכטיקן ווען דו ווילסט. דו ווייסט האָבן דיזעלבע מאכלים און זעלבן געלעגער ווי מיר אַלע... אָבער קיין געלט האָבן מיר נישט.

כ׳האָב זיך געפילט אי פאַרשעמט, אי צעווייטיקט. כ׳האָב זיי אָבער גוט פאַרשטאַנען. זיי זיינען געווען קאַרגע, אָבער נישט קיין שלעכטע... דאָס וואָס זיי האָבן זיך פאַרגינען, האָבן זיי מיר געגעבן מיט׳ן גאַנצן האַרצן.

מיין שכל האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך מעג זיי גלויבן, און עס מאַכט ניט וואָס זיי זיינען קאַרג. דאָס ביסל באָרשט מיט קנאָבל און נעכטיקע ברויט וועט מען מיר ניט זשאַלעווען.

דאָרט איז טאָקע שטענדיק געשטאַנען אַ גרויסער טאָפּ מיט קאַלטע באָרשט, וואָס זי האָט פאַר עטלעכע פּעניס אָפּגעקאָכט אויף דריי פיר טעג; אָנגעזויערטע קרויט אַ גאַנצע דייזשקע און געקאָכטע אָדער געבאַקענע קאַרטאָפל. אַ הייסער טשייניק וואַסער, איז תמיד געשטאַנען אויפ׳ן אויוון גרייט צו מאַכן אַ גלאָז טיי. ווער שמועסט נאָך, אַז זי האָט אַריינגעטראָגן אַ צוויי הערינג, וואָס האָט געקאָסט אַ סענט אַ שטיק, איז גאָר געווען אַ יום טוב.

כ׳האָב פון די מאָלצייטן וואָס מיר האָבן געגעסן צוזאַמען, פון די הייסע קאַרטאָפל זופּ, מיט אַ ברעקל פלייש אָדער לונגען, באמת הנאה געהאַט.

איך האָב זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון דעם געפיל אַז איך בין ביי עמיצן אַ לאַסט.

דאָס „הויז" וואו מיין ברודער דער שוחט מיט זיין פאַמיליע האָבן געוואוינט, איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, איינער איבערן אַנדערן. דאָס אונטערשטע צימער אין וועלכן מ׳איז אַריינגעקומען גלייך פון דער גאַס, איז געווען די קיך, די „פּאַרלאַר", דאָס עס־צימער, דאָס צימער אויפצונעמען געסט, און פאַר די קינדער איבערצו׳חזר׳ן זייער שול אַרבעט. אין דעם צימער האָט מען געלייענט ביכער, געשריבן, זיך אָפּגערוט און זיך

געוואָרעמטביים אויוון. אין דעם צימער זיינען אויך געזעסן יידן און ווייבער וואָס זיינען געקומען שעכטן עופות, און גלאַט שכנים.

די אויבערשטע צוויי צימערן זיינען געווען צום שלאָפן. אין איינעם פון די צוויי איז אויך געשטאַנען אַ גרויסע פלאַכע פיאַנאָ אויף וועלכער מ׳האָט פאַר עמיצן געמאַכט אַ געלעגער... קיין קישנס און איבערבעטן האָבן דאָרטן ניט געפעלט.

אין אַלע צימערן פון די דריי שטאָק, איז ניט געווען קיין איין פענצ־טער, וואָס זאָל האָבן גאַנצע שויבן. עס איז דאָרט תמיד געווען קאַלט. דורכ׳ן קיך־פענצטער האָט זיך געזען די הילצערנע וואַנט פון שכנ׳ס הויז וואָס האָט אינגאַנצן פאַרשטעלט דאָס ליכט פון טאָג. דער שמאָלער דורכגאַנג, צווישןביידע הייזער, האָט געפירט צום בית־הכסא און צו דער וואַסער פּאָמפּע וואָס האָט אַלע מאָל געברומט. זומער זייט איז דאָרט שטענ־דיק נאַס געווען, און ווינטער — גליטשיק. עס זיינען דאָרט געשטאַנען דריי פעסער און עפּעס אַ מין טאַפּטשאַן. זיי האָבן כמעט אינגאַנצן פאַרשטעלט דעם שמאָלן דורכגאַנג. איין פאַס איז געווען פאַר׳ן בלוט פון די געשאָכ־טענע עופות, און די אַנדערע צוויי פעסער פאַר די פעדערן וואָס מ׳פלעגט אָפּפליקן. אין איינעם פלעגט מען אַריינוואַרפן די הינערשע פעדערן און אין צווייטן — די גענזענע.

נישט געווען קיין זייער באַקוועמע וואוינונג. פונדעסטוועגן, פונקט ווי איך האָב ליב געהאַט צו עסן די היימישע, אָרעמע, פּראָסטע מאכלים, אַזוי האָב איך ליב געהאַט די פשוט׳ע ניט איבעריק ריינע און ענג פאַר־שטעלטע שטוב. דוקא ביים ברודער, דעם שוחט, האָב איך זיך געפילט גוט און זיכער. דאָ האָב איך געהערט אַן איידל וואָרט סיי פון אים, און סיי פון זיינע קינדער. דאָ פלעגן קומען געקליבענע יונגע לייט און מיידלעך, שול־חברים, וואָס האָבן גערעדט העברייאיש, דאָ האָט מען געשמועסט פון שרייבער און פון ביכער, וואָס זיינען געווען פאַר מיר אַזוי פרעמד, דאָך פלעג איך האָבן הנאה פון זיי צו הערן. דאָ האָט מען גערעדט פון גרויסע דערפינדונגען... דאָ האָט מיר דער ברודער פאָרגעלייענט פון אַ צייטונג, און מיר דערקלערט נאַטור־געשעענישן.

איך האָב פון די אַלע גייסטיקע געשפּרעכן געהאַט מער פאַרגעניגן ווי פון די געשפּרעכן וואָס מיין ברודער פרענק האָט געפירט מיט זיין שותף וועגן ציגל און קלעצער, „מאָרגיידזשעס״ און „אינטערעס״.

פרייטיק־צו־נאַכטס, פלעגן מיר גיין אין שול. (צוליב מענטשן פאַר־שטייט זיך, ווייל ער איז ניט געווען קיין פרומער), און ווען איינער פון די צוויי באַרימטע רבנים, האָט גערעדט איבער דער סדרה פון דער וואָך,

פלעגט ער מיך מיטנעמען. צוריקקומענדיק אין דער אויסגערייניקטער קיך, מיט אַ ווייסן טישטוך אויפ׳ן טיש און די לייכטער מיט די חלות, האָט מען טאַקע געקענט פילן דעם טעם פון עונג שבת.

מיט דער צייט האָב איך דאָרט אָנגעהויבן זיך צו פילן ווי איינער פון דער פאַמיליע. אַלע האָבן מיך אי מקרב געווען, אי באַדויערט. זיי זײַנען גע־ווען מיט דער מיינונג, אַז ווען כ׳וואָלט געהאַט די ריכטיקע דערציאונג, וואָלט איך זיכער צו עפּעס זיך צוגעשלאָגן... און „עפּעס" האָט בײַ זיי גע־מיינט ניט ווייניקער ווי ווערן אַ פּראָפעסיאָנאַל... דער ברודער אַליין האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּ׳חידוש׳ן ווי גיך איך כאַפּ אויף אַ געדאַנק, און ווי איך פאַרשטיי און קלייב זיך פאַנאַנדער אין פאַרשידענע סיטואַציעס, אָדער אַפילו ווען ער האָט מיר געגומען דערקלערן שווערע ענינים, ווי, למשל, אַסטראָנאָמיע אָדער כעמיע, האָב איך אויך אַרויסגעוויזן פאַר־שטענדעניש.

— איך געדענק נאָך אין דער היים, האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז דו האָסט געהאַט אַ גוטן קאָפּ צו דער גמרא. — ס׳איז באמת אַ שאָד. און ער האָט זיך פאַרטראַכט.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער ווען כ׳האָב שוין געהאַט פאַרדינט געלט, האָט ער מיר געראָטן צו קויפן דעם „ידיעת הטבע" אויף יידיש.

— דו וועסט דאַרפן אַ סך לערנען, און קענען רעדן מיט אַ מענטשן. האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט מיר אויך געהייסן קויפן שלום עליכמ׳ס ווערק, ווייל ער האָט זיי אויך געוואָלט לייענען. ער אַליין האָט זיך ניט פאַרגונען אויסצוגעבן געלט.

יעדן מאָל וואָס איך בין דאָרט געקומען, שוין אַלס פאַרדינער, פלעג איך אויסטיילן געלט צו זײַנע קינדער. פלעגט ער שטיין דערבײַ מיט אַ געמישטן געפיל און מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק אויף זיין פּנים.

ער איז געווען צופרידן וואָס זיי נעמען, און אין דערזעלבער צייט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי מען גיט עס אַוועק געלט?

— ביסט אַ שאַרלאַטאַן! אַן אויסברענגער! פלעגט ער אַלעמאָל אַ זאָג טאָן מיט אַ האַלבן שמייכל.

און ווען איך האָב איינמאָל גענומען איינע פון זײַנע מיידלעך אין אַ טעאַטער איז ער דוקאָ געווען צופרידן וואָס זיין בעסי האָט געזען אַ פאַר־שטעלונג, און וואָס אים האָט גאָר נישט געקאָסט. אָבער מיר האָט ער באַלד אָנגעהויבן מוסר׳ן, אַז איך ווייס ניט ווי צו האַלטן אַ סענט, און אַז פון מיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין!

דאָס זעלבע איז געווען, ווען ער האָט מיך דערזען אין אַ נייעם מלבוש,

אָדער אין נייע שיך... ער האָט מיך אַפּילו גע׳מוסר׳ט פאַר׳ן קריפן צי־גאַרעטן.

— איך רויכער אייגענע געמאַכטע, פלעגט ער זאָגן, און זיי קאָסטן מיר פינף פּאַר אַ פּעני, און זיינען בעסער פון די פּאַרטיקע ...

אין פּרט פון אויסגעבן געלט בין איך געווען אַ פולשטענדיקער קאָנט־ראַסט צו אים. עס זיינען אָבער געווען אַנדערע זאַכן וואָס האָבן אונדז דערנענטערט. ער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט מיט מיר צו רעדן. און מיט מיר צו פאַרברענגען, און איך אויך האָב ליב געהאַט צו זיין אין זיין גע־זעלשאַפט.

דריטער קאַפּיטל

1

די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און איך האָב נאָך אַלץ גאָרניט געטאָן. מ'האָט געהאַלטן אין איין רעדן וואוהין מיך צו שיקן אַרבעטן. אָבער פון די רייד איז גאָרנישט געוואָרן. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן צוגעזאָגט היינט, מאָרגן, מיך אַרויפנעמען אין אַ שאָפּ, און ביים צוזאָגן בין איך געבליבן.

איך בין געווען דערשלאָגן און פאַרזאָרגט. עס האָבן זיך מיר געמאָלן טרויעריקע בילדער. עס האָט זיך מיר אַרויסגעוויזן אַז כ'בין אַ געבוירענער ליידיק־גייער, אַ פּוסט־און פּאַסניק. איך האָב דאָס פאַרבונדן מיט די יאָרן וואָס כ'האָב פאַרבראַכט אין אַ סביבה אין וועלכער מ'האָט ניט געוואוסט פון קיין אַרבעט. יענע יאָרן האָבן דאָס געלאָזן שפּורן אין מיין נאַטור. כ'האָב זיך געשראָקן, אַז מ'וועט אין מיר דערקענען דעם געוועזענעם קנעכט וואָס טויג זיך נישט אויס צו קיין שום מלאכה.

אייניקע פלעגן מיר אויסרעדן ס'האַרץ מיט אַזעלכע ווערטער:

— זיי נישט קיין נאַר! דו וועסט זיך נאָך גענוג אָנאַרבעטן אין אַמעריקע! דאַרפסט ניט זיין פאַרצווייפלט! האָסט נאָך דערווייל וואו איבערצונעכטיקן און וואו אָפּצועסן. און קיין ווייב אין יוראָפּ האָסטו אויך ניט איבערגעלאָזן!

האָבן די טרייסט־ווערטער בלויז פאַרגרינגערט מיין געמיט אַ קורצע ווילע. דערנאָך האָב איך ווידער פאַרשטאַנען מיין לאַגע, און זיך געפרעגט: וואָס וועט זיין דער תכלית? מערקווירדיק, פראַגן וואָס האָבן מיך טרויעריק געמאַכט האָב איך ניט אומעטום געפרעגט: עס האָט זיך געווענדעט אין וועלכע הויז איך בין געווען, מיט וועלכע מענטשן כ'האָב זיך געטראָפן און אין וועלכע גאַסן כ'בין אַרומגעגאַנגען.

ווען איך בין געווען אין מאַרקעט סטריט, למשל, אַ גאַס מיט ריזיקע קראָמען און הויכע געביידעס, וואו עס האָט געקאָכט מיט לעבן, וואָס האָט דערמאָנט אַן רייכטום און ברייטע מעגלעכקייטן, — האָב איך נאָר באַוואונ־

דערט די נייע קלוגע וועלט, דעם גרויסן מענטשלעכן פּראָגרעס, און מײַן נשמה איז פֿאַרבליבן רויִק. דאָסזעלבע, ווען כ׳האָב געשפּאַצירט אין די שטילע אַריסטאָקראַטישע גבירישע גאַסן, וואָס האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט פֿאַר־געניגן. מיר איז גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, מקנא זײַן די מענטשן וואָס וואוינען איז די אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַצן. עס האָט זיך אין מיר ניט גע־וועקט קיין שום געפֿיל פֿון אַמביציע. כ׳האָב אַפֿילו ניט געטרוימט ווען עס איז צו באַזיצן אַט די אַלע גוטע זאַכן. זיי זײַנען אינגאַנצן געווען אוי־סער מײַן השגה.

דאָגעגן האָט בײַנברידזש סטריט און נאָך אַזעלכע גאַסן, וואו עס האָבן געוואוינט אָרעמע מענטשן, אַרבעטער, קליינע געשעפֿטס־מענטשן, אויפֿגעוועקט אין מיר אַן אַמביציע. איך האָב געוואָלט כאַטש דערגרייכן די מערכה וואָס זיי האָבן...

איך האָב געוואָלט זײַן כאָטש אין דער פּאָזיציע פֿונעם פּעדלער, פֿונעם אָרעמען קרעמער, און פֿון דעם אַרבעטער. איבערהויבט פֿונעם אַרבעטער, וואָס מאַכט אַ לעבן. עס קען זײַן אַז פֿאַר אַנדערע וואָלט עס געווען אַ זייער באַשיידענער וואונטש, אָבער בײַ מיר איז עס געווען אַ גרויסער פֿאַרלאַנג. איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט — אַז ויען איך קום צו דעם וועט עס מיר ברענגען אַסך גליק.

דאָ אין די דאָזיקע גאַסן, האָט זיך געשפּרייט אַן אַ שיעור זאָרג אין מײַן נשמה. דאָ פֿלעג איך טענה׳ן צו זיך אַליין; וואָס בין איך? וואָס קען איך אויפֿטאָן? פֿאַרוואָס האָב איך ניט קיין מלאכה אין האַנט? פֿאַרוואָס בין איך ניט געוואָרן אַ סטאָליער, אַ בלעכער, אַ שניידער אָדער אַ זייגער־מאַכער?

כ׳זע דאָך אַז דאָס איז אַ לאַנד פֿון אַרבעט און בויען. די טראַמווייען זײַנען גאַנץ פֿרי און אין אָוונט געפּאַקט מיט מענטשן וואָס פֿאָרן צו דער אַרבעט. יעדער איינער האָט אַ שאָפּ אָדער אַ פֿאַבריק וואוהין צו פֿאָרן, און אַ היים צוריק צו קומען. זיי פֿילן זיך אַזוי וויכטיק און נוצלעך. און ווען עס קומט שבת נאָך מיטאָג, קריגן זיי די שכירות און ווערן באַפֿרייט אַזש ביז מאָנטיק אין דער פֿרי, כדי צו קענען פֿאַרברענגען מיט זייערע נאָענטע און אייגענע.

כ׳האָב געפֿילט אַ קנאה צו אַט די מענטשן וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט די פּעקעלעך עסן אונטער די אָרעמס „כאַפּן" די „קאַר" וואָס איז שוין געווען אַן איבערפֿולטע.

זייער אויפֿשטײַק ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטער. און דאָס איילן זיך זייערס ערגעץ־וואו, האָט פֿאַר מיר געהאַט עפּעס אַ מין רייץ. כ׳פֿלעג שטיין און טראַכטן, אַז יעדער איינציקער איז אַ טייל פֿון די וואָס בויען דאָס

לעבן. יעדער באַזונדער אַ וויכטיק שרייפעלע, פון דער ריזיקער מאַשין וואָס הייסט אינדוסטריע.

און וואָס בין איך? אַ גאָרנישט. אַ לוא־יוצלח. האָב איך זיך אַליין געענטפערט.

כ׳פלעג אָפט מיט אַזעלכע אומעטיקע געדאַנקען, שעמען זיך צו גיין ערגעץ אָפעסן: פאַרוואָס קומט מיר דאָס? פאַר וועלכע מעשים טובים? פאַרוואָס קומט מיר פרייע מאָלצייטן? פלעג איך זיך פרעגן? און זיך געפילט ווי אַ פאַראַזיט וואָס לעבט פון יענעמ׳ס פראַצע.

אמת. כ׳האָב געהערט, אַז גרינע מוזן זיך גענוג אָנפּלאָגן די ערשטע צייט איידער זיי קריגן עפּעס צו טאָן. בין איך ניט געווען צופרידן מיט׳ן „מוזן״! עס איז דאָך נאָך אַלעמען ניט קיין נאַטור געזעץ!

האָב איך אָנגעהויבן אַרויסצוגיין יעדן פרימאָרגן זוכן אַ דזשאָב אין די גאַסן וואו עס האָבן זיך געפונען אַלערליי שעפּער און וואו ס׳זיינען געהאַנגען שילדן אַז מ׳פאַרלאַנגט אַרבעטער. אָבער ווען כ׳בין אַריין פרעגן האָט מען מיך צוריקגעשיקט מיט אַן ענטפער, וואָס כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען.

אַמאָל אַז כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף אַ יידן, האָט ער מיר געזאָגט:

— ניין! מיר דאַרפן בעל מלאכות און ניט קיין „גרינע״.

פלעג איך בלייבן שטיין אין דרויסן און קוקן אויף די שעפּער מיט די איזערנע לייטערס איבער די פאַשטויבטע פענצטער, איינהערן זיך אינעם גערויש וואָס טראָגט זיך פון די פילע עטאַזשן און שטאַרק מקנא זיין די מענטשן וואָס אַרבעטן אין זיי.

כ׳פלעג צוריקגיין מיט עגמת נפש און קלערן: ווי אַזוי פּאַסט מען זיך צו צו דער נייער וועלט? ס׳הייסט, לערנען זיך אַ מלאכה, און ווערן אויס גרינער? כאָטש אין דער אמת׳ן זיינען ביידע איין זאַך. אַז מ׳איז אַ בעל מלאכה, פאַרדינט מען געלט, און אַז מ׳פאַרדינט געלט, ווערט מען שוין במילא אויס גרינער. און אַז מ׳לערנט זיך נאָך אויס די ענגלישע שפּראַך און מ׳באַקאַנט זיך מיט די מנהגים פון לאַנד, ווערט מען אַן אמת׳ער אַמעריקאַנער!

אָבער ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס?

און אַזוי גייענדיק פאַרטראַכט, אַליין נישט וויסנדיק וואוהין, האָב איך פּלוצעם דערזען אַ פאַפירענעם שילד אויף וועלכן עס האָט זיך מיט גרויסע שוואַרצע יידישע אותיות געלייענט:

— פאַרלאַנגט אַ גרינעם צו אַרבעטן ביי „קענדי״.

אין ערשטן מאָמענט, איז מיר עפּעס די גאַנצע געשיכטע ניט געפעלן געוואָרן. איך האָב אַפילו קיין חשק ניט געהאַט אַריינצוגיין פרעגן. ערשטנס, איז עס נישט קיין אמת׳ע שאַפּ געביידע. נאָר אַ געוויינטלעך דריי שטאָ־

קיך הויז, אין וועלכן מ׳וואוינט. צווייטנס, האָב איך צווישן אַלע מלאכות וואָס מ׳האָט פאַר מיר אויסגערעכנט, קיינמאָל ניט געהערט מ׳זאָל דערמאָנען אַרבעטן ביי „קענדי״.

אָבער נאָך אַ ווײַלע קלערן האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגייך. וואָס איז דער חילוק, ביי וואָס מ׳אַרבעט? כ׳האָב דען עפּעס אַנדערש? אויסער דעם האָב איך געהערט עמיצן זאָגן אַז אַ גרינער דאַרף נישט זײַן איבער־קלייבעריש און דאַרף אַרבעטן ביי וואָס עס מאַכט זיך.

איך האָב געעפנט די טיר, און בין אַריין אין אַ לאַנגן צימער. עטלע־כע מיידלאַך און בחורים אין ווייסע פאַרטעכער און פאַרקאַטשעטע אַרבל, זײַנען געשטאַנען איבער פאַרמעליקטע טישן און עפּעס געוואַלגערט מיט די הוילע הענט.

אַן אַנגענעמער ריח, ווי פון געבאַקענעם לעקעך, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז, און עס האָט מיר אַרומגענומען אַ היימישע וואַרעמ־קייט.

דער באַלעבאָס, אַ קורצער פעטער ייד, מיט אַ ווייסן מיץ אויפ׳ן קאָפּ, מיט ווייסע הענטשקעס און אין אַ פאַרטוך, איז צו מיר צוגעקומען און האָט מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס. די אַרבעטער האָבן אויך אָנגעהויבן קוקן אויף מיר. אַ רויטקייט האָט זיך צוגאָסן איבער מיין פּנים. כ׳האָב דערפילט ווי ס׳איז מיר הייס געוואָרן.

— האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט ביי קענדי? האָט ער אַ פרעג געטאָן און זיך באַלד פאַרכאַפּט, „איך מיין צוקערקעס״?

— ניין. האָב איך געענטפערט. כ׳בין ערשט פינף וואָכן אין אַמע־ריקע.

אָבער געגעסן האָסטו, יאָ? האָט ער אַ פרעג געטאָן און זיך צעלאַכט — ווי פון דעם בעסטן וויץ. די איבעריקע האָבן אים געהאָלפן לאַכן.

אין קאָפּ איז מיר אַדורכגעלאָפן די פראַגע, — האָב איך ווען גע־געסן קאָנפעקטן? דאַכט זיך אַז נישט. סיידן אַלס קינד אפשר. אָדער „חמשה עשר״, ווען דער טאַטע פלעגט ברענגען זיסע נאַשערייען, פלעגט ער אויך מיטברענגען עטלעכע צוקערקעס.

ער האָט מיך געהייסן אויסטאָן דעם מאַנטל מיט׳ן קאַפּעליוש, און מיר דערלאַנגט אַ פאַרטעך מיט אַ ווייסע קופּקע, ווי אַ יאַרמולקע. דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ קאָכיקן קעסל פון וועלכן עס האָט געשלאָגן אַ גרויע זיסע פּאַרע. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסן הילצערנעם קאָך־לעפל, און אָנגעזאָגט צו האַלטן אין איין מישן די גליטשיקע פליסיגקייט ביז עס ווערט פאַרטיק.

ווען עס ווערט פאַרטיק קען איך ווּיסן דורך נעצן דעם פינגער אין

קאַלט וואַסער, אין דער זעלבער רגע אַריינשטעקן דעם קאַלטן פינגער אינעם קאַכיקן קעסל און אויגנבליקלעך צוריק אין קאַלטן וואַסער.

פון דעם שנעלן פּראָצעס ווערט אויפן פינגער פאַרקילט אַ לאַנגער פינגערהויט. אויב ער בויגט זיך ווי קליי, דאַרף מען נאָך קאָכן. און אויב ער ברעכט זיך ווי גלאָז, איז אַ סימן אַז ס׳איז שוין פאַרטיק און מ׳דאַרף דעם קעסל באַלד אַראָפּכאַפּן פונעם פייער, און אויסגיסן די זודיקע קאָכעכץ אין אַ הילצערנעם בעקן אין וועלכן עס איז אויסגעשפּרייט אַ ווייס־זיסער פּוידער.

אַט אַזוי האָט מיר דער באַלעבאָס געלערנט און אָנגעזאָגט נישט אי־בערצוקאָכן, ווייל ס׳קען כאַפּן אַ ברען. דאַן דאַרף מען דעם גאַנצן קעסל אויסגיסן אין דרויסן. און דאָס קאָסט געלט!

איך האָב געטאָן ווי ער האָט מיר אָנגעזאָגט. און ווען כ׳האָב דעם ערשטן קעסל אַ פאַרטיקן, אויסגעליידיקט אינעם בעקן, האָבן די איבע־ריקע אַרבעטער מיט הענטשקעס און מיט לאָפּעטקעלעך אויף גיך גענומען קאַטשן די הייסע פליסיקייט, וואָס האָט זיך שנעל געקילט. דערנאָך האָבן זיי געשניטן שטיקלעך. פלינק זיי אויסגעקייקלט ווי קאַרשן די גרויס, און זיי איינציקווייז געזעצט אויף ברעטלעך מיט שפּיזן. די שפּיזן האָבן זיי איינגעטונקט אין צעלאָזענעם שאָקאָלאַדע, און געלאָזט אָפּטריקענען...

פאַר מיר איז עס געווען אינטערעסאַנט. כמעט דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן זע איך ווי עפּעס ווערט געמאַכט. כ׳האָב נאָכגעפאָלגט דעם פּראָ־צעס, ווי עפּעס ווערט געשאַפן. אָבער אין דער היים ביים ברודער האָט קיינער ניט אַרויסגעוויזן קיין צופרידנקייט מיט מיין דזשאָב. כאָטש איין שוועגערין האָט געזאָגט אַז ס׳מאַכט ניט, אַבי אָנגעהויבן צו אַרבעטן. ווען ס׳וועט זיך מאַכן עפּעס אַנדערש קען אין פון דאָרט אַוועקגיין.

שבת, דריי אַזייגער, האָט מיר דער קענדי־ייד אויסגעצאָלט דריי דאָ־לאַר אין קליין־געלט, עס זאָל אויסקוקן אַ סך... און מיר צוגעזאָגט אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט ער מיר מוסף זיין...

כ׳האָב די דריי דאָלאַר מיט גרויס פרייד אַוועקגעגעבן מיין שווע־גערין און איך בין ווייטער געבליבן אָן איין סענט אין קעשענע.

2

ווען איך בין מאָנטיק צוריקגעקומען האָב איך זיך ניט געוואָלט שטעלן צו דער אַרבעט.

— וואָס איז דער מער? האָט מיר דער ייד געפרעגט. גלייכסט ניט די אַרבעט?

— ניין: ניט דאָס, האָב איך געזאָגט אַ נישט דרייסטער.
— וואָס דען?
— איך האָט מיר געגעבן דריי דאָלאַר פאַר דער וואָך אַרבעט. האָב איך מיט זיי באַצאָלט פאַר „באָורד" און מיר איז גאָרנישט פאַרבליבן.
— דו ביסט דאָך אַ „גרינער", מאַכט ער צו מיר. וואָס האָסטו געוואָלט? שוין פאַרדינען צען דאָלאַר?
— איך זאָג נישט צען דאָלאַר, אָבער ווי קען איך אויסקומען מיט דריי?
— ער איז שוין גאָרנישט קיין גרינער, מישט זיך אַריין זיין יידענע, ער האָט חשק...
— דו דאַרפסט זיך ניט מישן, רופט ער זיך אָפּ צום ווייב. ער איז דוקא אַ וואוילער בחור.
— דו קריגסט נאָך אַ דאָלער, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן. דאָס האָט געמיינט, אַז כ'וועל זיך קענען קויפן אַ פּעקל סיגאַרעטן און גיין אין די „מואווינג־פּיקטשורס". איך בין צוריקגעגאַנגען צום קאַכיקן קעסל.

די האַלב־אויסגעגרינטע אַרבעטער האָבן דורך דער וואָך אַרויסגעוויזן צו מיר פּריינטשאַפט און רעספּעקט... זיי איז געפעלן געוואָרן מיינע פּשוט'ע גערעכטע ווערטער וואָס איך האָב געזאָגט דעם באַלעבאָס, און זיי האָבן זיך אין דער שטיל געשושקעט, צו בעטן מער געלט, אַז נישט וועלן זיי די קומענדיקע וואָך ניט אַרבעטן.

און איך האָב אויך באַשלאָסן, דאָ מער ניט צו אַרבעטן, אַפילו ווען ער גיט מיר פינף דאָלער. מיר איז ניט אַזוי געגאַנגען אין קריגן נאָך אַ דאָלער אָדער צוויי, ווי מיר איז ניט אָנגעשטאַנען צו שטיין ביי אַזאַ אַרבעט, וואָס מ'קען זיך שנעל אויסלערנען.

אויסער דעם איז עס גלאַט נישט קיין אַרבעט... מאַכן „קענדי" האָט זיך מיר אויסגעוויזן, איז נישט קיין פּראָדוקטיווע מלאכה, מ'קען זיך באַגיין אָן דעם. עס איז נישט ווי אַרבעטן למשל, ביי בויען הייזער, נייען קליידער, מאַכן שיך אָדער אַפילו באַקן ברויט. מאַכן „קענדי" האָב איך געטראַכט, איז אַן אַרבעט פאַר ווייבער און יונגע מיידלעך. מיר האָט זיך געוואָלט אַרבעטן אין אַ ריכטיקן שאַפּ, וואו מ'קען עפּעס אויסלערנען און אָנגערופן ווערן אַ בעל מלאכה.

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך מיר באַלד געמאַכט. מיין פלימעניק, דעם שוחט'ס זון וואָס האָט געאַרבעט ביי אָווערהאָלס, און וואָס איז פאַררעכנט געווען פאַר'ן שנעלסטן „אָפּערייטאָר" ביי דעם „טרייד", האָט מיך מיטגענומען אין זיין שאַפּ אַריין לערנען די אַרבעט.

דער שאַפּ איז געווען זייער אַ גרויסער, און האָט זיך געפונען אויפ'ן זעקסטן שטאָק, צו וועלכן מען איז אַרויף מיט אַ שטריק־עלעווייטאָר.

עס זיינען דאָרט געשטאַנען צוויי לאַנגע רייען מיט ניי־מאַשינען, באַזעצט מיט מענער און פרויען. מיר זיינען געקומען פאַרפרי. אייניקע אַרבעטער זיינען שוין אַרומגעגאַנגען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, געדעדט, געדרויכערט און געוואַרט ביז דער זייגער וועט ווייזן זיבן.

מיין פלימעניק האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר די אַרבעטער און זיי פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט נישט נעמען לאַנג און איך וועל קענען בעסער פון זיי אַלעמען.

— איר זייט דאָך אַלע קאַליקעס, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער.

ער האָט מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיך, און גענומען ווייזן ווי צו פאַרפעדעמען די נאָדל, און ווי איינצוציען דעם רימען וואָס כאַפּט אַרום מיט שטייפקייט אַ גרעסערע ראָד, און אַ קלענערע. דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט אַ גרויסן פּאַק אויסגעשניטענע, אויסגעפורעמטע האַרטע סחורה, אַריינגעקאַפּעט אויל אין די לעכלעך פוןביידע מאַשינען, אַ דריי געטאָן ס׳עלעקטרישע לעמפל וואָס איז געהאַנגען זייער נידריק, אויפגעהאַנגען ס׳קעשענע־זייגערל פּונקט אַנטקעגן, און אַ זאָג געטאָן:

— זעסט דעם פּאַק? דאָ געפינען זיך זעקס און דרייסיק פּאָר אָווערראָלס. זיי מוזן פאַרטיק ווערן פאַר זעקס אַזייגער, ניט אַ מינוט שפּעטער ווי זעקס, און דאָס באַטרעפט דריי דאָלאַר מיט זעכציק סענט... און נאָך דער וואָך האָב איך עטליכע און צוואַנציק דאָלאַר. דו פאַרשטייסט?

— פאַרדינען אַלע אַזוי פיל?

— ניין! אַ מכה פאַרדינען זיי אַזעלכע גרויסע „ווידזשעס”. זיי זיינען צופרידן אַז זיי מאַכן זעכצן דאָלאַר. אָבער היינט ווייס איך נישט, ווייל כ׳וועל דיר אַלע ווײַלע דאַרפן עפּעס ווייזן. דעם ערשטן טאָג וועסטו זיצן, און בלויז צוקוקן זיך ווי איך אַרבעט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ מאָדנע ברומען. די מאַשינען, אַלע מיט אַמאָל, האָבן גענומען רוישן און קלאַפּן, רייסן און יאָגן, מיט אַזאַ אייַלעניש און געפילדער, וואָס כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט. אַלץ אַרום מיר האָט געציטערט און געטרייסלט זיך. מענטשלעכע הענט האָבן זיך געצויגן אין אַלע זייטן. פינגער זיינען געשפּרונגען מיט פאַרשיידענע באַוועגונגען. קעפּ און אַקסלען האָבן זיך געדרייט און געבויגן. עס האָט גערעוועט, געשריען. עס האָט זיך געטראָגן אַ שטויב. דאָ און דאָרט, האָט זיך אַן איינצעלנע מאַשין אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע און באַלד ווידער אָנגעפאַנגען הייזעריק צו שרייען, און שלינגען שטיקער סחורה, וואָס איז אונטער דער טאַנצנדיקער נאָדל אונטערגעלייגט געוואָרן... מענטש און מאַשין האָבן זיך פאַראייניקט. הענט און פיס האָבן געאַרבעט. אינעם טויבמאַכנדיקן טומל, האָבן זיך געהערט קולות פון די אַרבעטער. מ׳האָט עפּעס

געפרעגט, עפּעס געענטפערט, עפּעס פאַרלאַנגט. אַנדערע האָבן אויסגע־שריען וויצן, מ׳האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט גראָבע שטעך־ווערטלעך... און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף דער היל־צערנער פּאַדלאָגע פאַרטיקע און האַלב־פאַרטיקע הויזן מיט אַרויפגעשטעפּ־טע קעשענעס און שלייקעס. מ׳נעמט צו. מ׳ברענגט נאָך, מ׳פאַרשרייבט. כ׳האָב געקוקט אויף די אַרבעטער ווי אויף גרויסע קינסטלער און זיי שטאַרק מקנא געווען.

עס איז געווען אַ שאַפּ מיט אַ „ספּיד־אַפּ סיסטעם”. מיט לאַנגע, שווערע שטונדן, מיט אַן ערב רב פון אַלערליי מענטשן, מיט גראָבע רייד און וויצן, מיט עקלהאַפטע געלעכטערס און קוויטשענדיקע פרויען־קולות און זידלערייען...

געגן די הפקר׳דיקע באַנעמונג פון די מענער צו די פרויען, און קעגן דעם נבול־פּה האָט דאַמאָלט אַ געוויסע ציטונג אָנגעפירט אַ קאַמף דורך שריפט און בילדער. די בילדער האָבן פאַרגעשטעלט מענער מיט חזיר׳שע שנוקן...

איך האָב ניט געקענט פאַרליידן די חוצפּה און די גראָבקייט וואָס מאַנ־כע האָבן אַרויסגעוויזן צו די פרויען און מיידלעך. ווען די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוועלף אַזייגער און דער עולם האָט זיך גענומען צו די מיטגעבראַכטע פּעקלעך עסן.

עמיצער פלעגט אַרויסנעמען אַזאַ ציטונג מיט׳ן בילד פון אַ חזיר, אים פאַנאַנדערשפּרייטן אַזוי, אַז אַלע זאָלן קענען זען. אפשר וועלן זיי זיך פאַרשעמען... וואָלט איך ניט געווען קיין גרינער וואָלט איך זיי געזאָגט, וואָס כ׳טראַכט פון זיי... כ׳וואָלט זיי אפשר געזאָגט מער, ווי די ציטונג האָט געשריבן אויף דער ערשטער זייט.

דערפאַר אָבער האָב איך זיך געקילט דאָס האַרץ, ווען כ׳האָב מיין פלימעניק אויסגעזידלט. כ׳האָב אים געזאָגט אַז ער מעג זיך שעמען אַזוי צו האַנדלען...

ער האָט געלאַכט און מיר אָנגערופן „יאָלד” און „גרינער”.

כ׳האָב דאָסזעלבע שווייגעריי שפּעטער געזען אין אַנדערע שעפּער אויך.

עס איז אָפּנים, געווען אין דער מאָדע. עס איז געגאַנגען צוזאַמען, ווי עס וואָלט געווען אַ טייל פון דער אַרבעט. שאַפּ־אַרבעטער האָבן פּשוט ניט געוואוסט בעסער...

עס האָט גענומען יאָרן ביז מ׳האָט די שעפּער אַביסל אויסגע־איידלט. די בעסערע באַדינגונגען וואָס די יוניאָנס האָבן ביסלעכווייז אויס־געקעמפט האָבן אויך די אַרבעטער בעסער אָנגעהויבן צו דערזען. מ׳האָט

זיי אַנגעוויזן וויכטיקערע זאַכן. מ'האָט זיי געלערנט זיטן און מענטש־לעכקייט צוזאַמען מיט קלאַסן־באַוואוסטזיין.

כ'וויס נישט פאַרוואָס, אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט מיין פּלימעניק מיך מער נישט געוואָלט פאַר קיין אַרויסהעלפער... כאָטש כ'האָב שוין גאַנץ נשקשה'דיק געניִיט. אפשר, ווייל אים האָט נישט געפּאַסט מיך אויסצונוצן. און ער האָט מיך שוין באַדאַפט אָנהויבן צוצאָלן כאָטש פינף דאָלאַר אַ וואָך. עס זיינען אַפילו געווען שוין אַנדערע אין שאַפּ וואָס האָבן חשק געהאַט מיך צוצונעמען, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט מיט אים זיך אָנפאַנגען.

עס איז מיר געווען אַ שאַד דער שאַפּ. איך בין אָבער אויך געווען צו־פרידן וואָס כ'האָב אויסגעהאַלטע די פּראָבע, און איך וועל מיט דער צייט ווערן אַן אַרבעטער.

דאָס מאָל איז מיר ווידער דער ברודער, דער באַלעבאָס, געקומען צו הילף. ער האָט מיר געגעבן צען דאָלאַר איינצוצאָלן אין אַ געוויסן שאַפּ, זיך צו לערנען זיין אַן אָפּערייטאָר ביי פרויען־קליידער. אויסער די צען דאָלאַר וואָס כ'האָב צוגעצאָלט האָב איך נאָך בעדאַרפט אַרבעטן צוויי וואָכן אומזיסט און ערשט אויף דער דריטער וואָך קריגן גאַנצע דריי דאָלאַר...

אַזעלכע צענערלעך האָבן די באַלעבאַטים צוזאַמענגענומען אַסך פון די „גרינע". און צוויי וואָכן האָבן זיי געמוזט אַרבעטן אומזיסט.

איינער פון די צוויי באַלעבאַטים אין שאַפּ, אַ הויכער, אַ געלער, איז אַרומגעגאַנגען צווישן די מאַשינען און אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט. ער האָט געלערנט די „גרינע" ווי צו נייען, און יעדעס מאָל וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען אָדער זיך אָוועקגעשטעלט עמיצן אונטער דער פּלייצע, האָט ער אַ זאָג געטאָן די זעלבע חכמה:

— עס מעג זיין בעסער, נאָר אַבי שנעלער...

האָבן זיך די בהינמ'דיקע אַרבעטער געיאָגט און געהאַפּט אינגיכן צו מאַכן אַ לעבן.

דער צווייטער באַלעבאָס מיסטער שעכטער, האָט זיך אין דער אַר־בעט ניט געמישט. ערשטנס, האָט ער גאַרנישט געוואוסט אין שניידעריי. און צווייטנס, איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט ברענגען אָרדערס, אַרויסשיקן די אַרבעט, פירן די ביכער, גיין אין דער באַנק, אויסמאַכן די „פּעידע", אַרויפנעמען די „גרינע" און אַנדערע אַרבעטער, און ענט־פערן דעם טעלעפאָן.

ער האָט נאָך די ערשטע דריי דאָלאַר שכירות, וואָס ער האָט אויס־געצאָלט צו די וואָס האָבן איינגעצאָלט צו צען דאָלאַר, געלאָזט וויסן, אַז,

צום באַדויערן, מוז ער אָפּליגן אַ צאָל אַרבעטער, מחמת ער האָט נישט גענוג אַרבעט.

— איר וועט אַזוי גוט זיין אַרויפקומען אין אַ פיר פינף וואָכן אַרום, האָט ער שטיל און העפלעך אַ זאָג געטאָן צו מיר און די אַנדערע, וואָס האָבן געקראָגן צו דריי דאָלאַר.

זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען דערשלאָגענע, אָפּגענאַרטע. ווייל מיר האָבן שוין געהערט וואָס דער פיינער מאַן מר. שעכטער טוט מיט די וואָס קומען זיך ביי אים לערנען אַ „טרייד".

און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אַוועק, האָט ער שוין „אַדוועטייזט", פאַר אַנדערע לערנער, און ביי זיי צוגענומען די צענערלעך און אַ פּאָר וואָכן אומזיסטיקע אַרבעט.

כ'בין פון שאַפּ שטאַרק אַנטוישט געוואָרן. איך האָב אָבער אויך פון מיין שאַפּ־דערפאַרונג, עפּעס געלערנט און טראָץ מיין אַנטוישונג האָב איך אָנגעהויבן זיך פילן זיכערער.

אמת, כ'האָב נאָך קיין געלט נישט פאַרדינט, דערפאַר אָבער, שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט, כ'האָב זיך באַקאַנט מיט'ן „שאַפּ", כ'האָב געוואוסט וואָס עס מיינט אַ מאַשין און אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט אַ „באָס".

און איך גלויב, אַז כ'האָב אויך בעסער אָנגעהויבן בכלל צו פאַר־שטיין מענטשן...

פערטער קאַפּיטל

1

עס איז שוין לאַנג צייט געווען פאַר מיר אַריבעצוכאַפּן זיך אין דעם שטעטל וואָס איז אינגאַנצן אַ דרייסיק מייל פון פילאַדעלפיע, צו זען זיך מיט מיינע צוויי שוועסטער וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט. אָבער מיר האָט אָפּגעהאַלטן פון צו פאָרן. ערשטנס, ווייל כ׳בין געווען פאַרנומען אין זוכן אַרבעט. און צווייטנס, האָב איך יעדן טאָג דערוואַרט אַ בריוו פון מישאַ׳ן, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט זיך אָנצופרעגן ביי זיין פרוי, אויב זי האָט געהאַט אַ באַקאַנטע מיט׳ן נאָמען עטל.

איך האָב שוין אַ צייט פריער געהאַט געשריבן צום טאַטן, און געפרעגן פון אים אַן ענטפער. געשריבן נאָך אַ בריוו און אַרויסגעקוקט אויף אַ צווייטן ענטפער. איך האָב אויסגערעכנט אַז ווען מישאַ וואָלט אפילו פאַרגעסן אָנצופרעגן זיך אין זיין ערשטן בריוו, און זיך ערשט דערמאָנט מיט אַ וואָך אָדער צוויי שפּעטער, וואָלט איך שוין אויך באַדאַרפט הערן פון אים.

איך האָב געהאַט חשק אים צו פרעגן. נאָר איך האָב עס אַלע מאָל אָפּגעלייגט, ווי איך וואָלט ניט וועלן זיין ער ערשטער צו באַגייען אונדזער באַקאַנטשאַפט. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל דער ערשטער מיר לאָזן וויסן וואָס ער האָט אויסגעפונען.

איז דאָס בילד נישט עטל׳ס, דאַן איז די גאַנצע געשיכטע געענדיקט, איז עס ווידער יאָ פון איר, און עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט זי צו געפינען, דאַן וואָלט איך צו אים צוגעקומען.

איך האָב געוואוסט אַז עטל איז אַ געלערנטע. איך האָב זי אין מיינע געדאַנקען געשטעלט אַסך העכער פון זיך. כ׳האָב זיך גאָרנישט געוואָלט איינרעדן און בלייבן דער נאַר...

און דאָס וואָס איך האָב נאָך נישט געאַרבעט, זיך צו גאָרנישט צוגעשלאָגן, האָט ביי מיר אויך צוגענומען דער חשק צו זען מישאַ׳ן און זיך נאָכפרעגן אויף אַ מיידל...

איך האָב זיך געשעמט מיט מיין לאַגע און זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער אַרבעט ביי אַ גוטן „טרייד" און פאַרדינט שוין געלט. אפשר איז ער גאָר אַ שותף מיט זיין פעטער אין אַ גרויס געשעפט?

כ'האָב געהאַט אַלערליי רעיונות און אויסגעקוקט יעדן טאָג צו קריגן אַ בריוו פון אים.

די נייגעריגקייט צו הערן פון עטלען און אַזוי זען איז געווען גרויס. נאָר צו זיין דער ערשטער צו פאָרן צו אים און פרעגן, האָב איך נישט געוואָלט.

פאַרטאָן אין די רעיונות, האָבן די ברידער מיר דערמאָנט צוצופאָרן זען זיך מיט די שוועסטער. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און בין אַהינגעפאָרן.

די שוועסטער האָבן מיך שוין לאַנג דערוואַרט און זיך וועגן מיר נאָכ־געפרעגט. דאָרט בין איך נאָך אַלץ געווען דער נאַר־וואָס געקומענער, „דער גרינער" און איך האָב געקראָגן אַן אמת וואַרעמע אויפנאַמע.

די עלטערע שוועסטער, די וואָס האָט זיך אין דער היים גע'גט, האָט דאָ חתונה געהאַט פאַר אַן עלטערן יידן, אַ ליטוואַק, אַ באַלעבאָס מיט אַן אייגן הויז און אַ גוט געשעפט פון געניצטע מעבל. קינדער זיינען אים פון דער ערשטער ווייב געבליבן אַ סך. קלענערע, גרעסערע און פאַרהייראַטע. מיט מיין שוועסטער האָט ער געהאַט איין מיידעלע.

זי האָט געאַרבעט שווער אין הויז און אין געשעפט. זי האָט אָבער געהאַט אַ גוטע היים, און זיך נישט באַדאַרפט פּלאָגן אין די פילאַדעלפיער שעפּער.

ער איז געווען בטבע אַ ייד מיט אַ גוטן כאַראַקטער, האָט ער איר גע־מאַכט פאַר דער גאַנצער באַלעבאָסטע און זי גוט באַהאַנדלט. די קינדער האָבן זי געפאָלגט און גערופן „מאַ". און זי האָט דאַכט מיר אויסגעקוקט צופרידן...

צו מיר האָט ער אַרויסגעוויזן פאָטערלעכע וואַרעמקייט, געהייסן פאַר מיר צוגרייטן אַ לייטישן צימער. אָוועקגעשטעלט אַ פלעשל בראָנפן און זיך מיט מיר צערעדט.

ער האָט נישט פיינט געהאַט ס'גלעזל, ליב געהאַט די אַכילה און אויך הנאה געהאַט ווען אַנדערע האָבן ביי אים געגעסן.

ער האָט מיר דעם ערשטן טאָג גענומען צו זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע קראָם אין דער הויפּט גאַס און פאַר מיר איינגע־האַנדלט אַ שווערן סוועטער. ער האָט אַרויסגענומען אַ צענערל און באַ־צאָלט. די רעשט, אַריבער פיר דאָלאַר, האָט ער מיר געהייסן אַריינלייגן אין קעשענע.

עס האָט אים נאָר באַנג געטאָן וואָס איך האָב שוין אַ קאָסטיום מיט אַ מאַנטל...

— דו וועסט שוין בלייבן דאָ, האָט ער אַ זאָג געטאָן צוריק גייענדיק: דאָ קען מען זיך גיכער אַרויפּאַרבעטן ווי אין פילאַדעלפיע. דאָ מאַכן אַלע אַ לעבן!..

כ'האָב דעם אַלטן, האַלב-טויבן ליטוואַק, מיט די גרויסע פּויערשע וואַנצעס און מיט דער ליולקע אין מויל ליב באַקומען, און טאַקע אַ קלער געטאָן וועגן בלייבן דאָ.

אין פאַרגלייך מיט פילאַדעלפיע איז עס געווען אַ קליין שטעטעלע, מיט סך הכל ניינציק טויזנט איינוואוינער. צווישן זיי אַ פיר הונדערט יידישע פאַמיליעס. עס איז געווען דאָרט שטיל און רואיק. מענטשן האָבן זיך ניט געאיילט, ניט געלאָפן. אויפגעשטאַנען אין צייט, געגעסן אין צייט, געגאַנגען שלאָפן פאַרפרי. די מערסטע יידן האָבן געמאַכט אַ לעבן פון מסחר. אַרומגעגאַנגען צופרידענע, זאַטע, און זיך געגרויסט מיטן אָפּגע־שפּאָרטן אייגנטום. באַלעבאָסטעס מיט בריליאַנטענע רינגען און אוירינג־לעך האָבן זיך יעדן פרימאָרגן אַרויסגעלאָזט צווישן די פאַרמערשע ווע־געגער, איינהאַנדלען פּוטער, קעז און ערשט-געלייגטע אייער און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס זיינען געווען פריש און ביליק.

מיר איז דאָס פּראָווינץ שטעטל געפעלן געוואָרן. כ'האָב ליב געהאַט די קליינע הייזער מיט די ביימער און גערטנער, די שטילע גאַסן און דאָס רואיקע לעבן.

דער צווייטער שוואָגער, אַ יונגער, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, כאָטש ניט אַזוי פאַרמעגלעך, האָט אויך מיט מיין שוועסטער געפירט אַ גליקלעך לעבן.

אויך זיי האָבן מיך צוגערעדט צו בלייבן. און כ'בין פאַרבליבן.

כ'האָב געקראָגן אַרבעט ביי אַ יידישן קצב, אויף וועמען דער אַלטער שוואָגער האָט געזאָגט, אַז ער איז „אָנגעשטאָפּט”. ער האָט געלט און הייזער און אַ סך רייכע קונים.

— אַז דו וועסט זיך אויסלערנען שניידן פלייש, און זיך באַקענען מיט די יידישע מענטשן אין שטאָט, קענסטו אַליין מיט דער צייט ווערן אַ „בוטשער”. קיין געלט צו עפענען אַ בשר כשר וועט דיר ניט פעלן.

אָט אַזוי האָט ער גערעדט צו מיר. און ביידע שוועסטער וואָס האָבן ניט געוואָלט, אַז איך זאָל צוריקפאָרן קיין פילאַדעלפיע זיינען געווען מיט דער זעלבער מיינונג און מיר פאַרויס-געזאָגט אַז דאָ וועט מיר גאָר ניט פעלן.

דער קצב, אַ שוואַכער מענטש, וועמען די ווייב האָט געמוזט אַרויס־העלפן דאָס האַקן פלייש, איז נישט געווען קיין שלעכטער. אָבער מיר צו

ווייזן ווי אַרומצוגיין מיט אַ זייטל פליייש, אָדער מיט די עופות האָט ער נישט געוואָלט. עפּעס ווי ער וואָלט געוואוסט וואָס מיין שוואָגער האָט גע־פּלאַנעוועט...

מיין אַרבעט איז געווען צו געבן דאָס פערד עסן, צו זאָגן די ביינער, דערנאָך איינצושפּאַנען דאָס פערד אין וועגעלע און אַרויספאָרן מיט אַ הונ־דערט פּעקעלעך און עופות צו די קונים, וואָס זיינען געווען צושפּרייט אי־בער׳ן גאַנצן שטאָט. טשיקאַווע איז געווען, וואָס דאָס פערד האָט זיך אויס־געלערנט וואו יעדער קונה וואוינט...

דער קצב האָט מיר טאַקע געזאָגט: לאָז דאָס פערד גייך, און וואו ער וועט זיך אָפּשטעלן זאָלסטו אַרונטערגיין, און דו וועסט שוין געפינען דעם ריכטיקן נאָמען און נומער פון הויז.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן הויז וואו כ׳האָב בעדאַרפט אָוועקלייגן דאָס פּעקעלע.

פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך געקראָגן פיר דאָלאַר אַ וואָך מיט עסן, און אַ פיינעם צימער צום שלאָפן. אויסער די פיר דאָלאַר האָב איך נאָך געמאַכט עטלעכע סענט אין אַ זייט אָפּפּליקנדיק אַן עוף פאַר אַ פרוי, און דורך „טיפּס״ פון אייניקע קונים.

עס איז ניט געווען קיין שלעכטע שטעלע. גאָר ניט קיין שלעכטע.

פונדעסטוועגן האָב איך מקנא געווען מיינע באַקאַנטע אין פילאַ־דעלפיע וואָס האָבן פאַרדינט מער פון צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. און עס איז נישט געווען אַזוי דאָס געלט וואָס האָט מיך געררייצט, ווי מיר איז נישט אָנגעשטאַנען צו אַרבעטן ביי אַ קצב... כ׳האָב די אַרבעט פאַרגליכן צו דער אַרבעט ביי די „קענדי״... כ׳האָב געוואָלט טאָן אַ פּראָדוקטיווע אַרבעט ווי מיינע פריינד. צופירן פליייש, איז עפּעס ווי זיין אַ משרת... און וועגן ווערן אַליין אַ קצב האָב איך אָפּילו ניט געטראַכט.

כ׳האָב טאַקע מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער פאַרלאָזן מיין „בוטשער דזשאָב״ און אָוועק אַרבעטן צו אַ הויזן־מאַכער, וועמען כ׳האָב יעדן טאָג געבראַכט פליייש. ער האָט מיך געלערנט נייען און פרעסן הויזן און אין אַ קורצע צייט האָב איך שוין פאַרדינט דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך.

די שטונדן זיינען געווען לאַנגע, דערפאַר בין איך אָבער געווען פריי שבת און זונטיק.

איך האָב אָנגעהויבן לעבן „ווי גאָט אין אָדעס״. כ׳האָב געהוליעט, גע־טראָגן די בעסטע קליידער. קיין זאַך איז פאַר מיר ניט געווען צו טייער. דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרדרוס ביי מיינע ברידער צו וועלכע כ׳פלעג פאָרן אַלע שבת זיך זען.

פילאַדעלפיע האָט מיך געצויגן. שבת האָט מיך מיין ברודער, דער

שוחט, מיטגענומען אין שול הערן דעם רב האַלטן אַ דרשה, און זונטיק בין איך געגאַנגען מיט׳ן ברודער דעם סטאָליער צו הערן אַ לעקציע וועגן קאַרל מאַרקס, אָדער אַן אַנדער גרויסע פּערזענלעכקייט. איין רעדנער פלעגט נאָר רעדן אויף גאָט, און געלערנט די צוהערער ווי צו זײַן אַפּיקורסים. אַנדערע האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן גערעדט וועגן יוניאָנס.

כ׳פלעג זיצן אַ פאַראינטערעסירטער און באַוואונדערט די רעדנער. אַלצדינג איז מיר געפעלן. כ׳האָב ממש געשלונגען יעדעס וואָרט. מיר איז אַזוי ניט געגאַנגען אין דעם וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט, נאָר ווי אַזוי ער האָט עס געזאָגט. כ׳האָב באַוואונדערט די שיינקייט פון די ווער־טער, דאָס אַרויסברענגען אַ משל און די אַגיטאַציע וואָס איז אַרויסגע־בראַכט געוואָרן מיט אַזוי פיל פייער און גלויבן.

כ׳האָב אַלץ אַראָפּגעשלונגען. נאָר נישט גוט צוקייט. אין קאָפּ איז מיר געבליבן אַ צעמישעניש. אַ נישט קלאָרקייט. פּונקט ווי איך פלעג נישט קענען פאַרדייען די פעטע שפּייז וואָס איך האָב געוואָרפן אין מאָגן אָן אַ מאָס. ביידע סאָרטן שפּייז האָבן מיך שפּעטער קראַנק געמאַכט...

איינמאָל, אַ שבת בייטאָג, ווען אין דרויסן האָט געגאָסן אַ שטאַרקער רעגן וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון צוצופאָרן קיין פילאַדעלפיע, בין איך געזעסן און געלייענט אַ צייטונג. כ׳האָב שוין דאַן פאַרשטאַנען אַ צייטונגס אַרטיקל. כ׳האָב גראָד דאַן געלייענט אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן וואָס האָט זיך געדרוקט אין פאָרטזעצונגען. דער סיפור־המעשה, מיט אַלע גוטע און שלעכטע העלדן, האָבן מיך אַמוזירט. פונדעסטוועגן האָב איך נישט פאַר־שטאַנען צוליב וואָס און וועלכן צוועק, דאָס אַלץ ווערט געדרוקט. נאָכ׳ן לייענען, פלעג איך אַלעמאָל פילן אַ פּוסטקייט און געטראַכט אַז די צייטונג וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן דעם.

דאָס זעלבע האָב איך געפילט ווען כ׳האָב געלייענט די בריוו צום רע־דאַקטאָר, וועלכער האָט טאַקע באַלד אויף דער זעלבער זייט אָפּגעדרוקט דעם ענטפער זיינעם ,וואָס איז געווען פול מיט חכמה... אַגב, האָב איך דעם זעלבן רעדאַקטאָר שוין עטלעכע מאָל געהאָט געזען און אים געהערט האַלטן רעדעס.

כ׳האָב אָוועקגעלייגט די צייטונג און גענומען איינס פון שלום עליכמ׳ס ביכער וואָס כ׳האָב זיך איינגעהאַנדלט. גראָד האָב איך אָנגעטראָפן אויפ׳ן באַנד „טביה דער מילכיקער”. כ׳האָב געבלעטערט אַהין און אַהער, און ענד־לעך גענומען לייענען פונעם אָנפאַנג. דאָס בוך איז געווען געדרוקט מיט נקודות, און די שפּראַך — אַ היימישע. אין אָנהייב האָב איך זיך גע־

פרעגט: מען מאַכט אַ ספר פון פּראָסטע רייד וואָס לערנען דאַכט זיך גאָרנישט. רייד וואָס אַ ייִדענע רעדט. וואָס אַ ייִד זאָגט. אַ מעשה וועגן אַ פערד וואָס איז הונגעריק; אַ בהמה מעלקט זיך נישט; צוויי פאַרבלאָנדזשעטע ווייבער אין וואַלד; דאָ דערציילט זיך פון גרינעם גראָז, קריגעלעך מילך, סמעטענע מיט קעז און אונטערגעוואַקסענע טעכטער וועלכע מ׳דאַרף חתונה מאַכן.

אַ היימישע מעשה. דוכט זיך, וואָס? אַזעלכע רייד און טענות און קללות, האָב איך דאָך געהערט אינדערהיים צווישן שכנים. אָבער פּלוצעם האָב איך דערפילט ווי עפּעס לייכט אויף אין מיר. אַ גייסטיקער געניוס שפּרייט זיך אין מיין נשמה... כ׳בין מיט אַמאָל, ווי דורך אַ שם המפורש, אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהינצו... ווייט, ווייט איבער׳ן ים אין דער אַלטער היים... די היים וואָס האָט שפּורן פון בענקשאַפט געלאָזט אין מיין האַרצן. כ׳האָב אין טביה׳ן אָנגעהויבן צו דערקענען אַ היימישן דאָרפס ייִדן און אים ממש געזען. און דערפילט אַ ליבשאַפט צו אים. דיזעלבע ליבשאַפט האָב איך אויך געפילט צו טביה׳ס הויז־געזינט, צו זיין אָרעמקייט און צו זיין ערלעכן בטחון. איך האָב אָנגעהויבן געשמאַק צו לאַכן פון זיינע גלייכווערטלעך, און פון זיין פאַרטייטשן פּסוקים... כ׳האָב פּלוצעם דערזען אַזעלכע שיינע לעבעדיקע בילדער, וואָס האָבן מיך מיט זייער נאַטור־טרייקייט פּשוט דערקוויקט. און איך האָב זיך דערמאָנט מיין ברודערס אויסדרוק, אַז יעדער וואָרט איז ממש אַ פּערל... ווי קען אַ וואָרט זיין אַ פּערל, האָב איך דאַן געפרעגט? אָדער ווי קען זיין אַ רענדל אַ מינוט?

איך האָב אויסגעפונען אַז מען דאַרף פאַרשטיין אַ פאָלקס ווערטל. און אַ מאָל איז אַ מינוט ווערט מער ווי אַ רענדל, און אַ וואָרט קען אַ מאָל זיין טייערער פון אַ פּערל...

כ׳האָב אין אַ פּאָר טעג צייט איבערגעלייענט גאַנץ שלום עליכם. איייניקע זאַכן צו צוויי און דריי מאָל. און וואָס ווייטער אַלץ מיט מער הנאה. יענעם שבת, האָב איך זיך אויסגעלערנט ווי צו לייענען. כ׳האָב געפונען אַ זין אין דעם געדרוקטן וואָרט...

דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן צו קויפן אויך אַנדערע סאָרטן ביכער, אַזעלכע וואָס וועלכע האָבן מיר געהאָלפן פאַרשטיין די לעקציעס וועגן סאָציאַליזם, עקאָנאָמישע פראַגן, איבער ליטעראַטור און טעאַטער, און אַפילו די רבנישע דרשות. כ׳האָב שוין געקענט אַמאָל זיך אַריינמישן אין אַ געשפּרעך ביי מיין ברודער אין הויז, וואו עס איז אַלע מאָל אָנגעגאַנגען וויכטיקע געשפּרעכן איבער פאַרשידענע ענינים. מיין

ברודער דער שוחט האָט ממש פון מיר אָנגעקוואָלן, ווען איך וואָלט אים פאָלגן און נישט צוטרענצלען דעם דאָלאַר, וואָלט ער נאָך מער געווען צופרידן.

— וואָס קומט אַרויס, פלעגט ער זאָגן און קוקן אויף מיין נייעם קאַפּעליוש אָדער מאַנטל, אַז דו ביסט אַ שאַרלאַטאַן, און ווייסט ניט ווי צו האַלטן אַ סענט!

2

איך האָב זיך מיט דער צייט גאָר ניט שלעכט איינגעלעבט אינעם שטעטל. כ׳האָב גוט פאַרדינט. געהאַט אַ גוטע היים, געווען פול מיט האָפענונג. כ׳האָב געהאַט אַלע אורזאַכן צו זיין צופרידן, און זיך פילן גליקלעך. כ׳האָב אויך דורכגעפירט אַ וואונטש מיינעם, אַז יעדער פון די אַכט שוועסטער און ברידער זאָלן געבן צו פינף און צוואַנציק סענט אַ וואָך פאַרן טאַטן. נאָר פלוצעם, איך ווייס נישט פאַר וואָס, איז אַן אומרואיקייט מיך באַפאַלן. מיין נאַטור שוין אַזאַ.

נאָך אַ זעקס חדשים שטיל־רואיקן לעבן, האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו שפּינען אין מיין מוח. איך האָב געפילט אַז איך בין זאַט מיט אַלצדינג וואָס האָט מיך יעדן טאָג באַגעגנט. איך האָב געפילט אַוועקצופאָרן ווייטער. דאָס שטעטל און אַפילו פילאַדעלפיע זיינען שוין פאַר מיר געוואָרן צו קליין ... כ׳האָב געטראַכט פון אַנדערע שטעט. אפשר ניו יאָרק? דאָרט האָט געוואוינט מיין עלטסטע שוועסטער, וועלכע כ׳האָב נאָך, אגב, נישט געזען.

פון ניו יאָרק האָב איך געהערט אַ סך. אַזוי ווי מיר איז אַלץ נמאס געוואָרן, און אַזוי ווי איך האָב געשטרעבט צו אַ נייעם סאָרט לעבן, האָב איך געטראַכט אַז ניו יאָרק וואָלט פאַר מיר געווען די פּאַסיקסטע שטאָט זיך איינצואָרדנען.

כ׳האָב דערפון געטראַכט. אָבער דערווייל נאָך ניט באַשלאָסן עס צו טאָן. ווייל בטבע האָב איך זיך נישט געקענט אָפּגעבן צו קיין זאַך בלב ונפש. אָט די שוואַכקייט פון ניט קענען באַשליסן איז מיר פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג.

כ׳האָב אַלץ אָנגעפאַנגען און גאָרניט געענדיקט. כ׳האָב ניט געהאַט קיין באַשטימטן ציל. כ׳האָב מער געלעבט מיט׳ן היינט, ווי מיט׳ן מאָרגן.

כ׳פלעג באַגייסטערט ווערן פון אַ נייע זאַך, אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג און דערגאַנצן דעם ענין איז מיר פאַרגעקומען נישט וויכטיק.

אַלצדינג האָט זיך אין מיר געביטן אין אַ קורצער צייט. כ׳האָב זיך לייכט געוואָרפן פון איין עקסטרעם צום צווייטן. די אַרבעט ביים באַלעבאָס און דאָס גאַנצע שטעטל, וואָס איז מיר פריער געווען צום האַרצן, זיינען איצט אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם.

פון די אַלע פּלענער צו שפּאָרן געלט און לערנען זיך ענגליש, צושלאָגן זיך צו אַ בעסערן „טרייד" — איז גאָרנישט געוואָרן.

די אומרואיקייט, דער חשק שטענדיק וואו אַוועקצופאָרן, איז מיר שפּעטער קלאָר געוואָרן. עס האָט מיר אַלץ פאַרענטפערט. איך האָב עס אַפּנים דערשפּירט אַסך פריער. ווי אַ קראַנקהייט למשל, אײדער זי אַנטוויקלט זיך, און מ׳פילט נאָך ניט קראַנק, נאָר אומבאַקוועם... מ׳פילט עפּעס און מ׳ווייסט ניט וואָס. מיר איז באַשערט געווען דורכצולעבן אַ מערקווירדיקן פאַל וואָס נאָר דאָס לעבן אַליין קען צוטראַכטן.

איך וועל בעסער דערציילן די גאַנצע פּאַסירונג, פון אָנהייב אָן.

ווי איך האָב שוין דערציילט, בין איך אַוועק פונעם קצב און אָנגע־הויבן צו אַרבעטן ביים הויזן־שניידער.

מיין באַלעבאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר צוויי און דרייסיק. אויס־סערגעוויינטלעך הויך און צעשוואומען, מיט שווערע הענט און פיס, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך און אַ חנ׳עוודיק, קיילעכדיק, פעט פּנים. ער האָט געהאַט קליינע שוואַרצע שמייכלענדיקע אייגעלעך, און געווען איז ער ניט קיין שלעכטער ייד.

ער האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש. באַלאַנגט צו בידע שולן. און איז געווען דער פּרעזידענט פון זיין „סאָסייעטי".

ער האָט געהאַט אַסך פריינט און באַקאַנטע און מ׳האָט אים ליב גע־האַט פאַר זיין אַ גוטער ברודער, אַ ספּאָרט; פאַר זיין אָפּענער האַנט און פאַר זיין שיין זינגען.

ער האָט פאַרמאָגט אַ קרעפטיקע באַריטאָן שטימע און געקענט, אָן אַ שעור, טעאַטער לידער.

מען פלעגט אים אָפּט איינלאָדן צו שמחות און אונטערנעמונגען, ביי וועלכע ער איז געווען די הויפּט אַטראַקציע. ער האָט ליב געהאַט דאָס זינגען און זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן.

דער חשק צום זינגען איז ביי אים ניט געווען קלענער, ווי דער חשק צום עסן. ער האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן אַפּעטיט, און שטאַרק הנאה גע־האַט פון אַלערליי מאכלים.

מיך האָט ער זייער גוט באַהאַנדלט. כ׳האָב אים די ערשטע צייט ליב

באַקומען. אָבער ווען ער האָט זיך מיט מיר איינמאָל צערעדט און אָנגע־הויבן אַרויסוויזן זיינע נאַרעשקייטן דורך פּוסטע פון עמיצן געהערטע פראַזן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זיין גוטסקייט שטאַמט פון זיין נאַריש־קייט, און לוסט צו באַרימעריי — און איך האָב מיין מיינונג וועגן אים איינגאַנצן געביטן.

אויסער דעם האָט ער זיך באַנומען פּראָסט צו די מיידלעך וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט. אַ זולל וסובא, איז ער געזעסן און געשלונגען דעם פרישטיק וואָס איז געווען גענוג פאַר דריי. איך האָב אויך ניט געקענט פאַרליידן ווי ער האָט באַהאַנדלט זיין פאַמיליע.

ווי גוט און העפלעך ער איז געווען צו פרעמדע, אַזוי ברוטאַל איז ער געווען צו זיין פרוי און קינדער. פאַר זיי האָט ער נאָר געהאַט קולות און קללות.

ווי איך האָב געהערט פון די מיידלעך, איז ער מיט זיין פרוי אַמאָל אַרומגעפאָרן מיט אַ גאַנצע טרופּע איבער דער פּראָווינץ און געשפּילט טעאַטער. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט. און ווען זיי זיינען אַמאָל גע־בראָכענע, הונגעריקע, אָנגעקומען אין דעם שטעטל, און ווייטער נישט גע־האַט מיט וואָס צו פאָרן, זיינען זיי דאָ פאַרבליבן, חתונה געהאַט און אָנגע־הויבן צו נייען הויזן, און מיט דער צייט זיך אַרויפגעאַרבעט.

עס קאָן זיין אַז ער האָט זי ליב געהאַט, ווייל ווען דער כעס פלעגט אים איבערגיין, נאָכדעם ווי ער האָט זי אָנגעזידלט און אָנגעשאָלטן, איז ער גע־וואָרן שטיל, גוט און געשמייכלט צו איר. ער פלעגט זי דאַן פרעגן אויב זי האָט שוין געשיקט עטלעכע דאָלאַר צו איר מאַמען, און פאַר וואָס קויפט זי זיך ניט עפּעס?

קיין געלט האָט ער איר נישט בעדאַרפט געבן, ווייל זי איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע און געטראָגן ס'געלט אין באַנק אויף איר נאָמען.

און ווען ער איז געווען גוט צו דער פאַמיליע, איז ער געווען אַזוי פרייד־לעך און אויפגעלייגט, אַז ער האָט זיך באַלד צעזונגען. געאַרבעט און גע־זונגען. די מיידלעך האָבן אַרויסגעהאָלפן. זיין פרוי לוסי, האָט פון קיך אַרויסגעהאָלפן, און יעדעס ווינקעלע איז אָנגעפילט געווען מיט געזאַנג, אַזוי אַז ס'איז געווען שווער צו וויסן צו מ'זינגט ביי דער אַרבעט, אָדער מ'אַרבעטביים זינגען.

איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט אַסך לידער און שטיל אונטערגע־ברומט...

דאָס ווייב זיינס, איז געווען אַ פּאָר יאָר יינגער פון אים. זי איז

געווען קליגער פון אים און אים ניט גענומען ערנסט. איגנאָרירט זיינע ווילדע איינפאַלן, און אים אויסגעלאַכט פאַר רעדן נאַרישע רייד און פאַר באַרימען זיך. זי פלעגט אים מוסר'ן פאַר זיין אַן אויסברענגער.

איין וואָרט אירס פלעגט אים אַריינברענגען אין אַ ווילדער רציחה. ווייל זי האָט אים אַלעמאָל געזאָגט אַזוינס וואָס ער האָט ניט געוואָלט הערן. דאָס האָט אים וויי־געטאָן און געפלאָגט זיין געוויסן.

זי האָט אים אָפט געזאָגט עפּעס, וואָס ער האָט געדענקט, אַז ס'איז זיין סוד... און געזאָגט האָט זי עס אים, ניט זייענדיק אין כעס, נאָר אַזוי פאַרבייגייענדיק, שטיל, מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, וואָס האָט אים דער־לאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.

אים איז ניט אַנגעשטאַנען וואָס זי ווייס וואָס ער האָט געטאָן און וואָס ער פּלאַנעוועט צו טאָן...

ער פלעגט בלייבן זיצן מיט אַ נאַרישן ביטערן שמייכל אויף זיין פּנים, קוקן ביסטרע מיט זיינע אייגעלעך, איידער ער האָט זיך צונויפגענומען און איר געענטפערט אויף זיין שטייגער...

די ערשטע צייט, איידער כ'האָב ביי זיי געוואוינט, האָב איך אַלעמאָל געהאַלטן מיט אים. און געפילט אַ געגנערשאַפט צו איר. כ'האָב זיי נאָך דאַן ביידן ניט גוט פאַרשטאַנען, און זיין גוטסקייט צו מיר, מיט זיינע אינ־טימע געשפּרעכן פון אַ לעבּ־יונג, האָט וואַרשיינלעך אויף מיר געווירקט צו ווערן זיין פריינט.

איך האָב אים נישט געקענט פאַרליידן פאַר אַסך זאַכן.

זי איז געווען שרעקלעך נאַכלעסיק און אָפּגעלאָזן. עס האָט זי נישט געאַרט ווי זי גייט אָנגעטאָן, ווי די האָר זיינען פאַרקעמט, ווי די קינדער קוקן אויס, ווי די צימערן זיינען פול מיט שטויב און אָנגעוואָרפן מיט שמאַטעס. און וואָס די כלים פון דער נעכטיקער וועטשערע שטייען נאָך נישט קיין אויסגעוואַשענע.

אָבער מער פון אַלץ האָב איך נישט געקענט פאַרליידן, איר שטענדיקע צופרידנקייט און דעם געלעכטער אירן. פלעג איך אין דער שטיל הנאָה האָבן, ווען מאַקס האָט זי גענומען זידלען און מאַכן מיט דער בלאָטע צו גלייך.

וואָלט זי כאָטש אָפּגעענטפערט אויף צוריק! אָבער ניין! זי האָט געשוויגן אָדער גאָר געלאַכט. האָב איך בשום אופן ניט געקענט פאַר־שטיין די פּסיכאָלאָגיע פון איר פאַרשווייגן אים. ליגט אין דעם חכמה, אָדער אידיאָטסטווע?

מיך האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס זי פּראָטעסטירט נישט, פאַרוואָס

בלייבט זי אַזוי גלייכגילטיק ? פאַרוואָס וויינט זי ניט אַמאָל ? פאַרוואָס איז זי אַזאַ שקלאַף צו דער קיך, צום טעפּל, צו אים, און צו די קינדער און צו דעם קליינעם שאַפּ ?

צווישן איין אַרבעט און אַ צווייטע, פּלעגט זי זיך צוכאַפּן צו פאַרענ־דיקן אַ פּאָר הויזן, אָדער שטעפּן אויף דער צווייטער מאַשין, וואָס איז גע־שטאַנען אַקעגן זייערע, און דערווייל רעדן און לאַכן מיט די מיידלעך.

פאַרוואָס האָט זי נישט קיין זעלבסטרעספּעקט ? פּלעג איך זיך פרעגן, און פאַרוואָס ווייזט זי אַרויס אַזוי פיל געטריישאַפט און באַדינט אים, ווי זי וואָלט געווען זיינע אַ דינסט ?

איינמאָל אינדערפרי, איז מאַקס אַרונטער פון אויבערשטן שלאָף־צי־מער, אַ האַלב פאַרשלאָפענער. די האָר צעשויבערט, דאָס פּנים ניט אָפּ־געוואַשן. דאָס פעטע לייב מיט׳ן גרויסן בויך, האָט זיך געשפּאַרט דורכ׳ן דינעם אונטערשטן העמד. די הויזן זיינען אים געהאַנגען אויף איין שלייקע. ער האָט זיך מיט אַ ברייטן געגעץ אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין גרייט צו עסן זיין פרישטיק.

אָבער לוסי איז נישט געווען, זי איז אַוועק איינקויפן. איז ער געזעסן אַ נערוועזער און געקוקט אַלע ווײַלע אין פענצטער, און ווען זי איז אַרייַנ־געקומען אַ פאַרסאָפּעטע, אַ פאַרשוויצטע מיט אַ פּאָר שווערע פּעקלעך, איז ער זי באַלד באַפאַלן מיט אַ זידלעריי, פאַרוואָס זי האָט זיך געזאַמט אַזוי לאַנג.

זי האָט זיך ווי שטענדיק, נישט געמאַכט וויסנדיק, אים נישט גע־ענטפערט. זי האָט זיך געאיילט אין קיך. שפּעטער ווען זי האָט אים אַוועק־געשטעלט דאָס עסן אויף דער מאַשין, און ער איז שוין געווען אינגאַנצן באַרואיקט, קוקנדיק אויף איר מיט גאָר אַנדערע אויגן. האָב איך געזען אַז איר פּנים איז באַדעקט מיט ווייסע און רויטע פלעקן. די אויגן זיינען ביי איר געווען ערנסטע, די ליפּן פאַרשטשעמעט, און מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז אָט באַלד וועט זי אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין...

האָט זי זיך, יענעם פרימאָרגן, צום ערשטן מאָל אויף אַן אמת דערפילט באַליידיקט פון אים ? אָדער אפשר האָט זי גלאַט אַזוי זיך ניט געפילט מיט אַלעמען ? — דאָס האָב איך ניט געוואוסט. זי האָט אָבער אין מיין האַרצן עפּעס אָנגערירט. פון דאַן אָן האָב איך אָנגעהויבן צו פילן אַז איך האַלט מיט איר. מיין סימפּאַטיע איז געווען אין גאַנצן אויף איר זייט. כ׳האָב זי בכלל אָנגעהויבן מער צו זען און אָפּטער צו באַמערקן...

כ׳האָב זי געזען ווי זי איז געווען.

אַ מוטער פון צוויי קינדער. אַ באַלעבאָסטע. אַן איינפאַכע. ניט קיין פאַרשטעלטע. מיט אַ מיטלמעסיקן אָבער גראַדן שכל. אַ פרוי וואָס האָט ניט פרעטענדירט צו זיין מער ווי זי איז. אַ פראַקטישע, אַ געטרייע, מיט אַ געזונטן חוש פאַר יושר. און ווען זי האָט געוואָלט איז זי געווען אַ גרויסע בריה, ביי וועלכע די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. און יאָ... פאַר מיר איז זי געווען זייער אַ שיינע. גאָר פריער ניט באַמערקט די ווייסע צאַרטע הויט אירע, דעם שטענדיקן שמייכל. דאָס חנעוודיקע פאַרריסענע נעזל. אירע שיינע אויגן און דעם געדיכטן וואַלד טונקעלע האָר פון וועלכע עס האָט אַ געזונטער זיסער ריח געשלאָגן.

פינפטער קאַפּיטל

1

אַ שטילער אומעט האָט זיך פאַרקליבן אין מיין האַרצן. פאַרשוואונדן זיינען מיינע פּלענער, אַוועקצופאָרן קיין ניו יאָרק כדי אָנצופאַנגען אַ נייעם סאָרט לעבן. כ׳האָב אָנגעהויבן צו איגנאָרירן די שמייכלען און זיס־צוקער־דיקע, קאָקעטישע רייד פון די מיידלעך. כ׳האָב פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער אַרבעט. נישט געהאַט קיין געדולד צו לעזן אַ בוך אָדער אַ צייטונג, און מער קיין חשק ניט געהאַט צו פאָרן קיין פילאַדעלפיע יעדן שבת.

אַלץ אין מיר האָט זיך איצט קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט. אויף איין אינטערעס. און דאָס איז געווען זי, לוסי, די ווייב פון מיין באַלעבאָס.

און זי? כ׳ווייס נישט. כ׳האָב נאָך מיט איר ניט גערעדט דערפון. ניט נאָר ניט גערעדט. כ׳האָב זיך אַפילו געהיט מיט אַן איבעריקן קוק אויף איר, כדי זי זאָל ניט באַמערקן און חושד זיין... כ׳האָב דערווייל דעם סוד טיף אין האַרצן פאַרבאָרגן.

איך האָב זי פאַרשטאַנען...

ניין! האָב איך צו זיך געזאָגט: זי האָט ניט די פרייהייט וואָס איך. זי קען זיך ניט פאַרגינען נאָכצוגעבן אירע געפילן... אַפילו ווען זי האָט אַזעלכע. צופיל שטייט איר אין וועג... נאָר אַז זי פאַרשטייט מיך אין דעם בין איך געוואָרן זיכער. ווי אַזוי האָט זי מיך פאַרשטאַנען? ווי אַזוי האָט זי מיטאַמאָל דערשפּירט אַז זי פאַרנעמט אַן אָרט אין מיין האַרצן? ווער קאָן דאָס דערקלערן?

פאַר מיינע צערטלעכע געפילן צו איר האָט זי מיר אָנגעהויבן אָפּ־צאָלן. זי האָט, צום ביישפּיל, געקאָכט נאָר די מאכלים, וועלכע כ׳האָב צום בעסטן ליב געהאַט. מיר יעדן טאָג, אין מיט׳ן דער אַרבעט, אַ געשמאַקן קאַלטן טרונק צוגעטראָגן. און דערביי צוגעקומען נאָענט צו מיר... אָנ־טונג געגעבן אויף מיין געלעגער, ער זאָל זיין ווייס און זויבער. און ניט זעלטן מיך מיט אירע אויגן אַ ברי געטאָן...

געווען מאָמענטן, וואָס האָבן מיך גליקלעך געמאַכט. דורך אַזעלכע, דאַכט זיך, קלייניקייטן: זי האָט, למשל, זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן זיך מער מיט זיך אַליין... מיט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין צו אָפּט בייט זי אירע שטוב־קליידער. זי טוט אָן ריינע, אויסגעוואַשענע, אויס־געפּרעסטע קליידער, וואָס האָבן איר צוגעגעבן אַ פרישקייט און אַ חן. אירע האָר האָט זי אָנגעהויבן פּוצן. יעדן טאָג געביטן די פריזור. אַמבעסטן איז מיר געפעלן, ווען זי האָט זיי צוקעמט אין צוויי טיילן און פאַרלייגט אונטער די אויערן, אָדער גאָר זיי פאַרפלאָכטן אין צוויי באַזונדערע צעפּ, מעשה ציגיינערטע... איר געלעכטער איז געוואָרן שטילער, באַשיידענער. איר בליק — טיפער, פאַרקלערטער...

אמת. אַט דאָס אָפּגעבן זיך איצט מער מיט איר אויסזען, האָט זיך אָנגעהויבן צוליב אַ חתונה אין איר משפחה. זי האָט זיך געמאַכט נייע קליידער, איז געגאַנגען אין „ביוטי פּאַרלאָר" פאַרקעמען די האָר, און מאַ־סאַזשירן זיך דאָס פּנים... געסט זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט, וואָס זיינען ביי איר איינגעשטאַנען. די מיידלעך האָבן איר געגעבן קאָמפּלימענטן, און געראָטן זי ווי צו פאַרקעמען די האָר. מאַקס אַליין האָט איר אויך גע־זאָגט, ווי שיין זי קוקט אויס. פאַרוואָס זעט זי ניט — אַז זי זאָל אַלעמאָל אַזוי אויסקוקן?

די חתונה איז שוין לאַנג אַריבער. די מחתנים זיינען שוין לאַנג אַוועק־געפאָרן. איך האָב עס צוגעשריבן אויף מיין רעכענונג... ס'הייסט, אַז זי פּוצט זיך פאַר מיר. אַז נישט וואָלט זי עס מער נישט געטאָן...

דאָס אַלץ האָט געקענט מיינען אַסך און גאָרנישט... עס איז געווען ווי איך האָב געפילט.

מיך האָט עפּעס אָפּגעהאַלטן צו זיין אַגרעסיוו. אָפּגעהאַלטן אַפילו פון צו געבן אַנצוהערענישן. איך האָב זיך געשראָקן פאַר אַ דורכפאַל און נישט געוואָלט זיין דער צוריקגעוויזענער, דער אויסגעלאַכטער... ווער ווייסט, ווי זי וועט מיינע ווערטער אויפנעמען? אפשר וועט זי מיך באַ־טראַכטן פאַר אַ נאַרישן אומפאַראַנטוואָרטלעכן יינגל וועמען מ'דאַרף אָנזידלען, אָדער איגנאָרירן? ווייל ניט קוקנדיק אויף אירע פריינטלעכע באַציאונגען צו מיר און אירע פריינטלעכע בליקן, וואָס האָבן מיך דערמו־טיקט, האָב איך דאָך פון איר גאַנץ אַנדערש געטראַכט. איך האָב גע־טראַכט פון איר ווי פון אַ פרוי און וואָס איז מאָראַליש און ביי וועמען דאָס פאַמיליע־לעבן איז אַ הייליקייט. איך האָב דערוויל אין איר ניט באַמערקט קיין שום ענדערונג אין דער באַציאונג צו מאַקס'ן. זי איז געבליבן דיזעלבע גוטע באַלעבאָסטע, די זעלבע געטרייע ווייב, די זעלבע הייסע מוטער... איר נשמה שיינט צו זיין רואיק... אַ טרויער כאַפּט מיך אַרום, יאָ. עס

קען זיין אַז זי איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צו מיר... זי באַמערקט מיך אַפילו נישט. איך האָב אויך ניט פאַרגעסן מאַקס׳ן. ער איז דאָך אַזוי גוט צו מיר... ווי־זשע קען מען?...

אַזאַ אויסרעכענונג האָט גאָר אין מיר אַ געפיל פון קנאה אויפגעוועקט... כ׳האָב אָנגעהויבן מקנא צו זיין מיין באַלעבאָס, און אים פיינט קריגן... כ׳האָב מקנא געווען די קינדער וואָס ווערן פון איר געצערטלט. מקנא געווען אַלצדינג וואָס ווערט פון אירע הענט באַרירט...

אָך! ווי שטאַרק מיך האָט זיך געוואָלט האָבן מיט איר אַ געשפּרעך! אָבער ווי אַזוי רעדט מען צו איר? צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן ווי איך בין באַצויבערט פון אַ פרוי. מיר איז איינמאָל איינגעפאַלן צו אַנטלויפן און פאַרגעסן. כ׳האָב דאָך סיי־ווי געוואָלט אַוועקפאָרן קיין ניו יאָרק. אָבער אַנטלויפן איצט, ווען עס ניט ווייזן אַ שטריך פון אַ טרוס, פון אַ פייגלינג?

אָבער דאָ בלייבן און ליידן, איז דאָך אויך ניט קיין תכלית!

דער געדאַנק אַוועקצוגיין, איז צו מיר געקומען דורך אַ שמועס וואָס לוסי האָט איינמאָל געפירט מיט די מיידלעך ביי דער אַרבעט. זי האָט געזאָגט, אַז ניט אַלעמאָל זעט מען דאָס, וואָס מען מיינט אַז מ׳זעט... איך האָב עס פאַרשטאַנען אַז בליקן קענען אַמאָל אָפּנאַרן... און ווען זי האָט, בעת מעשה, אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אירע גרויע אויגן, האָב איך עס באַלד אָנגענומען ווי אַ וואָרנונג צו מיר... וואָס און וועמען דען מיינט זי? אודאי מיינט זי מיך... דאָס איז ווידער אַ סימן אַז זי פאַרשטייט מיך... און זי רעדט צו מיר אויף אַ פאַרשטעלטן אופן.

אָבער מיינען מיינט זי צו זאָגן:

— שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די פוסטע חלומות, מיין אָפּגעגאַרטער יינגל!

אַלערליי געדאַנקען האָבן זיך אין מיין מוח געטראָגן און מיך געוואָרפן פון איין שטימונג אין אַ צווייטער. ווילדע פּלענער און פאַרלאַנגען האָבן מיך געמאַטערט טאָג און נאַכט.

מיט דער צייט זיינען מיר געוואָרן היימיש. אַזוי היימיש, אַז זי האָט מיר שוין דערציילט עפּיזאָדן פון איר לעבן פון אירע מיידלשע יאָרן, פון די יונגע לייט וואָס האָבן געזוכט איר באַקאַנטשאַפט און פון איר קורצער טעאַטער־קאַריערע.

נאָך דעם אמת׳ן געשפּרעך אויף וועלכן כ׳האָב אַזוי לאַנג געוואַרט, האָבן מיר געהאַט איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען מאַקס און די קינדער זיינען שוין געשלאָפן.

איך בין געזעסן אין פראָנט־צימער, וואָס האָט געדינט פאַר אַ שאַפּ און זיך געלערנט ענגליש פון אַ ביכל. לוסי איז אומגעריכט אַריינגעקומען

מיט עפּעס אַ געשטריקטע אַרבעט אין דער האַנט. זי האָט אויסגעקוקט אויפֿ־געלעגט און צופֿרידן. אירע אויגן האָבן פֿריילעך געשיינט. זי האָט אַ זאָג געטאָן, זיך אַוועקזעצנדיק אַנטקעגן מיר:

— איך וויל עפּעס מאַכן, נאָר ווייס אַליין ניט וואָס?..

כ׳האָב געקוקט אויף איר. נאָכגעפֿאָלגט, ווי זי האָט מיט די פֿינגער, אין צוויי לאַנגע שטאָלענע נאָדלען געדרייט אַ בלויען פֿאָדעם, וואָס האָט זיך געוויקלט פֿון אַ קנויל. זי האָט נישט אַרונטערגענומען די אויגן פֿון דער אַרבעט און לייכט געשמייכלט.

נאָך עטלעכע נישט וויכטיקע ווערטער וואָס זיינען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין שטילן צימער, האָט זי מיך פּלוצים אַ פֿרעג געטאָן:

—איר גלויבט אין חלומות? גלויבט איר אַז אַ חלום האָט עפּעס צו טאָן מיט דער ווירקלעכקייט?

די פֿראַגע, וואָס איז געווען האַלב־ערנסט און האַלב אין שפּאַס, האָט מיר קיינמאָל ניט פֿאַראינטערעסירט. איז מיר קיינמאָל אויפֿ׳ן זינען ניט געקומען. דאָס איז מסתמא אַן ענין פֿאַר די נשמה־פֿאַרשער. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. פֿונדעסטוועגן, אַ ווײַלע קלערנדיק, האָב איך איר, אַ ניט דרייסטער, געענטפֿערט:

— אויב איר קלערט פֿון עפּעס, און עס איז אייער וואונטש, קאָן אַמאָל... עס ווענדט זיך אויך וואָס פֿאַר אַ חלום עס איז. מעג איך וויסן וואָס אייך האָט זיך אַזוינס גע׳חלומ׳ט?

איצט איז שוין מיין קול געווען דרייסטער. דאָס קלאָפּנדיקע האַרץ האָט זיך אַביסל באַרואיקט. כ׳האָב אויף איר נייגעריק געקוקט. זי האָט אויפֿגע־הויבן די אויגן, אַ מאָדנעם בליק געטאָן אויף מיר און אַנוויזנדיק מיט אַ פֿינגער אויף אַ לייכטן רויטן שראַם אויף איר נאַקעטן אָרעם, האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן: — דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון חלום.

איך האָב זי נישט פֿאַרשטאַנען און זי נאַריש אָנגעקוקט.

— דאָס האָב איך זיך וואַרשיינלעך אַליין צעקראַצט מיינענדיק אַז אַן אַנדערער... זי האָט ניט געענדיקט, ווייל זי האָט זיך צעלאַכט.

— אַן אַנדערער? האָב איך געפֿרעגט.

— יאָ. אַ מאַן וואָס האָט מיך אַביסל צו ברוטאַל אָנגענומען.

— אַ מאַן? אַ פֿרעמדער? ווער איז דאָס געווען? האָב איך געפֿרעגט אַ פֿאַראינטערעסירטער.

— פֿריער האָב איך ניט געוואוסט ווער. אָבער איצט איז מיר קלאָר ווער דאָס איז געווען — טאַקע איר אַליין...

אויף איר פּנים האָבן אַרויסגעשלאָגן רויטע פֿאַרשעמטע פֿלעקן. זי

האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן: — נו, מיינט איר אַז דאָס איז געווען מיין וואונטש?

איך האָב נישט געקענט באַלד ענטפערן. מיר האָט גענומען אַביסל צייט צו באַגרייפן אַז דער גאַנצער געשפּרעך איז ניט מער ווי איבער אַ חלום, און שפּאַסיק האָב איך געזאָגט:

— אייער וואונטש איז געווען צו קריגן מער צערטלעכקייט. נאָר מיר ביידע זיינען ניט שולדיק וואָס דער חלום האָט אייך אָפּגענאַרט. אויפ׳ן וואָר וואָלט איך אייך לייטישער באַהאַנדלט...

זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ ליכטיקן בליק. אַ בליק וואָס האָט מיר ווי מיט אַ הייסע כוואַליע באַשלאָגן.

דערנאָך איז עס שוין ווי געקומען לייכט. מיט פולן מוט האָב איך איר דערציילט פון מיינע געפילן צו איר. דעם גאַנצן סוד אַנטפּלעקט... זי איז ניט געווען איבערראַשט, פאַרקערט. זי האָט זיך געוואונדערט הלמאי איך האָב אַזוי לאַנג געשוויגן... מיט אַ זיפץ האָט זי געזאָגט:

— איך האָב שוין לאַנג דערפון נאָכגעטראַכט... איך האָב אייך גוט פאַרשטאַנען. איר זייט פאַר מיר געווען ווי מ׳זאָגט אַן אָפענער בוך... און איך האָב אייך ניט געקענט נעמען צו ערנסט. ווייל צו וואָס קען דאָס פירן? — עס איז דאָך אַזאַ אוממעגלעכקייט — אַזאַ ווילדער געדאַנק!

— אוממעגלעך! האָב איך נאָכגעשטאַמלט ווי באַליידיקט, און געפילט ווי מ׳וואָלט מיר פּלוצעם מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער אָפּגעגאָסן.

אַ פאַרצווייפלטער, בין איך געזעסן און געטראַכט; זי איז ווי אַלע פרויען וואָס זוכן אַ צוועק אין ליבע... אָבער איך האָב ניט וואָס פאַרצו־שלאָגן. איך האָב ניט קיין פּרייז צו אָפּערן. ליבע אַליין אָן וועלכן עס איז צוועק איז צו אַלץ באַרעכטיקט... און איז דען איר הייראַט מיט מאַקס׳ן ניט געווען קיין צוועק?

זי האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך שווייג. אָבער איך האָב זיך אַנט־שולדיקט און געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

זינט יענעם געשפּרעך, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ חלום, האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן ערנסטע אומעטיקע טעג און נעכט. איך האָב אָנגעהויבן חושד צו זיין אַז זי האָט בכיוון אויסגעטראַכט אַ מעשה מיט אַ חלום, כדי מיט מיר זיך אַ שפּיל צו טאָן, און באַווייזן וואָס פאַר אַ גרויסער נאַר איך בין. ווייל אַ סימן האָב איך געהאַט, וואָס, נאָכדעם ווי זי האָט אויס־געפונען אַז איך בין אין איר אַזוי שטאַרק פאַרקאַכט, האָט זי זיך מיט אַמאָל אינגאַנצן געענדערט. זי איז צו מיר געוואָרן פרעמד. אַ קאַלטע גלייכגילטיגקייט האָט זיך פון איר געטראָגן. זי האָט מיך אָנגעהויבן אויס־צומיידן. אומזיסט האָב איך געזוכט אירס אַ שמייכל. דערפאַר האָט זי

אָבער, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, זיך מער אָפּגעגעבן מיט מאַקס׳ן און די קינדער, ווי זי וואָלט מיר וועלן באַווייזן, אַז זי איז פאַרבליבן דיזעלבע געטרייע ווייב, די זעלבע גוטע מוטער און באַלעבאָסטע, און וועגן מיר טראַכט זי אפילו נישט.

דערנאָך זיינען אָנגעקומען די גרויע אומעטיקע טעג ווען מען איז מער אין שטוב און דערפאַר נעענטער איינער צום אַנדערן. דאָס איז געווען אַ שטערונג אויסצומיידן לוסי׳ן, און פאַרגעסן אָן איר. מיר איז קלאָר געוואָרן אַז דער געמישטער געפיל פון פּיין און גליק, איז פּונקט אַזוי שטאַרק אונטער שווערע טונקעלע וואָלקנס — ווי אונטער די צאַרטע לבנה־שטראַלן. דאָס האַרץ ווייסט נישט פון צייטן און אומשטענדן. לוסי האָט טאַקע געהאַנדלט אַנדערש. אָבער אין מיר, איז נאָך דערוויל ניט פאַרגעקומען קיין שום ענדערונג. כאָטש איך בין געווען צוריקגעצויגן און געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק אַז איך בין רואיק און אינגאַנצן גלייכגילטיק צו איר...

כ׳האָב זיך שוין אַפילו אויסגעלערנט ניט צו קוקן אויף איר ווען זי קען עס באַמערקן, און פלעג פאַרלאָזן דאָס צימער ווען זי איז אַריינגעקומען... ביי יעדער געלעגנהייט פלעג איך זיך פאַרפּוצן און ערגעץ־וואו אַוועקגיין.

שבת און זונטיק, פלעג איך באַזוכן פריינט און באַקאַנטע. זייענדיק שיין געקליידעט, מיט גענוג געלט אין קעשענע, האָט זיך מיר געוואָלט זיין צווישן מענטשן און טאַקע הערן אַלעמאָל דעם זעלבן איבער גע׳חזר׳טן קאָמפּלימענט, אַז איך קוק בשום אופן ניט אויס ווי אַ „גרינער״.

נו, טאַקע, ווי איז מען דאָס אַ גרינער? אַז איך פיר זיך אויף ווי אַן אַמעריקאַנער. גיי אַנגעטאָן ווי אַן אַמעריקאַנער. לערן זיך ענגליש. גיי צו אַן ענגלישע פאָרשטעלונג און באַגעגען זיך מיט אַמעריקאַניש געבוירענע מיידלעך.

האָב איך טאַקע געהאַט אַלע אורזאַכן צו זיין צופרידן. ווען נישט מיין נשמה־ווייטיק... ווען נישט דער סוד וואָס כ׳האָב געמוזט אין זיך דערשטיקן! נישט געוואָגט פאַר עמיצן מיין טרויעריק האַרץ אויסצורעדן... ווייל, ווער וועט עס מיך וועלן פאַרשטיין און מיטפילן? ווער וועט עס סימפּאַטיזירן מיט מיינע ליידן? מ׳וועט דאָך מיר ניט נאָר האַלטן פאַר אַ גרינעם, נאָר פשוט פאַר אַ משוגענעם!

2

יענעם שבת בין איך אַהיים געקומען שפּעט, אַרום האַלב נאָך צוועלף ביינאַכט. עס איז געווען אַ קאַלטע נאַכט, אַ רעגנדיקע. אַלע זיינען שוין געשלאָפן. איך בין אַדורכגעגאַנגען די צוויי פינצטערע צימערן און אַריין אין קיך, וואו עס האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל. דער אייזערנער אויוון האָט געגליט מיט אַ געשמאַקער היץ. דער בייכיקער טשייניק האָט שטיל געזאָטן. געקאָכט מיט אַ דינעם געזאַנג ווי דאָס זשומען פון אַ בין. איך בין געווען הונגעריק. פון דעם כיבוד ביי די לאַנדסלייט האָט איך ניט געקענט זיין זאַט. דער „אייזבאַקס" איז געווען אָנגעפּילט מיט אַלדאָס־גוטס — פליישיקס, מילכיקס און געזאַלצענס אַלערליי. אַלץ האָב מיך גערייצט. איך האָב זיך אויסגעטאָן דעם מאַנטל און זיך גענומען גרייטן עפּעס צו עסן.

פּלוצים האָב איך דערהערט אַ שאָרך. דערנאָך וויכע טריט מיט די טרעפּ אַרונטער...

לוסי, אין איר נאַכט־העמד, אַ באָרוועסע, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָר, האָט זיך באַוויזן. אין דער רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטן דעם קינדס מילך־פלעשל. אירע אויגן אָפענע, ווי אויסגעוואַשענע, האָבן מאָדנע שעמעוודיק און סודותדיק געקוקט. אַ ווײַלע איז זי געבליבן שטיין אינעם אַריינגאַנג, ווי זי וואָלט ניט קענען באַשליסן: אַריינקומען אָדער צוריק־גיין? איך האָב דערפילט דעם ברען פון איר נאַקעטן בוזים, דער ריח פון איר לייב האָט מיך פאַרטשאַדעט און מיט היץ באַשלאָגן.

— ערשט געקומען? כ׳האָב געמיינט אַז מאַקס איז שוין דאָ צוריק פון פילאַדעלפיע.

איר קול עטוואָס הייזעריקלעך, ווי דערשראָקן, איז פונדעסטוועגן געווען קלאָר און מעלאָדיש... כ׳בין נאָך אַלץ געשטאַנען איבערראַשט געקוקט אויף אירע פיינע מויל־ווינקלען וועלכע האָבן לייכט וויברירט. כ׳האָב נישט געקענט עפענען ס׳מויל. אין טרוקענעם האַלדז האָט ווי געשטיקט. דערנאָך, האָב איך שווער אַראָפּגעשלונגען און געפרעגט:

מאַקס איז אין פילאַדעלפיע? וואָס עפּעס פּלוצים? איך האָב נישט דערקענט מיין אייגן קול. עס איז געווען טרוקן און פאַרלייגערט ווי פון אַ ווייטעדיקן האַלדז.

— ער האָט געמוזט צופאָרן. געקראָגן אַ טעלעפאָן פון זיין פעטער וועגן עפּעס. ער וועט מסתמא באַלד קומען. ווי שפּעט איז איצט?

איר קול איז איצט שוין ניט געווען מער דערשראָקן. זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נעענטער צום טיש.

— דערזוייל וועל איך אייך געבן עפּעס עסן. האָט זי אַרויסגערעדט מיט הנאה ווי זי וואָלט געוועז צופרידן מיך צו באַדינען.

אין קאָפּ האָט מיר ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן די ווערטער: „מאַקס איז ניטאָ", „מאַקס וועט באַלד קומען". לוסי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. פאַרשיידענע שפּייז אָוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. כ'האָב געקראָגן אַ פאַרלאַנג צו טרינקען אַביסל בראַנפן... דעם אַפּעטיט וואָס כ'האָב געהאַט אַריינקומענדיק האָב איך אינגאַנצן פאַרלאָרן. נישט געקענט שטופּן ס'עסן אין האַלדז אַריין.

זי האָט זיך מיידלש־פלינק באַוועגט. דערלאַנגט, אַוועקגענומען. בעת מעשה האָט זי גערעדט קורצע אָפּגעהאַקטע רייד ווי אָן אָן אָטעם. מיר איז געוואָרן הייס און ענג. איך וואָלט איצט בעסער געווען אויף דער פרישער לופט. אַ מאָדנע אומרואיקייט האָט מיך באַהערשט... אין גאַנצן אַ פרעמדער געפיל. דאָס בלוט אין מיר האָט געהילכט מיט קולות.

און צום סוף ווען זי האָט מיר אַ ברען געטאָן מיט איר נאָענטקייט, בעת זי האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָב איך מיך אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן. אַוועק איז מיין שכל מיט'ן פעסטן קאָנטראָל, וואָס האָט מיך ביז איצט געהאַלטן געצוימט. איך האָב זי אַרומגעכאַפּט.

דאָס האַרץ איז מיר שיעור ניט אַרויסגעשפּרונגען. און דער אָטעם איז געווען פיבעריש הייס...

לוסי'ס פּנים האָט זיך מיט אַ בלאַסקייט באַדעקט. דערנאָך זיינען אירע באַקן געוואָרן שעמעוודיק רויט. איר האַרץ האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. די ליפּן פעסט פאַרשטשעמערט. די מויל־ווינקלען אויסגעגליכט, אָן אַ סימן פון אַ שמייכל. זי האָט זיך גענומען רייסן פון מיינע הענט. זי איז געווען איינגעקלאַמערט אין מיר. איך בין געווען פאַרשיכורט און האָב זי אַ קוש געטאָן.

זי האָט אַ געשריי געטאָן: „אוי!" ווי איך וואָלט זי אַ שאַרפן ביס געטאָן. האָב איך זיך דערשראָקן. איך האָב זיך פּלוצים אויפגעוועקט ווי פון אַ טיפן שלאָף, און בין אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק.

מיר האָבן ביידע זיך מאָדנע אָנגעקוקט... אירע בליקן זיינען געווען שאַרף, סאַרקאַסטיש און מיט אַ חוזק־שמייכעלע וואָס האָבן מיך ווי מיט שפּיזן געשטאָכן... מיט אַמאָל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ס'מילך־פלעשל, און איז שנעל אַרויף מיט די טרעפּ אין איר צימער.

איך בין געבליבן אַליין. אַרום מיר האָט זיך נאָך געשפּירט דער געשמאַקער ריח פון אירע האָר און וואַרעם לייב... אַ שווערע בענקענדיקע נאָגעניש האָט זיך געלייגט אויפן האַרצן. אין מיין נשמה האָט אַ חרטה גע־

ברענט. אַ געפיל פון בושה האָט מיך געמאַטערט ; — וואָס האָסטו געטאָן ? האָט כסדר אין מח געהאַמערט !

איך האָב זיך געפילט שטאַרק פאַרשעמט און באַליידיקט. מיר האָט זיך געדאַכט ווי איך וואָלט אַ זייער גרויסן פאַרברעכן באַגאַנגען, און אין דער זעלבער זייט אַ זייער טייערע זאַך פאַרלאָרן... דאָס טייערסטע וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט... דאָס וואָס איך האָב אַזוי לאַנג אין דער שטיל געצערטלט, און פאַרהערלעכט ליגט איצט מיט די פיס צעטראָטן.

פאַרביליקט און פאַרשפיגן געוואָרן איז מיין שענסטער געפיל וואָס איך האָב געהאַט ! ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק בין איך דאָך געווען אַזוי גליקלעך. עס איז דאָך מיר געווען אַזוי גוט איידער דאָס האָט פּאַסירט. אוי, ווען איך וואָלט עס געקענט צוריק כאַפּן ! ווען כ׳וואָלט עס נאָר געקענט אָפּווישן און פאַרגעסן...

מיט אַמאָל איז מיר איינגעפאַלן צו אַנטלויפן. שוין. איצט. אין מיטן נאַכט. אַנטלויפן און זי מער ניט זען... סיי־ווי וועל איך זי מער אין די אויגן ניט קענען קוקן. נאָר אַ מינוט שפּעטער האָב איך געטראַכט, אַז איך וואָלט זי באַדאַרפט איבערבעטן. זיך אַנטשולדיקן פאַר מיין ניט שיינע באַנעמונג, פאַר מיין חוצפּה. און עס מעג מיר אָנשטיין זי איבערצו־בעטן. זי איז דאָך מיין באַלעבאָסטע. זי איז עלטער פון מיר און אַ מאַמע פון קינדער. אפשר וועט זי מיר פאַרגעבן און פאַרגעסן און אַלץ וועט צוריק זיין ווי געווען... כ׳וועל צוגעבן אַז איך האָב נישט געהאַנדלט אָנשטענ־דיק. און איך בין שולדיק פאַר באַליידיקן זי. כאָטש אין דער אמת׳ן וואָס בין איך שולדיק ? — ווען זי וואָלט ניט אַרונטערגעקומען ! ווען זי וואָלט מיך אַזוי ניט געריי‍צט ! האָט ביסלעכווייז דאָס געוויסן מיך אָנגעהויבן צו באַרואיקן.

פאַרוואָס איז זי טאַקע אַרונטערגעקומען אין נאַכט־העמד ? האָב איך זיך פּלוצים אַ פרעג געטאָן ?..

נאָר ריידן מיט איר מוז איך. איך בין אָבער צו פיל אויפגערעגט און צע־רודערט. און אויסער דעם איז זי דאָך ביי זיך אין צימער ? אפשר לאַכט זי גאָר פון מיר דאָרט ?

כ׳מוז אָבער פאָרט מיט איר רעדן.

אָבער ווי אַזוי קען איך זי איצט זען ? מאַקס דאַרף באַלד קומען. איצט דערמאָן איך זיך ווי זי האָט געזאָגט, אַז מאַקס קען נאָך אָנקומען מיט דער לעצטער באַן. דאָס הייסט — האַלב נאָך צוויי פאַרטאָג. איצט איז שוין נאָך צוויי. נאָך פינף און צוואַנציק מינוט. אפשר אַרויפגיין צו איר ? — ניין, ניט איצט. עטלעכע מינוט איז ניט גענוג. איך האָב איר אַזוי פיל צו זאָגן.

די היץ האָט מיך געשטיקט. איך בין אַרויס אין דרויסן מיט'ן מאַנטל אויף דער האַנט. געשטאַנען אין דער קאַלטער פינצטערניש. אַלץ שלאָפט און רוט. אַפילו דער רעגן האָט אויפגעהערט צו גיסן. נאָר אין מיר שטור־רעמט עס. געמישטע און אויפרעגנדיקע געדאַנקען ציען זיך אין קאָפּ. מרה שחורה'דיקע געדאַנקען ווי די שוואַרץ־גרויע וואָלקנס אונטער'ן הימל. איך האָב אַליין ניט באַמערקט ווי איך האָב זיך געלאָזט צום וואָקזאַל. איך האָב דערפילט אַ קעלט אין די ביינער. איך האָב אָנגעטאָן דעם מאַנטל. מיינע טריט האָבן מיט אַ טעמפּן ווייטן ווידערקול איבער דער שטילער גאַס אָפּגעהילכט.

— וואוהין גיי איך? — יאָ, צו דער באַן־סטאַנציע. און וואַרטן אויף דער לעצטער באַן און באַגעגענען מאַקס'ן. — וואָס־זשע וועל איך אים זאָגן? גאָרניט וועל איך אים זאָגן. גלאַט אַזוי זיך געקומען; ניט געקענט שלאָפן...

אפשר דערציילן אים דעם אמת? מאָדנע, מיר ווייזט זיך אויס אַז עס וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך. איך וועל אים דערציילן, אַז כ'האָב גע־קושט זיין ווייב, ווייל איך האָב זי ליב. און אפשר וועט ער גאָרנישט קומען?...

דער מאַן וואָס פאַרקויפט באַן־בילעטן האָט אויף מיר לאַנג געקוקט, ווען איך האָב אים געפרעגט ווען די באַן קומט אָן. זעט ער עפּעס אויף מיר? — ניין! ער קען גאָרניט זען! כ'בין שוין אינגאַנצן רואיק... נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט אַביסל. האַסטיקער ווי אַלעמאַל און ס'פּנים איז אַביסל פאַר־פלאַמט. נאָך דריי מינוט. אפשר וועט מאַקס טאַקע היינט ביינאַכט נישט קומען...

פון דער ווייטער פינצטערניש שניידט זיך אַ שאַרף ליכט. עס הערט זיך דער גערויש פון דער אָנקומענדיקער באַן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפייפט, געזאָטן, געזעצט מיט פאַרע און רויך. פון די רעלסן האָבן אויפ־געשלאָגן רויטע פונקען. פונעם האַסטיקן אָפּשטעל האָט זיך דער וואָקזאַל אַ וויג געטאָן. מענטשן מידע, האַלב־פאַרשלאָפענע האָבן אָנגעהויבן אַרויס־קומען פון די וואַגאָנעס. זיי גייען פאַמעלעך און פויל. די קאָנ־דוקטאָן דרייען מיט זייערע לאַמטערנעס אין אַ האַלבן צירקל. אַ קלונג און אַן אויסגעשריי. די וואַגאָנעס הויבן זיך אָן באַוועגן. וואו איז מאַקס? איך זוך אים צווישן דעם קליינעם אַוועקגייענדיקן עולם. ער איז ניטאָ. ער'ט זיך אַפּנים ניט געוואָלט שלעפּן אין אַזאַ נאַכט.

אַ מחיה'דיקער געפיל שפּרייט זיך אין מיר... מאַקס איז נישט גע־קומען... אין דער מינוט האָב איך געפילט צו אים אַ טיפע דאַנקבאַר־

קייט... איך אייל זיך צוריק אַהיים. לוסי איז אַליין... מאַקס איז ני־טאָ... איך טרעף אַלץ ווי איבערגעלאָזן.

קאַנטיק אַז לוסי איז שוין דאָ מער ניט געווען. דער לאָמפּ ברענט. די מאכלים שטייען אויפ׳ן טיש. דער אויוון האַלט זיך אין אויסלעשן. זי מוז אודאי שוין שלאָפן. טוט מיר באַנג? הלואי שלאָפט זי נאָך נישט... איך מוז מיט איר רעדן... און דערנאָך — יאָ, דערנאָך זיך צוריקציען. ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט פּאַסירט...

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָב איך זיך געלאָזט אויפ׳ן צווייטן שטאָק. מיינע פּיס האָבן קיין געריוש ניט געמאַכט. די טיר פון איר צימער שטייט האַלב אָפן. איך וואָג אַריינצוקוקן. די קינדער שלאָפן. לוסי זיצט אויפ׳ן שאַקל שטול. דעם קאָפּ אויפ׳ן האַנט אָנגעשפּאַרט און באַגאָסן איז זי מיט דער ראָזעווע שיין פונעם נאַכט־לאָמפּ. שטיל, באַוועגלאָז ווי זי וואָלט געשלאָפן.

איך בין פאַרכאַפּט פון אָט דעם בילד. לוסי ווי אַ פאַרגליווערטע פּילט נישט מיין נאָענטקייט. שטיי איך שטיל מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. איך קען הערן ווי מיין האַרץ קלאַפּט רעגלמעסיק, ווי עס קלאַפּט דער זייגער אויפ׳ן טישל. עס ציט מיך אַריינצוגיין אינעווייניק. וואָס איז פול, דאַכט מיר, מיט אַ שטילער הייליקייט. — די הייליקייט פון אַן ערלעכע מאַמע מיט שלאָפנדיקע אומשולדיקע קינדער.

דורך די האַלב פאַרהאַנגענע פענצטער שפּאַרט זיך די נאַכט מיט שטי־לע ווייכע טריט. לוסי, נאָך אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע, מאַכט מיך טראַכטן אַז אויך אין איר נשמה קומט עפּעס פאָר. — ניין, זי לאַכט ניט פון מיר, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. אַזוי זיצנדיק וויינט מען אַ שטילן געוויין... ווער ווייסט וועלכע איידעלע סטרונעס עס וויברירן איצט אין איר האַרצן? און אַזוי זיצנדיק הערט זי זיך איין צו די אייגענע טרויעריקע קלאַנגען פון האַרצן. אפשר ליידט זי אַזוי ווי איך?.. און אפשר מער פון מיר?

כ׳האָב ניט געהערט מיינע אייגענע טריט, ווען איך בין אַריין אין צימער וואָס האָט מיר ווי אַ מאַגנעט געצויגן. אַלץ איז שטיל דאָ, שטיל ווי די נאַכט אין דרויסן. איך בין ניט אַריינגעגאַנגען, נאָר איך האָב אַריינגע־שוועבט... איך בין געווען נאָענט צו לוסי׳ן. אין דער טונקלקייט האָט זי מיט אַ קלאָרע ווייסקייט געגלאַנצט. ווי אַ ליכטיקע געשטאַלט האָט זי אויסגעזען.

זי האָט ניט באַלד געעפנט די אויגן. דאָס איז גראָד געווען גוט. ווייל איך וואָלט גלייך אפילו קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען פון מויל.

— פאַר וואָס שלאָפט איר נאָך ניט? האָט זי שטיל געפרעגט.

מיר האָט זיך געוואָלט איר שטעלן די זעלבע פראַגע. כ׳האָב עס אָבער ניט געטאָן.

כ׳האָב איר דערציילט אַז איך בין געווען ביי דער באַן־סטאַנציע. און איך געדענק שוין ניט, וואָס נאָך כ׳האָב גערעדט. כ׳געדענק אָבער ווי זי האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן איר קאָפּ און מיך באַקוקט מיט פריינטלעכע בליקן. זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון פאַרדרוס. פונדעסט־וועגן האָב איך זיך אַנטשולדיקט, מיט אַ ווייכע בעטנדיקע שטימע האָב איך זיך פאַרענטפערט פאַר מיין געוואַגטע האַנדלונג. און איר אין דער זעלבער צייט באַוויזן אַז עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין אונטער די אומ־שטענדן... איך האָב לאַנג גערעדט... מיט יעדער רגע געפילט זיך בע־סער און רואיקער. שוייגנדיק האָט זי מיך אויסגעהערט. אויף איר פּנים איז איצט אויך אַ רואיקייט געלעגן, ווי זי וואָלט זאָגן, מילא, נו, נישטאָ פון וואָס צו רעדן. דאָס האָט מיך אי צופרידן געשטעלט, אי פאַרדראָסן.

דערנאָך האָט זיך דער געשפּרעך געביטן. שטייענדיק לעבן איר אין אַזאַ שפּעטע נאַכט־שטונדע, און זייענדיק דערמוטיקט פון אירע צאַרטע בליקן, איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך ניט אַרויסצוקומען מיט פרישע לי־בעס ווערטער. איך האָב באמת געפילט אַז זי איז מיר ליב און טייער. כ׳האָב זיך ביי איר געבעטן אַז זי זאָל מיך פאַרשטיין... און זי האָט מיך פאַרזיכערט אַז זי פאַרשטייט מיך... און מיט שטאָלץ און צופרידנקייט האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— מערי וואָלט דאָך פשוט געווען גליקלעך ווען זי הערט פון אייך אַזעלכע רייד. זי איז זייער אַ פיין מיידל און זי האָט אייך ליב...

— איך רעד נישט פון מערי׳ן. איך רעד פון אייך...

אין קאָפּ האָט מיר אַ מיש געטאָן. איך בין פּלוצעם צוגעפאַלן צו איר. און ליידנשאַפטלעך געקושט אירע שמעקנדיקע האָר, איר האַלדז און אירע ליפּן... כ׳האָב דערפילט אירע הענט אַרום מיין האַלדז. אַן אומבאַשרייב־לעכע פרייד, האָט מיך באַהערשט. אַן אַ שיעור גליק האָט אין מיין האַרץ געטאַנצט, ווען זי האָט מיר צוריק געקושט און מיט פאַרמאַכטע אויגן און שטיל געמורמלט, גייט שלאָפן סעם, כ׳בעט אייך, גייט שלאָפן...

אירע ווערטער האָבן מיך ווי אויפגעוועקט פון אַ זיסן חלום, און מיר געגעבן דאָס געפיל, אַז כ׳האָב דערווייל גענוג דערגרייכט. האָב איך זי געפאָלגט און אַוועק אין מיין צימער.

יענע איבערגעבליבענע שלאָפלאָזע שטונדן פון דער נאַכט האָבן מיך איבערצייגט אַז איך מוז פאַרלאָזן דאָס הויז... איצט, זייענדיק זיכער אַז זי איז צו מיר ניט גלייכגילטיק, האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז ס׳איז אַ געפערלעכע שפּיל.

איך האָב געחלומ׳ט אַ שיינעם חלום... און ווייטער טאָר עס ניט גיין! גאַנץ אַנדערע געפילן האָבן מיך באַהערשט און געלייטערט דעם גע־דאַנק. יושר און מענטשלעכקייט האָט זיך פאַרקליבן אין מיין האַרץ. מאַקס און די קינדער, זיינען פאַר מיר פלוצעם דערשינען אין אַן אַנדער ליכט. איך האָב זיי באַמערקט און געפילט אַז מ׳טאָר זיי נישט טאָן קיין עולה... כ׳האָב זיך אַפילו געפילט שולדיק געגן זיי...

כ׳האָב אויך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם אומזין פון אַזאַ סאָרט ליבע, און די אומפּראַקטישקייט דערפון.

און זי, לוסי? אייביק וועל איך פילן דעם ברען פון אירע קושן!

ווען איך בין אויפגעשטאַנען — אַרום צוועלף בייטאָג — איז שוין מאַקס געווען אין דער היים... איך האָב אויסגעמידן מיט אים צו רעדן — און זיך געשעמט אויף אים צו קוקן. און ווען כ׳האָב געזוכט די גע־לעגנהייט צו זאָגן לוסי׳ן אַז איך האָב באַשלאָסן אָוועקצופאָרן, האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט פיינלעכער איבעראַשונג. אַ ווײַלע געשוויגן, און דער־נאָך שטיל מיר אין פּנים אַריין מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן: — איר זייט אַ גרינער.

זעקסטער קאַפּיטל

1

איך בין נישט קיין פילאָזאָף. איך קען נישט דערקלערן פאַרוואָס ווערטער ווער׳ן ע מיינען אַזוי, ווערן אָפּט אַנדערש אויסגעטייטשט און פאַרשטאַנען.

ווען איך האָב געפרעגט איינעם וואָס פאַרשטייט אין דעם ענין, פאַרוואָס ווערטער קענען אַמאָל מיינען אַזוי און אַמאָל עפּעס אַנדערש, האָט ער מיט געענטפערט, אַז פריער ווערן ווערטער מסתמא אַרויסגערעדט על פּי טעות, אָדער פּשוט גרייזיק. שפּעטער ווערן די דאָזיקע ווערטער מיט זייער באַשטימטן מיין און מיט זייער ספּעציעלן טעם און קלאַנג פאַרשפּרייט און אַריינגעפּאַסט אין געשפּרעכן און פאַרגלייכונגען.

איך האָב די דערקלערונג אָנגענומען ווי זי וואָלט געקומען פון אַ שפּראַכן־קענער. און עס האָט זיך מיר טאַקע געלייגט אויפ׳ן שכל. ווייל דאָס לעבן גופא, וואָס האָט מיר אַ סך אַנדערע זאַכן געלערנט, האָט מיר אויך דאָס אונטערגעזאָגט, און איך האָב קיין אַנדערע ענטפערס אויף דער פראַגע ניט געזוכט.

ווען לוסי האָט מיך אָנגערופן „גרינער" ווייל כ׳האָב באַשלאָסן אַז ס׳איז נישט קיין תכלית צו בלייבן אין איין הויז מיט אַ פרוי וואָס האָט מיך געריצט, האָב איך געטראַכט אַז דער נאָמען „גרינער" פּאַסט דאָ ניט. אַ „גרינער", האָב איך דאַמאָלט געמיינט, אַז אַ פרעמדער, אַן ערשט־אַריבערגעקומענער, וואָס פאַרשטייט ניט די היגע שפּראַך און איז ניט באַקאַנט מיט די מנהגים פונעם לאַנד.

ער איז „גרין", ווייל ער איז אַן אימיגראַנט. ער איז „גרין", ווייל ער איז נאָך נישט דערפאַרן, ווייל ער האָט זיך נאָך ניט צוגעפּאַסט צו דעם שטייגער־לעבן פון אַמעריקע. אָבער מיט דער צייט האָב איך אויסגעפונען אַז אַ „גרינער" קען אויך זיין אַ היגער געבוירענער...

כ׳האָב אויסגעפונען, אַז אַ „גרינער", איז דער, וואָס שעמט זיך, וואָס וואָגט ניט, וואָס האָט אַ געוויסן; איינער וואָס דערציילט דעם גאַנצן אמת, וואָס קען נישט אָפּנאַרן און וואָס איז נישט קיין הפקר־מענטש.

פאַרקערט. נישט קיין גרינער, איז דער וואָס נוצט אויס די געלעגנ־הייט, וואָס קומט פריער און פאַרכאַפּט דעם גרעסטן חלק פאַר זיך, און וואָס רעכנט זיך נישט מיט יענעם.

פאַרן נישט קענען און נישט וויסן ווי אויסצונוצן די שוואַכקייט פון אַ פרוי איז מען אַ גרינער.

מ׳האָט מיך שוין אָנגערופן „גרינער״ פאַרן אומקערן אַ געפונענעם בריליאַנטענעם רינג; פאַר שעמען זיך אויפצומאָנען אַ חוב; פאַר נישט וואָגן צו בעטן אַ טובה; פאַר מורא האָבן צו זאָגן עפּעס וואָס קען נאָך חלילה עמיצן באַליידיקן; פאַר גלויבן יענעם אויפ׳ן וואָרט און פאַר הונ־דערטער אַנדערע זאַכן.

כ׳וועל זיך ניט שעמען אויסצוזאָגן, אַז מ׳רופט מיר נאָך איצט אויך „גרינער״. און איך וועל שוין אַזעלכער פאַרבלייבן.

עס קען אויך זיין, אַז ווען מ׳זאָגט „גרינער״ מיינט מען פּשוט אַ נאַר. און ווען מ׳זאָגט אויף איינעם אַז ער איז ניט קיין „גרינער״, מיינט מען, אַז ער איז כיטרע אָדער קלוג און קיינער וועט אים ניט אָפּנאַרן.

מ׳האָט מיך דאָ ניט לאַנג צוריק גערופן „גרינער״, כאָטש כ׳בין שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר אין אַן אַמעריקאַנער בירגער, בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן עטלעכע דאָלאַר דורך אַ זייטיק פאַרדינסטל.

2

יאָרן שפּעטער האָב איך אויסגעפונען אַז נישט נאָר האָב איך נישט פאַר־שטאַנען וואָס לוסי האָט געמיינט ווען זי האָט מיך אָנגערופן „גרינער״, נאָר איך האָב אויך נישט פאַרשטאַנען ווען זי האָט מיך געזוכט אויסצו־מיידן...

כ׳בין הייסט עס געווען אַ „גרינער״, ווייל כ׳האָב נישט אויפגעכאַפּט אירע באַמערקונגען און אירע אָנצוהערענישן...

ווען לוסי איז געקומען קיין ניו יאָרק צו גאַסט און מיך אויפגעזוכט, בין איך שוין דאַן געווען אינגאַנצן פריי פון איר ווייבלעכן רייץ און אויס־געהיילט פון יענער יוגנט ליבע...

איך האָב אויף איר געקוקט ווי אויף אַ יידענע, און זיך פאַרשעמט אויף מיין אַמאָליקן געשמאַק.

איך האָב געטראַכט; — ווי אַנדערש איך האָב געפילט יענעם טאָג ווען כ׳האָב זיך מיט איר געזעגנט. כ׳בין געווען אַ פאַרלוירענער, אַ צעטרייסל־טער. כ׳בין געווען סיי אַ העלד און סיי אַ פייגלינג. אַזוי פאַרשטיי איך וואָלט עמיצער דאַן מיך גערופן. איך אַליין האָב דעמאָלט ניט געוואוסט וואָס

איך בין. כ׳האָב געהאַנדלט ווי דער אינערלעכער געפיל האָט מיר באַפוילן.

שרייבנדיק איצט די זכרונות — האַלט איך, אַז קיין שום מענטש, אין וועלכן עס איז פּלאָנטער, האַנדלט נישט לויט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן. עס העלפט ניט קיין פּלענער און עס גילט ניט קיין באַשלוסן. קיינער איז ניט שטאַרק גענוג צו זיין דער פולשטענדיקער באַלעבאָס איבער זיך אַליין. עס איז פאַראַן ביי יעדן איינעם אַן אינערלעכער פאַרבאָרגענער כוח וואָס ווירקט און באַפעלט.

אין פילאַדעלפיע האָב איך נישט דערציילט די אמת׳ע סיבה פאַרוואָס כ׳האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל. און ס׳איז אַפילו נישט געווען נויטיק אָנצו־געבן אַן אַנדער ליגנערישן תירוץ.

איך האָב קיין לייטישן תירוץ פשוט ניט געקענט אויסטראַכטן. עס האָט מיר אָבער באַנג געטאָן די גוטע שטעלע אין שטעטל.

נישט ווייסנדיק וואָס צו זאָגן, האָב איך איגנאָרירט מיין ברודער׳ס כסדר׳דיקע פראַגעס פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָזן אַ „דזשאָב״ ביי וועלכן כ׳האָב נישט שלעכט פאַרדינט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, גענוג געאַרבעט אין אַמעריקע. וויפל איז דער שיעור? און באַלד צוגעגעבן:

— האָסט כאָטש אָפּגעשפּאָרט עטלעכע דאָלאַר?

עס קען זיין אַז ער האָט גאָר ניט געמיינט מיך צו מוסרן, אָבער איך, ווייסנדיק אַז כ׳האָב כמעט אַלע מיינע פאַרדינסטן אויסגעגעבן און אַפילו ניט געטראַכט צו שפּאָרן, האָב זיך געפילט באַליידיקט... ווייל מיר האָט זיך געדוכט אַז ער איז געווען צו סאַרקאַסטיש מיט זיינע ווערטער.

דער ערשטער געדאַנק מיינער ווי אַ געגן־טענה איז געווען: וויפל קען מען עס אָפּשפּאָרן פון עטלעכע חדשים אַרבעט? דערנאָך האָב איך חושד געווען אַז אפשר האָט ער מורא אַז איך וועל זיך ביי אים אָפּשטעלן. אפשר וויל ער וויסן צי האָב איך גענוג אים אָפּצוצאָלן פאַר׳ן קאָסטיום און מאַנטל וואָס ער האָט מיר געקויפט, אויסער די עטלעכע דאָלאַר וואָס ער האָט געגעבן צו שטייער פאַר דער שיפקאַרטע?

נאָך עטלעכע אפשר׳ס זיינען מיר אין קאָפּ אַדורכגעלאָפן. איך האָב זיך דערפילט שולדיק, פאַר וואָס כ׳האָב טאַקע נישט באַצאָלט דעם חוב ביז איצט. אויסגעגעבן געלט אויף נאַרישקייטן. דער דאָלאַר איז געווען אַ ממזר, און דעם חוב אַפילו נישט אין זינען געהאַט.

אַ ווײלע שווייגנדיק האָב איך געזאָגט, אַז איך קלייב זיך צוזופאַרן אין ניו יאָרק. און אַזוי שנעל ווי איך וועל אָנהויבן פאַרדינען וועל איך אָפּצאָלן מיינע חובות.

— זיי נישט קיין נאַר, האָט ער זיך אָפּגערופן שמייכלענדיק. קיינער מאָנט ניט ביי דיר. כ׳האָב נאָר געמיינט פון דיין טובה וועגן. מ׳גיט נישט אויף קיין „דזשאָב". דו קענסט פאָרן אין ניו יאָרק זיך זען מיט דער שוועסטער. אָבער אין פילאַדעלפיע קען מען אויך מאַכן אַ לעבן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך באַרואיקט. איך האָב געהאַט ס׳געפיל, אַז ער איז גוט צו מיר, און אַז איך האָב אים ניט ריכטיק פאַרשטאַנען.

די שוועגערין וואָס האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך האָט זיך פּלוצעם אָפּגערופן:

— ווי קומט עס וואָס מ׳האָט פון דיר שוין אַ צייט ניט געהערט? פאַרוואָס ביסטו די לעצטע פּאָר שבתים ניט געקומען? האָסט שוין אפשר אַ מיידל? האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

סיי די פראַגע און סיי דער שמייכל איז ניט געקומען גלאַט אַזוי זיך. כ׳בין געווען כמעט זיכער, אַז איר פראַגע האָט צו טאָן מיט דער אָנצוהערעניש וואָס מיין ברודער האָט מיר שוין עטלעכע מאָל געגעבן וועגן איר שוועסטער וואָס האָט ביי זיי געוואוינט.

זי איז געווען אַ גאַנץ שיינינקע, מיין שוועגערינס שוועסטער. אַ צאַרטע און אַן אויסערגעוויינטלעכע שטילע. אַלעמאָל איז זי געזעסן לעבן אויוון, געוואַרעמט אידע איידעלע גלידער, געקוקט מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן אין אַלע זייטן און געשוויגן.

צוליב איר שוויגן, איז געווען שווער צו וויסן צי זי איז אַ קלוגע, אָדער פאַרקערט. סיי־ווי־סיי האָט זי מיך מיט איר צאַרטקייט און שטילקייט ניט פאַראינטערעסירט. איך האָב מיט איר זעלטן גערעדט. נאָר אַזוי ווי מיין ברודער האָט שטאַרק ליב געהאַט ס׳ווייב זיינס האָט ער אויך געהאַלטן פון איר שוועסטער.

ער האָט געהאַלטן אַז זי איז אַ טייער מיידל. אַ לייטישע, אַ גרויסע בריה, און אַ שפּאָרזאַמע.

— זי ווייסט ווי צו האַלטן אַ סענט. האָט שוין אַ שיינע פּאָר דאָלאַר אין דער באַנק, — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט מיט אַזאַ מין טאָן, ווי דאָס וואָלט געווען די גרעסטע מעלה וואָס אַ מענטש קען האָבן.

כ׳האָב אויסגעפונען אַז אין אַמעריקע פאַרגעטערט מען ממש דעם דאָלאַר. אַלע דינען צום עגל הזהב. עס איז אַלע מאָל און אומעטום גע־ווען דער אינטערעס צו געלט. האָבן אָפּגעשפּאָרטע געלט אין דער באַנק, איז ביי די מערסטע מענטשן געווען וויכטיקער און העכער ווי צו זיין אַ גייסטיקער מענטש. מ׳האָט נאָר גערעדט פון געלט און געשאַצט יענעמס פאַרמעגן.

כ׳האָב דער שוועגערין ניט געענטפערט אויף דער פראַגע פאַרוואָס

כ׳בין ניט געקומען די לעצטע עטלעכע שבתים. אָבער מיר האָט זיך אויס־געוויזן אַז זי איז מיר אין עפּעס חושד... דאָס וואָס איך בין נישט געקו־מען און דאָס וואָס איך פֿאָר אַוועק, האָט זי מיט איר פֿרויען אינסטינקט דערפֿילט אַז עפּעס האָט מיט מיר פּאַסירט... דערנאָך האָט זי זיך אָפּ־גערופֿן:

— פֿאַרגעס נישט צו שרייבן. אַז דו וועסט קומען צוריק וועסטו קענען וואוינען דאָ. עס שטייט אַליידיק בעט אויפֿן צווייטן פּלאַר. זומער איז וואַרעם קען מען דאָרט שלאָפֿן.

און דער ברודער האָט אַרויסגעהאָלפֿן:

— שור, וועסטו קענען דאָ זיין.

זיבעטער קאַפּיטל

1

אין אַ שיינעם זומערדיקן נאָכמיטאָג, בין איך אָנגעקומען אין ניו יאָרק. דאָ האָב איך געהאַט אַ שוועסטער, וועלכע כ׳האָב נאָך ניט געקענט. זי איז געווען די ערשטע אַוועקצופאָרן מיט איר חתן און מחותנים קיין אַמעריקע. די מאַמע האָט נאָך דאַן געלעבט. איך האָב זי שוין דערמאָנט אין די ערשטע בלעטלעך פון מיין בוך. נאַטירלעך האָט זי ניט געהאַט צו מיר יענעם געפיל וואָס מ׳האָט צו אַ ברודער מיט וועמען מ׳האָט זיך אויפגעהאָדעוועט צוזאַמען. דער שוואָגער, וועלכער איז אויך געווען מיין קוזין, האָט זיך מיט מיר אַדורכגעשריבן די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין אַמעריקע. און אין יעדן בריוו האָט ער ניט פאַרפעלט צו פרעגן — ווען קום איך שוין זיי זען.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין דרויסן. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין הויז און פאָרגעשטעלט פאַר מיין שוועסטער.

— אָט איז דיין ברודער שלמה, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל.

נישט איך און נישט זי האָבן געוואוסט וואָס צו טאָן. מיר זיינען געשטאַנען ווי צוויי פרעמדע, זיך אָנגעקוקט און געשוויגן. נישט מיר האָבן זיך געגעבן די הענט, און נישט מיר האָבן זיך צוקושט. אַלע געדאַנקען וואָס זיינען אונדז אין קאָפּ דורכגעלאָפן, האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם געוויינטלעכן „העלאָו", וואָס מענטשן זאָגן זיך טאָג־טעגלעך. דערנאָך איז זי די ערשטע געקומען צו זיך און אָנגעהויבן אַרויסווייזן גאַסטפריינטלעכקייט, זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער אַלטער היים, וועגן טאַטן, וואָס אַלע מאַכן אין פילאַדעלפיע, א. ד. גל.

די נאָכפרעגענישן האָבן מיך אַרויסגענומען פון דער פרעמדקייט. איך האָב זיך דרייסט אַוועקגעזעצט ביים טיש.

כ׳האָב גלייך געהאַט דאָס געפיל אַז איך בין נישט געקומען בלויז ווי אַ גאַסט, נאָר אַז דאָ אין ניו יאָרק וועט זיין מיין שטענדיקע היים.

כ׳האָב נאָך דאָס געפילט ווען כ׳האָב מיינע זאַכן איינגעפּאַקט און געזאָגט דעם „זיי־געזונט״ אין פילאַדעלפיע צו די ברידער און שוועגערינס, צו לאַנדסלייט און באַקאַנטע, צו די חברים און חבר׳טעס. צווישן די לעצטע האָב איך געלאָזן אייניקע פאַרטרויערטע און פאַרבענקטע... געווען אַ פּאָר צווישן זיי, וואָס האָבן גאָר אַנדערש ניט געטראַכט ווי, אַז היינט, מאָרגן, וועל איך אַרויסקומען צו איינע פון זיי, מיט אַ ליבעס־דערקלערונג.

כ׳האָב אין געדאַנק אויך געזאָגט אַ „זיי־געזונט״ צו די באַלעבאַטים און זייערע שעפּער. צו באַקאַנטע אַרבעטער, צו באַרימטע רעדנער און לעקטאָרס, צו די דיכטער מיט זייערע לידער, צו אַלץ און צו אַלעמען אין דער שטאָט פילאַדעלפיע.

אין אונדזער משפּחה איז קיינמאָל ניט געווען דער סאָרט אחדות און ליבשאַפט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש ביי אַנדערע גרויסע משפּחות. עס איז ניט געווען יענער סאָרט צעמענט וואָס קלעפּט צו איינער צום צווייטן. אונדזער פאַמיליע־קנופּ איז קיינמאָל ניט געווען פאַרבונדן ווי עס דאַרף צו זיין.

ווער עס איז שולדיק געווען אין דעם, ווייס איך ניט. אפשר די אומשטענדן אונטער וועלכע מיר האָבן זיך געהאָדעוועט. און אפשר איז עס אַזאַ געבוירענער פאַמיליע שטריך?

— סיי־ווי־סיי, געקומען? מהיכא תיתי. אַוועקגעפאָרן? נו, מילא. האָסט געשריבן, וועט מען מסתמא ענטפערן. האָסטו ניט געשריבן? וועט מען ביי דיר ניט פרעגן פאַרוואָס ניט. מאַכסטו אַ לעבן? גאַנץ פיין. טאָמער נישט איז אויך נישט קיינעמס עסק. צו אַ שמחה וועט מען קומען מיט מתנות. דאַרפסטו נויטיק עטלעכע דאָלאַר ווייל די פּרנסה איז גע־שלאָגן — אַרט עס שטאַרק. נאָר מ׳וועט צוואוואַרטן. אפשר ווען מען ניט בעטן. אַ גמילת חסד פאַר ביזנעס? יאָ. נאָר טאָמער באַצאָלט מען נישט אין צייט ווערט מען ברוגז און מען האַלט אין איין איבעררעדן.

פונדעסטוועגן, אויב ס׳האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז עמיצער איז געווען אין נויט, איז מען, אַן באַדויערן און קרעכצעניש, באַלד געקומען צו הילף.

אָט אַזוי איז מיין משפּחה ביז היינטיקן טאָג. יעדער איינער לעבט אין זיינע אייגענע דלד אמות. מיט זיין ווייב און קינדער. מ׳זעט זיך זעלטן און מ׳שרייבט זיך דורך זעלטן. און עס איז נישטאָ ביי אונדז קיינער וואָס זאָל זיין דער דעה־זאָגער, דער וואָרט־פירער, ווי עס גיט זיך איין ביי לייטן, וואו איינער האָט אַן איינפלוס אויף די איבעריקע משפּחה־מיט־גלידער, און צו וועמען מ׳קומט פרעגן אַן עצה.

די נייע ערשט באַקאַנטע שוועסטער, איז געווען צו מיר

מער אַ מיסעס ווי אַ שוועסטער. דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַ פּולע שטוב מיט קינדער, תמיד פאַראַרבעט. שטענדיק ביים טעפּל, ביים וואַש־טאָפּ, ביים רייניקן די פּילע חדרים פון דער כלומר׳שטער אייגענער הויז. די פּרנסה איז געווען געשלאָגן. אַלץ צוזאַמען, אויך דער פאַקט וואָס זי האָט מיר לחלוטין נישט געקאָנט, האָט אודאי צוגע־האָלפן צו דער קאַלטער באַציאונג צו מיר.

דער שוואָגער, אַ מענטש בטבע אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער און אַ גוטער, איז תמיד געווען פאַרנומען מיט חשבונות פון הייזער און „לאָטס", „מאָרגעדזשעס" און הלוואות. ער האָט פשוט קיין צייט ניט געהאַט מיט מיר זיך אָפּצוגעבן. כ׳האָב געפילט אַז ער האָט צו מיר קיין שום באַציאונג ניט און דערפאַר נישט אויסגעשטרעקט די פריינטלעכע האַנט וועלכע, כ׳האָב געזוכט און באַדאַרפט.

האָט מען מיר טאַקע אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געזאָגט, אַז איך זאָל זיך קויפן אַן אייגן בעטל. ווייל דער יינגל, מיט וועמען כ׳בין געשלאָפן, וויל ס׳בעט פאַר זיך אַליין. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָנ־צוהערעניש איך זאָל זיך אַרויסקלייבן.

איך האָב גאָרנישט געזאָגט. אַפילו נישט געלאָזט וויסן מיין פאַר־דרוס. אין אַ געוויסן פרימאָרגן ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן האָב איך שטיל פאַרלאָזט דאָס הויז און אַוועק מיט מיינע זאַכן אין דער יידישער איסט סייד וואָס האָט מיך, גלייך ביים אָנקומען אין ניו יאָרק, געצויגן צו זיך.

עלדרידזש סטריט האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין אַן אינטערעסאַנטע גאַס. איך האָב אין אַ גרויסע טענעמענט הויז אויפ׳ן „טאָפּ פלאָר" גע־דונגען, פאַר דריי דאָלאַר אַ חודש, אַ צימער מיט אַ צעראַטענער קאַנאַפּע. דאָס איז געווען אַ פראָנט צימער, אַ קליינער צימער געווען, אָבער אַלץ גרעסער פון די אַנדערע צוויי צימערן אין דער וואוינונג.

מיינע בעלי־בתּים זיינען געווען שטילע, אָרעמע, אָבער ערלעכע מענטשן. דער מאַן אברהם איז געווען אַ פּרעסער ביי „קלאָוקס", און זייער ווייניק פאַרדינט. ס׳ווייב, הינדע, האָט זיך ניט באַקלאָגט און גאָר־ניט פאַרלאַנגט. זי איז געווען צופרידן. נאָר איין וואונטש האָט זי גע־האַט, ווען עס איז צו קויפן אַ דרעסער מיט אַ שפּיגל און מיט שופלאַדן, וואו צו האַלטן די וועש און דעם קינדס זאַכן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף אַ צעבראָכענעם קאַסטן.

דאָס שטיקל מעבל האָט דער מאַן אירער יעדן סעזאָן צוגעזאָגט צו קויפן. אָבער אַלע מאָל האָט זיך אונטערגערוקט אַנדערע הוצאות און זי איז געבליבן וואַרטן. אפשר וועט דער נייער סעזאָן זיין אַ בעסערער?

זי האָט זיך אַלעמאָל אַנטשולדיקט פאַר מיר, ווען זי האָט, אין אַ רעגנדיקן טאָג, געמוזט אויסהענגען די דייפּערס און אַנדערע שטיקלעך וועש צום טריקענען אין פראָנט צימער.

צוויי זאַכן האָט אברהם ליב געהאַט. לייענען פאַר דער ווייב „ס׳בינטל בריוו" און דעקלאַמירן לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, אָדער פון דוד עדלשטאַט.

צו דעקלאַמאַציעס האָט זי ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ טיפן אינטערעס, ווי צו די בריוו וואָס מענטשן האָבן געשריבן צום „פּייפּער". יעדער טאָג איז געווען אַ נייע דראַמע, אַ נייער לעבנס־פּלאָנטער, וואָס דער רעדאַק־טאָר האָט אַזוי שכל׳דיק אַנאַליזירט און פאַרענטפערט.

פונקט ווי די בריוו מיט די צרות האָבן אברהמ׳ס ווייב געמאַכט טרויעריק, אַזוי האָט איר דער ענטפער מיט דער קלוגער עצה געמאַכט זיך פילן גוט. זי איז געווען פול מיט האָפענונגען, אַז די אומגליקלעכע פערזאָן וועט געהאָלפן ווערן. זי האָט מיט אַ פינגער אויסגעווישט זיך די טרערן פון די אויגן און זיך געמאַכט גרייט צו הערן דעם ראָמאַן, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער שפּאַנענד.

דערנאָך האָט אברהם זיך גענומען דעקלאַמירן. די ערשטע צייט האָב איך מיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו לאַכן פון זיינע קאָמישע און אי־בערגעטריבענע גרימאַסן. די אויגן האָבן זיך ביי אים ברייט צעעפנט. די ברעמען האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. די רעכטע האַנט האָט ער געוואָרפן אין אַלע זייטן. און מיט דער לינקער האַנט אַריינגעפאָרן מיט די פינגער אין דער בלאָנדער טשופּרינע האָר. דאָס פּנים זיינס איז געווען אָנגעשטרענגט ווען ער האָט מיט אַ הויך קול אַרויסגעזאָגט די ווערטער:

— אָ, גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן
טראָגט צו מיין מיין קבר אונדזער פאָן.
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס מאַן!

די פערזון האָט ער געקענט אויף אויסווייניק און איך האָב זיך ביס־לעכווייז צו אים צוגעוויינט און פלעג אים אויסהערן מיט ערנסטקייט. ער האָט אַפילו געגלויבט אַז ער האָט טאַלאַנט און געהאָפט ווען עס איז אויפצוטרעטן פאַר אַן עולם.

איך האָב זיך גוט איינגעלעבט מיט די מענטשן, און די פרוי האָט מיר אויף אַ פריינטלאַכן אויפן געלאָזט וויסן, אַז אויב איך וועל וועלן, קען איך ביי זיי עסן אויך. און זי וועט מיר רעכענען בלויז צוואַנציק סענט פאַר אַ מילכיקן סאַפּער און אַ קוואָדער פאַר אַ פליישיקן.

— איך וועל ביי אייך ניט פאַרדינען, האָט זי געזאָגט אַ קוק טוענדיק צום מאַן.

— איר זייט ביי אונדז ניט גלאַט אַ „באָרדער". מיר האַלטן אייך פאַר אַן אייגענעם, פאַר אַ פריינט, האָט ער אַרויסגעהאַלפן.

צוליב דעם וואָס איך האָב זיך אַרויסגעקליבן פון מיין שוועסטער און ניט באַדאַרפט פטר'ן יעדן טאָג דריי שעה אין די דאַמאַלסדיקע ברוקלינער סאָבווייס, האָב איך נישט נאָר געשפּאָרט „קאַרפער", נאָר אויך צייט. און די עקסטרא צייט האָב איך אויסגענוצט צו אַרבעטן „אָווער־טיים" און פאַרדינט מער געלט. ס'הייסט גאַנצע ניין דאָלאַר פאַר פופ־ציק שעה אַרבעט.

שפּעטער בין איך געוואָרן אַ „פּיינטער" און האָב זיך אַרויפגעאַרבעט אויף זעכצן דאָלאַר אַ וואָך.

ביי די פּייפּער־באָקסעס האָב איך געאַרבעט צו שווער און לאַנגע שטונדן. די פאַרבן ריחות האָב איך פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן. כ'האָב געפּרואווט אַנדערע מלאכות, צווישן זיי ביי הויזן און „אָוועראלס", אָבער אומעטום און אַלעמאָל איז געקומען עפּעס אַ שטערונג וואָס האָט מיך אָפּ־געהאַלטן פון גיין וויטער און האָבן דערפאָלג.

איך האָב זיך אָבער ניט געלאַנגווייליקט אין ניו יאָרק. כ'האָב גע־ברויזט מיט באַגייסטערונג פון דער גרויסער וועלט־שטאָט. כ'האָב יעדן טאָג עפּעס אַנדערש געזען און באַוואונדערט אין דעם ריזיקן ניו־יאָרק.

דעם הונגער האָב איך געשטילט מיט צוויי דריי סענט. אין יענע צייטן האָט מען אין אַ געוויסן פּאַרק אויף דער איסט סייד פאַרקויפט גוטע פרישע מילך פאַר איין סענט אַ גלאָז.

פלעג איך צו דער גלאָז מילך צוקויפן פאַר אַ פּעני אַ שטיקל ברויט און פאַר נאָך אַ סענט אַן עפּל — און כ'האָב געהאַט אַ גלענצנדן מאָלצייט.

גייסטיק האָב איך זיך אויסגעלעבט לייענענדיק אַ צייטונג, וואָס איך פלעג קריגן באַלד ווי זי אַרויס פון דרוק נאָך אַ וואַרעמע. אָדער זיצן אין דער ביבליאָטעק געגנאיבער דער רעדאַקציע און אָפּזוכן ביכער נאָך מיין געשמאַק נאָך. דאָס איז געווען ש. ניגער'ס אַ בוך מיט קריטישע אַר־טיקלען וועגן יידישע שרייבער; זשול ווערנ'ס רייזע באַשרייבונגען; שלום אַש'ס „שטעטל"; אָדער די ביכער „חסידיש", און „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פון י. ל. פּרץ.

כ'האָב זיך צוגעקוקט צו אַלצדינג וואָס די קלוגע מענטשן, מיט דער הילף פון דער מאָדערנער טעכניק און קונסט, האָבן געשאַפן.

כ'האָב געקענט שעה'ן גאַנצע פאַרברענגען אויף די אייזערנע גיגאַנ־

טישע איבערן איסט ריווער אַריבערגעוואָרפענע בריקן. איך פלעג באַוואונדערן זייער געבוי און זייער שיינקייט. די שטאָלענע מאַסיווקייט, די געפלאָכטענע שטריק וואָס האָבן זיי געהאַלטן.

כ׳פלעג אָן שום ציל אָדער צוועק אַרומפאָרן אין די אונטערערדישע באַנען, און הנאָה האָבן פון זייער יאָגן זיך פאַרביי די סיגנאַל־לאָמפן. כ׳האָב ליב געהאַט די גאַסן באַנען אין דער הויך צווישן די שורות הייזער, אויף די צווייטע, דריטע, זעקסטע און ניינטע עוועניוס, און ניט נאָר פלעג איך אַלץ באַוואונדערן, נאָר איך האָב אויך געפּרואווט טרעפן און זיך פרעגן ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשאַפן און געבויט געוואָרן.

די טיפסטע און פריידיקסטע הנאָה האָב איך געהאַט ווען איך האָב אַרונטערגעקוקט פון דער „וואולוואָורט בילדונג״, וואָס איז דאַן געווען די העכסטע געביידע אין ניו יאָרק. און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און געוואַלדיקן אינטערעס באַטראַכט די שמאָלע גאַסן אונטן, די אויטאָמאָבילן און טראַמווייען, וועלכע האָבן אויסגעקוקט ווי קינדער שפּילצייג, און לסוף די קליינע מענטשעלעך וועלכע האָבן ווי פליגן געפּויזעט אַהין און אַהער. דוכט זיך אָן אַ פּלאַן אָן אַן אויסרעכענונג. און דאָך ווייסט יעדער איינער וואוהין ער דאַרף גיין און וואָס ער דאַרף טאָן.

כ׳האָב געפילט, אַז ס׳איז אַ גרויסע, קלוגע און וואונדערבאַרע וועלט, אין וועלכער איך בין אַ קליין טײלכל, און מיט מיין קליין טיילכל זיך געגרויסט.

איך האָב דאַן ניט געטראַכט פון דעם שלעכטס וואָס מענטשן באַזיצן און ווייזן אַרויס. כ׳האָב זיך ניט געגריבלט אין דער מענטשלעכער נאַטור. מאָראַל אָדער ליבע. אַזוי ווייט און טיף בין איך ניט דערגאַנגען. אָט די פראַגן האָבן מיך נאָך דאַמאָלט ניט געמאַטערט. כ׳האָב געזען בלויז שיינקייט און קונסט, וואָס פאַרשאַפן נחת. און איך האָב זיך געפרייט.

כ׳האָב ממש פאַרגעטערט די אַרטיסטן פונעם יידישן טעאַטער. נישט נאָר האָב איך הנאָה געהאַט פון אַ געלונגענער פאָרשטעלונג, נאָר איך האָב אויך ליב געהאַט צו שטיין אַפילו אין דער פינצטערער קעלט ביים הינטערשטן אַרויסגאַנג פונעם טעאַטער, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די קינסטלער. ווי איך וואָלט זוכן עפּעס אַ שפּור אויף זייערע פּנים׳ער פון דעם סוד פון זייער טאַלאַנט און פון דער געטלעכער מתנה וואָס זיי באַזיצן.

דעם זעלבן געפיל האָב איך געהאַט ווען מיר איז אַ מאָל געלונגען שטיין נאָענט נעבן די גרויסע באַרימטע פידל־שפּילער, אָדער זינגער, צוליב וועלכע כ׳האָב מיינע לעצטע פאָר סענט אַוועקגעטראָגן, כדי זיי צו הערן שפּילן אָדער זינגען.

נאָך דער באַגייסטערונג פון אַ קינסטלערישן אָוונט האָט מיך דווקא

צו די בעטלער געצויגן. כ׳פלעג זיך אָוועקשטעלן אין דער לאַנגער שורה וואו די בעטלער, הונגעריקע, אָפּגעריסענע, פון קעלט דורכגענומענע, עלנדע מענטשן האָבן געדולדיק געוואַרט צו קריגן אַ פרייען קויטיקן נאַכטלעגער. אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע, אַ שטיקל ברויט. דאָס זעלבע ברויט וואָס אַ הונט האָט דאַמאָלט, ווען כ׳בין אָנגעקומען אין באַלטימאָר, ניט געוואָלט עסן.

כ׳פלעג לאַנג אַרומגיין אינעם פינאַנץ־דיסטריקט וואָס איז באַ־קאַנט אונטערן נאָמען „וואָל־סטריט״, וואו עס ווערן יעדן טאָג דורכגע־פירט געשעפטן אויף הונדערטער מיליאָנען. ווי קינסטלער, האָב איך באַוואונדערט די געלט־מכשפים, מיט זייערע אַרויסהעלפער אונטן אויף דער שמאָלער קאָכיקער גאַס צווישן די הויכע מאַסיווע מויערן, וואָס האָבן געגעבן סיגנאַלן און גערעדט מיט די פינגער ווי טויב־שטומע און וואָס אַנדערע, אין די אָפיסעס, האָבן דורך די פענצטערלעך אויפגעכאַפּט.

זייער פינגער־שפּראַך האָט געמאַכט קלאַפּן דעם טיקער וואָס האָט באַשטימט דעם גורל פון אינדוסטריעס און געשעפטן. זיי האָבן געמאַכט „סטאָקס״ שטייגן אָדער פאַלן ביז צו באַנקראָט.

כ׳האָב אָפּשיי געהאַט פאַר די גרויסע מיליאָנערן, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייערע גלאַנציקע אויטאָמאָבילן מיט אַזוי פיל זיכערקייט און ברייטן פאַרנעם. דעם זעלבן אָפּשיי האָב איך געהאַט פאַר די מעכטיקע פּאָליטישנס און די הויכע באַאַמטע וואָס האָבן געקראָגן כבוד, געזאָגט דעות און געהאַט אַן איינפלוס אויפ׳ן עולם.

כ׳האָב באַוואונדערט אַלץ וואָס איז גרויס, שטאַרק און באַרימט און איך האָב ביי זיך ניט געקענט באַשטימען צי עס דאַרף אַזוי זיין.

דאָ נישט וויט — אַ ברויט־ליין מיט אומגליקלעכע הונגעריקע, פון דער געזעלשאַפט פאַרשטויסענע מענטשן. און אַ פּאָר טריט וויטער — אַזאַ געוואַלטיקע עשירות. כ׳האָב נישט געהאַט ס׳געפיל פון קנאה צו די געלט־מאַגנאַטן, ווייל געלט האָב איך פאַרשטאַנען קען געוואונען ווערן, פּונקט ווי עס קען פאַרלוירן גיין... קנאה האָב איך נאָר געפילט צו קינסטלער... איך האָב מקנא געווען זייער געבוירענעם טאַלאַנט, וואָס קען ניט פאַרלוירן גיין „אין וואָל סטריט״. עס איז אַ מתנה וואָס גאָט אַליין האָט זיי געגעבן אויפ׳ן גאַנצן לעבן.

אָט אַזאַ מין צוגאַנג האָב איך געהאַט צו רייך און אָרעם. כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף אַ קבצן, איך האָב אים אָבער ניט באַדויערט. באַ־דויערט האָב איך נאָר קראַנקע און גייסטיק־צעבראָכענע מענטשן.

ווען איך האָב אַרויפגעקוקט צו די רייכע מענטשן מיט אָפּשיי, האָב איך, גלייכצייטיק געהאַט דאָס געפיל פון נישט קענען פאַר־

טראָגן דעם גרויסן אונטערשייד. כ׳האָב אין דער שטיל געפרעגט; פאַר וואָס קומט זיי דאָס אַלץ? מאָדנע, וואָס איך האָב גאָר ניט געטראַכט ווי אַזוי זיי האָבן דאָס אַלץ געקראָגן.

איך האָב דעמאָלט זייער דערפאָלג צוגערעכנט צו מזל און פשוט׳ן צופאַל. אָבער זיכער בין איך ניט געווען. זייענדיק אין אַ לאַנד פון גרויסע מעגלעכקייטן, מיט אַזאַ פיל־פאַרביק לעבן, וואָס ברויזט און קאָכט, האָבן זיך מיינע מיינונגען און געפילן געהאַלטן אין איין בייטן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס איך וויל, און נישט געהאַט קיין שום ציל צו דערגרייכן.

2

אויסער טעאַטער און אָפּערע וואָס פלעגט מיר פאַרשאַפן אַזוי פיל גייסטיקן פאַרגעניגן, פלעג איך ליב האָבן די קאָנצערטן אין „פּראָווערטס האָל״, וואָס פלעגן געגעבן ווערן, אין די שבתים און זונטיקס, פאַר אַ קליינעם פּרייז.

ביי יענע קאָנצערטן זיינען אויפגעטראָטן באַרימטע יידישע שריי־בער, פאַרלייענער און אַקטיאָרן.

כ׳בין אַלעמאָל געווען פון די ערשטע כדי צו האָבן אַ נאָענטן פּלאַץ צו קענען גוט הערן און אויך בעסער זען די אַלטיילנעמער. פאַר מיר איז געווען אינטערעסאַנט דער אויסדרוק פון די אויגן, יעדער קניטש, יעדער באַוועגונג פון פנים און כ׳פלעג אָפּלאָדירן מיט׳ן גאַנצן האַרצן.

כ׳פלעג אָפט צו אַזאַ קאָנצערט מיטנעמען אַברהמ׳ען. ער פלעגט באַזונדערס זיך באַגייסטערן דאָן, פון אַ קליין ייִנגעלע, וואָס איז דאַמאָלט אויפגעטראָטן אין דעקלאַמאַציעס.

אַ סברא, אַז דאָס ייִנגעלע האָט געצויגן אַ גרעסערן עולם ווי די דער־וואַקסענע בינע־קינסטלער, און מ׳האָט אים אויפגענומען מיט מער וואַ־רעמקייט און ליבשאַפט ווי די גרויסע טאַלאַנטן. אַלע פלעגן זאָגן אַז ער וואַקסט גאָר אַ גרויסער קינסטלער. וואָס פון דעם ייִנגעלע איז געוואָרן ווען ער איז אויסגעוואַקסן — ווייס איך ניט.

איינמאָל, האָט זיך ביי אַזאַ קאָנצערט באַוויזן אַ פנים חדשות: אַ יונגערמאַן פון פּוילן. אַ לעבעדיקער, אַ רירעווודיקער, מיט קלוגע ליכ־טיקע אויגן, מיט רעוואָלוציאָנערן פייער און טעמפּעראַמענט, מיט אַ זאַפטיקן פּוילישן יידיש און פול מיט הומאָר.

דער יונגערמאַן, וואָס איז קענטיק ערשט ניט לאַנג געקומען קיין אַמעריקע, איז געווען, ווי מ׳זאָגט אויף ענגליש, „דער מאַסטער אָוו צערע־מאָני״. ער האָט פאָרגעשטעלט די אַרטיסטן.

יענעם „עלעקשאָן־דעי“ אָוונט געדענק איך זייער גוט, ווייל עס איז געווען אַ היסטאָרישער אָוונט. מאיר לאָנדאָן, דער באַוואוסטער סאָציאַ־ליסטישער פירער איז געלאָפן אַלס קאָנגרעסמאַן. אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס האָט מען געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון די „עלעק־שאַנס“, ווי אויף דער גרעסטער געשעעניש.

ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן, איז איסט בראָדוויי פּאַרפּלייצט גע־וואָרן פון טויזנטער מענטשן. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הויכע ביידל, פון וועלכן אַ פּראָזשעקטאָר האָט אַרויסגעשטראַלט — אַלערליי סאָציאַליסטישע לאָזונגען, און „עלעקשאַן רעטורנס“, אויף אַ ווייסן ליי־לעך וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אויפ׳ן צווייטן פלאָר פון דער פאָרווערטס געביידע.

און יעדעס מאָל, ווען אויפ׳ן לייוונט האָט זיך באַוויזן, אין גרויסע יידי־שע בוכשטאַבן, אַז אין אַ געוויסן דיסטריקט האָט לאָנדאָן געקראָגן מער שטימען פון זיין געגנער, האָט אויסגעבראָכן אַ ספּאָנטאַנער געשריי פון פרייד, וואָס האָט זיך ווי אַ דינער קנויל צוטראָגן איבער די אַרומיקע גאַסן.

די אויסגעשרייען באַגלייט פון הענט־קלאַפּעריי, האָבן זיך אַרייג־געריסן אינעווייניק אין האָל, און זיך אויסגעמישט מיט אונדזערע קולות. נאָכ׳ן הערן די באַריכטן וואָס דער יונגער מאַן האָט צווישן די קאָנצערט נומערן איבערגעגעבן מיט פרייד.

ער פלעגט אַלע ווײַלע אָפּשטעלן אַן אַרטיסט כדי אונדז אָנצוזאָגן די בשורה, אַז אין יענעם דיסטריקט, וואו די אָפּאָזיציע איז געווײנטלעך זייער שטאַרק, לויפט אונדזער קאַנדידאַט פאָראויס.

דער יונגער מאַן וואָס האָט אַזוי פיין אָנגעפירט, סיי מיט׳ן קאָנצערט, און סיי מיט די „עלעקשאָן באַריכטן“ האָט אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט. מ׳האָט שוין געוואָרט מיט אומגעדולד אַז דער זינגער אָדער פּיאַנאָ־שפּי־לער זאָל שוין ענדיקן, און אַז ער זאָל שוין אַרויסקומען מיט זיין שמייכל, זאָגן אַ וויץ, דערציילן אַ מעשה׳לע, אָדער געבן אַ משל און געבן די ציי־פערן, אַז מאיר לאָנדאָן איז שוין אַזוי גוט ווי דערוויילט.

און ווען ער איז ענדלעך, אַ פאַרסאָפּעטער און אויפגעברויזטער, אַרויסגעקומען און אָנאָנסירט אַז מאיר לאָנדאָן איז דערוויילט געוואָרן צום קאָנגרעס פון די „יונייטעד סטייטס“, האָט זיך זיין שטימע פאַרענ־דיקט מיט אַ קוויטש, און זיין פּנים איז ממש געווען באַגאָסן מיט שוויס.

וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער מינוט אין האָל און אויף דער גאַס, איז שווער איבערצוגעבן. כ׳געדענק נאָר ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלצדינג טרייסלט זיך אַרום מיר. דער טומל האָט זיך געריסן אומע־טום. מ׳האָט זיך געשטויסן און געשטופּט. אַלע האָבן מיט איינמאָל

געוואַלט אַרויס אויף דער גאַס. דערווייל האָט מען געשריען הוראַ! און נאָכאַמאָל הוראַ! — דער עולם האָט ווי שטיפערישע קינדער, מיך פאַרטראָגן צום פענצטער. איך האָב דערזען די גאַס. מענטשן האָבן געטאַנצט און געשפרונגען. מען האָט זיך געקושט. מ׳האָט געשריען מזל־טוב. עס איז געווען אַ פרייד אויף אַלעמענס פּנים׳ער.

איך בין באַווירקט געוואָרן פון דעם פריילעכן טומל — און געפילט ווי איך וואָלט עפּעס געווינען. דאָס יובל׳ן פון טויזנטער אַרבעטער מענטשן, וואָס האָבן אין דער היסטאָרישער געשעעניש געזען אַ זיג פאַר זייער אידעאַל, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע באַגייסטערונג.

בלויז ביי צוויי אַנדערע געלעגנהייטן האָב איך געהאַט אַזאַ נשמה דערהויבנקייט. איינמאָל, ווען כ׳בין צוזאַמען מיט צענדליקע טויזנטער קלאָוקמאַכער אַרונטער אין אַ גענעראַל סטרייק, און דאָס צווייטע מאָל, ווען די באַלפור דעקלאַראַציע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

כ׳האָב זיך צוריק צוגעשאַרט צו דער בינע, וואָס איז געווען פול מיט אַרטיסטן, שרייבער, רעדנער, סאָציאַליסטישע פירער, און דער יונגערמאַן בתוכם. ער האָט זיך געפרייט און געטומלט, געלאַכט און געווישט דעם שוויס פון שטערן.

— סאָראַ חברה מאַן! האָט עמיצער באַמערקט.

— ער קוקט נאָך אויס צו זיין אַ „גרינער״, האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— ווייזט אויס אַ היימישער בונדיסט, האָט זיך אָפּגערופן אַ דריטער.

— וואָס פאַר אַ חילוק? האָט אַן אַנדערער באַמערקט און צוגעגעבן:

— איר מעגט זיין זיכער — אַז ער וועט זיך אַרויפאַרבעטן אין אַמעריקע.

אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מיט אַזאַ רעדנער־טאַלאַנט ווי ער פאַרמאָגט, און מיט אַזעלכע פּייאיקייטן, וועט ער זיך שוין אַרויפאַרבעטן אין אַמעריקע.

— ווער איז ער, אָט דער יונגערמאַן, האָט איינער אַ פרעג געטאָן?

— כ׳ווייסט ניט ווער ער איז — האָט אַן אַנדערער געענטפערט — איך ווייס נאָר, אַז ער הייסט דוד דובינסקי.

זיבעטער קאַפּיטל

1

איין טאָג איז מיר אויף איסט בראָדוויי אָנטקעגן געקומען אַ בחור. מיר האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט — איידער מיר האָבן זיך דערקענט.

ער איז געווען דער ערשטער אַ פֿרעג צו טאָן:

— ביסטו נישט פֿון טריסק? — וואָרט נאָר! ביסטו נישט שלמה יהושע אפרים׳ס?

— יאָ. און דו ביסט — נחמן באַשע לאה׳ס?

— יאָ. שלום עליכם.

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט. און ער האָט אַ פֿרײַלעכער, אַ צע־שטראַלטער, מיט זײַנע בלויע שמייכלענדיקע אויגן, גענומען שטעלן פֿראַגן איינע נאָך די אַנדערע.

— ווי לאַנג ביסטו שוין אין אַמעריקע? ביי וועגען וואוינסטו? ביי וואָס אַרבעטסטו?

— און וואָס טוסטו?

— גאָר נישט.

— פֿון וואָס מאַכסטו אַ לעבן?

— ווער מאַכט אַ לעבן? זאָגט ער און צעלאַכט זיך.

— לערנסט זיך אַ מלאכה?

— דערווייל נישט.

— און דו, מאַכסט אַ לעבן?

— כ׳בין שוין באַלד צוויי יאָר אין אַמעריקע, שוין געמאַכט אַ לעבן אויך, נאָר נישט איצט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מײַנע קליידער און פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב שוין פֿאַרדינט געלט אין נייעם לאַנד.

נחמן איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור. ער איז אויסגעווען אַ וועלט. געוואוינט אַ צייט אין וואַרשע, און איז געקומען אין אַמעריקע מיט אַלערליי ליטעראַרישע פּלענער.

מיט דער צייט האָט ער זיינע ליטעראַרישע אַמביציעס דערגרייכט, ער איז איצט אַ באַקאַנטער יידישער פּאָעט.

— האָסט עפּעס געלט ביי זיך? האָט ער אַ פרעג געטאָן

— וואָס הייסט געלט? מיינסט קליין געלט? — האָב איך זיך גענומען צו דער קעשענע מיינענדיק אַז ער וויל אַ הלוואה.

— אויב אַזוי, מאַכט ער, קום אַריין וועלן מיר טרינקען אַ קאַווע.

ער האָט מיר אָנגעוויזן שרייבער וואָס זיינען געזעסן אַרום טישלעך, און אָנגערופן זייערע נעמען. דערנאָך האָט ער פון דער בוזעם קעשענע אַרויסגענומען עטלעכע צוזאַמענגעלייגטע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס זיינען אויף דער אינוויינינקסטער זייט געווען באַשריבן אין האַלבע שורות.

—אָט דאָס, מאַכט ער, טו איך איצט. איך שרייב לידער. און מאָרגן דאַרף איך זיי וויזן יאַנאָווסקין, דעם רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע״.

זיינע רייד האָבן אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. ער איז פּלו־צעם פאַר מיר אויסגעוואַקסן.

— עפּעס אַ קלייניקייט! ער קען אַלע שרייבער, ער אַליין שרייבט לי־דער. מאָרגן דאַרף ער טרעפן דעם רעדאַקטאָר. פון אים שלאָגט עס מיט אַזוי פיל פרייד. זיינע בלויע אויגן זיינען פאַר׳חלומ׳ט...

ער האָט מיר נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן און אַ פרעג געטאָן:

— וואָלסט וועלן הערן לייענען אַ פּאָר לידער?

— פאַר וואָס נישט?... לאָמיך הערן.

— נישט דאָ אין רעסטאָראַן. ס׳איז צופיל טומל. קום אַרויס אין דרויסן.

איך האָב באַצאָלט פאַר דער קאַווע און מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.

ער האָט אָפּגעזוכט אַ ליידיקע וואַנט פון אַ הויז. מיר האָבן זיך ביידע אָוועקגעשטעלט און ער האָט מיט גרויס הנאה גענומען לייענען זיינע לידער. דאָס לייענען האָט אים אַזוי צעוואַרעמט און צעפלאַמט, אַז ער האָט גאָר נישט געפילט די קעלט אין דרויסן. ער האָט נישט געהאַט קיין אויבער־מאַנטל...

ער האָט מיך געפרעגט צי די לידער געפעלן מיר. כ׳האָב געזאָגט, אַז זיי זיינען זייער שיין אָנגעשריבן. און אַז איך באַוואונדער די גראַמען. די פּאָעזיע זיינע האָב איך אַבסאָלוט ניט פאַרשטאַנען.

איך וועל קריגן פאַר די לידער זעקס, אָדער צען דאָלאַר, מאַכט ער, כ׳ווייס נישט וויפל מ׳צאָלט פאַר אַ ליד.

נאָך די לידער — האָט ער פאַר מיר געלייענט אַ דערציילונג, וואָס ער דאַרף נאָך איבערשרייבן... עס האָט זיך דאָרט דערציילט פון אַ לאַנדרי אַרבעטער וואָס שטייט און פּרעסט אַ העמד, און בעת מעשה פאַר־טראַגן אים די מחשבות א היים צו דער ווייב און צוויי קינדער. ער באַ־מערקט ניט ווי דאָס הייסע פּרעסל האָט דערווייל פאַרברענט דאָס העמד, און דער באַלעבאָס באַפאַלט אים מיט אַ געשריי, און צום לעצט שיקט ער אים אַוועק, און ער בלייבט נעבעך אָן אַרבעט.

ביי מיר איז נחמן שוין געווען אַ שרייבער, נאָך אידער אַפילו יאַנאָוו־סקי האָט באַשלאָסן צו דרוקן זיינע לידער.

מיר האָבן זיך צושיידט און אָפּגערעדט זיך צו טרעפן ביי בערטשיקן. דאָרט וועט ער פאַר מיר לייענען נאָך זאַכן.

נחמן האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. איך האָב געהאַט חשק אים צו טרעפן נאָך אַ מאָל ווי עס ווילט זיך טרעפן און באַגעגענען איינעם וואָס מ׳האָט ליב. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כ׳האָב פּלוצים אין דער גרויסער שטאָט אַ נאָענטן חבר געפונען, און איך וועל זיך מער ניט פילן אַזוי עלנד.

אָבער דאָס איז נאָר געווען דער ערשטער איינדרוק. שפּעטער האָבן מיך גאַנץ אַנדערע געפילן באַהערשט, וואָס האָבן מיך פון אים דערווייטערט. עפּעס האָב איך ניט געקענט פאַרליידן זיין שטענדיקע פרייד, זיין געזונטן געלעכטער, זיין אָפּטימיזם, און מער פון אַלץ זיינע ערשטע געדרוקטע לידער...

איך האָב זיך פון אים דערווייטערט. אָבער כ׳האָב ביי זיך ניט געקענט פועלן, אים אין גאַנצן אויסצומיידן. מיר האָט זיך געוואָלט זיין אין זיין געזעלשאַפט, כאָטש ער האָט אין מיר אַרויסגערופן קנאָה און האַרצווייטיק. אים איז פשוט געווען שווער אויסצומיידן. ער איז אומעטום געווען. מען האָט אים געמוזט באַמערקן. כ׳פלעג אים טרעפן אויף איסט בראָדוויי, אָדער ביי „בערטשיקן" וואָס האָט געוואוינט אין נומער זעכצן קלינטאָן סטריט.

בערטשיקן האָב איך פון דער היים ניט געקענט. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש, און פון די סאַמע ערשטע אין אונדזער שטעטל אַוועק־צופאָרן קיין אַמעריקע.

ער האָט אָבער גוט געקענט מיין טאַטן און מיין גאַנצער משפחה. און ווען כ׳בין דאָרט צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען, כדי זיך צו טרעפן מיט נחמנ׳ען, האָבן בערטשיק און זיין פרוי מיך שטאַרק מקרב געווען.

כ׳האָב אפילו שפּעטער געהערט אונטערמורמלען, אַז ביי זיי זיינען

פאַרבליבן צוויי מיידלעך וואָס דאַרפן חתונה האָבן, דערפאַר ווייזן בערטשיק און זיך וויב אַרויס אַזוי פיל פריינטשאַפט צו יעדן בחור וואָס קומט צו זיי צו גאַסט.

סיי־ווי, איז דאָרט געווען אַן אָפענע טיר פאַר אַלע טריסקער לאַנדס־לייט. ביי בערטשיקן האָט מען געקענט הערן נייעס פון דער היים, זעען זיך מיט אייגענע, אָפּנעמען גריסן, לייענען בריוו, דערציילן זיך היימישע מעשות, אויסהערן נחמנ׳ס לידער און באַגעגענען „גרינע" וואָס, איידער זיי האָבן געקראָגן אַ דירה, זיינען זיי דערווייל געווען אויף „קעסט" ביי בערט־שיק׳ן.

אַן בערטשיק׳ן האָט קיינער גאָרניט געטאָן. בערטשיק אין געווען אַן אַמעריקאַנער בירגער. ער האָט זיך אַביסל אַרויפגעאַרבעט פון זיינע בוט־שער ביזנעס. ער איז געווען אַ פרומער ייד, אַ בעלאַבאָס. צו אים האָבן אַלע אַרויפגעקוקט. און ער האָט ווי אַן אייגענער, ווי אַן עלטערער ברו־דער, אויף אַלעמען אַכטונג געגעבן.

ווען ער האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ טריסקער „סאָסייעטי", האָבן אַלע מסכים געווען. און טאַקע אים אָנגעטאָן דעם כבוד — צו זיין דער ערשטער פרעזידענט.

יעדן צווייטן שבת נאָכט איז געווען אַ זיצונג אין אַ מיטינג־האָל. אָבער ביי בערטשיקן אין דער היים, איז כמעט אַלע אָוונט געווען אַן אונ־אָפיציעלער מיטינג. ביי וועלכן מ׳האָט, אַן פּאַרלעמענטאַרישע געזעצן, פאַרהאַנדלט אַלערליי פראַגן.

נומער זעכצן קלינטאָן סטריט, איז פאַר אונדז טריסקער לאַנדסלייט געווען ווי אַן אייגענע היים. דאָרט איז אָפּגעווישט געוואָרן דער אונ־טערשייד פון קלאַס און יחוס.

סיי ביי בערטשיקן אין הויז, סיי אין דער ערשטע געשאַפענער „סאָ־סייעטי", האָבן באַלאַנגט שוסטערס, שניידערס, היימישע קרעמער, יידן לומדים, סטאָליערס און ישיבה־בחורים, דעם שוחט׳ס איידעם, איז געווען אַ פריינט מיטן היימישן קאַוואַל, און דעם רב׳ס אייניקל האָט זיך גע־חבר׳ט מיטן דאָרפסגייער...

אין דער סאָסייעטי האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן איינער פון די טריס־קער משכילים, יעקב יוסף וואָהל, אַ יוגנט־חבר פון מיין ברודער דער שוחט. שפּעטער האָט יעקב יוסף פאַרלאָזן דאָס שטעטל, כדי צו לערנען פרעמדע שפּראַכן און וועלטלעכע למודים. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער שוין געווען באַוואוסט ווי אַ העברייאישער שרייבער. אַ ליכטיקער מענטש געווען, און אַן איידעלע נשמה.

2

איינמאָל, אַן אָוונט, האָב איך דאָרט געטראָפן אַן עלטערן יידן אין אַ יאַרמולקע מיט אַ ברייטער באָרד. איז מיר סיי די באָרד, און סיי די יאַר־מולקע, געווען אַביסל קענטלעך. זיי האָבן מיר אַן עמעצן דערמאָנט, אָבער כ׳האָב אויף דער מינוט ניט געקענט געדענקען ווער דער ייד איז. ער איז געזעסןביים טיש, און אַרום אים עטלעכע לאַנדסלייט. זיי האָבן גע־שמועסט פון אַלערליי זאַכן. נאָר אַזוי ווי פון אַלע רייד איז מען אַרויסגע־קומען אויפ׳ן טויט, האָבן זיי צום וויפלטן מאָל געגומען דערציילן די מורא־דיקע מעשה פון ר׳ זלמנ׳ס טויט. מיר איז די דאָזיקע מעשה נישט געווען אין גאַנצן פרעמד. און איך האָב אין דעם יידן דערקענט ר׳ זלמנ׳ס זון.

איך האָב זיין טאַטן, זלמן באַלעבאַל, גוט געקענט. דעם צונאָמען „באַ־לעבאָס" האָט ער געקראָגן, ווייל ער האָט זיך געמישט און אומעטום גע־זאָגט אַ דעה. ווען כ׳בין געווען אַ חדר־יינגל, האָט ער שוין געמוזט זיין אַ ייד אין די אַכציקער. ער איז אָבער נאָך געגאַנגען גלייך מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ, גערעדט מיט אַ קלאָר קול, איז געווען ביים פולן שכל און נאָך געקענט זיצן אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט.

אין די יונגע יאָרן האָט ער געמוזט זיין אַ גבור. ער איז געווען אַ ייד אַ תקיף, מיט אַ שטעל און איז ניט נתפעל געוואָרן פאַר די „שיינע" יידן גבירים. ער האָט אַפילו דעם רב אַליין געקענט שאַרף אַריינזאָגן ווען ער האָט באַדאַרפט.

יינגלעך האָבן פאַר אים מורא געהאַט. מיט׳ן שטעקן פלעגט ער זיי סטראַשן און טרייבן פון בית המדרש און שרייען:

— אַרויס! שקצים! אַרויס!

נישט אַלע האָט ער געטריבן. די יינגלעך וואָס זיינען געזעסן שטיל און געלאָזט דאַווענען, האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אַ שעור ליבשאַפט.

ער פלעגט די שטילע יינגלעך גלעטן איבער די באַקן, פאַרדרייען זיי־ערע פּאה׳לעך, פרעגן זיי וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט און פלעגט זיי הייסן וויזן די ציצות. און ווען אַלץ איז געווען ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ער נאָך אַ מאָל אַ גלעט געטאָן זיי איבער די פאות און אַ לייכטן קנופּ געטאָן יעדן איבער׳ן באַק. און ערשט נאָכדעם נעמען זוכן אין זיינע קעשענעס. ער פלעגט זוכן קליינגעלט און געבנדיק יעדן יינגל אַ קאָפּיקע פלעגט ער זאָגן אַ צופרידענער:

— נאַ, נעם, דו שגץ, גיי קויף דיר אַ צוקערקע.

ער האָט ליב געהאַט מ׳זאָל אים פאָלגן, דער אַלטער ר׳ זלמן. און אַלע

האבן אים געפאָלגט. טייל אויס מורא פאַר זיין באַפעלערישן טאָן, אַנדערע פאַר זיין פרומקייט און פאַר זיין ערלעכקייט.

ר׳ זלמן איז אַלע יאָרן געווען אַ שניידער פון גויעשע פּעלצן. דאָס זעלבע זיינע דריי זין, צוויי איידעמס און די אייניקלעך. אַלע זיינען גע־ווען פּעלצן־מאַכער. און כאָטש אינעם חסידישן שטעטל, זיינען שניידער און שוסטער ניט געווען פון די גאָר גרויסע יחסנים, האָט מען זיך אָבער צו זלמן באַלעבאָס באַצויגן גאָר אַנדערש. אים האָט מען אַריינגערעכנט אינעם באַלעבאַטישן קלאַס, און צוליב אים האָט מען אויף זיין גאַנצער משפחה געקוקט אַנדערש, ווי אויף געוויינלעכע שניידערס.

ר׳ זלמן האָט געוואוכט אַז מען האָט פאַר אים דרך ארץ, אַז מ׳האַלט אים פאַר אַ בכבודיקן יידן. ער האָט עס אָפּגעשאַצט, און געזוכט דעם כבוד אָפּצוהיטן. און איבערלאָזן אַ שיינעם נאָמען. ער האָט די קינדער דער־פאַר לייטיש דערצויגן. ער האָט זיי געלערנט ווי צו זיין שטילע, ערלעכע בעל מלאכות. ער איז געווען שטרענג צו די קינדער זיינע און זיי האָבן זיך געמוזט אויספירן ווי ער האָט געוואָלט. ער האָט זיך געמישט אין זייערע ענינים, געזאָגט אַ דעה און באַפוילן. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף די ווייבער אַז זיי זאָלן אָפּהיטן יידישע דינים ווי ערלעכע יידישע טעכטער דאַרפן אָפּהיטן.

ער האָט זיינע קינדער ניט געלאָזט חבר׳ן זיך מיט אַנדערע שניידער־יונגען, וואָס זיינען גראָב, צעלאָזן און הפקר׳דיק. ער האָט אַכטונג געגעבן אַז זיינע זין און איידעמס זאָלן פרייטיק גיין אין מרחץ, אָוועקלייגן די אַר־בעט אין צייט, גיין פאַר פרי דאַוונען. און שבת בייטאָג נאָך דער סעודה, ניט אַרומשלעפּן זיך אין גאַס און אַריינקוקן דורך די פענצטער אין פרעמדע שטיבער, אָדער זיך אַרומשלעפן אַרום די פּאַרמאַכטע קלייטן מיט קערלעך אין די קעשענעס און רעדן גראָבע רייד אָדער לאַכן אויפן קול.

ער האָט ליב געהאַט אַז שבת נאָכן עסן, זאָל מען זיך גאָר צוליגן אַביסל שלאָפן, הנאה האָבן פון עונג שבת. דערנאָך טרינקען טיי פון די הייסע פלעשער וואָס זיינען געלעגן אויפ׳ן וואַרעמען פיעקעלעך איינגע־דעקט מיט אַלטע קאָלדרעס, און נאָך דער טיי לערנען פרק. און אויב עס איז געווען אַ מגיד אין שטאָט, האָבן זיינע זין צוגלייך מיט אים געמוזט אים גיין הערן, ווי דער מגיד שטראָפט די, וואָס ווילן ניט גיין אין גאָט׳ס וועגן — און ווי ער רופט זיי אָן אָפּקערער און אָפּשפּעטער, אויף וועלכע עס וואַרט אַ צאָרנדיקער יום־הדין.

ר׳ זלמן פלעגט אַריינפאַלן אין גרויס באַגייסטערונג, ווען דער מגיד פלעגט אויף אַ שיין קול אַרויסזינגען זיינע משלים, און וואונדערבאַרע רייד גערעדט. זיי זיינען געווען אַ באַלזאַם צו זיין האַרצן. דער מגיד האָט

מיט געוויין אין קול פֿאַרגליכן דעם עולם צו פֿאַרבלאָנדזשעטע שעפֿעלעך אָן אַ פּאַסטעך. פֿאַרבלאָנדזשעט אויף פֿרעמדע פֿעלדער, אויף פֿרעמדע פּאַשע... דעמאָלט האָט דער אַלטער ר׳ זלמן געוויינט. זיינע טרערן פֿלעגן אים רינען אויפֿ׳ן פּנים און אויף דער באָרד. ער האָט געפֿילט ווי דאָס האַרץ זיינס צאַפּלט זיך, און ווערט ברייטער. ער ווערט אין גאַנצן אָנגעפֿילט מיט נייע כּוחות מיט אַ גרייטקייט צו טאָן נאָר גוטע זאַכן. ער איז גרייט צו טאָן תּשובֿה פֿאַר זיך, זיין משפּחה און פֿאַר אַלע יידן...

דערנאָך איז ר׳ זלמן אַריינגעפֿאַלן אין אַ שטילקייט. זיך פֿאַרטיפֿט אין מגיד׳ס קלוגע רייד, זיך אַריינגעלאָזט אין אַלערליי מחשבֿות, ביז עס איז צייט געווען צו דאַוונען מנחה. און ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טונקלען, האָט איינער פֿון זיינע זין, געבראַכט די צוויי הערינג, מיט דער חלה, וואָס זיין אַלטיטשקע פֿלעגט יעדן פֿרייטיק אָפּבאַקן. דאָס איז געווען זיין חלק צום שלוש סעודות וואָס יידן האָבן בשותּפֿות געפּראַוועט אין דער פֿינצטער, אין אַ ווינקל פֿון בית המדרש.

ער האָט זייער שיין געלעבט ר׳ זלמן. אָבער זיין טויט איז געווען נאָך שענער. ער האָט אַרויסגערופֿן אַ יראת־הכּבֿוד. אין שטעטל און אין די אַרומיקע שטעטלעך, האָט מען ניט אויפֿגעהערט צו רעדן פֿון זיין אויסטערלישן טויט. מ׳האָט גערעדט פֿון אים, ווי פֿון אַ גרויסן צדיק... מ׳האָט זיך גאָר נישט געקענט אָפּהידושן פֿון דער געשעעניש. דאָס האָט נישט נאָר ר׳ זלמנ׳ס משפּחה חשובֿ׳ער געמאַכט, נאָר אַלע בעל מלאכות באַשיינט מיט ווירדע און כּבֿוד.

ר׳ זלמן האָט ממש געוואוסט די מינוט ווען ער וועט שטאַרבן. און פֿאַר יאָרן לאַנג האָט מען ניט אויפֿגעהערט זיך צו דערציילן דעם וואונדער פֿון ר׳ זלמנ׳ס טויט. עס איז געגאַנגען פֿון מויל צו מויל, איבער שטעט און שטעטלעך, ביז עס איז אַריבער דעם ים קיין ניו יאָרק, אַזש אויף קלינטאָן סטריט.

אָט ווי די מעשה ווערט דערציילט

איינמאָל, אַ פֿרייטיק פֿאַרנאַכט, איז ר׳ זלמן, ווי תּמיד, געקומען פֿאַרפֿרי אין בית המדרש און אומעטום חוקר ודורש געווען. געזען צי דער האַנט־פֿאַס איז פֿול מיט וואַסער, און צי אַלע לייכטער זיינען ריין לכּבֿוד שבת. ער האָט זיך דערנאָך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפֿ׳ן עולם. אין גראָבן כּל בו סידור, וואָס איז פֿאַר אים געלעגן אָפֿן, האָט ער יענעם ערבֿ שבת ניט אַריינגעקוקט. ער האָט זיינע אויגן גאָר געהאַלטן אָנגעשטרענגט אויף דער טיר און אַרויסגעוויזן אומרואיקייט, ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף עמעצן.

און ווען דער גבאי, ר׳ משה איז אַריינגעקומען און זיך געלאָזט צו אים

מיטן גוט שבת, איז ר׳ זלמן אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט דער פּושקע טאַ־באַק אין דער האַנט און אַ פֿריינטלעכער אַ זאָג געטאָן:

— גוט, וואָס ביסט שוין דאָ. כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

— וואָס ווילט איר עפּעס זאָגן גוטס, ר׳ זלמן?

— איך וועל מאָרגן, איה״ש האָבן אַן „עליה״. האָט ר׳ זלמן אים שטיל געזאָגט, ווי עס וואָלט געווען אַ סוד.

— מהיכא־תיתי. האָט משה גבאי געענטפֿערט. און זיך גע׳חידוש׳ט פֿאַר וואָס ר׳ זלמן דאַרף זיך גאָר סוד׳ען וועגן דעם.

דו פֿאַרשטייסט, משה (ר׳ זלמן האָט אַלעמען געזאָגט, דו,) איך וויל האָבן אַ שיינע עליה... און איך וויל „שישי״, דו הערסט, משה? „שישי״ וויל איך.

דער גבאי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופֿן:

— וואָס עפּעס גראָדע מאָרגן, ר׳ זלמן? און פֿאַר וואָס דוקא „שישי״? ביי אייך איז דאָך די גאַנצע תורה הייליק, האָט אים ר׳ משה געזאָגט. איר האָט דאָך קיינמאָל ניט געבעטן „שישי״? אויסער דעם, ווייסט איר דאָך אַוודאי, אַז מאָרגן איז דאָ אַ חתן אויפֿצורופֿן, און מחתנים זיינען פֿאַראַן. לייגט עס אָפּ אויף אַן אַנדער שבת.

— ניין! האָט ר׳ זלמן געענטפֿערט פֿעסט. איך קען ניט אָפּלייגן. די מחותנים קענען אָפּלייגן — ניט איך... די מחותנים קענען וואַרטן אויף אַן אַנדער שבת.

דער גבאי האָט מער גאָר ניט געפֿרעגט. דעם אַלטנס באַפֿעלע־רישער פֿאַלראַנג, האָט אים געצוואונגען נאָכצוגעבן.

ר׳ זלמן האָט זיך מיט פֿרייד אַוועקגעזעצט אויף זיין „שטאָט״. מיט הנאה אַריינגעצויגן אַ שמעק טאַבאַק, און זיך גענומען צו גרייטן מקבל שבת זיין.

שבת אין דער פֿרי האָט ער נאָך אַ מאָל דערמאָנט דעם גבאי, ניט צו פֿאַרגעסן, די צוגעזאָגטע „עליה״, און ווען דער עולם האָט דערהערט, ווי מ׳רופֿט אויף צו „שישי״ ר׳ זלמ׳ן, האָט מען זיך איבערגעקוקט און גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס.

אַהיים קומענדיק, האָט ער באַלד נאָכ׳ן „גוט־שבת״, אַ פֿרעג געטאָן ביי זיין ווייב:

— זאָג נאָר, זעלדע, האָסט עפּעס היינט אַ גוטן קוגל?

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שאלה? — ווען איז נישטאָ קיין גוטער קוגל?

— סיידן ווען עס ווערט אַ מאָל פֿאַרברענט דער טשאָלענט.

— נו, גוט, גוט, — גיי, זיי מוחל, רוף צוזאַמען די קינדער אויף קידוש.

די אַלטע זעלדע, האָט זיך געפּוילט צו פרעגן וואָס איז עס פאַר אַ יום־טוב אין מיט׳ן דערינען, וואָס ער וויל די קינדער אויף קידוש. זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט צו די פּאָר שטיבער, ניט ווייט, און זיי אַלעמען צוזאַמענגערופן.

דאָס ניט איבעריק גרויסע חדר, איז פול געוואָרן מיט זין, איידעמס און אייניקלעך. מיט זיי האָבן זיך שוין אויף טשיקאַווע מיטגעשלעפּט די ווייבער. מ׳האָט קידוש געמאַכט איבערן ראָזשינקע וויין, די אַלטע האָט אויפגעריסן דאָס טשאָלנט־ברעטל, צושניטן דעם קאַרטאָפל־קוגל. אַלע האָבן פאַרביסן און געלויבט דער מאַמען פאַרן גוטן געשמאַקן טעם, און קיינער האָט ניט געפרעגט ביים טאַטן, די סבה פון אָט דער אומגעריכטער צונויפקומעניש.

דערנאָך האָט זיי דער אַלטער אָנגעזאָגט צו קומען צוריק נאָכ׳ן שבת־דיקן שלאָף.

אויף דער גאַס האָבן די קינדער געפּרואווט טרעפן פאַר וואָס דער פאָטער האָט זיי גערופן אויף קידוש און וויל אַז זיי זאָלן קומען שפּעטער נאָך אַמאָל.

איינע פון די שניר האָט אַפילו געטראַכט אַז דער שווער — אַ זקן — זי האָט אָבער נישט געוואָלט דאָס וואָרט אַרויסזאָגן...

אַז דער אַלטער ר׳ זלמן איז אויפגעשטאַנען פון שבת׳דיקן שלאָף האָט ער געטרונקען טיי און געזאָגט פּרק. דערווייל זיינען די זין. מיט די איידעמס זיך ווידער צוזאַמענגעקומען. און ווען די זון האָט זיך גערוקט צו מעריב זייט, האָט מען אָנגעהויבן דאַווענען מנחה. דערנאָך האָבן זיך די מאַנסלייט געזעצט ביים טיש. די אַלטע האָט דערלאַנגט הערינג מיט חלה. ר׳ זלמן האָט זיך געאיילט מיט׳ן שלוש־סעודות. אַלע ווײַלע געקוקט דורכ׳ן פענצטער צי מ׳זעט שוין שטערן אין הימל. מיט אַמאָל האָט ער באַפוילן צו דערלאַנגען מים אחרונים. — עס ווערט שפּעט! קינדער, לאָמיר בענטשן, האָט ער געזאָגט.

אַלע זיינען געזעסן שטיל. אין שטוב איז שוין געווען גוט טונקל. ר׳ זלמן האָט געזאָגט די ווערטער אין דער הויך. נאָכ׳ן בענטשן האָט ער אויסגעטאָן דעם גאַרטל מיט די קאַפּאָטע, און זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט די קינדער. יעדן איינעם עפּעס געזאָגט: אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. מ׳האָט אָנגעהויבן פרעגן:

— טאַטע, וואָס עפּעס געזעגענען? וואוהין גייסטו?

די אַלטע האָט אויס שרעק אָנגעהויבן ברעכן די הענט און וויינען. עס האָט אין דער פינצטער אָנגעיאָגט אַ מורא אויף די טעכטער און שניר. און אַלע האָבן זיך צוכליפּעט.

— שפּעט. שפּעט. קינדער, האַלט מיך ניט אויף, האָט ער געזאָגט. און זיך אַוועקגעלייגט אין בעט.

ר׳ זלמן האָט אָנגעהויבן שעפּטשן אין דער שטיל, און איינגעשלאָפן אויף אייביק.

אַכטער קאַפּיטל

1

נישט אַלע מאָל האָט מען געקענט אַרויפקומען צו בערטשיקן און פֿאַרכאַפּן אַ בענקל אין סאַמע פֿראַנט ביים פֿענצטער.

אין אַ שבת אָוונט אָדער אין אַ זונטיק בייטאָג, ווען דער עולם איז פֿריי פֿון אַרבעט אָדער געשעפֿט, פֿלעגן בערטשיקס׳ קליינע צימערן זיין פֿול מיט לאַנדסלייט. די וואָס האָבן פֿאַרשפּעטיקט האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו בלייבן אין דרויסן ביי דעם נומער זעכצן און וואַרטן. אפֿשר וועלן עטלעכע אַרונטערקומען, וועט מען זיך אַרויפֿכאַפּן אויף אַ מינוטקעלע...

האָט מען דערווייל אין דרויסן געשמועסט פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן און אין מיט׳ן שמועס האָט עמיצער אַלע ווילע אַרויפֿגעשריען צו די וואָס זיינען געווען אויבן. און די פֿון דער הויך האָבן אַרונטערגעשריען דורך די פֿענצטער צו די וואָס זיינען געשטאַנען אונטן.

האָט עס געהייסן אַז מ׳רעדט זיך דורך און מ׳איז צוזאַמען.

דאָס רעדל לאַנדסלייט אונטערן שמאָלן קלינטאָן סטריטער הימל איז געווען אַ טייל פֿון בערטשיק׳ס באַזוכער...

מיר איז געווען אינטערעסאַנט זיך צוצוהערן צו די היימישע רייד פֿון מיינע טריסקער לאַנדסלייט. זיי האָבן זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט אין דעם יידישן לעבן דאָן אויף דער איסט סייד. כ׳האָב ליב געקראָגן די פֿאַרגרייזטע ענגלישע ווערטער וואָס אייניקע האָבן באַנוצט. איך האָב הנאה געהאַט פֿון די היימישע מעשה׳לעך און אַפֿילו פֿון דעם אַריינקיבעצן איינער דעם אַנדערן.

ווען מען האָט נישט געקוקט אויף די הויכע טענעמענט הייזער, און נישט באַמערקט די בגדים, האָבן די יידן מיט זייערע רייד, געשאַפֿן אַזאַ היימישע סביבה. זיי האָבן צוזאַמענגעבראַכטביידע וועלטן. אָט — האָט מען גערעדט פֿון היימישע שריפֿות וואָס עלטערע יידן האָבן נאָך געדענקט, אָדער פֿון דער כאָלערע וואָס האָט אַוועקגעלייגט אַן אַ שיעור יידן אין שטעטל...

און ווער פון אייך געדענקט דעם גרויסן יקרות וואָס איז געווען אַ פּאָר יאָר נאָכ׳ן פּוילישן אויפשטאַנד? די פעלדער זיינען געווען טרוקן און מאָגער. קיין רעגן איז נישט געפאַלן אַ גאַנצן זומער. אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן. בהמות און, להבדיל, מענטשן זיינען געפאַלן פון הונגער! ערשט פאַר ראש השנה, האָט זיך דער הימל פאַרכמאַרעט. עס איז אין העלן טאָג געוואָרן פינצטער ווי אין מיטן נאַכט, און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם מיט אַ מבול. דער ווינט האָטביימער מיט זייערע וואָרצלען אַרויסגעריסן. דעכער אַראָפּגעטראָגן, דונערן האָבן זיך אין די שטיבער אַריינגעריסן און זיך אָנגעצונדן און מענטשן דערשלאָגן.

און אָט האָבן זיך פּלוצים די שוידערלעכע מעשות פון דער היים, וואָס באַלאַנגען צו אַמאָל, אויסגעמישט מיט נאַטור־קאַטאַסטראָפעס אומגליקן פון היינט און פון דאַנען. — ווי למשל, דער אומגליק וואָס האָט געטראָפן דער גרעסטער און שטאַרקסטער שיף „טיטאַניק״ ווען זי האָט זיך אויף איר ערשטע רייזע קיין אַמעריקע אָנגעקלאָפּט אָן אַן אייזבאַרג און אין אין געציילטע מינוטן אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט פופצן הונדערט מענטשן. און דער שוידערלעכער „טריינגל־פייער״, דאָ אין ניו יאָרק, וואָס האָט פאַרברענט הונדערט מיט עטלעכע און דרייסיק יונגע מיידלעך.

די טריסקער לאַנדסלייט האָבן מיטן זעלבן קרעכץ און זיפץ באַדויערט דעם אַמאָליקן און היינטיקן אומגליק. איין מעשה האָט זיך געוועבט אין דער צווייטער, ווי זיי וואָלטן פון איין מעשה־בוך אַרויסגעלייענט. אַ בוך וועגן ביידע וועלטן און פון אַלע צייטן.

די יידן זיינען מיר געווען נאָענט און ליב. ווען איך בין געווען אַ יינגל האָב איך ליב געהאַט זיי אויסצוהערן ווען זיי האָבן זיך אין בית מדרש נאָך מנחה־מעריב מעשות דערציילט. און אָט זיינען זיי ווידער דאָ אין ניו יאָרק, אינעם סאַמע קאָך פון קלינטאָן סטריט, מיט׳ן זעלבן ערנסט און קרעכץ און מיט׳ן זעלבן קיבעץ.

אַלע מינוט זיינען צוגעקומען פרישע לאַנדסלייט. זיי האָבן פאַרגרעסערט דעם עולם. אייניקע האָב איך געדענקט פון דער היים. אַנדערע — האָב איך דערקענט גלייך ווי מ׳האָט אָנגערופן זייערע נעמען.

— אָט גייט יאָסל משה חיים׳ס, ברוך איציק׳ס, אָדער פּנחס־דוד שניט קרעמערס.

א סך האָב איך טאַקע ניט דערקענט, זיי זיינען מיר געווען אין גאַנצן פרעמד. האָב איך געמוזט פרעגן מ׳זאָל מיר דערמאָנען ווער זיי זיינען, וואו זיי האָבן געוואוינט און ווי האָט מען זיי, אָדער זייערע עלטערן גערופן אין דער היים, אָדער אַנדערע סימנים.

איז אויב עס איז געווען אַ ייד וועמען אַלע האָבן געקענט דורך זיין

משפחה־נאָמען, אָדער אַ נאָמען וואָס האָט מיט זיך געטראָגן אַ ביסל כבוד, האָט מען אים פאַרגעשטעלט אויף אַ הויך קול, אַז אַלע זאָלן הערן... נאָר טאָמער איז עס געווען אַ ייד מיט אַ צונאָמען, וואָס האָט געשמעקט מיט אַביסל חוזק, האָט מען נאָר אויסגערופן:

— שלום עליכם בענציע!

— וואָס מאַכסטו עפּעס פישל? און צו מיר האָט דער באַגריסער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פראַגע:

— וואָס? דו געדענקסט ניט בענציען? בענציען געדענקסטו ניט?

— ער... ער האָט דאָך געוואוינט הינטער די יאַטקעס — האָט ער דאָך געוואוינט.

אַזעלכע סימנים האָבן מיר גאָר נישט געזאָגט. בין איך געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי איך וואָלט זיך וועלן דערמאָנען ווער בענציע איז — איך האָב געגעבן שלום עליכם דעם אומבאַקאַנטן בענציען און צוגעגעבן:

— איך בין שלמה יהושע אפרים׳ס.

— שלמה יהושע אפרים׳ס? — איך האָב גוט געקענט דײַן טאַטן. און וואו זײַנען דײַנע ברידער?

אָט אַזוי האָט בענציע מיך באַגריסט מיט וואַרעמקייט אין זײַן קול — און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואוסט ווער ער איז. ערשט ווען בענציע האָט זיך אָפּגעקערט אַן אַ זײַט אַביסל, האָט דער וואָס האָט מיך פאַרגע־שטעלט פאַר אים מיר אַרײַנגעשושקעט אין אויער: — דאָס איז בענ־ציע לעמעשקע — און יענער דאָרט, איז פישל צאַפּ. איצט ווייסטו שוין?

צווישן די וואָס זײַנען יענעם זונטיק פאַרנאַכט צוגעקומען זײַנען געווען אַ טאַטע מיט אַ זון. האָב איך זיי באַלד דערקענט. איך האָב בײַ קיינעם ניט באַדאַרפט פרעגן ווער זיי זײַנען.

איך האָב דערקענט דעם טאַטער, מען האָט אים גערופן שייקע. ער איז געווען אַ דאַמסקער שנײַדער. זײַן באָרד איז שוין געווען איצט ווײַס באַזילבערט. ער ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, אַנשטאָט דאָס טונקל־געוואַנטענע היטל ווי אין דערהיים, בעת ער איז געווען דער גבאי פון דער חברה קדישא.

און איך האָב דערקענט דעם זון, וועמען איך האָב שוין ניט געזען אַ יאָר צוועלף. דאַמאָלט, אַ ייִנגעלע אַ קליינס, אַ דאַרס, וואָס האָט אויסגע־קוקט ייִנגער ווי ער איז געווען. און איצט אַ יונגערמאַן פון מיטעלן וואוקס מיט ברייטע פּלייצעס, אָנגעטאָן אין אַ בלויען אַמעריקאַנער אַנצוג מיט ברייטע הויזן און ברייט־נעזלדיקע שוואַרצע אָפּגעפּוצטע שיך, און אַ רויטן קראַוואַט צווישן די צוויי שטײַפע ווײַסע קאָלנער־שפּיצן.

— וואָס זאָגסטו, שלמה אויף מיין יודלען? האָט דער פּאָטער ביי מיר געפרעגט, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן שלום.

— דו געדענקסט? — ווען איר זייט ביידע געגאַנגען צום סיקליער מלמד אין חדר? האָ? — אַ יאָ — ער איז געווען דער בעסטער תלמיד?

דער פּאָטער שייקע שניידער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט שטאָלץ און נחת׳דיק געשמייכלט.

— אַ שאלה, צי איך געדענק? — וויפל פּעטש האָב איך געקראָגן וואָס אייער יודל האָט געדאַרפט קריגן?

— איר הערט? איר הערט? — האָט זיך דער פּאָטער געווענדט צו די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אונדז. נישט פרעגנדיק ביי מיר — פאַר־וואָס די פּעטש וואָס איך האָב אַריינגעכאַפּט האָט גאָר יודל באַדאַרפט קריגן. ער האָט וויזט אויס, זייענדיק פאַרטראַגן, געמיינט אַז מיט מיין באַמערקונג האָב איך גאָר געלויבט זיין יודלען...

— נישט נאָר ביי סיקליער מלמד איז ער געווען דער בעסטער תלמיד, נאָר אויך ביי חנא מלמד, ביי שמעלקען, און שפּעטער אַפילו ביי ר׳ יעקל מלמד. ער האָט געקענט ווערן אַ רב ווען ער זאָל געווען נאָר וועלן.

יודל האָט געשוויגן בעת זיין פּאָטער האָט אים געלויבט. איך האָב זיך באַגעגנט מיט זיינע בלויע אויגן. כ׳האָב באַמערקט זיין פלאַטשיקע נאָז, ער האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן מיט זיינע שמאָלע שוואַרצע וואָנצעלעך.

איך האָב סיי אין זיין שמייכל, סיי אין זיין גאַנצער האַלטונג געזען, ווירדע, באַשלוס, און אַ היפּש ביסל גדלות.

יודל האָט מיך אָנגעהויבן פרעגן די געוויינטלעכע פראַגן, וואָס מען פרעגט אַן אַמאָליקן באַקאַנטן, וואָס מ׳האָט שוין לאַנג ניט געזען. דערנאָך איז ער אַריבער צו אַנדערע ענינים. די רייד ביי אים זיינען אַרויסגעקומען פּאַמעלעך און באַטראַכט, ווי ער וואָלט געציילט געלט, און ער היט זיך נישט צו מאַכן קיין טעות חלילה... וואָס ווייטער זיינען די ווערטער ביי אים געוואָרן מאָדנע פרעמד. ווי פון אַ שווער בוך אַרויסגעלייענטע. איך האָב געהאַט אַ חשד אַז ער וויל ווייזן, ווי אינטעליגענט ער איז, ווי געלערנט ער איז.

יודל האָט זיך פּשוט מחיה געווען — ווען עמיצער האָט ביי אים גע־פרעגט וואָס עס מיינען די שווערע ווערטער וועלכע ער האָט מיט אַ כיוון געברויכט אין זיינע רייד. ער האָט זיך באַלד גענומען יענעם דער־קלערן, פריער אויף פּראָסט יידיש, דערנאָך אויף רוסיש און העברייאיש, און געפּרואווט אַפילו אויף דעם וואָרט געפינען אַן אויסדרוק אין ענגליש...

און זיין פּאָטער שייקע שניידער, וואָס האָט נאָך דער גאַנצער דער־

קלערונג נעבעך גאָר נישט פאַרשטאַנען, האָט געקוקט אויף מיר, אויף די מענטשן אַרום און ממש אַנגעקוואָלן.

— דו ווייסט, שלמה? האָט מיר שייקע איבערגעשלאָגן די רעיונות; יודל שרייבט דאָך פאַר׳ן „פעיפער״.

דעם פאָטערס באַמערקונג, אַז יודל שרייבט פאַר׳ן „פעיפער״ האָט מיך ממש איבעררעאַשט! כאָטש עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל — אַז יודל דאַרף עס קענען.

— טאַקע? האָב איך איבערגעפרעגט מיט באַוואונדערונג! — ווייל איך האָב צו קיינעם ניט אַרויפגעקוקט מיט אַזוי פיל דרך ארץ ווי צו אַ שרייבער. איך ווייס נישט פאַרוואָס. נאָר אַ שרייבער איז ביי מיר געשטאַנען העכער פון אַלע סאָרטן קינסטלער.

איבערגעבן אַ געדאַנק, אָדער אַ געפיל, דורך ווערטער, דערנאָך עס אָפּדרוקן אין אַ צייטונג אָדער אין אַ בוך, וואָס אַנדערע קויפן און לייענען, און פילן וואָס דער שרייבער אַליין האָט געפילט בעת׳ן שאַפן, דאָס איז ביי מיר געווען אַזאַ גרויסער אויפטו, און אַזאַ פאַרנעם, אַז דער שרייבער איז פאַר מיר געוואָרן אַן אויסדערוויילטער מענטש, אַ מענטש וואָס איז פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן, פון ערגעץ אַ העכערער און שענערער וועלט.

איך פלעג טראַכטן אַז דערמיט וואָס דער שרייבער נעמט ווערטער און מאַכט פון זיי לעבעדיקע שורות, וואָס פאַרכאַפּן די לייענער, און העלפן אים זען פאַרשיידענע בילדער, מענטשן ווי זיי רעדן און זינגען, לאַכן און וויינען, איז אַפילו אַ גרעסערע קונסט ווי אַ מאָלערס מאָלן אַ בילד, וואָס ער האָט אויף אַ קאַנווע מיט אַלערליי פאַרבן אויסגעפּענזלט.

ווערטער מיט וועלכע דער פאַרפאַסער פון אַ בוך באַנוצט זיך צו דער־ציילן און שילדערן, האָב איך געטראַכט — האָבן אין זיך נישט נאָר פאַרבן און קלאַנגען, נאָר אויך אַ טעם און אַ ריח.

עפּעס אַ קלייניקייט אַ שרייבער?!

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם פרימאָרגן, ווען איך בין צו־זאַמען מיט עטלעכע הונדערט מענטשן געגאַנגען באַגעגענען דעם גרויסן שרייבער שלום עליכם, ווען ער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק. מיר זיי־נען געשטאַנען ביים „פּיער״ און געוואַרט מיט אומגעדולד אַז די שיף זאָל שוין אַריינקומען. האָט מען דערוויילל גערעדט פונעם גרויסן פאָלקס הו־מאָריסט. אייניקע מיט אַ סך מבינות אין זייער אָפּשאַצונג. אַנדערע האָבן אויף אויסוויינק פאַרגעלייענט גאַנצע שטיקער פון זיינע ווערק. און אָט האָט זיך באַוויזן שלום לעיכם צווישן אַן עולם וואָס איז אַרויס פון דער שיף. ער האָט אויסגעקוקט מיד און בלאַס. ער האָט געטראָגן אַן איראָפּייאישן פוטערנעם מאַנטל מיט ברייטן קאָלנער.

טיפע קאַלאָשן און אַ צעקנייטשטן קאַפּעליוש. עס איז געוואָרן אַ געדויש, אַ שטופּעניש. עטלעכע האָבן דעם חשוב׳ן גאַסט געכאַפּט אויף די הענט, געהויבן אים אין דער לופט מיט באַגייסטערטע געשרייען.

— אָט דאָס איז דער באַרימטער פאָלקס־דיכטער, וועמען דאָס פאָלק גיט אָפּ כבוד? איז דאָס דער באַליבטער שלום עליכם, וועמען אַלע יידן קענען דורך זיינע ווערק?! — האָב איך זיך געפרעגט אַ באַגייסטערטער און זיך געפילט גליקלעך פאַר האָבן די זכיה צו דריקן זיין איידעלע האַנט, וואָס האָט אַזוי פיל שיינע פריילעכע מעשות אָנגעשריבן, און יידן אַזוי פיל פרייד פאַרשאַפט.

נישט נאָר האָב איך דעם באַוואוסטן יידישן שרייבער באַגעגנט ביי זיין אָנקומען, נאָר איך האָב אים אויך געזען ביים קבלת־פּנים וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אין קופּער יוניאָן, און אים געהערט פאָרלייענען אַ מעשה וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דער שיף. דאָס איז געווען אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. אַ טראַגישע מעשה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דאָך איז זי געווען פול מיט הומאָר וואָס האָט דעם גרויסן עולם געמאַכט לאַכן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט טרערן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

עס איז ניט פּאַסיק דאָס צו באַטראַכטן אַלס אַ זכיה. נאָר אויב שלום עליכם האָט געמוזט אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט, טוט מיר ניט באַנג וואָס איך בין געווען איינער פון די צענדליקער טויזנטער מענטשן וואָס האָבן בייגעוואוינט זיין לויה. איך האָב דעם שוואַרצן אָרון מיט׳ן גרויסן מת נאָכגעפאָלגט פון זיין היים אויף קעלי סטריט, דורך אַלע גאַסן וואו די פּראָצעסיע איז געגאַנגען. דער אָרון האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שול וואו ער האָט געדאַוונט. דאָרט האָט מען געהערט מיט טיפן צער דעם אל מלא רחמים, דאָכט זיך פונעם באַרימטן חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט. שפּע־טער האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי די יידישע רעדאַקציעס און דערנאָך אויפן הייליקן אָרט, האָב איך געהערט די הספּדים וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרן פון דר. שמריה לעווין, שלום אַש און פון נאָך באַרימטע שרייבער.

די אמת׳ע טרערן האָב איך פאַרגאָסן ווען כ׳האָב געלייענט זיין צוואה.

אין דער צוואה האָט מען ערשט געקענט דערזען די גרויסקייט פון דעם געניאַלן שלום עליכם. זיין נשמה, זיין שכל און זיין קונסט. אין ווערטער, אין פּשוטע יידישע ווערטער, וואָס אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן גערעדט, האָט ער אין דער צוואה אויסגעדריקט די גאַנצע פילאָזאָפיע פון לעבן און טויט. גערעדט דערפון נישט מיט קיין פּחד, נאָר פון אַן איבערגאַנג אַזאַ — אָדער ווי פון אַ ווייטער נסיעה.

ער האָט אָנגעזאָגט, מ'זאָל נישט וויינען נאָך אים, נאָר לאַכן. לייענען זיינע הומאָריסטישע דערציילונגען און לאַכן. שאַנעווען דער מאַמען, אָפּהיטן איר עלטער און רחמנות האָבן אויף אַן אָרעמאַן.

אין דער צוואה האָב איך געזען נישט בלויז דעם גרויסן שרייבער, נאָר אויך דעם גרויסן יידן.

2

איך האָב אָנגענומען שייקעס איינלאַדונג צו קומען צו אים אַהיים. יודל האָט פאַר מיר אויפגעשריבן די אַדרעס, מיך געזאָגט ווי אַזוי צו פאָרן אין דער בראָנקס. איך האָב געוואָלט זיין ביי זיי — נישט נאָר דערפאַר, ווייל מ'וועט מיך אויפנעמען ווי יהושע אפרים'ס זון, און ביילע די באַלעבאָסטע וועט זיך אַוודאי צו בריהן מיט דער וועטשערע, נאָר ביי מיר איז געווען אַ שטילער וואונטש צו זיין דאָרט, און זען וואָס יודל האָט אָנגעשריבן.

איך האָב טאַקע נאָכן עסן, ווען מיר זיינען אַרויס פון קיך און אַריין אין פראָנט־צימער מיט די געבעטע לעדערנע שטולן, ביי יודלען געפרעגט וואָס ער האָט אָנגעשריבן און אין וועלכער צייטונג האָט ער זיך געדרוקט.

— עט, — האָט יודל מיין פראַגע אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. און דערפון ניט געוואָלט רעדן אַפילו.

— דיין טאַטע האָט דאָך געזאָגט אַז דו שרייבסט אין אַ צייטונג?

— איך בין נאָך נישט קיין שרייבער, האָט יודל באַמערקט.

אָבער מאָדנע, דווקא אין דעם וואָס ער האָט די גאַנצע צייט פאַרשוויגן און זיך ניט באַרימט, האָב איך דוקא געזען אַ שטריך פון גאווה.

איך האָב סיי אין זיין איצטיקער ענוות, און סיי אין די מאָדנע פרעמדע ווערטער וואָס ער האָט דאַן גענוצט ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין קלינטאָן סטריט, געפילט אַז ער איז אויסן נאָר זיך צו באַרימען.

איך האָב באַלד, טראָץ דער גאַסט־פריינטלעכקייט פון זיין טאַטע־מאַ־מע, אין געדאַנק באַשלאָסן אַז יודל וועט נישט זיין מיין חבר. נישט ער וועט מיך זוכן, און נישט איך וויל צו אים אַרויפקוקן. דאָס וואָס מיר זיינען געווען יוגנט־חברים, און אין חדר געגאַנגען איז גאָר נישט. כדי צו זיין אינטימע פריינט, דאַרף מען דערצויגן ווערן צוזאַמען. מ'דאַרף רעדן די זעלבע שפּראַך און קוקן אויף זאַכן און געשעענישן מיט די זעלבע בליקן.

צו דעם געפיל פון פרעמדקייט צווישן מיר און יודלען, וואָס איך האָב אין פאַראויס געשפּירט האָבן זיינע עלטערן אויך צוגעטראָגן מיט זייערע באַמערקונגען:

— איך האָף צו גאָט, אַז מיין יודל וועט נישט זיין קיין שאָפּ־אַרבעטער, האָט דער פאָטער געזאָגט. און ביילע, די מאַמע זיינע, האָט צוגעגעבן:

— אַוודאי ניט. — כ'זאָל וויסן ווייסעך וואָס — גענוג אַז זיין טאַטע האָרעוועט אַלע זיינע יאָרן מיט דער נאָדל. און וואָס האָט ער משטיינס געזאָגט?

— פונדעסטוועגן, דאַרף מען נישט זינדיקן, האָט זיך שייקע אָפּגע־רופן, וועדליק אין דער היים לעבן מיר דאָך דאָ ווי פּריצים!

— דאַנקען גאָט. איך זינדיק נישט. אָבער איך מעג דאָך וועלן עפּעס בעסערס פאַר מיין קינד, האָט זיך ביילע פאַרענטפערט.

מיר איז געווען פאַרשטענדלעך זייער וואונטש. און יודל האָט דערצו מסכים געווען. איך האָב געטראַכט, אַז נישט זייענדיק קיין אַרבעטער, וועט ער זיך מוזן דערווייטערן פון מיר און פון נאָך אַזעלכע ווי איך בין. ער וועט זיין אין אַן אַנדער קלאַס. ער וועט וואַרשיינלעך ווערן אַ לערער אָדער ער וועט אפשר שטודירן אויף עפּעס, מחמת ער האָט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. ער האָט דאָ טאַטע־מאַמע. דערנאָך איז מיר איינגעפאַלן אַז ער וועט מסתמא ווערן פריינט מיט נחמנ'ען. ער וויל דאָך ווערן אַ שרייבער ווי נחמן.

אַזוי האָב איך דאַמאָלט געטראַכט. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אַנ־דערש. יודל איז מיט נחמנ'ען קיין חבר נישט געוואָרן, כאָטש זיי האָבן זיך אָפט באַגעגנט. פונקט ווי איך בין זייער חבר נישט געוואָרן, כאָטש מיר האָבן זיך פילע מאָל געטראָפן.

נחמן, אַ לעבעדיקער, אַ פאַר'חלומ'טער און מיט אַ היפּש ביסל פריידן אין זיין נשמה, האָט באמת געגלויבט אין זיך און געטראַכט — אַז קיינער איז דאָ צו אים ניט גלייך. ער איז לכתחילה אַהער געקומען מיטן פאַרלאַנג צו ווערן אַ דיכטער און פּראָזע־שרייבער, ווי עמיצער וואָלט אים שוין לאַנג אויף דעם הסכמה געגעבן. דערצו, האָט ער נאָך פון דער היים מיטגעבראַכט שאַרפע עלענבויגנס, וואָס העלפן צוקומען צו דער מזרח וואַנט וואו מ'קען קריגן כבוד, אומשטערבלעכקייט און טאַקע אַביסל עולם הזה אויך.

יודל, פאַרקערט, איז געווען אַ שטילער, אַן ערנסטער, אַ באַהאַלטע־נער, מיט אַמביציע רייך צו ווערן. עשירות איז ביי אים געווען דער עיקר און דאָס שרייבן דער טפל.

די פאַר דערציילונגען אָדער סקיצען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן זיי־נען מסתמא געקומען מיט אַן אויסרעכענונג. ער האָט געוואָלט רעקלאַמע. ער האָט געוואָלט אַ נאָמען. און נישט מחמת ער האָט טאַקע געהאַט טאַלאַנט

צו שרייבן. און איך מוז צוגעבן, אַז זיין פּרוּאוו האָט זיך אים איינגעגעבן. דאָס רעדן דערפון אַליין האָט אים צוגעגעבן חשיבות, און מיידלעך פונעם אינטעלעגענטן קלאַס האָבן זיך אַרום אים געדרייט, געזוכט אים צו געפעלן.

ביידע, לויט מיין באַגריף, סיי יודל און סיי נחמן, האָבן דערגרייכט דאָס צו וואָס זיי האָבן געשטרעבט.

ניינטער קאַפּיטל

1

צווישן די סאַמע חשובסטע טריסקער לאַנדסלייט, איז געווען איינער הירשל מילשטיין. אַ באַלעבאָס פון אַ העמדער־פּאַבריק וואָס איז אַלס יינגל מיט מיר געגאַנגען אין חדר. און דער צווייטער — אשר שוואַרץ. דער ערשטער איז געווען אַ פּשוט'ער מענטש אָבער נישט קיין נאַר. האָט אים דאָס מזל צוגעשפּילט, און ער האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרויפגעאַרבעט. דער צווייטער, אשר, איז געווען אַ געלערנטער. אָבער ביידע האָבן פאַרמאָגט אין זיך די שיינע מידות פון געבן צדקה, און פון אַרויסהעלפן אַן אייגענעם, ווען ער האָט זיך גענויטיקט און זיך געפונען אין נויט...

אשר האָט חתונה געהאַט, אין דער צייט וואָס איך בין נישט געווען אין דער היים. און איך האָב זיך מיט אים באַקענט ערשט דאָ אין ניו יאָרק.

איך האָב אָבער גוט געקענט זיין פרוי, יהודית, און זיין שווער און שוויגער, וועלכע האָבן עטלעכע יאָר געוואוינט ביי אונדז אין שטוב איבעם קליינעם אַלקער.

יהודית איז געווען אין מיין עלטער. מיר פלעגן זיך מיט נאָך קינדער שפּילן אין גאָרטן. זי האָט געהאַט אַ קלאָר באַחנ'ט פּנים'ל מיט קלוגע בלויע אויגן, און אַ געשמאַק קולכל צו זינגען היימעשע לידעלעך.

איך געדענק ווי יעדן טאָג פלעגט אַריינקומען טרייטעליכע די מלמד'קע מיט אַ גרויסן סידור לערנען מיט יהודית'ן עברי. שפּעטער, האָט זי זיך געלערנט ביי יאַנקל שרייבער. זי איז צו אים געגאַנגען עטלעכע יאָר, ביז זי האָט גוט געקענט לייענען און שרייבן יידיש. דערנאָך האָט זי זיך געלערנט רוסיש ביי אַ רוסישן לערער.

דער פאָטער אירער, יונה, איז געווען אַ פּראָסטער ייד וואָס פלעגט מיט אַ זאַק איבער די פּלייצעס אַרומגיין איבער די דערפער. ער האָט קוים געקענט דאַוונען. איך האָב ליב געהאַט זיך איינצוהערן ווי ער פלעגט אין אַ שבת אָדער יום־טוב מאַכן קידוש... כ'האָב ממש אַנגעקוואָלן פון זיינע גרייזן און פלעג לאַכן אין דער שטיל.

די מאַמע, צביה, פלעגט צוגלייך מיט מיין באָבע דינציע גיין אין דער ווייבערשער שול זיך איינהערן צו דער פירזאָגערקע. זי איז נאָר געגאַנגען ימים טובים. אין געוויינלעכע שבתים, זייענדיק מיד פון אַ גאַנצע וואָך אַרומשמייען אין מאַרק און צווישן די פּריצים, איז זי געלעגן אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, ביז עס איז שוין צייט געווען צו גרייטן צום טיש, צוברעקן ציבעלע מיט שמאַלץ, און אַרויסנעמען דעם טשאָלענט פונעם הייסן אויוון.

צביה האָט זיך אויף איר מאַן, וועמען זי פלעגט רופן שלים־מזל, גישט באַדאַרפט זיך פאַרלאָזן אין עניין פּרנסה. זי איז געווען אַ קלוגע יידענע, אַ פּייאיקע מיט אַ שאַרף מויל, תמיד אַן אויפגעלייגטע, אַ שמייכלענדיקע. די אויגן האָבן ביי איר אַרויסגעגלאָצט פונעם רונדן פאַררויטלטן פּנים. זי האָט גערעדט מיט אַ געשמאַק קול, געהאַט אין זיך אַ שטעל פון אַ מאַנסביל, אַ תקיף.

פון אַ פשוט׳ע מאַרק יידענע איז זי געוואָרן אַ גרויסע סוחר׳טע. איר הויפּט געשעפט איז געווען פּרוכט. זי פלעגט יעדן אָנהויב זומער, ווען די ביימער האָבן זיך באַדעקט מיט׳ן ווייסן צוויט, אָפּדינגען די סעדער ביי די פּריצים, און שפּעטער ווען די פּרות זיינען צייטיק געוואָרן, האָט זי געדונגען פּויערים אָפּצוטרייסלען די ביימער און אָנפילן עטלעכע קעלער מיט ווינטער עפּל און באַרן. אַנדערע פּרות האָט זי געלאָזט פּאַקן אין הילצערנע קאַסטנס און זיי ערגעץ אַוועקגעשיקט. קאַרשן און פלוימען האָט זי פאַרקויפט צו די היימישע מאַרק זיצערקעס.

אירע חשבונות האָט זי אַליין געפירט מיט פּאַסיקלעך און רינגעלעך, וואָס זי האָט מיט אַ שטיק ווייסע קרייד געצייכנט אויפ׳ן טיש, אָדער אויף דער לינקער זייט פונעם זאַלץ־ברעטל. זי האָט שנעל געאַרבעט מיט אירע פּאַסיקלעך, אָפּגעמעקט זיי מיט׳ן פינגער וואָס זי האָט אַלע ווילע איינגענעצט אויף דער צונג און אַנדערע ציפערן אַוועקגעשטעלט.

אַזוי האָט זי געפירט מסחרים אויף טויזנטער. דערצו האָט זי נאָך צוגעהאַנדלט מיט געטראָגענע מלבושים וואָס זי האָט אָפּגעקויפט ביי די פּריצים.

זי איז געווען אַמאָל גאָר אַ באַ׳חנ׳טע פרוי. אָבער זי האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווערן פולער. זי איז געוואָרן קיילעכיק ווי אַ פעסל. דער בוזים הויך און דאָס פּנים ברייט־צעשוואָלן, מיט אַ צווייט פאַכיקן גוידער.

דער פּוילישער פעלדשער האָט איר פאַרשריבן רעצעפּטן און איר געהייסן זיך אָפּהיטן מיט׳ן עסן.

איר וואונטש צו קריגן פאַר איר בת יחידה אַ בחור אַ לערנער, איז

מקוים געוואָרן. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין נס, אָדער מזל. זי פלעגט אַלעמאָל זאָגן:

— מיט געלט קען מען אַלע מאָל, בפרט פאַר אַזאַ מיידל ווי מײַן יהודית, קריגן נישט נאָר אַ שוחט נאָר אַפילו אַ רב. אָבי מ'האָט נאָר די קלינגערס! פלעגט זי פאַרענדיקן, מיט אַ פּאַטש איבערן לעדערנעם טאַש, וואָס איז געהאַנגען ביי איר אויף דער רעכטער זייט בויך אונטערן פאַרטוך פול מיט זילבער געלט.

אשר האָט געשטאַמט פון אַ דערבייאיק שטעטל. פריער האָט ער גע־לערנט אין אַ ישיבה, און אַזוי־ווי ער האָט נישט גערעכנט צו ווערן קיין רב — איז ער אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט לערנען וועלטלעכע לימודים. ער האָט אויך געלערנט כעמיע, וואָס איז אים שפּעטער אין אַמעריקע גוט צונוץ געקומען.

ער האָט אין זיין אייגענער לאַבאָראַטאָריע, אין זיין היים, געשאַפן אַ געוויסע סאָרט פאַרב צו פאַרבן רויכוואַרג. די סאָרט פאַרב פלעגט מען פריער נאָר קריגן אין דייטשלאַנד. ער האָט אויף דער פאַרב געאַרבעט אַ צייט. ער האָט די כעמישע דערפינדונג ניט איבערגעגעבן, סיידן מ'וועט אים מאַכן פאַר אַ שותף אין דער פירמע.

אַזוי האָט מיר דערציילט זיין פריינט הירשל מילשטיין, וועלכער האָט מער פון אַלע לאַנדסלייט פאַרשטאַנען ווען נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח געלט און געשעפט.

2

אשר מיט זיין ווייב יהודית און אַ קליין טעכטערל האָבן געוואוינט אין זעקס גרויסע צימערן וואָס זיינען געווען זייער רייך און מיט געשמאַק אויס־מעבלירט. אין איין צימער זיינען אַלע פיר ווענט געווען באַשטעלט מיט שאַפעס ספרים. אין דערמיט איז געשטאַנען אַ קיילעכדיקער טיש מיט אַ קאַסטבאַרן לאָמפּ, ווייכע באַקוועמע לעדערנע שטולן אַרום. און אַ קאַ־נאַפּע פונעם זעלבן געבוי און קאָליר איז דאָרט געווען אויף וועלכע אשר איז אַלעמאָל, ווען ער איז געווען אין דער היים, געלעגן און געלייענט.

געווען געציילטע, אויסגעקליבענע מענטשן וואָס זיינען צו אים געקו־מען. און דאָס נישט אַלע מאָל ווען עס האָט זיך געוואָלט. נאָר ווען ער און יהודית האָבן איינגעלאַדן. און דאָס איז נישט געווען דערפאַר, ווייל ער איז נישט געווען קיין מכניס אורח. פאַרקערט, סיי ער און סיי זי זיינען געווען זייער צופרידן ווען מ'איז געקומען. זיי האָבן די געסט אויפגענומען מיט'ן שענסטן און בעסטן. אָבער פאַר אייניקע איז זייער היים געווען צו גביריש,

אַריסטאָקראַטיש. עפּעס האָבן די לאַנדסלייט מורא געהאַט דאָרט זיך אַ ריר צו טאָן... זיי האָבן זיך געפילט אַ סך בעסער אין בערטשיקס ענגע צי־מערן, וואו עס איז געווען היימישער און געשמאַקער...

די איינגעלאַדענע געסט וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי אשר׳ן, האָבן שוין געוואוסט אַז מ׳דאַרף פריער זיצן אין פאָדער־צימער און שמו־עסן מיט יהודית׳ן, ביז אשר אַליין וועט אַריינקומען פונעם ביבליאָטעק צימער אָנגעטאָן אין אַ זיידענעם שלאָפראָק, און אין שטעק שיך, ווי ער וואָלט נאָר וואָס זיך אויפגעכאַפּט פון אַ קורצן דרימל. אָבער פאַרשטאַנען האָט מען, אַז ער האָט ליב מ׳זאָל אויף אים אַביסעלע וואַרטן, כדי ער זאָל דערנאָך אַלעמען צוזאַמען באַגריסן מיט זיין איינגעהאַלטענעם צופרידענעם שמייכל, אנשטאָט יעדן באַזונדער דריקן די האַנט.

אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ שטילער און אַ קנאַפּער רעדנער. און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מיט זיין האַלטן זיך וויל ער זאָגן: — קוקט אויף מיר און אויף אַלץ אַרום מיר, וועט איר ערשט דאַן מיך קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק איז...

ער איז געווען אַ יונגערמאַן אַ פּערזענלעכקייט. פון דעם טיפּ מאַנס־בילן, אין וועלכע פרויען קענען זיך שטאַרק פאַרליבן. אַן עושר, אַ גע־לערנטער, פאַרמאָגט אַ פיינע היים, אַ זייער חנ׳עוודיקע ווייבל, וואָס דרייט זיך אַרום אַ שטאָלצע איבער די טיפע טעפּיכער, אין וועלכע עס ווערט איינ־געזאַפּט דער ריטם פון איר גאַנג. אַ שיין גערצאָטן מיידעלע לויפט פון צימער צו צימער, רעדט און לאַכט מיט אַ קינדיש קול׳כל. אָט קריכט זי אויפן פאָטערס קני, און אָט לויפט זי צו דער מוטער וואָס איז אין קיך צוזאַמען מיט דער דינסט, באַשעפטיקט אין צוגרייטן דעם כיבוד פאַר די געסט.

יהודית האָט אַזש אַ קוויטש געטאָן ווען זי האָט מיך דעם ערשטן מאָל דערזען אַריינקומען.

— דאָס ביסטו, שלמה? האָט זי אויסגערופן מיט אַ שמייכל. און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז אָט וועט זי פון גרויס פרייד מיר אַרויספאַלן אויפן האַלדז און קושן ווי אַן אייגענעם ברודער.

זי האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן ווי לאַנג איך בין אין אַמעריקע, וואָס טוט מיין משפּחה, וואו איך וואוין, ביי וואָס איך אַרבעט און צום לעצט — פאַר וואָס כ׳בין ניט גלייך ביים אָנקומען געקומען זי זען.

— געשיקט זיך אַז דו האָסט גאָר נישט געהערט, אַז איך בין דאָ? — האָט זי געפרעגט מיט אַ טענה, און פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

— איך האָב קיין עין הרע אַלצדינג. ווען כ׳זאָל נאָר האָבן דעם טאַטן

מיט דער מאַמען דאָ! ווען נישט די מלחמה, וואָלטן זיי שוין לאַנג דאָ געווען.

מיר איז שטאַרק געפעלן געווען איר זאָרג וועגן איר טאַטע־מאַמע...

זי האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט אין צווייטן צימער וואו איר מאַן איז געזעסן און מיך פאַרגעשטעלט.

— אשר, דאָס איז שלמה. אַלס קינדער זיך געשפילט צוזאַמען. גע־וואוינט אין איין שטוב. זיין טאַטע איז יהושע אפרים. דו האָסט אים גע־קענט. וואָס פאַר אַן איבערראַשונג! אַזוי לאַנג זיך ניט געזען!

אשר האָט זיך אויפגעהויבן און מיר געגעבן די האַנט.

— שלום עליכם, זייער אָנגענעם. זיצט, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ בענקל.

איך בין געוואָרן איינער פון די מקורבים, וואָס זיינען צו אשר׳ן אַמאָל אַרויפגעקומען, סיי אומגעריכט, סיי ווען מ׳האָט מיך פאַרבעטן. שפּעטער אָבער, בין איך נישט מער געקומען אַליין, און נישט אַלעמאָל האָב איך אָנגענומען זייער איינלאַדונג.

געווען עטלעכע טעמים, פאַרוואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פונעם כבוד...

איין טאָג האָב איך געקראָגן אַ פּאָסט־קאַרטל פון אשר׳ן. ער האָט מיר געשריבן אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פונעם טריסקער רב, וועלכער איז מיט נסים אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פונעם אָקופּירטן שטעטל. לויט דער דאַטע האָט דער בריוו אַרומגעבלאָנדזשעט עטלעכע חדשים.

איך בין גלייך אַוועק צו אים אָפּנעמען אַ גרוס פון דער היים, פון די יידן אין שטעטל, וואָס זיינען איבער דער מלחמה אָפּגעשניטן גע־וואָרן פון דער גאַנצער וועלט. לאַנדסלייט זיינען אַרומגעגאַנגען שטיל פאַר־בענקטע נאָך זייערע נאָענטע און טייערע. עס האָט זיך יעדן געוואָלט הערן פון טאַטע־מאַמע, פון ווייב און קינד, פון שוועסטער און ברודער. אַלע האָבן גוט פאַרדינט, און יעדער איינער איז געווען גרייט צו שיקן געלט צו די קרובים. אָבער מ׳האָט ניט געקענט. טריסק, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער גרענעץ, איז באַלד ביים אָנפאַנג פון קריג באַזעצט געוואָרן פון עסטרייכישן מיליטער. דערנאָך זיינען אויך געקומען די דייטשן. און קיינער האָט נישט געוואוסט דעם גורל פון די טריסקער יידן.

די מורא דאַמאָלט איז ני״ט געווען פאַר דעם דייטש אָדער עסטרייכער, נאָר דוקא פאַר די אייגענע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָנגעטאָן גרויסע צרות דער יידישער באַפעלקערונג, אין די שטעט פון וועלכע זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען.

אשר האָט געעפנט דעם לשון קודש׳דיקן בריוו פון טריסקער רב. ער האָט אים גלייך איבערזעצט אויף יידיש, כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין. קיין סך האָט דער רב ניט געשריבן, מחמת ער איז ניט געווען זיכער צי דער סאָל־דאַט וואָס האָט זיך געלאָזט נעמען אין פלען, וועט דעם בריוו פון ערגעץ אָפשיקן. אָבער פון דעם ביסל וואָס ער האָט יאָ געשריבן, איז געווען קלאָר, אַז יידן דאַרפן ברויט.

— מיין מיינונג איז, האָט זיך אשר אָפגערופן, אַז כאָטש מ׳קען איצט גאָר ניט שיקן קיין געלט, זאָל מען פונדעסטוועגן אָנהויבן זאַמלען אַ פאָנד. די מלחמה וועט דאָך אייביק ניט אָנהאַלטן. לאָמיר זיין גרייט צו העלפן ווען עס וועט קומען דער פרידן.

און ער האָט צוזאַמען מיטן פאָרשלאַג, צו וועלכן אַלע זיינען געווען איינשטימיק, אַליין בייגעשטייערט אַ פיינע סומע פון זיין קעשענע אַלס אַן אָנפאַנג.

דער צווייטער בייצושטייערן, מיט נאָך אַ גרעסערע סומע פון אשר׳ן, איז געווען הירשל מילשטיין. צום סוף איז מען אַוועק מיט׳ן בריוו צו בערט־שיק׳ן, כדי דער פּלאַן פון זאַמלען געלט זאָל פאַרשפרייט ווערן צווישן ברייטן עולם.

עס איז געווען אַ טאָג פון טרויער און פון זאָרג, פון האָפענונג און פרייד. עס איז געווען אַ רירנד בילד ווי די לאַנדסלייט האָבן פון זייערע קעשענעס אַרויסגעשלעפּט די לעצטע בריוו וואָס זיי האָבן דערהאַלטן פון זייערע אייגענע. מ׳האָט די בריוו נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געלייענט. פריער אַליין, אין דער שטיל, און מיטן זעלבן נייגער, ווי זיי וואָלטן ערשט אָנגע־קומען. דערנאָך האָט מען זיי געגעבן אַנדערע איבערצולייענען. מ׳האָט זיך געטיילט מיט די איינדרוקן. זיך געביטן מיט די צעקנייטשטע בריוו און גערעדט פון די לעצטע באַריכטן וואָס זיינען געקומען פון דער היים.

אַלץ צוזאַמען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפן טרויער. די לאַגע פונעם כלל האָט מיר ווי געטאָן, אָבער מער נאָך, די לאַגע פון מיין אָרעמען טאַטן. מיינע יסורים זיינען געווען באַגרענעצט, און קאָנצענטרירט צו דער אייגענער שטוב. און אפשר האָבן מיינע טיפע שמערצן און יסורים, וואָס זיינען געקומען דורכן דערמאָנען זיך אָן טאַטן, אויך כולל געווען דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַלע יידן?.... סיי ווי, ווען איך בין אַרויף אין מיין צימער, האָב איך אָנגעהויבן זוכן צווישן בריוו און פּאַפּירן, ביז כ׳האָב געפונען דעם לעצטן בריוו פון מיין טאַטן, אין וועלכן ער האָט מיר באַ־דאַנקט פאַר די עטלעכע דאָלאַר וואָס איך האָב אים אַרויסגעשיקט מיט דער הילף פון די איבעריקע שוועסטער און ברידער.

כ'האָב געלייענט די ווערטער מיט אַ ציטער אין מיין לייב. אויך די אותיות זיינען געווען ציטערדיק געשריבן... אַ סימן פון עלטער, פון שוואַכע כוחות... איך האָב אין געדאַנק זיך געפּרעגט: — איז דאָס, טאַטע טייערער, דיין לעצטער בריוו? וועל איך פון דיר מער ניט הערן?... פאַר וואָס האָב איך דיך ניט שטאַרקער צוגעדריקט צו מיין האַרצן יענע פינצטערע נאַכט, ווען דו האָסט מיר האַלב וועג באַגלייט צום וואָקזאַל? מיר זיינען זיך צעגאַנגען ווי צוויי שטומע פרעמדע מענטשן. דו האָסט דיין צער אַוועקגעטראָגן מיט זיך און איך האָב מיין בענקשאַפט מיטגענומען אין דער נייער וועלט וואו עס איז אַזוי לייכט צו פאַרגעסן... זיי מיר מוחל, טייערער טאַטע, פאַרן נישט קענען דורכפירן מיין צוזאָג וואָס איך האָב זיך געגעבן אַראָפּצוברענגען דיך צו אונדז. זיי מיר מוחל, פאַר וואָס איך עס יעדן טאָג צו דער זאַט, און דו און די איבעריקע ליידן הונגער. צו שוואַך איז דער תירוץ, אַז ס'איז ניט אונדזער שולד וואָס מיר האָבן נישט געטאָן אונדזער פליכט. פון אַכט קינדער האָסטו געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן אַ ביסל מער, ווי בלויז די פאַר דאָלאַר וואָס מיר האָבן דיר פון צייט צו צייט געשיקט... זיי נאָר געזונט, און איך גיב זיך אַ נייעם צוזאָג, און שווער ביי גאָט אים צו האַלטן און דורכפירן. זיי נאָר געזונט!...

און אָט איז אַ קליין שטיקל פּאַפּיר. אַ בריוועלע פון דער באָבע דינציע, וואָס איז איינמאָל אַריינגעלייגט געוואָרן אינעם טאַטנס בריוו. דאָס איז דאָס איינציקע בריוול וואָס די באָבע האָט אין איר גאַנץ לעבן געשריבן.

און וואָס פאַר אַ באַשיידן בריוועלע, און ווי האַרציק עס איז אָנגעשריבן:

— „צו מיינע טייערע אייניקלעך זאָלן לעבן. איך בין גאָט צו דאַנקען געזונט. דער אויבערשטער איז גוט צו מיר. ער לאָזט מיך לעבן. איך בין אָן אַלט מענטש. די אויגן דינען מיר נישט מער — די הענט קענען שוין אַזוי גיך ניט דרייען די שפּיזלען. איך שטריק זייער וויניק זאָקן. פונדעסטוועגן האָב איך צום רבונו של עולם ניט קיין טענה. וויפל דאַרף איך? איין מענטש אַליין. אַ שטיקל ברויט מיט ציבעלע איז גענוג פאַר מיר. ווי איר ווייסט מסתמא, האָב איך די „זלודניע", עטלעכע קערבלעך וואָס כ'האָב געהאַט ליגן ביי ישראל'ן, געמוזט אַרויסנעמען פאַר נחמקען, וואָס האָט זי נעבעך געזאָלט טאָן, די ביטערע אַלמנה מיט די צוויי יתומים? איצט הער איך, גאָט צו דאַנקען, אַז די קינדער זיינען זי מפרנס דאָרט אין אַמעריקע... האָב איך נחת פון ווייטן, כאָטש כ'בין אַזוי עלנד אויף די עלטערע יאָרן. איך קום אויס מיטן שטיקל ברויט, אָבער אויף צו

מאַכן זיך עפּעס האָב איך נישט. דאַרום בעט איך אייך טייערע קינ־דער, איר זאָלט זיך צוזאַמענלייגן און מיר שיקן אויף אַ פּאָר שיך. אין דעם זכות וועט גאָט אויף אייך אַלעמען אַכטונג געבן. איר׳ט האָבן אַ גרויסע מצוה. ווי עס ווינטשט אייך אַלדאָס גוטס מיט גע־זונט און פּרנסה. אייער, באָבע, דינציע.

— באָבעניו טייערע, מיר האָבן דיר געשיקט צען קערבלעך, האָסטו זיי דערהאַלטן? מיר האָבן פון דיר מער ניט געהערט. וואָס מאַכסטו באָבע דינציע? ....

צענטער קאַפּיטל

1

אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט ווינקל אינעם ניו יאָרקער נאַכט לעבן איז, צו יענער צייט, געווען דער ראָג צווישן קאַנאַל סטריט און דער באַוערי.

יעדן אָוונט אַרום עלף אַזייגער, אויסער פרייטיק און שבת, האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן צו קלייבן מענטשן. געוואַרט אויפ׳ן „מאָרגן־זשורנאַל״. נישט כדי צו לייענען די נייעס, נאָר כדי צו זוכן אַ „דזשאַב״ אין די קליינע געדרוקטע שורה׳לעך מיט די ענגלישע „פעקטאָרי״ אַדרעסן, וואָס מ׳האָט באַלד אויפן אָרט אַרומגעצייכנט מיט אַ בליישטיפט אָדער איבערגעשריבן אויף אַ ריין שטיקל פּאַפּיר.

דאָס האָט מען געטאָן כדי צו זיין גרייט גלייך אין דער פרי צוצופאָרן צו די פאַבריקן, און אויב מעגלעך טאַקע זיין פון די ערשטע. יעדער פון די דזשאָב־זוכערס האָבן געטראַכט צו זיין דער סאַמע ערשטער ביי דער פאַבריק איידער זי עפנט זיך אויף.

דער עולם איז אַ פאַרשיידנאַרטיקער, אַ געמישטער; עלטערע יידן, מיטליאָריקע טאַטעס מיטן שווערן יאָך פון פרנסה אויף זייערע פּלייצעס, יונגעלייט וואָס האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו לערנען זיך עפּעס אַ מלאכה; גאָר יונגע כמעט קינדער וואָס האָבן זייערע טאַטעס געמוזט אַרויסהעלפן מיט זייערע פאַרדינסטן, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן בעסער געוואָלט אַרבעטן איידער זיך לערנען.

צווישן די מענטשן זיינען ניט אַלע געווען קיין „גרינע״, וואָס זיינען ערשט אַראָפּ פון דער שיף. געווען אויך צווישן זיי שוין אַמעריקאַניזירטע.

איך האָב געהאַט אַ וואַרעם געפיל צו אָט די מענטשן, וואָס דער עול פון פרנסה טרייבט זיי פון די בעטן. זיי זיינען מיר געווען נאָענט מיט זייער אָרעמקייט. איך האָב ליב געהאַט זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זייער נאָרמאַלן ווילן צום לעבן, און איך פלעג טראַכטן — אַז אין דער זאָרג עמעצן צו פאַרזאָרגן, ליגט אַ געוויסע מאָס פאַרגעניגן...

גאַנץ אָפט האָב איך געטראָפן אויפ׳ן ראָג מענטשן, וואָס זיינען שוין

פריער דאָרט געווען. אָבער יעדער נאַכט זיינען צוגעקומען נייע פּנים׳ער וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַלטע דזשאָב־זוכערס.

די ערשטע וואָס זיינען געקומען און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון דער רעדאַקציע, אַריין און באַלד צוריק אַרויסגעקומען, זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען די צייטונגס־פּעדלער. עלטערע יידן און יינגלעך, מיט שטריקלעך אָדער לעדערנע פּאַסן איבער זייערע לינקע אַקסלען און מיט צוקאָרטשעטע פאַרבלאָזטע קעפּקעס, וואָס האָבן פאַרדעקט די שטערנס זייערע און קיין מאָל נישט אַראָפּפאַלן פון זייערע קעפּ, אַפילו אין גרעסטן ווינט. זיי זיינען געווען אומגעדולדיק, געהאַלטן אין איין אַריינקוקן דורך דער טיר, און אין קעלער, און זיך איינהערן, אפשר האָט די פּרעס־מאַשין שוין אויפגעהערט צו קלאַפּן. ווייל דאָס איז געווען אַ סימן, אַז זיי וועלן זיך באַלד קענען אַ לאָז טאָן מיט די צייטונגען איבער די גאַסן און פאַרקויפן זיי צו די שפּעטע פאַרבייגייער, אין די רעסטאָראַנען, און צו די קרעמער וואָס האָבן גאַרנישט געוואוסט פון קיין צייט, ווען צו פאַרמאַכן די קראָמען און אַ היים צוגיין שלאָפן.

די פּעדלער, אַפילו די עלטערע, זיינען געווען אַ לעבעדיקע חברה. איינגעלעבט אין זייער אַרבט מיט קלענערע צי גרעסערע פאַרדינסטן. די אַרבעט איז געווען צוגעפּאַסט צו זייערע השגות. אויף זיי איז ניט געלעגן קיין דאגות: — וואָס טוט מען? ווי מאַכט מען אַ לעבן? — פאַרקויפן צייטונגען איז געווען זייער טועכץ, זייער פּרנסה. און עס קען זיין, אַז פילע פון די וואָס זיינען געקומען עפּעס זוכן דורך דער צייטונג, האָבן די פּעדלער מקנא געווען. איך אַליין פלעג טראַכטן, אַז פאַרקויפן צייטונגען איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. מ׳איז תמיד אויף דער פרישער לופט, מ׳זעט זיך מיט מענטשן, און אַמאָל קען מען זיך אפשר אַרויפאַרבעטן צו אַ שטיקל געשעפט.

געוויינטלעך איז דער „מאָרגן־זשורנאַל״ אַרויס אויף דער גאַס אַרום האַלבע נאַכט. עס פלעגט זיך אָבער אַמאָל טרעפן, אַז די דרוק־מאַשין איז פּלוצים קאַליע געוואָרן, און מ׳האָט בעדאַרפט וואַרטן ביז צוויי צי דריי אַזייגער פאַרטאָג. אויב די נאַכט איז גראַד געווען אַ קאַלטע אָדער אַ רעגנדל איז געפאַלן, זיינען זיך טייל מענטשן צוגאַנגען. די איינציקע וואָס זיינען געבליבן וואַרטן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אינעווייניק אין רעדאַקציע. אַנדערע האָבן געזוכט שוץ אונטער די שמאָלע דעכעלעך ביי די אַריינגאַנגען פון די פאַרמאַכטע קראָמען.

איך בין מער ווי איינמאָל געשטאַנען אַ שוויגנדיקער אונטער אַזאַ דעכעלע, און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, וואָס איז אַלעמאָל און אומעטום פול מיט סודות... עס איז געווען אינטערעסאַנט צו

שטיין און הערן ווי די שטילקייט ווערט אָפּט געשטערט. אָט לויפט אָן אין דער הויך אַ באַן מיט אַ קלאַפּעריי און געפּילדער. די באַלויכטענע פענצ־טער פון די כמעט ליידיקע וואַגאָנען האָבן ווי דורכגעבליצט דער „באַוערי" וואָס איז געלעגן אַ טונקעלע, אַ פאַרשלאָפענע. אָט שלעפן זיך מידע, אָפּ־געריסענע פאַרשלאָפענע, האַלב אויסגעלאָשענע מענטשן. ווי נאַכט־וואַנ־דלער שאַרן זיי זיך לאַנגזאַם אום ביי די ווענט. שטעלן זיך אָפּ און גייען ווייטער. דאָס זיינען די שטענדיקע באַוערי־מענטשן. מאַנכע פון זיי האָט מען ערשט אויפגעוועקט פון די אומזיסטיקע שטאָט געלעגערס, כדי אַנדערע ווי זיי זאָלן זיך קענען אַוועקלייגן. פון צייט צו צייט הערט זיך דאָס קלינגען פון אַ גרענד סטריט טראַמוויי. און אָט פאָרט פאַרביי אַ מילך־וואָגן, מיט אימפּעט און פייפעריי יאָגן ערגעץ פייער־לעשער.

צו דער דאָזיקער סימפאָניע פון טומל און גערויש, וואָס הערט זיך ביינאַכט שטאַרקער ווי ביי טאָג, האָט דער ווינט אָפּט פון די קעלער אויוונס אָנגעטראָגן דעם געשמאַקן ריח פון פריש געבעקס, וואָס האָט דערמאָנט אין די פרימאָרגנס ווען דער גוטער פרישטיק שטייט גרייט אויפן טיש.

עס איז נאָך האַלבע נאַכט. אָבער ניו יאָרק קען נישט שלאָפן אַזוי רואיק און געשמאַק ווי עס איז געשלאָפן מיין שטעטל... ניו יאָרקער שטאָט טיילן קענען נישט רוען, ווי עס האָבן גערוט די קליינע הייזעלעך פון די שטילע געסעלעך אין דער אַלטער היים. דאָרט זיינען מענטשן ניט אַרויס פון זייערע בעטן צוויי אַזייגער ביינאַכט כדי צו זוכן פרנסה...

די ריזיקע שטאָט קען נישט איינשלאָפן. ערגעץ שפילט מען נאָך מו־זיק און מען טאַנצט. ערגעץ אַרבעט מען די גאַנצע נאַכט. ערגעץ גרייט מען עפּעס צו פאַר די וואָס דאַרפן אויפשטיין אין דער פרי.

אַ כסדר'דיקער פראָצעס פון אַרבעט און שאַפן. עס איז נישטאָ קיין פולשטענדיקער אָפּשטעל.

אַזוי האָב איך געטראַכט, שטייענדיק האַלב פאַרדרעמלט אָנגעשפּאַרט אין אַ גלעזערנער טיר... און אָט איז געקומען דער באַקאַנטער טומל פון די צייטונגס־פאַרקויפער. זיי האָבן אויפגעהערט צו בורטשן און שילטן, און אין איילעניש האָבן זיי אויסגעזופּט ס'לעצטע ביסל קאַווע פון די קיי־לעכדיקע פאַפּירענע טעפּעלעך, און זיך גענומען צו די פּעק צייטונגען, און אויס געוואוינהייט אָנגעהויבן שרייען: — „מאָרגן זשורנאַל"! — כאָטש מ'האָט שוין אין די גאַסן קיין מענטשן ניט געזען. עס זיינען נאָך פאַר־בליבן בלויז עטלעכע פון דעם פריערדיקן עולם. — דזשאַב־זוכערס.

איך האָב אויף דער ערשטער זייט פון דער פרישער צייטונג בלויז די גרויסע פּאָר קעפּלעך איבערגעלייענט. און באַלד גענומען דורכקוקן די „אַרבעטער פאַרלאַנגט" קאָלומס, וואָס זיינען געווען פול מיט אַלערליי

אַנבאָטן צו בחורים און יונגע לייט, וואָס ווילן אַרבעטן און מאַכן אַ לעבן.

איך בין שוין פילע מאָל אַנטוישט געוואָרן פון די רעקלאַמירטע פיין־צוזאָגענדיקע גליקן. און איך בין שוין אויסגעוועזן אין אַלע ווינקלען פון ניו יאָרק, און עס איז תמיד געוועזן — דער „אָדער״. — אָדער דער דזשאָב איז שוין געוועזן פאַרנומען, אָדער די אַרבעט איז געוועזן צו שווער פאַר די עטלעכע דאָלאַר אַ וואָך וואָס מ׳האָט געצאָלט.

נאָר אַזוי ווי איך האָב ביי די לאַנדסלייט נישט געוואָלט בעטן אַז מ׳זאָל מיך ערגעץ אַרויפנעמען צו דער אַרבעט, און דוקא געוואָלט נאָר אַליין עפּעס געפינען, האָב איך אין די שפּעטע אָוונטן מיט גרויס נייגעריקייט געוואַרט אויפ׳ן „מאָרגן־זשורנאַל״.

אפשר וועט זיך פאָרט עפּעס מאַכן... אפשר היינט... אָדער מאָרגן.. איך האָב געהאַט בטחון, אַז ס׳וועט קומען פאַר מיר אַט די געלעגנהייט.

2

איין נאַכט, האָב איך, פון עטלעכע מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן ראָג פון קאַנאַל סטריט אין די באַוערי, געהערט אַז מ׳קען קריגן אַרבעט אין דער „לאָונדריי״ פון אַ באַוואוסטן האָטעל אויף בראָדוויי. און דאָס איז נישט געווען קיין נייעס. מענטשן האָבן ליב געהאַט צו דערציילן ווי אַזוי זיי פלעגן קריגן אַרבעט דורך דער ענגלישער צייטונג און פון די דער־פאַרונגען וואָס זיי האָבן געהאַט. דורך אַזעלכע געשפּרעכן האָב איך עטלע־כע דזשאָבס באַקומען. איינער איז געווען אין הייסטאַון ניו דזשוירזי, ביי אַמוניציע. ווייט אונטערן שטאָט, צווישן פעלדער און וועלדער זיינען גע־שטאַנען צענדליקער געביידעס אין וועלכע מ׳האָט געמאַכט אַלערליי מלחמה וואָפן. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט. בייטאָג האָט מען פאַר צען שעה אַרבעט געצאָלט אַכט דאָלאַר. און ביי נאַכט האָט מען פאַר דער זעלבער צייט פאַרדינט צוועלף דאָלאַר. אויסער דעם זיינען אין מעת לעת געווען פיר שעה איבעריקע צייט פאַר וועלכע מ׳האָט געקראָגן צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל פאַר יעדער שעה אַרבעט.

נישט קיין שלעכטע פאַרדינסטן געווען. מ׳האָט אָבער באַדאַרפט האָבן שטאַרקע כוחות נאָכצוגיין די מאַשין מיט איר שנעלקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אַרויסקאַטשן פון זיך גאַנצע בערג מיט אַזאַ קלאָרע הייסע וואַסער פון וועלכער עס האָט זיך געטראָגן אַ זייער דינער שטויב.

די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען ביי די מאַשינען זיינען, דורך דער נאַכט, באַדעקט געוואָרן מיט אַ שטויב וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק פון טרוקענעם שניי. דער שטויב איז געקראָכן אין די אויערן און אין

דער נאָז. און אפילו אויפ׳ן לייב אונטער די קליידער. וואָס האָט אי גע־ביסן אי געשטאָכן.

נאָך אַ פּאָר שעה אַרבעט, האָט איינער ניט געקענט דערקענען דעם צווייטן. אַזוי ווייס זיינען די פּנים׳ער געוואָרן. דערצו האָט מען בעדאַרפט האָבן אייזערנע נערוון, צוליב דער מורא, אַז אָט־אָט, יעדע מינוט, און עפּעס קען ערגעץ אויפרייסן.

איינער האָט מיר אָנגעוויזן אין דער ענגלישער צייטונג, וואו מ׳קען זיך לערנען צו זיין אַן אַקטיאָר, און שפּילן אין די מואוויס.

דאָס האָט מיך באַזונדערס אַ רייץ געטאָן און אויפגעוועקט טרוימען אין מיין פאַנטאַזיע. איך שעם זיך פּשוט צו דערציילן, ווי אַזוי מ׳האָט פון מיר און פון נאָך אַזעלכע אַמביציעזע יונגע לייט, אויסגענאַרט עטלעכע דאָ־לאַר, און נאָכדעם ווי מ׳האָט אונדז עטלעכע מאָל אָנגעטאָן אין אַלערליי בגדים, און געלאָזט איבערלייענען אַ פּאָר שורות, וואָס מיר האָבן גע־מוזט קענען אויף אויסווייניק, האָט דער „דירעקטאָר״ אַליין אונדז געלאָזט וויסן, אַז צום באַדויערן, האָבן מיר ניט קיין טאַלאַנט און ס׳איז אַן עבירה אויסצוגעבן נאָך געלט.

מיר זיינען אַוועק אַנטוישטע, און געדענקט אַז דער דירעקטאָר איז אַן ערלעכער מענטש, דער׳מיט וואָס ער זאָגט אונדז דעם אמת...

די „סטודיאָ״ האָט זיך טאַקע געפונען נישט ווייט פון דעם האָטעל, וואו מ׳האָט באַדאַרפט „לאָונדרי־אַרבעטער״.

איך בין אַרומגעגאַנגען דעם פאָדערשטן טייל פון דעם מאַסיוון אַריס־טאָקראַטישן האָטעל, מיט די גרויסע פענצטער, דורך וועלכע מ׳האָט גע־קענט זען באַלויכטענע זאַלן, שווערע גלאַנציקע מעבל, פאַרביקע ווענט מיט גרויסע קונסט־בילדער. רייכע געדעקטע טישן. עלעגאַנטע קעלנער מיט ווייסע טיכלעך אונטער די אַרבל פון די שוואַרצע רעקלעך. זאַרגלאָזע, רייך־געקליידעטע מענטשן, וואָס האָבן גערויכערט ציגאַרן, געשמועסט, גע־לאַכט און אַזוי איידל געגעסן.

איינער פון די וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, אַזאַ גלייכער, אויסגעצויגענער מענטש, מיט שיינענדיקע קנעפּלעך איבער׳ן פאָדערשטן טייל פון רעקל זיינעם און מיט אַ היטל ווי ביי אַ פּאָליציי־מאַן, האָט מיר אָנגעוויזן וואו אַריינצוגיין און ביי וועמען צו פרעגן.

איך בין דורכגעגאַנגען פילע חדרים און קאָרידאָרן. דערנאָך אַראָפּ אויף אַן אַ שיעור טרעפּ אין אַ קעלער, וואָס איז געווען זייער גרויס און פאַרשטעלט מיט אַ סך וואַש־מאַשינען און פּרעס־מאַשינען, ביי וועלכע מע־נער און פרויען, שוואַרצע און ווייסע זיינען געשטאַנען און געאַרבעט.

איידער מ'האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל, האָב איך זיך דערווייל אַרומגעקוקט און באַמערקט אַז עס זיינען נישטאָ קיין פענצטער. די פּאָדלאָגע איז נאַס. אונטער דער סטעליע ציען זיך פון אַלע זייטן גראָבע און דינע רערן. דער גאַנצער חלל איז אָנגעפילט מיט פּאַרע, וואָס זעצט פון הייסע קעסלען און פאַרטונקלט דאָס ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּעלעך. אַ פייכטע וואַרעמקייט שלאָגט אין פנים און באַדעקט אַלעמען מיט שוויס.

דער פאָרמאַן, קענטיק אַ פּאָליאַק לויט זיין אויסשפּראַך, האָט אין איינעניש מיר דערקלערט די באַדינגונגען פון דער אַרבעט:

— מיר צאָלן דרייסיק דאָלאַר אַ חודש פאַר ניין און אַ האַלב שעה אַ טאָג אַרבעט. שבת ביז איינס זייגער. יעדער אַרבעטער קריגט איין מאָלצייט פריי. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט ער מיך צוגעפירט צו אַ שוואַרצער פרוי, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין און געפּרעסט ווייסע ליילעכער, איך זאָל איר אַרויסהעלפן.

יעדער ליילעך, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן צוויי הייסע קאַטשעלקעס, האָט אַרויסגעשלאָגן אַ טרוקענע היץ. מ'האָט געמוזט זיין פינקטלעך און גיך, און נישט מיד ווערן. ווייל אויך די מאַשין איז געווען פינקטלעך, גיך, און איז נישט מיד געוואָרן... די פּרעס־מאַשין האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַלע מינוט אַ הייסן אויסגעפּרעסטן ליילעך אָדער אַ טישטוך, וואָס איך און די פרוי האָבן באַדאַרפט אונטערכאַפּן ביי די ברעגן, פונאַנדערשפּרייטן און אים צוזאַמענלייגן. די פרוי האָט קיין סך נישט גערעדט. און ווען זי האָט עפּעס יאָ געזאָגט אויף אַ הויכן קול, מחמת דעם גערויש פון די מאַשינען, האָב איך זי נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. נאָר כ'פלעג זיך שוין אָנשטויסן וואָס זי מיינט... און ווען איך האָב איינמאָל פאַרלוירן דעם ברעג פון ליילעך פון צווישן מיינע פינגער און דאָס ליילעך איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָט זי אָנגעהויבן שרייען אַזוי הויך און אויף אַזאַ ווילדן קול, אויסשטעלנדיק אויף מיר אַזעלכע צעעפנטע שרעקלעכע אויגן, אַז איך בין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז נישטאָ פון וואָס צו ווערן אויפגערעגט. אַפילו ווען דער ליילעך האָט זיך אַ ביסל אויסגעשמירט, קען מען אים איבערוואַשן. דאָס נעמט אין גאַנצן אַ פּאָר מינוט.

די נעגער־פרוי מיט'ן גלאַנציקן פאַרשוויצטן פנים, האָט מיר אָבער נישט געקאָנט מוחל זיין מיין נישט געשיקטקייט. און זי האָט נישט אויפגעהערט צו בורטשען און קוקן אויף מיר בייז. נאָר ביסלעכוויז זיינען אירע בליקן געוואָרן מילדער און איר בורטשען איז איבערגעגאַנגען אין אַ געלעכטער. איר לאַכן איז געווען פּונקט אַזוי ווילד, ווי איר רעדן און שרייען. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז זי איז גאָר נישט בייז אויף מיר,

ווי עס האָט זיך מיר פריער אויסגעוויזן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז איר טבע אַזוי צו רעדן און לאַכן.

און אַזוי ווי עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר איז אויסגע־קומען צו שטיין אַזוי נאָענט צו אַ פרוי פון איר ראַסע, און אַרבעטן מיט איר צוזאַמען, בין איך געוואָרן טשיקאַווע זי צו באַטראַכטן און נאָכפאָלגן איר יעדע באַוועגונג. זי איז מיר געוואָרן מיט יעדער מינוט היימישער.

ווען מ׳האָט צוועלף אַזייגער אָפּגעשטעלט די אַרבעט האָט מיין מיט־אַרבעטערין געבראַכט צו טראָגן אַ פּאָר כלים מיט עסן.

זי האָט ווי אַ באַלעבאָסטע, אַ פאַרזאָרגערין, אָנגעהויבן אַרויסצו־לייגן אויף אַ פּאַפּירענעם טעלער מיין חלק עסן, וואָס איז באַשטאַנען פון אָפּגעקאָכטע קאַלטע קאַרטאָפל, קלייניקע שטיקלעך פלייש און וואורשט, ווי איבערגעבליבענע פון עמיצנס טעלער. עס איז אויך געווען אַלטע שטיק־לעך ברויט און פּיצעלעך געזאַלצענע פיש.

דאָס עסן האָט מיר נישט געשמעקט. און כ׳האָב זיך באַנוגנט מיט אַ קאַרטאָפל און אַ גלאָז טיי.

מיין טונקעלע שותפ׳טע האָט באַמערקט אַז איך עס נישט.. זי האָט אָבער מיר אַפילו נישט געפּרואווט צורעדן איך זאָל עסן. זי האָט געקוקט און פאַרשטאַנען אַז מיר שמעקט נישט דער מאָלצייט. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז אויך איר פעלט דער ריכטיקער אַפּעטיט...

דערנאָך איז זי צוגעקומען צו מיר, און אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, שטילערהייט מיר געזאָגט:

— בעסער זוך זיך אָפּ עפּעס אַנדערש.

איך האָב זי פאַרשטאַנען און איר געדאַנקט. כ׳בין גיך אַרויס פונעם הייסן קעלער און אויסגעמידן צו קוקן אין פענצטער פון דעם עלעגאַנטן רייכן האָטעל.

עלפטער קאַפּיטל

1

עס איז געווען אַ פריילעכער אָוונט. צוליב חנוכה האָט אברהם, אַהיים קומענדיק פון דער אַרבעט, מיטגעבראַכט אַ פלעשל בראָנפן. ער האָט אָנ־געצונדן דאָס ערשטע קנייטל אינעם בלעכענעם חנוכה־לעמפל, וואָס איז אמת׳ע רעטשענע לאַטקעס און בכדי נאָכצוקומען אַלע היימישע מנהגים, האָט אברהם געזוכט אַ דריטע האַנט צו מאַכן אַ קערטל. נאָר ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז אויסער קאַסינע קען איך ניט שפּילן, האָט ער אַ פריילעכער געזאָגט:

— וועט זיין גוט אָן קאָרטן אויך. סיי־ווי־סיי וועט דער שווער מיינער מסתמא אַרויפקומען, און ער האָט פיינט קאָרטן.

און מיר האָבן זיך פריילעכע געזעצט ביים טיש.

די אמתע פרייד איז געקומען ווען נאָכן ערשטן לחיים האָט ער דאָס ווייב זיינס געמאַכט אַ „סופּרייז״.

— זי ווילסן מיין טייערע הינדע, אַז מאָרגן וועט מען דיר אַרויפברענ־גען דעם „דרעסער״ וואָס דו האָסט אָנגעקוקט און איז דיר געפעלן גע־ווען. ער קאָסט פופצן דאָלאַר. כ׳האָב שוין איינגעצאָלט צען, דאָ האָסטו די איבעריקע פינף דאָלאַר.

ער האָט גערעדט מיט שמחה אין זיין קול, בעת זי האָט אַן איבער־ראַשטע, אַ גליקלעכע, גענומען דאָס געלט.

— נו? וועסט שוין איצט זיין צופרידן? האָט ער אַ פרעג געטאָן זיך אָנגיסנדיק נאָך אַ גלעזל.

איך האָב אויך גענומען נאָך אַ גלעזל. מיינע גלידער זיינען געוואָרן שווער, אָבער מיין האַרץ האָט זיך געפרייט מיט די צוויי גליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געקראָגן דאָס שטיקל מעבל וואָס זיי האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט האָבן.

יענעם אָוונט איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ נייער געדאַנק. איך

האָב זיך איבערצייגט אַז אַמאָל קען גליק אַנקלאַפּן אין דער טיר אויפן פּערטן שטאָק וואו עס וואוינט אַן אָרעמער אַרבעטער, פּונקט אַזוי אַפּט ווי אין די רייכע פּאַלאַצן.

עס איז מיר אויך קלאָר געוואָרן, אַז גליק קען מען ניט אַלע מאָל קריגן מיט אַ רייכן געלט־בייטל... מ׳קען עס אַמאָל קריגן דורך אַ שטיקל מעבל, אָדער מלבוש... מ׳קען עס קריגן דורך אַ קינדס אַ שמייכל, אָדער דורך קריגן אַ וואָך „פּעידע״, און פון הונדערטער אַנדערע זאַכן, פון וועלכע דער רייכער מענטש, האָט קיין שום באַגריף ניט.

נאָך און נאָך זאַכן האָט מיין האַלב שיכור׳ער מח געטראַכט ביז עס האָט זיך געעפנט די טיר און הינדעס פּאָטער איז אַריינגעקומען.ביידע האָבן אים וואַרעם אויפגענומען און זיינען מיט אים אַריין אין שלאָף צימער, וואו ער האָט אַוועקגעלייגט חנוכה געלט לעבן דעם שלאָפנדיקן קינד.

— אַהער קום איך אַלע יאָר דער ערשטער, כאָטש כ׳האָב עלטערע טעכטער און זין, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר, אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ שטול אין קיך.

כ׳האָב געקראָגן דעם איינדרוק אַז די טאָכטער מיט דעם איידעם האָט ער מער ליב פון אַלע זיינע קינדער. און ווען מ׳האָט זיך שפּעטער צערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט אי אין דער אַלטער היים, אי דאָ אין אַמעריקע, און וואָס די טאָכטער הינדע האָט פאַר אים געטאָן, האָב איך פאַרשטאַנען פאַר וואָס הינדע איז זיין באַליבסטע טאָכטער.

דער פאָטער הינדע׳ס איז געווען אַ ייד שוין אין די טיפע זעכציקער. אַ שטילער, ערלעכער מענטש. אַ שניידער פון דער היים. אַ פרומער פון דור־דורות, אַן אָנגעזאָפּטער מיט יידישע טראַדיציעס און מנהגים און מיט אַן איינגעפּלאַנצטע מורא פאַר גאָט — איז ער געשטאַנען פאַר דעם נסיון מחלל שבת זיין. אַנדערש האָט ער דאַמאָלט, אַלס גרינער אינעם גרויסן קריזיס פון ניינצן זיבן, נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט.

ער האָט נעבעך איבערגעלעבט גענוג יסורים׳דיקע טעג און נעכט, ביז ער האָט ביי זיך געפּועלט צו טאָן וואָס טויזנטער אַנדערע פרומע יידן האָבן געגען זייער ווילן געטאָן: — אַרבעטן שבת.

איך האָב אים אויסגעהערט און מיטגעפילט מיט אים אין זיין פאַר־צווייפלונג. עס איז געווען אַ פראַגע פון געבן עסן אַ קראַנקע ווייב מיט קינדער אין דער אַלטער היים.

אַזעלכע קאָנפליקטן ביי פרומע יידן האָבן זיך, אפנים, אָפּגעשפּיגלט אין אַ סך סך היימען צווישן אימיגראַנטן אויף דער איסט סייד. פּונקט אַזאַ געשיכטע האָב איך־ גראַדע געהערט פון אַ יידן וואָס איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן:

—דו ווייסט וואָס עס מיינט פאַר אַ היימישן יידן צו פאַרבייטן דעם בית המדרש אויפן שאַפּ? האָט ער ביי מיר אַ פרעג געטאָן.

יאָ, איך האָב געוואוסט און פאַרשטאַנען וואָס ער האָט דורכגעלעבט דאַמאָלט, ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי ער זאָל, חלילה, אַראָפּוואַרפן פון זיך די אָנגענומענע לאַסט אָפּצוהיטן שבת און צו גיין אין שול דאַווענען.

טרערן פון פרייד האָבן געבלישטשעט אין די אויגן פון הינדעס אַלטן טאַטן, ווען ער האָט אָנגעוויזן אויף זיין טאָכטער, וואָס כאָטש זי איז ניט אַזוי געוואַלדיק פרום געווען, איז איר אָבער טייער געווען דעם טאַטנס געפילן. זי האָט דרך ארץ געהאַט פאַר זיין פרומקייט. זי האָט גע־זאָגט צו איר אַלטן פאָטער:

— ניין, טאַטע. אַזוי לאַנג ווי איך לעב און קען אַרבעטן, וועל איך דיך אויסהאַלטן און דו וועסט שבת ניט אַרבעטן.

— „איך האָב טאַקע, אַ דאַנק מיין טאָכטער, שבת ניט געאַרבעט" — האָט דער אַלטער פאַרענדיקט; — „דער אויבערשטער האָט מיר גע־האָלפן, און איך האָב געקראָגן אַרבעט אין אַזאַ שאַפּ, וואו מ'האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן אום שבת"...

הינדע האָט געשוויגן בעת איר פאָטער האָט מיר דערציילט די מעשה, און זי שטאַרק געלויבט... אברהם האָט זיך אָפּט אריינגעמישט מיט אַ וואָרט און געשמייכלט. אַלץ אין אים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן און איז שטאָלץ וואָס אַזאַ גוטע נשמה איז געוואָרן זיין ווייב.

— וואָס קומט אַרויס, טאַטע, וואָס דו האָסט געטאָן וואָס אַ ייד דאַרף טאָן, האָט זיך הינדע אָפּגערופן, אַוועקשטעלנדיק טיי אויפ'ן טיש, — ביסט געווען ערלעך און פרום אַלע דיינע יאָרן. האָסט אָפּגעהיט אַלע מצוות, האָסט נישט געוואָלט פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת. פאַר וואָס־זשע האָט גאָט אונדז געשטראָפט און צוגענומען די מאַמע פאַר דער צייט, איבער־לאָזנדיק יתומים אויף הפקר?

— דאָס, מיין טאָכטער, איז שווער צו ענטפערן, אפילו צדיקים קענען דערויף נישט ענטפערן... מ'קען צו אים אין הימל קיין טענות נישט האָבן. האָט דער אַלטער שטיל און פרום אַ זאָג געטאָן.

איידער דער אַלטער איז אַ היים געגעאַנגען, האָבן מיר אַלע פיר גע־האַלטן אין איין מעסטן דעם קליינעם שלאָף צימער. און ווי מ'האָט נישט געמאָסטן און געפּלאָנעוועט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דרעסער וואָס מ'דאַרף ברענגען, וועט מוזן פאַרשטעלן אַ האַלבע טיר אָדער כמעט דאָס גאַנצע פענצטער.

הינדע האָט עגמת נפש פאַר וואָס מ'האָט ניט פריער אויסגעמאָסטן איידער מען האָט געקויפט.

— דעם אַרעמאַן קאָסט געלט און ער האָט נישט קיין הנאָה, האָט זי געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— אפשר קען מען דעם דרעסער איבערבייטן אויף אַ קלענערן ? האָט דער פאָטער געפרעגט.

— דער איז אויך ניט צו גרויס, האָט אברהם געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

דערנאָך האָט ער איר געגומען אויסריידן ס׳האַרץ.

— ס׳איז נישט געפערלעך. מ׳וועט זיך מוזן אַביסל צופלאַגן, ביז מיר וועלן זיך אַריבערציען אין גרעסערע צימערן, אַביסל נידריקער, און אפשר טאַקע מיט הייסע וואַסער און אַ ווייסן „סינק״.

— און אפשר ווילסטו שוין פאַר איינוועגס אויך מיט אַ באַד צימער ?

— האָט זי געפרעגט אין אַזאַ טאָן ווי עס וואָלט געווען אַבסאָלוט אוממעג־לעך דאָס צו קריגן.

— פאַר וואָס נישט ? האָט ער צוריק געפרעגט. אַז ס׳וועט נאָר זיין אַרבעט, וועלן מיר מיט דער צייט זיך פונדאַנען אַרויסציען. וואָס מיינסטו, מיר וועלן דאָ וואוינען אייביק ?

נאָך אין דער זעלבער וואָך, איז אברהם אַ היים געקומען מיט דער בשורה, אַז ער קען מיך אַרויפנעמען צו זיך אין שאַפּ מיך לערנען ווי צו פּרעסן קלאָוקס.

דער שאַפּ איז געווען אויפ׳ן אויבערשטן גאָרן אין אַן אַלטער פיר שטאָקיקער געביידע, מיט הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געוויגט און געקרעכצט, ווען מ׳איז איבער זיי געקראָכן, און הילצערנע פּאָדלאָגעס אויסגעטראָטענע מיט לעכער פון מייז דורכגעגריזשעטע. פון די פאַרב־לאָזע ווענט און נידעריקע סטעליעס האָט געשמעקט מיט פייכטן ליים און פאַרפוילטע האָלץ. יעדער שטאָק אין דער געביידע, איז געווען צעטיילט אויף דריי צימערן אין וועלכע מען האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק געוואוינט. דאָס גרעסטע צימער איז געווען פאַרשטילט פון אַכט ניי־מאַשינען, וואָס זיינען געשטאַנען צו פיר איינע געגן די אַנדערע און געשיינט מיט זייערע האַלב פאַרדעקטע לעמפּלעך. אין די איבעריקע צוויי ווינקלען זיינען גע־שטאַנען שמאָלע דינע טישלעך, ביי וועלכע שניידער זיינען געזעסן. זיי זיינען ביזן גאַרטל געווען אַרומגעלייגט מיט בערג ברוינע און שוואַרצע מאַנטלען, וואָס האָבן געשאַפן אַ היץ און אַן ענגשאַפט. צווישן די „אָפּע־רייטאָרס״ און „פינישערס״ איז געווען אַ קליין שטיקל ליידיקער פּלאַץ. דאָרט זיינען געשטאַנען צוויי פיגורן מיט הויכע לייוונטענע בוזעמס און קיילעכדיקע היפטן, אַרום וועלכע עס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ באַבערדל־

טער ייד מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ לאַנגער שמאָלער מאָס אַרום זיין האַלדז און מיט שפּילקעס פּאַרשטעקט איבערן קאַמעזויל.

ער האָט די פיגורן געהאַלטן אין דרייען אין אַלע זייטן, אָנגעטאָן זיי און אויסגעטאָן די נאָך ניט פאַרטיקע שווערע מאַנטלען. ער האָט געמאָסטן, געשפּיליעט, געצייכנט מיט אַ שטעקעלע ווייסן קרייד און געוואָרפן די מאַנטלען אין אַ באַזונדערע קופּע. פון צייט צו צייט איז ער מיט אַ מאַנטל אין האַנט צוגעגאַנגען צו אַן „אָפּערייטאָר", אָדער „פינישער", עפּעס געזאָגט און געוויזן. אָפּט איז געקומען צו אַן איבעררייד. פריער שטיל, דערנאָך אַביסל העכער, און צו לעצט מיט הויכע קולות, צווישן דעם בעל מלאכה און דעם עקזאַמינער. דער עקזאַמינער איז שפּעטער אַוועק אַ ברוגזער, בורטשענדיק אונטערן נאָז. קיינער האָט, איבערן טומל פון די מאַשינען, ניט געקענט הערן וואָס ער זאָגט.

אין דעם מיטלסטן צימער זיינען ביי אַ לאַנגן טיש, וואָס איז ביי איין ברעג געווען פאַרלייגט מיט שטיקער סחורה, געשטאַנען צוויי צושניידער. זיי האָבן מיט גרויסע שערן געשניטן דעם אויסגעשפּרייטן געצייכטן געוואַנט. דער טיש איז געווען באַלויכטן פון צוויי גרויסע לאָמפּן. עמיצער האָט בעת מעשה איבערגערעדט מיט איינעם פון די באַלעבאַטים, וואָס האָט זיך גע'עסק'ט ביים קליינעם טישל מיט קלעצעלעך פאָדעם, פּאַפּירענע קעסטעלעך און אַלערליי קאָלירטע קנעפּלעך.

קיין פענצטער זיינען דאָ ניט געווען, חוץ איין פענצטער אין דער סטעליע, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ גלעזערנער קאַסטן.

אָט דאָס דאַך־פענצטער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז ער זאָל זיך קענען עפענען דורך ציען אַ שטריק ווי די סוכה „פליגלען" אין די שיגדל דעכער אין דער אַלטער היים, האָט זיך איבער דעם איבערגעריסענעם שטריק נישט געקענט עפענען. און מ'האָט עס געלאָזט אַזוי, ביז די גלאָז איז אַזש שוואַרץ געוואָרן פון שטויב און שמוץ און נישט דורכגעלאָזט קיין שטראַל ליכט.

אין דעם לעצטן צימער, וואָס איז קענטיק אַ מאָל געווען אַ קיך, זיינען געשטאַנען די פּרעסער ווי געפאַנגען אין אַ נעץ פון אייזערנע און גומענע רערן. זיי זיינען איינגעהילט געווען אין פּאַרע, וואָס האָט אַלע ווילע אויפגעשלאָגן פון די נאַסע טיכער צוזאַמען מיטן געשטאַנק און טשאַד פון די געז־אייזנס. אַנטקעגן איז געווען דאָס בית הכסא וואָס איז כמעט אַלע מאָל געווען אָפן. מען האָט די טיר נישט געקענט צומאַכן. די לופט וואָס די פּרעסער האָבן אַ גאַנצן טאָג אַריינגעאָטעמט איז נישט געווען קיין זייער אָנגענעמע... און דאָס בילד וואָס דאָס אויג האָט אויפגעכאַפּט איז געווען ניט זייער עסטעטיש...

דער שאַפּ האָט באַלאַנגט צו צוויי אָרעמע קאָנטראַקטאָרס. זיי האָבן נישט נאָר באַדאַרפט זאָרגן צו קריגן אַרבעט, נאָר אויך גאַנץ אָפט האָבן זיי באַדאַרפט אַרומלויפן ערגעץ כאַפּן עטלעכע דאָלאַר, ווייל עס האָט זיי אויסגעפעלט צו דער „פּעידע״ פאַר די אַרבעטער. איז דער דאָזיקער שאַפּ מסתמא נישט געווען ערגער פון אַנדערע „סוועט שעפּער״ וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין אַזאַ גרויסע צאָל אין ניו יאָרק. דער שאַפּ האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט איין מעלה, וואָס איז אין דער זעלבער צייט געווען אויך אַ חסרון.

די מעלה איז געווען, וואָס דער שאַפּ האָט זיך געפונען אויף דער זעקס און צוואַנציקער סטריט, צווישן בראָדוויי און זעקסטע עוועניו. אין פאַרגלייך מיט קאַנאַל אָדער גרין סטריט, איז דאָס בפירוש געווען אַ גאַנץ פיינע נאָכבאַרשאַפט און מ׳האָט געקענט מיט שטאָלץ זאָגן:

— איך אַרבעט אַפּטאַון!...

דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס פונקט אַנטקעגן דעם שאַפּ איז געשטאַנען אַ הויכע מאָדערנע געביידע אין וועלכע עס האָט זיך געפונען „בעלערס״ שאַפּ. אַ שאַפּ וואו עס איז געווען אַ כבוד צו אַרבעטן.

בעלערס קליידער זיינען געווען פון די בעסטע, וואָס זיינען דאַמאָלט געמאַכט געוואָרן אין ניו יאָרק. מ׳פלעגט מיט דרך ארץ אַרויפקוקן צו די אַרבעטער פון יענעם באַרימטן שאַפּ, ווייל מ׳האָט געוואוסט אַז בלויז די סאַמע בעסטע בעל מלאכות אַרבעטן דאָרט. זיי האָבן זיך טאַקע געהאַלטן ווי די יחסנים פונעם „טרייד״.

צו זאָגן „איך אַרבעט אין בעלער׳ס שאַפּ״, איז געווען אַ שטאָלץ, און אויך אַ פּריווילעגיע... אַראָפּגייענדיק פאַרנאַכט, בעת די אַרבעטער פון בעלער׳ס שאַפּ זיינען אַרויסגעקומען ריינע, און שטאָלצע פון זייער שיינע געביידע, פלעגן די בעל מלאכות פון אונדזער שאַפּ זיך פילן געפאַלן... ווי איינער וואָלט זיי אַ זאָג טאָן:

— אויך מיר בעל מלאכות! אויך מיר קליידער!

נישט איין „אָפּערייטאָר״, שניידער אָדער פּרעסער, האָט אַ שטילן זיפץ געטאָן פאַר וואָס ער האָט נישט די זכיה צו אַרבעטן ביי בעלערן אין שאַפּ.

אייניקע פלעגן זיך טרייסטן — אַז ס׳איז געזינטער פאַר׳ן האַרצן צו אַרבעטן ביי די ביליקע „לאָפּענס״, איידער דאָרטן, וואו מ׳דאַרף זיך אַרויסנעמען די אויגן ביי יעדן שטאָך.

— טאַקע. איך בין זיי ניט מקנא. ווער האָט עס געדולד צו אַרבעטן ביי אַזאַ פּאַרטיקולער אַרבעט? האָט זיך אָפּגערופן אַ שניידער.

— גלויבט מיר, האָט זיך אַריינגעמישט אַן אַלטער בעל מלאכה — אַז

איך האָב אין דער היים געניית בעסערע אַרבעט. געניית פאַר די גרעסטע פּריצים...

— דאָס זאָגן זיי נאָר אַזוי, האָט זיך אברהם אָפּגערופן אין דער שטיל. אַז מ׳קען, איז גוטע אַרבעט אַ פאַרגעניגן. דאָרט אַז מ׳פּרעסט אונטער דריי גאַרמענטס ביז דינערטיים איז גענוג, און ס׳איז גרינגער ווי צו פּרעסן צוואַנציק אָדער דרייסיק. נישט אַזוי? — און דער שאַפּ אַליין דאָרט איז אויך בעסער, נישט קיין פייער־פּאַסטקע.

— ס׳איז בעסער, האָב איך געענטפערט, כדי מיט אים איינצושטימען. ווייל אברהם האָט שוין געאַרבעט אין פאַרשיידענע שעפּער, און גע־פּרעסט אַלערליי קליידער און ער ווייסט מסתמא וואָס ער רעדט.

איך אַליין האָב וועגן דעם קיין מיינונג ניט געקענט געבן — ווייל עס איז געווען מיין ערשטער שאַפּ אין ניו יאָרק, און דעם ערשטן מאָל וואָס איך אַרבעט ביי קלאָוקס און דערפאַר נישט געוואוסט דעם חילוק צווישן גוטע און שלעכטע אַרבעט. אויסער דעם בין איך נאָך ניט געווען קיין בעל מלאכה. כ׳בין דערווייל געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג און געפּרעסט נאָך ניט צוזאַמענגעלייגטע טיילן פון מאַנטלען און געפּנט „סימס״.

קענענדיק פון פריער פּרעסן הויזן, איז מיר די אַרבעט ביי קלאָוקס נישט געווען אין גאַנצן פרעמד. איך האָב עס געמאַכט גוט. — בטבע בין איך געווען שנעל, און אברהם האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אויף אַזאַ מין אופן, אַז נישט די באַלעבאַטים און נישט די איבעריקע פּרעסער האָבן גע־וואוסט אַז איך לערן זיך ערשט די אַרבעט, האָב איך טאַקע באַלד גע־קראָגן באַצאָלט די פולע „יוניאָן סקייל״, נאָך איידער כ׳האָב אַרויסגעקריגן דעם יוניאָן ביכל.

עס איז געווען אין סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די בלוטיקע שלאַכט פעלדער אין אייראָפּע, האָבן אַהערצו געבראַכט אַ שטראָם פון שפע. עס איז אומעטום געווען „ביזי״. מ׳האָט געאַרבעט „אָווערטיים״. דער עולם האָט גוט פאַרדינט, און אָנגעהויבן לעבן בעסער. אַברהם און הינדע זיינען ממש געווען גליקלעך. ווען כ׳האָב נאָך דער דריטער וואָך אָנ־געהויבן אַ היים צו קומען מיט פינף און דרייסיק און פערציק דאָלאַר „פעידע״, און איך האָב זיך ביי זיי קוים איינגעבעטן אַז זיי זאָלן ביי מיר נעמען כאָטש נאָך איין דאָלאַר מער אויף דער וואָך. פריער האָב איך גע־צאָלט פיר דאָלאַר. און כאָטש הינדע האָט מיר פאַרזיכערט אַז ס׳איז גענוג און זי דערלייגט ניט צו מיר, האָב איך אָבער געוואוסט אַז ס׳האָט די ווערט מער. ווייל זי האָט געקאָכט זייער גוטע און געשמאַקע עסנס. איך וואָלט אַפילו געצאָלט זעקס דאָלאַר אַ וואָך. כ׳האָב פון מיינע פאַרדינסטן סיי־ווי־

סיי קיין גרויסן תכלית נישט געמאַכט. כ'האָב זיך געהאַלטן אין איין קויפן נייע מלבושים. אויך זיידענע העמדער, וואָס זיינען דאַמאָלט שטאַרק געווען אין דער מאָדע. בין אָפטער געגאַנגען צו אַן אָפּערע, צו אַ קאָנצערט, אַ צוויי מאָל דורך דער וואָך אין יידישן טעאַטער. כ'האָב זיך אויך געלאָזט קאָסטן, און צוויי אָוונטן זיך געלערנט ענגליש. דאָס לערן־פּלאַץ איז געווען אין דער „פאָרווערטס" געביידע. און דער לערער איז געווען גענאָסע זאַ־מעטקין. כאָטש כ'האָב געקענט דאָס זעלבע לערנען אין דער שטאָטישער נאַכט־שול אומזיסט. אַרום און אַרום, אויסער דאָס עגמת־נפש וואָס כ'האָב צוליב דער מלחמה נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער היים און נישט געקענט שיקן דעם טאַטן עטלעכע דאָלאַר, איז דאַכט זיך אַלעס גע־ווען פיין. געווען אָפּילו מאָמענטן, ווען כהאָב געטראַכט אַז ס'איז מיר זייער גוט. איך האָב אַלע אורזאַכן צו זיין צופרידן. סיי מיט זיך אַליין און סיי מיט די מענטשן מיט וועלכע כ'האָב זיך אָפּט באַגעגנט.

2

אָבער וואָס ווייטער און טיפער איך האָב זיך איינגעלעבט מיטן שאָפּ און די אַרבעטער, מיט דער היים וואו איך האָב געוואוינט און מיט די פאַרוויילונגען אין דער שטאָט, אַלץ זעלטענער האָבן די גליקלעכע מאָמענטן אָנגעהויבן צו קומען. דער אינטערעס צו אַלצדינג איז ביי מיר געוואָרן שוואַכער. דאָס לעבן — ערדישער. איך האָב כסדר געהאַט דאָס געפיל אַז עפּעס שטערט מיר צו זיין גליקלעך.

כ'האָב זיך געקענט פאַרגלייכן צו אַ הויפּט כאַראַקטער פון אַ בוך, ווע־מען דער שרייבער שילדערט אין סאַמע ערשטן קאַפּיטל און ער לאָזט אים אין משך פון יאָרן דורכלעבן אַלערליי פּאַסירונגען, פאַרפּלאָנטערט אים אין אַ נעץ פון סיטואַציעס, ביז זאַכן און האַנדלונגען דערגרייכן דעם קלימאַקס. און אַלץ מוז קומען צו אַן ענדע. דאָס לאָזט אין לעזערס האַרץ אַ בענקשאַפט, סיי צום העלד פון דער מעשה, סיי צו די איבעריקע אויס־געטראַכטע פאַרשוינען מיט וועלכע מ'האָט זיך אַזוי נאָענט באַקענט.

עס האָט מיר באַנג געטאָן פאַר וואָס איך ווער מער ניט באַגייסטערט. קיין זאַך האָב איך ניט גענומען צו ערנסט. צווייפל האָט זיך פאַרקליבן אין מיין האַרץ. כ'בין געווען ניט אַנטשלאָסן, כאַראַקטערלאָז, אָן פּלענער און אָן אַ ציל.

מיך האָט געמאַטערט פראַגן; איז דאָ אַ פרייער ווילן ביי מענטשן? איז דער מענטש בכלל אַ באַלעבאָס איבער זיך אַליין? איז זיין האַנדלונג אַ שטויס פון אַ געהיימער האַנט? כ'האָב זיך אין דער וועלט־שטאָט אַרומגע־

טראָגן ווי אַ שטויבעלע אין דער לופט, און נישט געהאַט קיין שום דעה איבער זיך. אָבער מער פון אַלץ האָט מיך געמאַטערט אַ מינדוויכטיקער געפיל. עפּעס האָט מיך עמעצער אַלע מאָל געשטערט. עפּעס האָט מיך צוריקגעהאַלטן פון פּאָדערן, פרעגן, און פון עפּעס זאָגן. — ווי איך וואָלט מורא געהאַט אַז איך וועל זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ נאַריש וואָרט.

איך האָב זיך צוריקגעהלטן צו קומען צווישן מענטשן. איך האָב אָנגעהויבן אויסצומיידן געזעלשאַפט. כ׳האָב זיך געפילט אַ סך בעסער און זיכערער ווען כ׳בין געווען מיט זיך אַליין. עפּעס איז געשטאַנען מיר אין וועג איך זאָל קומען צום אויסדרוק. עמעצער האָט מיר אונטערגעזאָגט נישט צו פּרואוון אַפילו, ווייל, ווי קומסטו צו דעם, אָדער יענעם?

ווען כ׳פלעג זיך אַליין אַנאַליזירן און לאָגיש באַטראַכטן, האָב איך געוואוסט און פאַרשטאַנען אַז איך איבערשאַץ יענעם און אונטערשאַץ זיך אַליין. און אַ ווײַלע דערפילט אַביסל אויפגעהייטערט... אָבער עס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין דער אָנוועזנהייט פון מענטשן בין איך געווען דער שטילער באָאָבאַכטער, דער זייטיקער צושויער, דער פרעמדער וואָס קען זיך ניט אויסמישן מיט קיינעם. דער פאַרלוירענער — וואָס קען זיך ניט אַריינכאַפּן אין קיין שום חברותא.

אַפילו צווישן די אייגענע לאַנדסלייט, וואו מ׳האָט מיך אַלע מאָל אויפגענומען ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט, און אויך אין דער „סאָסייעטי״, האָב איך מיר נישט געפילט באַקוועם. און אַפילו אין דער „יוניאָן״, די „אינטערנעשיאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן״, מיין לאָקאַל פינף און דרייסיק, וואָס האָט מיך אַריינגענומען אַלס מיטגליד אין דער גרויסער אַרבעטער משפחה, און האָט אַזוי פיל געטאָן צו פאַרבעסערן מיין עקאָנאָמישע לאַגע, אַפילו דאָ האָב איך זיך אויך געפילט פרעמד.

איך האָב זיך מיט דער צייט אויסגעלערנט ווי צו לעבן אין מיין אָפּגעזונדערטקייט, און זיך צייטנווייז אויפגעהערט צו באַטראַכטן אַלס אַ דורכפאַל. אין מיין אַליין זיין האָב איך צייט געהאַט צו זען, לערנען און באַטראַכטן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, סיי פון דער גוטער, סיי פון דער שלעכטער זייט. כ׳האָב געזען צעריסנקייט און אַנטוישונג צווישן די, וואָס זיינען ערשט געווען גוטע ברידער, חברים און גענאָסן. וואָס הייסער די פריינטשאַפט — אַלץ טיפער איז שפּעטער געווען די שנאה; וואָס נענטער מ׳איז פריער געשטאַנען, אַלץ ווייטער איז מען זיך דערנאָך צעגאַנגען.

כ׳האָב אויסגעפונען אַז געפילן און באַציאונגען קענען פּלוצים אַ שפּרונג טאָן פון איין עקסטרעם צום צווייטן... כ׳האָב איינגעזען אַז מענטשן און אידעען ווערן דורך אומשטענדן געענדערט. עס האָט זיך,

דעריבער, אין מיר געשאַפן גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו מענטשן און זאַכן: כ׳האָב אויסגעפינען, אַז כ׳האָב, נאָכאַלעמען, גאָר ניט אָנגעוואוירן. אויב כ׳האָב פריער נישט געהאַט קיין פאַרגעניגן פון געוויסע זאַכן, האָב איך אָבער שפּעטער אויך ניט געהאַט קיין צרות און קיין פאַרדרוסן...

כ׳בין אין אָנפאַנג נישט באַגייסטערט געוואָרן, האָב איך דעריבער שפּעטער ניט געהאַט קיין אַנטוישונג. כ׳האָב, הייסט עס, גאָרניט געוואונען און גאָר ניט פאַרלוירן...

אַלץ האָט געשטימט. איך האָב דערווייל שלום געמאַכט מיט די אומשטענדן, און זיך איינגערעדט, אַז איך קען שטיין אַליין, און לעבן איינגעשלאָסן מיט מיינע אייגענע טראַכטענישן. די געפילן אָבער און דאָס האַרץ האָבן צייטנווייז פּראָטעסטירט און געליטן. און איך בין מקנא געווען מענטשן וואָס קענען רעדן פאַר אַן עולם. מענטשן וואָס שעמען זיך ניט, מענטשן וואָס האָבן טאַלאַנט און זיינען באַרימט. איך האָב אויך דאַמאָלט מקנא געווען מענטשן וואָס קענען זיך אַרויפאַרבעטן אויף אַ גוטער שטעלע.

איצט, שרייבנדיק מיינע זכרונות, ווען איך בין שוין אינגאַנצן אויסגעהיילט פון וועלכן עס איז קנאה־געפיל, דערמאָנט זיך מיר, אַז מיינע טרויעריקע געדאַנקען זיינען ניט אַלע מאָל געקומען צוליב שלעכטע אומשטענדן. געווען אַפילו צייטן, ווען איך האָב געהאָלפן ראַמען דעם שניי פון די ניו יאָרקער גאַסן פאַר אַ האַלבן דאָלאַר אַ שעה און ניט געוואוסט וואו כ׳וועל נעמען צו באַצאָלן דעם חודש דירה געלט. אָבער איך געדענק ניט אַז דאָס גופא זאָל מיך גייסטיק דערשלאָגן. עס איז אין מיר ניט געווען די מורא פאַר׳ן דלות. אין די ביטערע טעג פון דחקות, האָב איך פונדעסטוועגן געקענט האַרציק לאַכן און הנאָה האָבן. פון וואָס? — פון פאַרשיידענע קלייניקייטן, ווי, למשל, פון אַ קינדס אַ חכמה׳לע, פון אַ פּאָר שיכעלעך וואָס איך האָב באַוויזן צו קויפן, כאָטש איך האָב קוים געהאַט דאָס ביסל געלט פאַר זיי. אָדער אַ שפּילצייג פאַר עטלעכע סענט. איך האָב הנאָה געהאַט פון אַ פאַרשפּרעכן צו קריגן אַרבעט, פון אַ האַרציקן געשפּרעך וואָס כ׳האָב מיט עמיצן געהאַט, אָדער פון אַ גוטן וויץ.

דאַגעגן, געדענק איך פילע טעג ווען כ׳בין ממש געווען פאַרזונקען אין אַ ים פון מרה שחורה, און געטראַכט אַז איך בין דער גרעסטער לא יוצלח אויף דער וועלט. און דאָס איז געווען אין די יאָרן פון ניינצן צוואַנציק און ניינצן ניין און צוואַנציק, ווען כ׳בין געווען אַ גאַנץ דערפאָלגרייכער געשעפטס מאַן מיט אַ גוטן נאָמען און אַ גרויסן קרעדיט. און די סיילסלייט זיינען געקומען צו מיר מיט חניפה שמייכלען כ׳זאָל זיי געבן אַן „אָרדער״. ווען שפּע האָט געשטראָמט צו מיר דורך טיר און פענצטער, און די פּאָליצעס

אין מיין „דריי־גודס סטאָר", האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון ווערטפולע סחורות, וואָס זיינען יעדן טאָג טייערער געוואָרן, און פאַרגרע־סערט די פּראָפיטן.

איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אין יענע יאָרן, מיט'ן גרויסן באַלאַנס אין דער באַנק, האָבן זיך געפילט בעסער, דערהויבענער און מער זיכערער.

די גוטע יאָרן האָבן אין מיר ניט אויפגעוועקט קיין שום גדלות. דער מינדערוויכטיקער געפיל האָט מיך באַגלייט דורך אַלע יאָרן, און אין אַלערליי צייטן.

צוועלפטער קאַפּיטל

1

עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט פאָרן אין פילאַדעלפיע אויף פסח. און איך וויס נישט צו עס איז געווען די נייגעריקייט צו זען די משפחה, אָדער פשוט דער וואונטש איבערצובייטן אויף־אַ קורצע צייט דעם שטייגער לעבן וואָס ווערט איינגעשטעלט, ווען מ׳וואוינט אין זעלבן צימער, מיט די זעלבע מענטשן, און מ׳אַרבעט אין זעלבן שאָפּ צו וועלכן מ׳פאָרט יעדן פרימאָרגן אין דער זעלבער קאָר און אין דער זעלבער צייט.

און אפשר האָב איך דעם פּלאַן צו פאָרן צו די ברידער אויף יום טוב געמאַכט צוליב אַ באַהאַלטענעם געפיל וואָס איז מיר ניט געווען אינגאַנצן קלאָר.

אָבער איך האָב דעם פּלאַן ניט געקענט דורכפירן. ערשטנס, איז גע־ווען זייער „ביזי" אין שאָפּ, און מ׳האָט געמוזט אַרבעטן ביז דעם לעצטן טאָג פאַר יום־טוב. און צווייטנס, האָבן מיך, סיי אברהם און סיי הינדע ממש געבעטן, איך זאָל נישט אָוועקפאָרן, נאָר בלייבן מיט זיי יום־טוב.

— מיר ווילן אייך האָבן מיט אונדז. מיר ווילן צוזאַמען אין די נייע „רומס", פּראַווען דעם אמת׳ן סדר אַזוי ווי אין דער אַלטער היים, האָט ער אַ זאָג געטאָן כדי מיר אונטערצוגעבן חשק צו בלייבן ביי זיי.

— דאָרט וועלן מיר קענען גרייטן דעם טיש אין פראָנט רום, האָט ס׳ווייב צוגעגעבן.

אברהמ׳ס האָפענונג איז מקוים געוואָרן. צוויי וואָכן נאָך פּורים האָט ער געדונגען פיר צימערן אויפ׳ן דריטן שטאָק אין אַ גרויסע טענעמענט הויז, טאָקע אין דער זעלבער גאַס. די נייע וואוינונג האָט געהאַט אַ גרע־סערע קיך מיט אַ ווייסן סינק און הייסע וואַסער. עס איז דאָ אויך געווען אַ גרויסער וואַש טאָפּ, אין וועלכן מ׳האָט זיך געקענט אויסבאָדן; אַ גרע־סערער שלאָף צימער, וואָס האָט געהאַט גענוג פּלאַץ אי פאַר׳ן „דרעסער", און אי פאַר אַ גרעסער קינדעריש בעטל. אויסער דעם איז אין צווייטן

שלאָף־צימער און אין פראָנט־צימער געווען צוגעבויטע הילצערנע שאַפעס אין די ווינקלען אויף אַריינצוהענגען די קליידער.

הינדע איז אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע, וואָס מ׳קלייבט זיך אַריבער אין נייע פריש־אויסגעפּאַרבטע צימערן און זי וועט נישט דאַרפן דורכגיין דעם שווערן ערב פּסח׳דיקן שייערן און וואַשן אַלע ווינקע־לעך.

זי האָט נאָר בעדאַרפט איבערוואַשן די פּסח׳דיקע כלים, אַרומווישן די מעבל מיט עפּעס אַ גלאַנציקע שמירעכץ, אויסלופטערן ס׳בעט־געוואַנט, פּוצן די פּסח׳דיקע לעפל און גאָפּל, איינפּאַקן אַלץ און אַריבערציען זיך.

דאָס פּאַקן האָט זי געלאָזט פאַר׳ן מאָן. איך האָב אויך אַרויסגעהאָלפן. באַלד ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. הינדע האָט געוואַשן, איך האָב געווישט, און אברהם האָט יעדער שטיקל באַזונדער געוויקלט אין פּאַפּיר און פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט אין די פעסלעך וואָס מ׳האָט געקראָגןביים גראָסערימאַן.

אברהם איז געווען אַזוי באַגײַסטערט — סיי פונעם „מופן" און סיי פון די שיינע וואַרעמע פרילינג טעג, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגע־הויבן דעקלאַמירן אַ פרילינג־ליד פון מאָריס ראָזענפעלד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער מיט זיין פראַכט;
אַלע גראָזן — אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט."

— אָט האָסטו דיר אין מיטן דערינען, האָט זיך הינדע אָפּגערופן מיט אַ שמייכל, גיב אַכטונג ווי דו לייגסט די „דישעס" זיי זאָלן נישט צו־בראָכן ווערן.

— נישט געזאָרגט הינדיטשקע, טו נאָר עקסטראַ אַ קוק ווי איך לייג יעדן טעלער באַזונדער, מיט פּאַפּיר געוויקלט, ס׳וועט קיינמאָל נישט צעבראָכן ווערן, האָט ער געזאָגט מיט דער זיכערקייט פון אַ בריה, אַריינ־בויגנדיק דעם קאָפּ אין פעסל.

— גוט, גוט. איך ווייס אַז דו קענסט. נו, נעם לייג אַריין דעם גרויסן פיש־פּאַלומעסיק און וויקל אים איין אין דעם פאַרטוך, האָט זי אים געגעבן אַ קאָמפּלימענט.

האָט ער זיך נאָך מער צעשמייכלט און פאַרגעזעצט דאָס דעקלאַמירן:

„ווידער בליט עס אויף די פעלדער
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל;
ווידער גרינט עס אין די וועלדער
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל".

איך האָב מיין רייזע קיין פילאַדעלפיע פריער געטראַכט אָפּצולייגן אויף נאָך פסח, ווען דער אָפּיציעלער „סלעק סיזאָן" הייבט זיך אָן, און ווען אַרבעטער פּרובירן טרעפן ווען דער ווינטער סעזאָן ווערט זיך אָנ־פאַנגען. אייניקע זיינען געווען מיט דער מיינונג אַז נאָכ'ן ערשטן יוני וועט זיך שוין ווייזן אַרבעט. און אַנדערע האָבן געמיינט אַז נישט פריער ווי נאָכ'ן פערטן יולי.

סיי ווי סיי האָב איך געהאַט גענוג צייט זיך ניט צו איילן, און איך וועל קענען פאַרברענגען אין פילאַדעלפיע ווי לאַנג מיר וועט זיך ווילן.

און כדי צו פאַרזיכערן אברהמען און הינדען אַז איך וועל קומען צו־ריק, האָב איך כמעט אַלע מיינע זאַכן געלאָזט הענגען אין שאַפע און האָב איך ממש געצוואונגען אברהמ'ען ער זאָל ביי מיר נעמען פופצן דאָלאַר פאַר די קומענדיקע צוויי חדשים דירה געלט.

פונעם סעזאָן אַרבעט איז מיר, טראָץ מיין אויסגעבן געלט אויף נויטיקע און נישט נויטיקע זאַכן, פאַרבליבן הונדערט און דרייסיק דאָ־לאַר. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ גרוי־סע סומע געלט אין מיין קעשענע. אויך דאָס געפיל אַז איך האָב אין ניו יאָרק אַ דזשאַב וואָס קיינער וועט ביי מיר ניט צונעמען. און איך האָב אַ יוניאָן־ביכל אין מיין בוזעם קעשענע, און אַ היים אַרומגע־רינגלט פון פיינע אַנשטענדיקע מענטשן, דאָס אַלץ האָט אין מיר געשאַפן אַ גוטע שטימונג און אַ געפיל פון זיכערקייט. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון דער באַן און הנאה געהאַט פון די פעלדער און וועלדער וואָס זיינען געווען באַגאָסן מיט וואַרעמער ליכטיקייט און זיך אָוועקגעלאָזט אויף די פליגל פון מיין פאַנטאַזיע. איך האָב געטראַכט פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער צוקונפט.

עס האָט מיך נישט אויפגערעגט קיין שום זאַך. און ווידער בין איך געווען ווייט פון צו זיין אינגאַנצן צופרידן מיט זיך. שיינע בילדער האָבן זיך אין מוח געמאָלן. איך האָב זיך אויך אין געדאַנק אויף קיין זאַך ניט באַקלאָגט מער. איך בין געווען פולשטענדיק אין אַ פאַרגליווערט רואיקן צושטאַנד.

אַפילו דאָס וואָס דער ברודער איז מיך באַפאַלן מיט טענות אלמאי כ'האָב פון זיך אַזאַ לאַנגע צייט פון זיך נישט געלאָזט הערן, האָט מיך אויך נישט אַרויסגענומען פון מיין רואיקן צושטאַנד.

— וואָס איז דער מער? האָט ער געפרעגט. מ׳האָט דיך דאָ שלעכט באַהאַנדלט? פאַר וואָס האָסטו ניט געשריבן שוין ניין חדשים? דאַכט זיך אַז דו האָסט נישט געהאַט קיין שום אורזאַכע צו זיין אויף אונדז ברוגז.

—כ׳האָב זיך עטלעכע מאָל נאָכגעפרעגט ביי דער שוועסטער אין ניו־יאָרק, האָט זי געענטפערט אַז דו האָסט אַרויסגעמופּט פון איר באַלד ווי דו ביסט געקומען. און מער האָט זי פון דיר נישט געהערט. אַזוי האַנדלט אַ מענטש? — האָט ער ווידער גע׳טענה׳ט. איך האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זיין ווייבס שוועסטער וואָס איז געזעסן אויף איר שטענ־דיקן אָרט ביים אויוון האָט אויף מיר געקוקט מיט צעעפנטע אויגן, און מיר צוגעשיקט אַ האַלב פאַרגליווערט שמייכעלע.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן צו אַנטשולדיקן זיך פאַר מיין אומגערעכטער האַנדלונג. אָבער איך האָב נישט געפונען פאַר נויטיק צו דערציילן פאַר וואָס כ׳האָב אַרויסגעמופּט פון דער שוועסטער.

— דאָ ליגט פאַר דיר אַ בריוו, שוין ווער ווייסט ווי לאַנג, מ׳האָט דעם בריוו נישט געקענט אַריבערשיקן, ווייל מ׳האָט נישט געהאַט דיין אַדרעס, האָט די שוועגערין זיך אָפּגערופן.

דער בריוו איז געווען פון מישאַ׳ן. און איך האָב זיך ניט געאיילט אים צו עפענען, כדי אויסצומיידן מיין ברודערס נייגעריקע פראַגע פון וועמען עס איז דער בריוו. כ׳האָב אים אַריינגעלייגט אין קעשענע און געהאַט אַ פאַרגעפיל אַז ער מוז מיר שרייבן, אַז עטל איז טאַקע זיין ווייבס פריינדינע, און אויך שיקט ער מיר עטלס אַדרעס.

כ׳בין אַריין אין צווייטן צימער און אויפגעריסן דעם קאָנווערט, און איידער כ׳האָב אָנגעהויבן לעזן, האָב איך אומגעדולדיק אַ קוק געטאָן אויפ׳ן אונטערגעצייכנטן נאָמען.

מישאַ האָט מיר געשריבן אַז ער האָט פאַר מיר איבערראַשנדיקע נייעס, איך זאָל באַלד, ווי איך וועל קריגן דעם בריוו, צוקומען אים זען. ער האָט זיך אויך אַנטשולדיקט פאַר ניט שרייבן צו מיר ביז איצט, און געהאַט צו מיר טענות, אַלמאַי איך האָב אים נישט געשריבן, און זיך ניט געוויזן די גאַנצע צייט וואָס מיר זייגען אין אַמעריקע.

דער אַדרעס זיינער איז געווען דער זעלבער וואָס ער האָט מיר גע־געבן אין באַלטימאָר. איך האָב זיך געוואונטשן, אַז ער זאָל ניט האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון זיין דירה אין די זעקס חדשים צייט וואָס דער בריוו איז געלעגן און געוואַרט אויף מיר.

כ׳האָב שוין חשק געהאַט צו לויפן. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין גע־ווען נאָך אַכט אַ זייגער אין אָוונט, און ער האָט געוואוינט אין אַ ווייטן

טייל פון שטאָט, און עס דאַרף נעמען אַריבער אַ שעה דאָס פאָרן מיט דער קאַר, האָב איך עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגן. און געווען דווקא צופרידן וואָס כ'האָב נאָך כמעט פיר און צוואַנציק שעה, צו קלערן פון דער גאַנצער געשיכטע. פאַרשן מיינע געפילן, זיך צוהערן צו מיין האַרצן, פלאַנעווען ווי צו האַנדלען און וואָס צו רעדן.

דערנאָך האָב איך זיך גענומען פרעגן — בין איך איצט אַנדערש ווי אַמאָל? כ'מיין, ווי אין דער צייט ווען עטל האָט מיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין ברעמען? ווי האָט זי מיך דאַמאָלט פאַרשטאַנען און ווי וועט זי מיך איצט פאַרשטיין? האָט אַמעריקע מיט איר קולטור און נייעם שטייגער לעבן, געהאַט אויף מיר עפּעס אַן איינפלוס? וועל איך פאַר איר אויסקוקן פאַרגעשריטענער? אינטעליגענטער?

אויסער די שיינע מלבושים וואָס איך טראָג און דאָס ביסל ענגליש וואָס כ'האָב זיך אויסגעלערנט, בין איך דאָכט זיך דער זעלבער קליין־שטעטלדיקער בחור... אמת, כ'האָב שוין געהאַט געלייענט גוטע יידישע ביכער, געקענט אָנרופן נעמען פון שרייבער, געוואוסט אַ ביסל פון „יו־ניאָנס" און אָרגאַניזאַציעס, געהערט עטוואָס פון פּאָליטיק, געוואוסט בקיצור דעם אונטערשייד פון רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן, אויך אַ קליין ביסעלע פון סאָציאַליזם. — אָבער איך האָב מורא, אַז אַלצדינג צוזאַמען, איז נאָך ניט גענוג אַריינצולאָזן זיך אין אַ געשפּרעך, אָדער דע־באַטירן איבער דער אָדער יענער פראַגע... ווייל אויב זי האָט דאַמאָלט געוואוסט אַזוי פיל מער פון מיר, האָט זי דאָך אין דער צייט אויך עפּעס גייסטיק געוואַקסן אינעם פרייען לאַנד, און איך וועל אַלץ זיין מיילן ווייט הינטער איר.

און אפשר איבערטרייב איך די גאַנצע זאַך? און עס קען אויך זיין, אַז ווייל כ'בין געווען הינטערשטעליק און גייסטיק הונגעריק, האָב איך אָנגעיאָגט דאָס פאַרלאָרענע ווי אַן איינגעשלאָפענער, צוריקגעשטאַנענער תלמיד וואָס כאַפּט זיך פלוצים אויף און ווערט אַ מתמיד און יאָגט אָן די תלמידים וואָס זיינען געווען אַזוי ווייט פאָרויס?... אפשר איבערשאַץ איך גאָר אירע גייסטיקע פיאיקייטן?

און אויב אפילו נישט, ס'הייסט אַז זי איז טאַקע אַזוי אינטעליגענט און באַלעזן ווי איך מיין אַז זי איז, און דאָך האָט זי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פריינטשאַפט און אינטערעס צו מיר ביי דער ערשטער באַגעגעניש — פאַר וואָס ניט איצט? — כ'בין דאָך אויף צוריק זיכער ניט געגאַנגען! עפּעס האָב איך דאָך געלערנט אין דער צייט אין אַמעריקע. אַנדערע מייד־לעך, צווישן זיי אפילו אַמעריקאַנער געבוירענע, טראַכטן דאָך אַנדערש פון מיר.

מישאַ איז געווען אַנגענעם איבערראַשט, ווען ער האָט מיך דער־זען. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די מענטשן אין הויז און מיך אַריינ־געפירט אין אַן אַנדער צימער.

— פאַרוואָס האָט מען פון אייך ניט געהערט? כ׳האָב דאָך אייך שוין לאַנג געשריבן. האָט ער געפרעגט מיר אַנווייזנדיק אַ שטול צום זיצן.

— ווייל כ׳בין געווען אין ניו יאָרק און ערשט נעכטן, ווען כ׳בין גע־קומען, האָט מען מיר דערלאַנגט אייער בריוו.

— אין ניו יאָרק, גאָר?

— כבין געפאָרן לעצטן זומער זיך זען מיט מיין שוועסטער און זיך דערווייל דאָרט אָפּגעשטעלט.

— איר רעכנט צוריקצופאָרן?

— יאָ, אָבער ניט אַזוי שנעל.

ער האָט געוואָלט וויסן ווי עס לעבט זיך אין דער ריזיקער שטאָט, ווי זיינען די אויסזיכטן צו מאַכן אַ לעבן, ווי פאַרברענגט מען דאָרט, ווי לעבט מען זיך אויס, און אַזוי ווייטער.

כ׳האָב אים בקיצור געענטפערט אויף אַלע פראַגן, און צוגעגעבן אַז פילאַדעלפיע איז אויך אַ נישקשה׳דיק „שטעטל״.

— ווי איך פאַרשטיי — קען זיך ניט יעדער איינער אַריינפּאַסן אינעם ניו יאָרקער קאָכיקן לעבן. מיינער אַ פריינט איז צוריקגעקומען, ווייל דאָרט איז טומלדיק, פול מיט יאָגעניש און אימפּעט.

— אין אַ געוויסן זין יאָ, האָב איך אים געענטפערט. אָבער סיי־ווי־סיי, איז ניו יאָרק אַ זייער אינטערעסאַנטע שטאָט, און יעדער איי־נער קען זיך געפינען זיין ווינקל, און זיין קלאַס מענטשן, מיט וועלכע ער קען זיך גייסטיק אויסלעבן, האָב איך געזאָגט אין אַ טאָן — ווי איך וואָלט וועלן ענדיקן דעם געשפרעך...

— כ׳האָב פאַר אייך גוטע נייעס, האָט ער זיך פּלוצים אָפּגערופן אַ צופרידענער.

— כ׳שטויס מיך אָן.

— כ׳וויל אייך זאָגן אַז עטל וואוינט נישט ווייט פון דאַנען. מיר קענען באַלד צוגיין אַהין.

מישאָ האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע בליקן, ווי ער וואָלט וועלן פון מיין פנים אַראָפּלייענען דעם איינדרוק וואָס זיינע ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט.

איך האָב אים איבערגעשלאָגן מיט אַ פראַגע:

— ווי אַזוי האָט איר אַלץ אויסגעפונען?

— עס איז געווען ווי איך האָב גערעכנט. אינעם צווייטן בריוו האָט

מיר מיין פרוי געלאָזט וויסן אַז זי האָט געהאַט אַ פריינדין מיט׳ן נאָמען עטל. און ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן דורכשרייבן מיט איר, האָט זי מיר צוגעשיקט עטל׳ס אַדרעס. איצט, זאָגט אַליין, איז עס נישט אַן אויסער־געוויינטלעכער צופאַל? האָט מישאַ אַ פרעג געטאָן אַ גליקלעכער.

— באמת, אַ וואונדערבאַרער צופאַל, אַזוי ווי אין די אויסגעטראַכטע ראָמאַנען, האָב איך שטיל צוגעשטימט, נישט אַרויסווייזנדיק קיין צו פיל באַגייסטערונג.

— האָט איר ביי עטלען געפרעגט, צי איר זאָלט מיר לאָזן וויסן אַז איר האָט זי אויפגעזוכט?

— געוויס. זי האָט מיך געהייסן צו אייך שרייבן און זי וועט זיין זייער צופרידן אייך צו זען.

— וואָס טוט זי דאָ? ביי וואָס אַרבעט זי? ווי פילט זי זיך דאָ אין לאַנד? בענקט זי נישט אַ היים?

כ׳האָב די עטלעכע פראַגן געשטעלט איינע נאָך דער אַנדערע, ווי איך וואָלט אַלץ וועלן וויסן איידער איך גיי זי זען.

עס איז מיר אויך געלעגן אויף דער צונג די פראַגע, אויב זי האָט שוין אַ חתן.

כ׳האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן און געטראַכט, אַז ס׳איז קליגער נישט צו פרעגן די דאָזיקע פראַגע.

— זי אַרבעט ביי מענער העמדער, האָט מישאַ געענטפערט. איך מיין, אַז זי פאַרדינט ניט שלעכט און זי איז, ווי מ׳זאָגט, אַלרייט אין אַמעריקע, — און דאָס איבעריקע וועט זי אייך אַליין דערציילן.

— ווען רעכנט איר אַהער צו ברענגען אייער פרוי?

— כ׳ווייס אַליין נישט. אפשר דעם זומער, אָדער שפּעטער אַביסל. איך פאַרדין נאָך דערווייל ניט גענוג. אויסער דעם רעדט מען גאָר וועגן אַ מעגלעכן סטרייק אין מיין „טרייד״. ס׳קען זיין אַז ס׳איז בלויז גערעדט...

— ביי וואָס אַרבעט איר?

— כ׳האָב שוין געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות. אָבער אָן דער־פאָלג. איצט לערן איך זיך צו זיין אַן ׳אָפּערייטאָר ביי קלאָוקס״.

— נישט קיין שלעכטער „טרייד״, האָב איך באַמערקט. נאָר איין חסרון וואָס ביי קלאָוקס״ זיינען זייער קורצע סעזאָנען.

— ס׳ווענדט זיך אין וועלכן שאָפּ — האָט מישאַ געענטפערט. פאַ־ראַן שעפּער אין וועלכע מ׳אַרבעט אָפּ אַ סעזאָן פון זעכצן און אַכצן וואָכן.

כ׳האָב עטלעכע באַקאַנטע אינעם טרייד וואָס מאַכן אַ שיין לעבן.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר דער פאַקט, וואָס מישאַ האָט שוין גע־

אַרבעט ביי פֿאַרשיידענע מלאכות און ערשט איצט לערנט ער זיך צו זיין אַן „אָפּערייטאָר ביי קלאָוקס״, האָט מיר הנאה געטאָן.

— ס׳הייסט, אַז איך בין ניט דער איינציקער וואָס האָט זיך נאָך ניט אַרויפֿגעאַרבעט אין אַמעריקע.

— און ווי גייט עס אייך? — האָט מישאַ געוואָלט וויסן.

— כ׳קען אייך ענטפֿערן דאָס זעלבע. שוין אַלץ געטאָן, און ביי וואָס כ׳וועל זיך אָפּשטעלן ווייס איך נישט.

2

— קומט, לאָמיר גיין. עס ווערט שפּעט. — האָט מישאַ אַ זאָג געטאָן, זיך אויפֿהייבנדיק פֿונעם בענקל.

מיר זיינען געגאַנגען איבער שוואַך־באַלויכטענע שמאָלע גאַסן, און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ דריי שטאָקיק הויז מיט לאַנגע שמאָלע פֿענצטער און עטלעכע ווייסע טרעפּלעך. פֿון זיכערקייט וועגן האָט זיך מישאַ גענומען איינקוקן אין די נומערן פֿופֿצן אכצן, וואָס האָבן גאָלדיק אַראָפּגעשיינט פֿון דער גלעזערנער טיר. דאָס איז דער נומער וואָס איך האָב באַמערקט אויפֿן אַדרעס וואָס עטל האָט מיר געגעבן אויפֿ׳ן שיף, איידער מיר האָבן זיך צעשיידט... און דער נומער פֿון מיין ברודערס הויז איז פֿופֿצן זיבעצן. איך האָב דאַמאָלט געמיינט אַז ס׳איז אַ טיר לעבן אַ טיר. און איך האָב איר פֿאַרזיכערט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך זי קומען זען... אָבער אַנשטאָט אַ פּאָר טעג איז שוין מער ווי צוויי יאָר אַוועק. אין דער צייט שוין אַ סך דורכגעמאַכט... אַפֿילו אַ ליבע מיט אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי...

לוסי. אַ וואונדער וואָס זי טוט איצט? ווי פֿילט זי? וואָס טראַכט זי? בענקט זי נאָך מיר? ווער קען וויסן? — אָט ווייס איך אַפֿילו נישט צי איך בענק נאָך איר. אפשר יאָ און אפשר ניט.

דאָס גלעקל האָט דריי מאָל געקלונגען איידער עמיצער האָט פֿאַר אונדז געעפֿנט די טיר. מיר זיינען מיט די הילצערנע טרעפּן, וואָס זיינען אין דערמיט געווען פֿאַרדעקט מיט ווייכן קאַרפּעט, אַרויפֿגעקראָכן צוויי שטאָק.

— אָט דאָ וואוינט זי מיט איר שוועסטער, האָט מישאַ אַ זאָג געטאָן אַביסל אַ פֿאַרסאָפּעטער און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

ער איז אַריין דער ערשטער. כ׳האָב זיך דערפֿילט מאָדנע. כ׳בין געווען נערוועז און געשפּאַנט. איך הער מישאַ׳ס קול:

— איך האָב איך געבראַכט אַ גאַסט! און ער האָט אָנגערופן מיין נאָמען.

עטל האָט זיך צו מיר אַ לאָז געטאָן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיט אַ פריילעך הויך קול.

— אַך־! אַ גאַסט! וואָס מאַכט איר? קומט אַריין.

זי האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר איר שוועסטער און שוואָגער.

איר פּנים האָט אויסגעדריקט איבערראַשונג, פרייד און פאַרלוירנ־קייט. כ׳האָב אויף איר געקוקט מיט אַ האַלב געמאַכטן שמייכל, ווי גע־ווינטלעך אַ גאַסט, וואָס וויל אַרויסווייזן צופרידנקייט אויף אַ באַ־שיידענעם אופן... כ׳האָב אין דער ערשטער מינוט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, האָב איך דערווייל באַמערקט, אַז זי איז געוואָרן עטוואָס דינער, אויסגעצויגענער און בלאַסער. דאָס האָט איר שיין געפּאַסט. און באַ־שלאָסן, אַז זי איז פיל חנ׳עוודיקער ווי דאַמאָלט, ווען כ׳האָב זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין ברעמען.

אַ ווײַלע שפּעטער, נאָכדעם, ווי מ׳האָט זיך אַביסל דורכגערעדט, וואָס האָט פאַרטריבן די פרעמדקייט צווישן אונדז, האָט זי מיך און מי־שאַ׳ן אַריינגעפירט אין איר צימער, וואָס האָט אַ שלאַג געטאָן מיט מיידל־שע ריחות און מיט אַ היימישער באַקוועמלעכקייט.

דאָס צימער איז געווען ניט גרויס, מיט איין פענצטער צו דער זייט פון אַ צווייטן הויז. עס איז דאָרט אויסגערן בעטל, וואָס איז געווען ווייס פאַרשפּרייט, אויך געשטאַנען אַ קאָמאָדע מיט שופלאָדן, באַ־שטעלט מיט אַ שאַכטל פּודרע, אַ פלעשל פּאַרפיום, אַ פּאָר ווייסע בערשט־לעך, קעמלעך און אַנדערע קלייניקייטן. אויף אַ קליין טישל זיינען גע־לעגן עטלעכע ביכער, זשורנאַלן, אַ פּאָר צעוואָרפענע צייטונגען, אַ קיי־לעכדיקער וועק־זייגער און אַ קליין שפּיגעלע.

איבער דער האַלבער וואַנט לעבן טיר זיינען געהאַנגען קליידער און מאַנטלען, אַ טייל זיינען געווען איבערגעדעקט מיט אַ ברוינעם טוך צו פאַרהיטן פון שטויב. אויף דער וואַנט אַנטקעגן איז געהאַנגען אַ גרעסע־רער שפּיגל, אַ בילד פון קאַרל מאַרקס און עטלעכע איינגעראַמטע קליינע פאַמיליע־בילדער.

כ׳האָב דאָס אַלץ באַמערקט אין עטלעכע מינוטן. עטל האָט אונדז געבעטן זיצן אויפ׳ן בעט. אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל לעבן טישעלע. זי האָט מיר געהייסן אויסטאָן דאָס רעקל, ווייל עס איז געווען זייער וואַרעם. מישאַ האָט קיין רעקל ניט געטראָגן, ער איז גע־קומען אין אַ ווייס העמד מיט פאַרקאַטשערטע אַרבל. ער איז שוין דאַ וויזט

אויס געווען גאַנץ היימיש. מישאַ האָט גערעדט הויך און אַפילו צוגעלאַכט צו ביסלעך, און איך, ווי געוויינלעך, ווען איינער קומט צום ערשטן מאָל צו גאַסט, בין געזעסן שטיל און זיך ניט געפילט באַקוועם. אפשר ווייל מישאַ האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פון די לעצטע בריוו וואָס ער האָט גע־קראָגן פון זיין ווייבל. וואָס זי שרייבט און פון די מענטשן וואָס זי דער־מאָנט. עטל האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס אינטערעס. זי האָט איבער־געפרעגט. מיר איז אָבער נישט אַנגעגאַנגען דער גאַנצער געשפּרעך זייערער. איך וואָלט בעסער וועלן זיין מיט איר אַליין און פירן מיין איי־גענעם געשפּרעך.

עטל, ווי זי וואָלט אויפגעכאַפּט מיין געדאַנק, האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר מיט דער באַמערקונג:

— איך איז דאָך שוין אַלץ באַקאַנט. מישאַ׳ס פרוי איז געווען און איז פאַרבליבן מיין בעסטע חבר׳טע. און איך קען מיר פשוט ניט אָפּ־וואונדערן פון דעם זעלטענעם צופאַל... — אויב איר האָט ווירקלעך געהאַט אַ וואונטש מיך ווען עס איז צו טרעפן, האָט דאָס קליינע בילד וואָס מישאַ האָט געהאַלטן אין זיין קעשענע, אַ סך אַרויסגעהאָלפן מיר זאָלן זיך טרעפן. איך האָף אַז אייך טוט נישט באַנג, וואָס איר האָט גראַדע זיך באַקענט מיט מישאַ׳ן, האָט זי פאַרענדיקט אַ ביסל קאָקעטיש.

— ניין, עס טוט מיר ניט באַנג. כ׳בין געווען זייער צופרידן, ווען כ׳האָב דערהאַלטן מישאַ׳ס בריוו. איך האָב אויף אים אַרויסגעקוקט די גאַנצע צייט. און לאָמיך אייך עפּעס זאָגן: ווען איך האָב אויף דער שיף אויסגעפונען אַז כ׳האָב ניט אייער אַדרעס, איז דאָך ביי מיר טיף אין האַרצן געווען אַ שטיקל גלויבן, אַז איך וועל אייך נאָך אַ מאָל באַגעגענען, און דערפאַר נישט געהאַט דאָס געפיל פון פולשטענדיקן פאַרלוסט. און איצט גלויב איך, אַז דער צופאַל איז געווען דער רעזולטאַט פון יענעם געפיל.

— אינטערעסאַנט. — אפשר גלויבט איר אין באַשערטקייט?

— כמעט. אין מיין שטעטל האָבן אַלע אין דעם געגלויבט.

דאָס האָט געפירט צו אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך. איך האָב מיך גע־פילט היימישער מיט יעדער מינוט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז בעת איך זאָג עפּעס, שטודירט זי מיך, און ווערט איבערצייגט, אַז זי זעט אין מיר גאָר אַן אַנדער מענטשן, און אַז זי האָט הנאה דערפון.

דאָס האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן און געגעבן אַ געפיל, אַז אונד־זער ערשטע באַגעגעניש אין אַמעריקע איז אַ גוטער.

צום סוף האָט עטל פאַרגעשלאָגן מיר זאָלן נעמען אַ שפּאַציר. מישאַ

האָט, אַזוי שנעל ווי מיר זיינען אַרויס אין גאַס, זיך אַנטשולדיקט און איז געגאַנגען אַ היים.

מיך האָט עטל, ווי דאַמאָלסט אין ברעמען, גענומען אונטערן אָרעם. און מיר זיינען אַוועק צו דעם קליינעם פּאַרקל וואָס איז געווען נישט ווייט.

דרייצנטער קאַפּיטל

1

נאָכ׳ן ערשטן מאָל טרעפן זיך מיט עטלען, און דעם זייער פריינטלעכן געשפּרעך וואָס מיר האָבן געהאַט זיצנדיק אונטער אַ בוים, וואָס האָט מיט אַ שטילן געררויש געוועקט זכרונות און בענקשאַפט, האָב איך באַשלאָסן צו בלייבן אין פילאַדעלפיע און דאָ זוכן אַרבעט.

כ׳האָב געקראָגן אַ דזשאָב אין אַ הויזן־פאַבריק וואָס האָט זיך געפונען אין מאַרקעט סטריט.

אמת, די פאַרדינסטן זיינען געווען קליינע. די אַרבעטער — פּראָסטע. די קנאַפּע שעה „דינער טיים" איז קיינמאָל ניט אַריבער אָן קריגערייען, און דער פאָרמאַן איז געווען אַ בייזער, און ביי דער אַרבעט האָט מען זיך באַדאַרפט יאָגן, און אויב עמיצער האָט אין דערפּרי פאַרשפּעטיקט פופצן מינוט, האָט מען אים אַרונטערגערעכנט פאַר אַ גאַנצער שעה. און נאָך אַנדערע אַזעלכע פיינע שאַפּ־קאָנדיציעס, וואָס האָבן לאָגישערווייז באַדאַרפט מאַכן אַ שווערן איינדרוק אויף אַזאַ גרינעם ווי איך בין געווען. גרין און ניט דיסציפּלינירט צו פאַבריק דיקטאַטור, און דערפאַר כאַפּן די פּיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויפן . . . בין איך גאָר, טראָץ די אַלע זאַכן, געווען כמעט צופרידן, ווי איך וואָלט אויסרעכענען, אַז מ׳מוז צוליידן אַביסל, אויב מ׳וויל זיין אַן אַרבעטער אין אַמעריקע און מאַכן אַ לעבן.

ביי מיר איז אויסגעקומען, אַז אָט די אַלע שטרענגע שאַפּ אײַנפירונגען געגן וועלכע אייניקע האָבן אין דער שטיל פּראָטעסטירט, און געוואַרט מיט האָפענונג אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט קומען די יוניאָן און פאַרבעסערן די לאַגע, זיינען אָבער גאָר ניט אַזוי שרעקלעך אין פאַרגלייך מיט דער שקלאַפעריי וואָס איך האָב דורכגעמאַכט עטלעכע יאָר אין דער אַלטער היים. נישט ווייסנדיק פון שבתים און ימים־טובים — פון אַ טאָג און האַלב רו, און אַפילו נישט פון קיין פערטל שעה ׳דינער טיים" . . .

איך האָב דאָרט שטענדיק געאַרבעט כמעט בחינם, און פון קיין „יוניאָן" וואָס וועט קומען און אויסלייזן און פאַרבעסערן, האָב איך אַפילו נישט געהערט.

איך בין גאָר געווען שטאָלץ צו קומען יעדן טאָג אין אַזאַ גרויסן שאַפּ און הנאה געהאַט צו זיצן ביי דער „ביי־מאַשין", און אַרומשטעפּן די ווייסע קעשענעס.

סיי דער שאַפּ, און סיי די מלאכה האָט געוועקט אין מיר לעבן און חשק צו שרייבן. נאָך דער ערשטער וואָך אַרבעט, מיט די עטלעכע דאָלאַר אין קעשענע וואָס איך האָב פאַרדינט, האָב איך זיך גאָר אָוועקגעזעצט און באַשריבן דעם שאַפּ, מיט די באַלעבאַטים, דעם פאָרמאַן, מיט די אַרבע־טער, די קריגערייען, דעם גערויש פון די מאַשינען און די פאַרשטיקטע לופט.

כ'האָב די אָנגעשריבענע עטלעכע בלעטלעך געבראַכט צום ברודער דעם שוחט. ער האָט זיי געלייענט פאַר דער פאַמיליע און נאָך פאַר אַ פּאָר מענטשן וואָס זיינען דאָרט געזעסן. און אַלע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. כאָטש איך האָב אין מיין שרייבן קיין הומאָר ניט געזען.

עס איז זיי אַלעמען געפעלן. און די קינדער האָבן חשק געהאַט עס איבערצוזעצן אויף ענגליש.

אָבער מיין ברודער האָט געזאָגט אַז ס'וועט ניט טויגן. ווייל איבער־שרייבן אויף ענגליש וועט פאַרלאָרן גיין דער סאַמע עיקר. עס איז גוט ווי עס איז, ווייל עס איז געשריבן פּשוט און נאַאיוו. — ווי וועט איר למשל, איבערזעצן ס'וואָרט „שלים מזל" — ווי ער רופט אָן איינעם אַ גאַליציאַנער שניידער? אָדער, ווי וועט איר אין ענגליש קענען אַרויס־ברענגען דעם אויסדרוק „פאַרשלעפּטע קרענק"? און דעם יידן וואָס איז אין דער היים געווען אַ בדחן, און דאָ זיצט ער אַ גאַנצן טאָג און זאָגט גראַמען אין דער שטיל?

כ'האָב געוואוסט אַז ער פאַרמאָגט עפּעס, האָט מיין ברודער זיך אָפּגערופן נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט. ער וויל אָבער ניט זיין קיין מענטש! האָט אין זינען מיידן. געלט איז ביי אים בלאָטע... סאיז ניט צו שפּעט צו לערנען און ווערן אַ לייט!

ער האָט גערעדט מיט היץ און טיפן אינטערעס און געגעבן עצות. און זיין ערשטע עצה איז געווען, אַז כ'זאָל בלייבן דאָ, און זיין זון דער סטודענט זאָל מיט מיר אָנהויבן לערנען ענגליש. און ער אַליין וועט מיט מיר לערנען העברייאיש.

— אָבער מיט איין באַדינג! האָט ער אויפגעהויבן די האַנט, ווי ער וואָלט מיך סטראַשן. דו מוזט אָוועקוואַרפן די אַלע נאַרישקייטן! דו מוזט אויפהערן צו וואַרפן זיך מיט געלט! אויף כפרות דאַרף מען נייע מלבושים מיט גאָלדערנע זייגערס, טעאַטערס, מיט מיידלעך! און זיי ניט אַזאַ גור־טער און וואַרף זיך ניט מיט מתנות! האַלט אין דעם סענט!

ער האָט נאָך אַמאָל געגומען אַריינקוקן אין די אָנגעשריבענע בלעט־לעך, און ווידער געשמייכלט און אָנגעקוואָלן. ער איז פשוט געוואָרן מייי־נער אַ פאַרהערער.

דער צווייטער וואָס האָט אָפּגעשאַצט מיין שרייבן, איז געווען דער ברודער דזשייק, דער סטאָליער. ער איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן, און געזאָגט, אַז זינט ער לייענט זיין צייטונג, האָט ער נאָך דאָרט קיין בעסערע דערציילונג פון שאַפּ־אַרבעטער ניט געפונען... און מיר אונ־טערגעגעבן חשק אָפּצוגעבן זיך מער מיט שרייבן.

דערפאַר איז אָבער מיין ברודער דער באַלעבאָס געבליבן קאַלט, און אַ זאָג געטאָן:

— נאַרישקייטן! ס׳איז גלאַט געפּלאָפּלט! דו האָסט באַדאַרפט לייי־ענען דעם ראָמאָן אין מיין „פּייפּער״, וואָס ציט זיך שוין אפשר פינף חדשים! ס׳איז שוין איינמאָל אַ ראָמאַן! כ׳קען זיך קוים דערוואַרטן אויף מאָרגן צו לייענען די פאָרטזעצונג.

פאַרשטייט זיך, אַז די מבינות פון די ערשטע צוויי ברידער איז מיר געווען מער צום האַרצן ווי דעם דריטנס. און איך האָב לאַנג נישט גע־טראַכט און זיך גענומען באַשרייבן די גאַנצע געשיכטע פון מיין באַקענען זיך מיט עטל׳ען אויפ׳ן וועג קיין אַמעריקע, ווי מיר האָבן זיך פאַרלוירן, און ווי איך האָב איר דורך אַ צופאַל צוריק געפונען.

כ׳האָב דאָס אַלץ באַשריבן אין דער פאָרמע פון אַ דערציילונג, ווי עס וואָלט טרעפן מיט אַנדערע מענטשן. מיט אַנדערע נעמען. כ׳האָב צו־געטראַכט אַ זייער ראָמאַנטישע סצענע אויף דער שיף אין וועלכע ביידע האָבן זיך דערקלערט אין ליבע.

אָט די עטלעכע באַשריבענע זייטן, האָב איך קיינעם ניט געוויזן. איך האָב געהאַט אַ וואונטש זיי פאַרצולייענען פאַר עטלען.

איך האָב געטראַכט! אַ וואונדער ווי זי וועט עס אויפנעמען? ווי וועט זי דערויף רעאַגירן? וועט זי עס אָננעמען ווי אַ ליבעס דערקלע־רונג פון מיין זייט? בין איך גרייט דערצו? בין איך שוין זיכער מיט מיינע געפילן צו איר? — אפשר וועט זי זיך גאָר פילן באַליידיקט?

איך האָב פונדעסטוועגן דעם מאַנוסקריפּט אַריינגעלייגט אין קעשענע פון מיין בעסערן קאָסטיום און געטראַכט, אַז כ׳וועל זי גיין זען, וועל איך אַזוי פאַרבייגייענדיק דערציילן דערפון. און אויב זי וועט שטאַרק וועלן וועל איך עס איר ווייזן אָדער אַליין פאַרלייענען.

איך האָב נישט געוואַרט אויף זונטיק. כ׳בין געקומען צו איר דינס־טיק באַלד נאָך וועטשערע. כ׳האָב געוואָלט זיין זיכער, אַז דאָרט וועלן נישט זיין קיין אַנדערע מענטשן.

עטל איז געווען זייער צופרידן, וואָס איך בין געקומען און מיט אַ שמייכל אָוועקגעלייגט דעם בוך וואָס זי האָט געלייענט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן איינפאַכע הויז־קליידל, מיט קורצע אַרבל. אירע בלאָנדע האָר זיינען געווען אַביסל צעוואָרפן און באַפרייט פון האָר־שפּילקעס. און דאָס פּנים אָן אַ סימן פון פּודרע.

זי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם און איר הויז־קליידל און איך האָב געטראַכט אַז זי קוקט אויס זייער חנ׳עוודיק.

רעדנדיק אַזוי פון איר שאַפּ און פון מיינעם, האָב איך דעם ווייטערדיקן געשפּרעך ביסלעכווייז צוגעפירט צו דער טעמע פון באַאָבאַכטן זאַכן, און ווי יעדער איינער קען קריגן אַן אַנדער באַגריף פון דער זעלבער זאַך אָדער פּאַסירונג.

— עס ווענדט זיך ווי איינער זעט, ווי איינער פאַרשטייט, האָב איך געזאָגט.

— און אויך, ווי איינער טראַכט — האָט זי צוגעגעבן.

— די זאַכן וואָס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק געדענקט מען. אָט למשל, ווי מיר האָבן זיך באַקענט אויף אַזאַ טשיקאַוון אופן. איר געדענקט? איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווייל כ׳האָב עס אָנגעשריבן.

— וואָס האָט איר אָנגעשריבן? האָט זי געפרעגט.

— איך האָב באַשריבן די גאַנצע געשיכטע ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אין ברעמען, און ווי האָט געוואָרפן געלט אין מיינע קעשענעס. און אַלצדינג, וואָס האָט שפּעטער פּאַסירט, ביז מיר האָבן זיך באַגעגנט דאָ אין פילאַדעלפיע.

— איך ווייס ניט ווי פאַר אַנדערע, אָבער פאַר מיר איז עס זייער אינטערעסאַנט, אַז ניט וואָלט איך עס ניט באַשריבן.

— וואָס האָט דאָס אייך געמאַכט צו טאָן? כ׳מיין, וואָס איז געווען די סיבה וואָס האָט אין אייך געשאַפן דעם געפיל אָנצושרייבן די פּאַסירונג?

— ווען איך וואָלט אייך זאָגן אַז איך ווייס ניט, וואָלט עס געווען אַן ענטפער וואָס איז זייער נאָענט צום אמת. ווייל מענטשן — נאָך מיין מיינונג, ווייסן קיינמאָל נישט די ריכטיקע אורזאַכע פאַר טאָן געוויסע זאַכן. אָבער בעסער נאַטירלעך איז, ווען מ׳גיט אַן באַשטימטע אורזאַכן, און וואָס האָבן באַווירקט אַזוי צו האַנדלען. אין דעם פאַל קען איך אָנגעבן צוויי סיבות:

די ערשטע איז, וואָס כ׳האָב מיט צוויי וואָכן צוריק פּלוצים זיך אָוועקגעזעצט און באַשריבן דעם שאַפּ אין וועלכן איך אַרבעט איצט. ער איז

אַזוי אַנדערש ווי דער שאַפּ אין וועלכן כ'האָב געאַרבעט אין ניו יאָרק, און עס איז אויך כמעט דער ערשטער שאַפּ אין פילאַדעלפיע אין וועלכן איך פיל זיך וויכטיק אַלס איינער פון אַ גרויסע גרופּע אַרבעטער. האָט מיך דאָרט אַלץ פאַראינטערעסירט און איך האָב מיינע איינדרוקן אַנגעוואָרפן אויף פּאַפּיר, און אַזוי ווי צוויי פון מיינע ברידער האָבן געגעבן אַ גוטע מיינונג, האָב איך געטראַכט אַז עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פּרואוון נאָך עפּעס.

— גאַנץ פיין, האָט עטל געזאָגט.

דערנאָך איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָס געפינען איך אין פילאַדעל־פיע ,האָט דערגאַנצט די געשיכטע פון אונדזער באַגעגעניש, און איך האָב עס גענומען ווי אַ טעמע.

— הייסט עס, אַז פון דער ערשטער סיבה, איז אַרויסגעוואַקסן די צווייטע, האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק.

— יאָ, און צום צווייטן מאָל געזינדיקט מיט דער פּען.

— איר האָט ביי זיך ביידע זאַכן?

— ניין, נאָר איינע.

— דאָס בילד פון שאַפּ?

— ניין, די צווייטע.

— ווי רופט איר אָן די צווייטע געשיכטע? ...

— עס איז אַ דערציילונג אָן אַ נאָמען, אויב איר ווילט וועל איך זי פאַר אייך פאַרלעזן.

— אַ, געוויס. ביטע זייער, האָט עטל אַ צופרידענע געענטפערט און צוגערוקט דאָס בענקל געענטער צו מיר.

נאָכ'ן איבערלייענען דאָס ערשטע זייטל, האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף עטל'ען, און באַלד געקראָגן דעם איינדרוק, אַז דאָס געפעלט איר. דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט, און איך האָב דאָס איבעריקע געלייענט מיט ווייניקער אָנשטרענגונג, און מיין קול איז געווען ריינער, די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען קלאָרער און פאַרשטענדלעכער.

און ווען איך האָב געענדיקט, האָט זי מיך גראַטולירט, און מיט באַ־גייסטערונג אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייזט אַרויס אַ סך פייאיקייטן צו מאָלן, און איבערגעבן זאַכן נאַטירלעך. איך האָב עס אין אייך דערזען ווען איר האָט אין ברעמען גע־שריבן בריוו פאַר די פרויען. איך געדענק דעם איינדרוק וואָס איך האָב געהאַט ווען איר האָט די בריוו פאַר זיי איבערגעלייענט. איך האָב שוין דאַן געטראַכט, אַז איר האָט אַביסל טאַלאַנט. און אויב איר'ט האָבן אַמ־

ביציע און דעם ווילן, קענט איר דעם טאַלאַנט אַנטוויקלען און פאַר־פיינערן.

— עס פאַרשטייט זיך, אַז איר וועט דאַרפן אַרבעטן איבער זיך, לערנען און לייענען אַ סך, פאַרטיפן זיך, אַריינטראַכטן זיך אין אַ זאַך — האָט זי צוגעגעבן.

און זי האָט געבראַכטביישפּילן פון באַרימטע רוסישע שרייבער, און געלייענט גאַנצע פּאַראַגראַפן אין רוסיש, דערנאָך פאַרטייטשט אין יידיש. זי האָט אַנאַליזירט און אַנגעוויזן אין וועלכן וואָרט, אין וועל־כער שורה, עס ליגט די גאַנצע שיינקייט פונעם בילד, דער תמצית פון דער זאַך. און נאָך פאַרגלייכונגען האָט זי געמאַכט. דאָס האָט מיר דער־מאָנט אָן אַ געוויסן שרייבער וועלכן כ'האָב עטלעכע מאָל געהערט רעדן איבער ליטעראַטור. דערנאָך האָט זי גענומען קריטיקירן מיין דערציי־לונג און אָנגעוויזן איבעריקע ווערטער, בלאָסע גאָר נישט זאָגנ־דיקע שורות. און אויך וועגן בעסערע בילדער, בילדער וואָס מענטשן מוזן דערזען, ווייל זיי זיינען לעבעדיק, וועגן די אויסדרוקן וואָס מענטשן וועלן גלויבן, ווייל זיי זיינען נאַטירלעך, ווייל אַזוי און ניט אַנדערש, האָבן מענטשן געדאַרפט רעדן.

— און וואָס מיר געפעלט אַמבעסטן, איז וואָס די צוגעטראַכטע סצע־נעס פּאַסן זיך אַזוי גוט אין דער אמת'ער געשיכטע. כאָטש איך קען אָנווייזן חסרונות — אָבער חסרונות זיינען דאָ אַפילו ביי פּראָפעסיאָנעלע שרייבער. אָבער אין אַלגעמיין האָט איר אָנגעשריבן אַ פיין בילד וואָס איר קענט פאַרלייענען פאַר אַן עולם און מ'וועט אייך אַפּלאַדירן.

— איר מיינט אַזוי ?

— יאָ, נישט איך מיין אַזוי ! נאָר איך בין אין דעם זיכער. עס איז אַזאַ מאַטעריאַל וואָס אַפּעלירט צו מענטשן.

איך האָב געשוויגן.

— איך האָב אַ פּלאַן, האָט זיך עטל אָפּגערופן. יעדן שבת אָונט האָבן מיר דאָ אַ וועטשערינקע. עס איז אַ קלוב פון מיינע לאַנדסלייט. מישאַ באַלאַנגט אויך צו אונדז. זיי זיינען אַלע היימישע בונדיסטן. איר קענט זיך אויך אָנשליסן. דערווייל זיינען מיר נישט מער ווי פערצן מיטגלידער. אַ פיינע אינטעליגענטע חברה. ווען זיי קומען זיך צוזאַמען ברענגען זיי מיט זיך מיט פרייד און געזאַנג. אייניקע זינגען זייער שיין. אויסער דאָס זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, האָבן מיר אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס איבער אַלערליי פראַגן. און אויך איבער ליטעראַטור. מיין פּלאַן איז אַז איר זאָלט קומען און איר וועט פאַרלייענעןביידע זאַכן איי־

ערע, זיי וועלן אייך ריכטיק אָפּשאַצן, און איר וועט זיך פילן גאַנץ היי־מיש, סיי מיט די בחורים און סיי מיט די מיידלעך.

דער פּלאַן איז מיר אין אָנהייב נישט געפעלן. כ'האָב געטראַכט אַז די חברה איז נישט פאַר מיר. היימישע אינטעליגענטן, בונדיסטן, — וואָס פאַר אַ געמיינטשאַפטלעכעס קען איך האָבן מיט זיי?

יענע האָבן אַוודאי העלדישע מעשות צו דערציילן. מעשות פון סטרייקס, פון טורמעס און קאַמפן מיט פּאָליציי און קאָזאַקן, פון סאָבראַ־ניעס אין די וועלדער וואו מ'האָט געלייענט און אויסגעטיילט פאַרבאָטע־נע ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס.

און וואָס קען איך זיי דערציילן? וואָס פאַר אַן אינטערעס קען אַט די קיעווער יוגנט האָבן אין מיר?

אַט דער שפּל'דיקער געפיל האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט נאָך אַ געפיל וואָס איך האָב געהאַט, בעת איך האָב באַוואונדערט איר שיין רעדן און אירע קענטעניש. כאָטש איך האָב אַביסל הנאה געהאַט וואָס איר גע־פעלט מיין אָנגעשריבענע מעשה, און ווי דעם ערשטן קאָמפּלימענט וואָס כ'האָב ווען עס איז געקראָגן, בין איך אויך געבליבן זיצן אַן אַנטוישטער, אַן אומצופרידענער, פאַר וואָס זי באַטראַכט די זאַך אַזוי פרעמד, אַזוי פאַכמעסיק, אַזוי אָביעקטיוו, אַן אַ ברעקל פּערזענלעכן אינטערעס...

וואו זיינען אַהינגעקומען אירע איינפאַכע מיידלשע רייד, וואָס זי האָט גערעדט צו מיר אין ברעמען, און אויף דער שיף, וואָס האָבן געהאַט אויף מיר אַזאַ ווירקונג? זי האָט דאַמאָלט מיט איר רעדן מיט אירע האַנדלונגען, אַרויסגעשלעפּט דעם דערשלאָגענעם שעמעוודיקן בחור פון מרה שחורה, און אין אים אַריינגעבלאָזן לעבן און האָפנונג. קען זי ניט פאַרשטיין — אַז איך בין ניט געקומען צו איר כדי זיך אויסצופּיינען מיט מיין שרייבן?

זי האָט ניט באַדאַרפט באַטראַכטן די זאַך אַזוי ערנסט, ווייל כ'האָב מיך נישט געהאַלטן פאַר קיין שרייבער, און ניט איך בין געקומען צו הערן אירע מבינות...

מיר האָבן אַ היבשע ווײַלע געשוויגן און זיך אָנגעקוקט. איר שווייגן איז געווען אַ סטראַטעגישער און אויסגערעכנטער, ווי צו געווינען צייט, ווי זיך מיישב צו זיין. איך האָב געהאַט ס'געפיל אַז זי פאַרשטייט מיך און ווייסט כמעט וואָס איך טראַכט און עס קומט פאַר אין מיין מוח. מיט אַמאָל האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וועט איר קומען שבת צונאַכטס?

— כ'ווייס נישט, כ'וועל זען.

— פאַר וואָס נישט? איר האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט אייער אַרבעט. און איך וועל אייך זאָגן אַז איך האָב שוין אויך אַ פאַר מאָל גע־

פּראָוווט, ווי איר זאָגט — זינדיקן מיט דער פּען. און איך ווייס נישט צו האָב איך אַרויסגעבראַכט זאַכן אַזוי קלאָר ווי איר האָט עס געטאָן. און אויב כ׳וועל אַ מאָל קריגן דעם נויטיקן חשק, וועל איך פּרוואָוון שרייבן די זעלבע געשיכטע, ווי איך האָב זי געזען. און אויב כ׳וואָלט זיך האַלטן געטריי צום געשעענעם, וועל איך אַזאַ סצענע אויף דער שיף אין וועלכע ביידע דערקלערן זיך אין ליבע ניט האָבן, ווייל זי איז ניט פאַרגעקומען. ביי מיר וואָלט דאָס מיידל, וואָס איז געווען פול מיט סימפּאַטיע און וואַרעמקייט צו דעם קליינשטעטלדיקן בחור, געבליבן אַן אַנטוישטע. ווייל נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגערעדט איידער זיי האָבן זיך צושיידט אויף דער שיף, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף ער זי קומען זען, האָט ער פאַרלאָרן איר אַדרעס. און זי האָט זיין אַדרעס נישט געהאַט און עס איז אַוועק טעג, וואָכן און חדשים, און זי האָט אַלץ פון אים ניט געהערט... ביי מיר וואָלט דאָס מיידל, אַן אַנטוישטע, און מיט אַביסל בענקשאַפט, מיט דער צייט געמוזט פאַר־געסן אַן דער גאַנצער געשיכטע. ווייל מיט איר איז דאָך ניט פאַרגעקומען דער מאָדנער צופאַל, כ׳מיין דאָס אַנטרעפן מישאַ׳ן אין באַלטימאָר, וועל־כער האָט געראָדע געהאַט אַזאַ בילד אין קעשענע, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן עטל׳ען און צום סוף האָט דער בחור זי געפונען. ביי מיר אין דער דערציילונג, וואָלטן זיך אָט די צוויי יונגע מענטשן אויף אייביק פאַרלאָרן. וואָס דאָס איז זייער מעגלעך אין אַזאַ ריזיקער שטאָט וואו מענטשן פון דער היים, באַקאַנטע, זאָלן דאָ אָפּלעבן אַ סך יאָרן און זיך קיינמאָל ניט באַגעגענען. עס טרעפט אויך אַז מען צעפאָרט זיך אין אַנדערע שטעט און מ׳זעט זיך ניט מער.

—און דאָס וואָלט געווען דער סוף פון דער געשיכטע? האָב איך געפרעגט אַ שטאַרק פאַראינטערעסירטער.

— יאָ, דאָס קען זיין די ענדע. האָט עטל ווי ציילנדיק די ווערטער געענטפערט. און איר טרעפן זיך מיט׳ן בחור אין דייטשלאַנד וואָלט פאַר־בליבן איינע פון די טויזנטער צופעליקע באַגעגענישן וואָס קומען פאָר צווישן דעם אימיגראַנטן שטראָם.

— און מער גאָרנישט?

— וואָס? איר ווילט נאָך? האָט זי געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— יאָ. איך וויל וויסן וואָס האָט ווייטער פאַסירט מיט איר.

— אויב איך וואָלט געשריבן נאָך. און אַזוי ווי כ׳האָב ניט קיין שריי־בערשע פאַנטאַזיע, וואָלט איך דערציילט, אַז מיט דער צייט האָט זיך אין איר פאַראינטערעסירט אַ יונגערמאַן, דער בוכהאַלטער אין דער פאַבריק, אין וועלכע זי האָט געאַרבעט און דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק...

— פאַר וואָס איז נישט וויכטיק? האָב איך געפרעגט.

— וואָס צום ביישפּיל נאָך דאַרף מען צוגעבן?

— כ'ווייס? — איך גלויב אַז ס'איז וויכטיק צו דערציילן, אַז זי האָט זיך אין אים איינגעליבט, אָדער פּשוט צוגעשטימט, ווייל זי האָט ווי פילע מיידלעך, אין זיין פאָרשלאָג געזען אַ תכלית.

— ניין. זי האָט ניט אָנגענומען זיין פאָרשלאָג צוליב תכלית, אָדער ווייל עס איז פאַר איר געווען אַ גליקלעכער שידוך. אַלס אַ מאָדערנע מיידל, האָט זי זיך מסתמא צוגעהערט צו אירע אייגענע געפילן, און ווען כ'האָב געזאָגט אַז דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק, האָב איך אין זין געהאַט אַז איר פאַרשטייט אַליין דאָס ווייטערדיקע. אויסער דעם, האָב איך דאָך ניט געשריבן קיין ראָמאַן וואָס דאַרף זיך פאַרענדיקן מיט אַלע איינצעל־הייטן.

— און דאָס, וואָס איר וואָלט יאָ געשריבן, וואָלט געווען דער גאַנצער אמת?

— יאָ.

— ווייסט מישאַ, אַז דער יונגערמאַן איז אין אייך פאַראינטערעסירט?

— ניין. קיינער ווייסט נאָך נישט.

— דער יונגער מאַן באַלאַנגט אויך צום קלוב?

— זיכער.

איך בין געבליבן זיצן שטיל. כ'האָב מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, אָדער פרעגן. אירע רייד, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט געגן דעם דרך הטבע. דער נאַקעטער אמת האָט מיר פאַרשאַפט שמערצן, וואָס כ'האָב מיט אַלע כוחות באַהערשט. כ'האָב ניט געוואָלט אַז זי זאָל אין מיר עפּעס דערקענען, האָב איך מיט אַ רואיק קול גענומען ענדערן דעם שמועס, און שאַפן אַן אַנדער שטימונג.

איך האָב עטל'ען געפרעגט צו קריגט זי גענוג בריוו פון דער היים, און אויב זי מיינט, אַז נאָך עמיצער פון איר משפחה וועט אין גיכן קומען קיין אַמעריקע.

מיר האָבן גערעדט פון מישאַ'ן און זיין בענקשאַפט נאָך זיין פרוי, און וועגן נאָך אַנדערע זאַכן וואָס זיינען געווען פרעמד און שרעקלעך לאַנגווייליק. אַ געפיל פון פרעמדקייט האָב איך אויך געשפּירט צו עט־לען, אין דעם קליינעם צימער אירן, איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אַ שטח. און זי איז מיר פאַרגעקומען זייער ווייט. מיט יעדער רגע ווייטער און ווייטער — ווי זי וואָלט אַוועק און מיך געלאָזן אַליין... כ'האָב געפילט, אַז איך בין גלייכגילטיק צו איר ווי איך וואָלט זי קיינמאָל ניט געטראָפן.

כ'האָב זיך פּשוט געצוואונגען צו בלייבן זיצן און אויסהערן זאַכן. און ווען זי האָט מיר נאָך אַמאָל געבעטן צו קומען שבת אָוונט, כדי זיך צו

באַקענען מיט אירע פריינט, האָב איך נישט געקענט באַשטימט זאָגן יאָ, אָדער ניין. כ׳האָב נאָך אַליין ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען.

האָבן מיר זיך געזעגנט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און זי איז געבליבן מיט׳ן איינדרוק אַז איך וועל קומען און מיטברענגען די צווייטע זאַך פאַר־צולייענען.

ווען איך בין אַהיים געקומען, האָב איך אויפ׳ן ערשטן זייטל פון דעם מאַנוסקריפּט אָנגעשריבן דעם נאָמען פון דער דערציילונג: „ניט מער ווי אַ שיינער חלום״.

ע נ ד ע